STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02885

GESHTALTN FAR MAYNE OYGN

Moses Schulstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שולשטיין

געשטאַלטן פאַר מיינע אויגן

[illegible]

משה שולשטיין / געשטאַלטן פֿאַר מײַנע אויגן

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון אַ קאָמיטעט
פֿון פֿרײַנט און פֿון דער בוך־קאָמיסיע
בײַם פֿאַראייניקטן סאָציאַלן פֿאָנד אין פּאַריז.

Ouvrage publié avec l'aide de la *Memorial Foundation for Jewish Culture* et de la *Commission du Livre.*

M. SZULSZTEIN

Guechtaltn far maïne oïgun

(Visages devant mes yeux)

© Copyright by M. SZULSZTEIN

Printed in France

Imprimerie Abexpress, 72, rue du Château-d'Eau - Paris-10e

משה שולשטיין

געשטאַלטן פֿאַר מײַנע אויגן

ע ס ײ ע ן
פּ אָ ר ט ר ע ט ן
ד ע ר מ אָ נ ו נ ג ע ן

1971 פּ אַ ר י ז תשל"א

פון די אַלע שרייבער־געשטאַלטן, וואָס קומען אַריין אין מיין בוך, איז שוין קיינער נישט ביים לעבן. דער טיטל פון בוך אַליין, אגב, זאָגט עס שוין אויס אויף אַן אומדירעקטן אופן.

אַ טייל פון זיי האָב איך קיינמאָל נישט געזען און דאָך האָב איך זיי געזען — פון מיין פריער יוגנט אָן, אין מיינע יינגלשע פאָרשטעלונגען און חלומות; זייערע סילועטן האָבן זיך פאַר מיר צונויפגעשטעלט און פאָרמירט פון די אותיות פון זייערע ביכער.

די אַנדערע איז מיר אויסגעקומען צו זען אין דער רעאַליטעט, אין פאַרשידענע תקופות, ווען נענטער, ווען ווייטער, ווען אָפטער און ווען זעלטענער.

אַ העלפט פון די שרייבער, וואָס איך דערמאָן אין מיין בוך, זענען פאַרשניטן געוואָרן טראַגיש, אָדער ריכטיקער געזאָגט: אכזריותדיק, ס'הייסט, נישט צופעליק, נאָר דורך פאַרויסיקער באַשטימטקייט און ווילן.

די צאָל פון די פאַרגאַנגענע געשטאַלטן בכלל גענומען איז,ליידער, אַ גרויסע, און נישט אַלע וואָס שטייען אָפט פאַר מיינע אויגן וואָלטן געקאָנט אַריינגיין אין מיין בוך. און איך הער ווי אַ שטים אין מיר וואָלט מיך געפרעגט: פאַרוואָס די און די — יאָ און יענע נישט?

אין דער אמתן האָב איך קיינעם נישט אָפגעשטויסן, אָדער מבטל געמאַכט. דער קליינער קרייז פון נעמען, וואָס קומען זיך צונויף אין מיין בוך, ווי אויף אַן אסיפה פון שאָטנס, האָבן יעדער באַזונדער אין פאַרשידענע צייטן — און יאָרצייטן — איבערגעלאָזט אין מיר אַן אומרו און דורך זייער בכורהשאַפט און זכות אָבות געמאָנט זיך ביי מיר געדענקשאַפט און גערופן צו מיר: מעמענטאָ.

מיט „געשטאַלטן פאַר מיינע אויגן" האָב איך געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז איך האָב זיי, דער עיקר, געזען, אויף ווי ווייט איך האָב געהאַט וואָס צו זען אין זיי און אַרום זיי. מיין כוונה איז געווען, אַז אויך דער לייענער זאָל זיי זען, דאָס הייסט, אַז די דאָזיקע געשטאַלטן זאָלן אויך שטיין פאַר זיינע אויגן.

איך וויל ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן אַ יישר כוח די אַלע וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צום דערשיינען פון מיין בוך.

אַ גאָר באַזונדערן דאַנק דעם אוהב יידיש יוסף שעכטער, וועלכער האָט אין זיין דרוקעריי, ביים לינאָטיפּ, צוזאַמען מיטן בליי אין מיינע שורות — אַריינגעגעבן אויך זיין ליבשאַפט צום יידישן וואָרט, נאָכגעקומען מיט אָן אַ שיער געדולד אַלע פאַרלאַנגען און צומאָל קאַפּריזן פון מחבר, בכדי דאָס בוך זאָל אַרויס וואָס בעסער און שענער, און דאָס נאָר דערפאַר ווייל די מי פון דרוקן אַ יידיש בוך באַטראַכט ער פאַר אַ מלאכת הקודש.

מ. ש.

י. מ. ווייסענבערג —

מיין ערשטער ליטעראַרישער רבי

ווען איך בין געווען אַ יינגל פון קוים פופצן יאָר האָט עמעצער, אַ שכן פון מיין וואַרשעווער הויף, אַ חסידישער יונגערמאַן, אַן איינבינדער־אַר־בעטער, צוגעשיקט צו י. מ. ווייסענבערגן מיינע ערשטע, נאָך נישט־צייטיקע לידער.

דער בחור איז געווען באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ יידיש בוך אַזוי גוט ווי אין אַ ספר. אין די שבת־נאָכמיטאָגס האָט מען אים געקאָנט זען זיצן ביים פענצטער פון זיין פאַרטער־דירה און „שלינגען" ביכער. אויך אין די וואָכן-טעג האָט ער גע־האָט צו טאָן מיט ביכער, אָבער נישט ביים לייענען, נאָר ביים איינבינדן זיי, וואָס דאָס איז געווען זיין מלאכה. און איך בין אים אַזוי מקנא געווען פאַר זיין געפינען זיך שטענדיק צווישן ביכער. איך האָב געהאַט דעם איינ־דרוק, אַז קלעפנדיק זיי, האָט זיך צוגעקלעפט צו אים עפּעס פון זייער וועלט פון רוחניות.

אין די פאַרנאַכטן פלעגט דער בחור זיך דורכשלייכן דורכן טונקעלן טויער פונעם גרויסן הויף ווי אַ שאָטן, ווי דער משולח פון „דיבוק" מיטן זעקל און שטעקן, וואָס איך האָב געהאַט געזען אין טעאַטער. איך פלעג דעם בחור אָפּוואַרטן דאָרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש בכדי אויסצוטוישן מיט אים אַ פּאָר ווערטער. ער איז עלטער געווען פון מיר מיט עטלעכע יאָר, אַ הויך־וווקסיקער מיט אַ יידיש היטעלע און אַ שוואַרצער קאַפּאָטע. דאָס האָט געשאַפן אַ געוויסע דיסטאַנץ צווישן מיר און אים. איך האָב געהאַט פאַר אים דרך־ארץ, און דער עיקר צוליב די ביכער, וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי גייען אים נאָך, אַרויסבאַגלייטנדיק אים פון דער איינבינ־דעריי, פרישע, נאָך וואַרעמע, ווי ברויטן ערשט פון אויוון אַרויס.

מער נאָך האָט דער בחור זיך איינגעקויפט ביי מיר אין יחוס דורך דעם וואָס ער האָט מיר איין מאָל געזאָגט אַז ער קען ווייסענבערגן; ער

פלעגט אים זען אַריינקומען אין דער איינבינדעריי, ווו ער האָט געגעבן צו בינדן די ביכער פון זיין פאַרלאַג און צו בראָשירן זיין זשורנאַל „אינזער האָפעונינג״ .

ביי דעם בחור האָט דאָס געהייסן, אַז ער „קען״ ווייסענבערגן. איך האָב געטראַכט, אַז ער טרייבט אַ ביסל איבער וועגן זיך, ער האָט ליב זיך פאַר מיר אַ ביסל צו באַרימען, צו „סטאַוויען״ זיך. איך האָב זיך אָבער גע־מאַכט נישט וויסן, נישט אַרויסגעוויזן אים, אַז איך בין מסופק אין דעם. ער האָט זיך איין מאָל שעמעוודיק פאַר מיר פאַרטרויט, אַז ער „שרייבט״ אויך. ער האָט מיר געוויזן אין יידישע זשורנאַלן פאַרעפנטלעכטע לידער פון דיכטער, וואָס ער האָט מיר געזאָגט וועגן זיי, אַז דאָס זענען זיינע פסעוודאָנימען. בשעת־מעשה האָב איך געגלייבט אין דעם, אָבער שפּע־טער, ווען איך האָב איינגעזען אַז דאָס איז נישט אמת, אַז דער בחור האָט זיך בלויז געוואָלט פאַר מיר באַרימען, האָט ער אַ סך פאַרלוירן אין מיינע אויגן. אָבער איך האָב אים דאָס נישט געוואָלט פאַרהאַלטן, ווייל איך האָב אים נישט געוואָלט פאַרשעמען. אַחוץ דעם האָב איך דאָך גע־פילט אַ דאַנקבאַרקייט צו אים. דאָס האָט ער זיך דאָך אַליין אָנגעבאָטן צו ווייזן מיינע לידער ווייסענבערגן. די ערשטע פּערזן, וואָס איך האָב בסוד־סודות אָנגעשריבן אין משך פון טאָג, האָב איך דאָך אים דעם ערשטן דערלאַנגט אויף מבינות. ס׳איז געווען מערסטנס אין די אָוונטן. ער האָט מיינע פּאַפּירלעך צוגעלייגט נאָענט צו זיינע קורצזיכטיקע אויגן מיט די דיקע ברילן־גלעזער און ביי דער שיין פון אַ גאַסן־לאַמטער זיי געלייענט און איך האָב דערביי געלייענט פון זיין פּנים, פּרובירט טרעפן וואָס פאַר אַן איינדרוק מיינע לידער מאַכן אויף אים און כ׳האָב געוואַרט מיט אומ־געדולד אויף זיין פּסק־דין. ער האָט מיך דערמוטיקט, הגם ער האָט אויך „געשריבן״ און נאָך דערצו מיט פסעוודאָנימען, וואָס איך האָב דאָס גע־האַלטן פאַר וויכטיק. דער בחור האָט נישט געפילט צו מיר קיין קנאה. ער איז נישט געווען ענלעך צו די ייִנגלעך אויפן הויף, מיינע קאַ־לעגעס, וואָס כ׳האָב זיי אין אַנהייב אויך געוויזן מיינע לידער און זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן וואָס איך וועל עפּעס אַנדערש ווי זיי. און דאָס איינציקע גוטע וואָרט, וואָס זיי האָבן געהאַט מיר צו זאָגן וועגן מיין שרייבן איז געווען דאָס, אַז איך האָב אַ שיינע האַנטשריפט, וואָס דאָס האָט מיך געקרענקט. פּונקט ווי בשעת זיי האָבן הנאה געהאַט צוצוטראָגן דער לערערין אין שול ווען זיי האָבן געזען, אַז איך ווייז איר עפּעס, אַז דאָס האָב איך נישט אָנגעשריבן, נאָר מיין עלטערע שוועסטער. אין דעם, און אין דער מעשה מיט דער „שיינער האַנטשריפט״, האָב איך געזען אַ מיאוסע כוונה פון זיי און איך האָב זיך אויפגעהערט מיט זיי צו חברן.

זיי זענען געווען פול מיט קנאה צו מיר צוליב דעם וואָס אַן עלטע־רער בחור און אַזאַ ערנסטער און שטילער גיט זיך אָפּ מיט מיר. זיי זענען געווען אין כעס אויף מיר וואָס איך לויף נאָך דעם חסיד, דעם „צלאָפּ" און איך דערווייטער זיך פון זיי. איך האָב פאַר זיי מורא געהאַט זיי זאָלן מיר נישט דערלאַנגען אַ „קיק". זיי זענען געווען שטאַרקער פון מיר. אין אַ געשלעג צי אין וואַלקעס האָב איך נישט געקאָנט, און אויך נישט געוואָלט מיט זיי זיך פאַרמעסטן. אָבער איך האָב פון איצטער אָן געהאַט אויף זיי אַ בייטש — מיין פּאָעזיע, מיינע לידער, וואָס איך האָב געקאָנט שרייבן און זיי נישט...

דערווייטערנדיק זיך פון זיי, האָב איך זיך נאָך מער צוגעטוליעט צום חסידישן בחור, אין וועמען איך האָב געפילט אַ באַשיצער און דיכטערישן מליץ־יושר מיינעם. ער איז אויך געווען פאַר מיר דער בעלפער, וואָס האָט מיך געדאַרפט פירן צו מיין ערשטן ליטעראַרישן רבין, אין מיין ערשטן ליטעראַרישן חדר אַריין. ער האָט דאָס אַליין גענומען אויף זיך. ער האָט מיר איין מאָל געזאָגט, אַז קענענדיק ווייסענבערגן וויל ער צושיקן צו אים עטלעכע לידער מיינע. נאַטירלעך בין איך געווען זייער צופרידן פון דעם.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיר דער בחור געוויזן אַ בריוול פון ווייסענבערגן, אין וועלכן ער שרייבט אים, אַז „דאָס יינגל ווייזט אַרויס סימנים פון טאַלאַנט. זאָל ער דערווייל אַ יאָר צייט נישט שרייבן. זאָל ער לייענען גוטע ביכער און אין אַ יאָר אַרום צושיקן זיינע לידער".

איך בין געווען אין זיבעטן הימל פון ווייסענבערגס ענטפער, כאָטש נישט געווען אַזוי צופרידן פון דעם וואָס ער הייסט מיך אַרומגיין אַ גאַנץ יאָר פוסט־און־פּאַס, נישט איינטינקען די פען. פונדעסטוועגן האָב איך זיינע עצות אָנגענומען ווי פון אַ „גוטן ייד", אָדער ווי פון אַ דאָקטער, וואָס פון זיי איז אָפּהענגיק דאָס געזונט אָדער דאָס לעבן פונעם חולה. אויב אָבער די ערשטע עצה — צו לייענען גוטע ביכער — האָב איך זיך באַמיט צו דערפילן אינגאַנצן, קאָן איך דאָס נישט זאָגן אַז דאָס איז אַזוי געווען בנוגע דער צווייטער עצה — גאָרנישט צו שרייבן אַזש אַ גאַנץ יאָר. ווי אַ רויכערער, וואָס טראָץ דעם וואָס דער דאָקטער האָט אים פאַר־באָטן צו רויכערן, כאַפּט ער זיך פונדעסטוועגן צו געהיימערהייט צו אַ ציגאַרעט, כאָטש צו אַ „ציי", אַזוי האָב איך אויך עובר געווען אויף ווייסענבערגס עצה און פון צייט צו צייט צוגעכאַפּט זיך צו דער פען. איך בין דאָך געווען זיכער, אַז ווייסענבערג וועט פון דעם נישט וויסן.

צו י. מ. ווייסענבערגן האָבן זיך צו יענער צייט געווענדט נאָך סמיכות יונגעלייט, אָנפאַנגער פון גאַנץ פּוילן. ער איז נישט געווען שטרענג צו

זיי. ער האָט צוגעצויגן צו זיך. אַ גאַנצער קרייז, אויב נישט אַ מחנה, האָט זיך געזאַמלט אַרום אים. דאָס האָט אים פאַרשאַפט נחת און סאַטיספאַקציע. ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַנטדעקן טאַלאַנטן און ער האָט טאַקע אַנט־דעקט אויך. יעדע ליטעראַרישע דערגרייכונג פון זיינעם אַ תלמיד האָט ער באַטראַכט ווי זיינעם אַן אויפטו. די טרוימערישע און נאָך אַנערקע־נונג לעכצנדיקע יונגעלייט האָבן זיך אין אים געניוטיקט, אָבער אויך ער האָט זיך אין זיי געניוטיקט. ער האָט זיך געפילט גוט אין דער ראָלע פון אַ רבין. דאָס האָט אים אַרויסגעפירט פון דער איזאָלירטקייט, אין וועלכער ער האָט זיך דעמאָלט געפונען. ער האָט געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק אַז עס איז פאַראַן אַרום אים אַ באַוועגונג, אַ כוח, וואָס איז גרייט צו גיין פאַר אים אין פייער און וואַסער, צו קעמפן מיט אים קעגן דעם נייעם שטראָם, דעם אַנשיקעניש פון מאָדערניזם אין דער יידישער ליטעראַטור און קעגן די „ליטוואַקעס". איינע פון די מיטלען אין דאָזיקן קאַמף איז געווען ווייסענבערגס איינגעפירטער פויליש־יידישער פּאַנעטישער אויסלייג, וואָס איז געווען זיינער אַן אייגענער אויסלייג. דאָס איז קודם־כל געקומען צום אויסדרוק אין זיין זשורנאַל „אינזער האָפענינג". ווייסענבערג האָט דאָ געהאַט אַ גרויסן שאַנס, ווייל שוין אינעם טיטל פונעם זשורנאַל האָט ער געקאָנט מאַניפעסטירן אַזוי אַנזעעוודיק זיין אויסלייג, האָבנדיק צו באַזיי־טיקן אין די צוויי ווערטער אַזש צוויי וואָוון („אינזער האָפענינג" אַנ־שטאָט „אונזער האָפענונג").

מיר איז נישט אַזוי שטאַרק אַנגעגאַנגען ווייסענבערגס קאַמף מיטן אַלגעמיין־אַנגענומענעם אויסלייג. דער עיקר איז ביי מיר געווען דאָס וואָס ער האָט באַוויליקט צו זיין מיין רבי און איך האָב זיך בעתן שרייבן באַמיט, און נישט מיט אַ שווער האַרץ, אַוועקצוהרגענען די וואָוון (עס זאָל אַרויסקומען „גיט" אַנשטאָט „גוט" און „בליט" אַנשטאָט „בלוט" און אַזוי ווייטער), להיפוך ווי איך האָב געלערנט אין דער יידישער פאָלקס־שול.

גענוי צום יאָר האָב איך צו ווייסענבערגן צוגעשיקט עטלעכע לידער. איך האָב שוין אָפּגעוואָרט די דאָטע מיט אַ סך אומגעדולד. איך האָב פונ־דעסטוועגן די לידער נישט געוואָלט צושיקן מיט אַ צוויי טעג פריער, נאָר זיין פּינקטלעך און ערלעך. די לידער זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין דעם נאָענטסטן נומער פון ווייסענבערגס זשורנאַל. איך האָב אים געזען הענגען אויף די ציימונגס־קיאָסקן פון די יידישע גאַסן אין וואַרשע און יעדער קיאָסק איז געווען מיינער אַ יום־טובדיקער היכל. איך האָב געזען צום ערשטן מאָל געדרוקט מיין נאָמען. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק ווי איך וואָלט צום ערשטן מאָל דערזען מיין פּנים אין אַ שפּיגל.

קורץ נאָך דעם האָב איך באַקומען פון ווייסענבערגן אַ קאַרטל, אין

וועלכן ער האָט מיך פאַרבעטן צו קומען אין רעדאַקציע. דערביי האָט ער מיך טיטולירט: „חשובער הער", פאַר וועלכן איך האָב זיך אַ ביסעלע געשעמט און גלייכצייטיק איבערגעלעבט אַ פאַרבאַהאַלטן געפיל פון שטאָלצקייט. מיין טאַטע איז לכתחילה געווען זיכער, אַז דאָס קאַרטל איז אַדרעסירט צו אים, ווייל ס'איז אים נישט איינגעפאַלן אַז דאָס יינגל זיינס איז דאָס דער „חשובער הער" און נישט ער. ניין, דאָס האָט מען טאַקע מיך אַזוי באַטיטלט און נאָך ווער? י. מ. וויסענבערג!

געגנוי צו דער באַשטימטער שעה האָב איך זיך אָוועקגעלאָזט צו דער רעדאַקציע פון „אינזער האָפענינג" אויף דער דזשעלנע גאַס, ווו ס'איז אויך געווען דער סקלאַד פון ביכער פון וויסענבערגס פאַרלאַג. איך האָב זיך מיט אַ סך אומגעדולד געגרייט צו דער ראַנדעוווּ. איך האָב פריער אָפּ־געפּוצט די שיך און זיך צוגעגלעט די האָר, אַזש איך האָב געגלאַנצט פון קאָפּ ביז פיס. די מאַמע האָט זיך איבערגעוווּנקען מיטן טאַטן, זייענדיק זיכער, אַז איר יינגל גייט שוין אויף אַ ראַנדקע מיט אַ מיידל און זי האָט מיר צוגעוואָרפן רמזימדיק: „מיינסט, אַז איך ווייס נישט פאַרוואָס דו האָסט זיך אַזוי אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ מיט באַבעלע־יויך?"

עס איז געווען אַ זומערדיקער פאַרנאַכט. יידן אויף דער דזשיקע גאַס, וואָס האָט געפירט צו דער דזשעלנע, זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר־האַוועטע, אַריינגעטאָן אין זייערע ענינים. יינגלעך, וואָס האָבן געהאַנדלט אויף די ראָגן מיט בייגל אָדער פּאַנטשקעס, האָבן אויסגערופן זייער סחורה. די טראַמווייען האָבן געגרילצט מיט אַ שאַרפן קלונג. אָבער ווער און וואָס האָט דען איצטער געקאָנט איבערהילכן מיין יינגלש האַרץ, וואָס האָט גע־שלאָגן פון עקסטאַז און באַגייסטערונג. איך האָב זיך געלאָזט מיט די טרעפּ אַרויף צו וויסענבערגן.

אין קאָרידאָר איז מיר אַקעגנגעקומען אַ מיטלוווּקסיקער מענטש מיט אַ גרויס פּנים פון אַ האַרעפּאַשניק, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַן אָנגעשטעל־טער פון פאַרלאַג, אַ פּאַקער פון די ביכער. דאָס איז געווען וויסענבערג אַליין. ער האָט מיך אויפגענומען אַן אַ שמייכל און אָן אַ מינדסטן סימן פון העפלעכקייט און צוגעלאָזנקייט. שוין אָפּגערעדט אַז איך האָב נישט געזען אויף אים קיין שפּור פון פייערלעכקייט, אויף וואָס איך האָב זיך גערעכנט, גייענדיק צו אים מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויף די טרעפּ, וואָס יעדע פון זיי איז געווען פאַר מיר אַ שטאַפּל אַלץ נענטער צו מיין העכסטן גליק.

איך בין געבליבן שטיין אין קאָרידאָר און בין וויטער נישט גע־גאַנגען, ווייל וויסענבערג האָט מיך נישט אַריינגעבעטן אין אַ צימער. נאָך דעם ווי איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען האָט ער, דער עיקר,

געוואָלט וויסן וואָס עס איז מיין „טיען" און וואָס עס „טיען" מיינע על־טערן. ער האָט אַרויסגעוויזן צו מיר גלייכגילטיקייט, גאָרנישט ווי צו אַ מענטש וואָס מען פאַרבעט און וואָס מען רופט אים נאָך דערצו „חשובער הער". צו וואָס־זשע אייגנטלעך האָט ער מיך פאַרבעטן? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט מיט חידוש. מיר זענען ביידע, זעט אויס, געווען אַנטוישט. איך אין אים און ער אין מיר. מילא, איך אין אים האָב געהאַט אַ גרונט, אָבער ער אין מיר? וואָס האָט ער דען געהאַט פון מיר צו דערוואַרטן? אַלץ וואָס איך האָב פאַרגעשטעלט מיט זיך זענען דאָך געווען די פּאָר לידער מיינע, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט און וועגן וועלכע ער האָט שוין פון פריער געהאַט זיין מיינונג.

ווייסענבערג האָט מיך נישט לאַנג אויפגעהאַלטן אין קאָרידאָר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווען ער וועט מיך נאָך דאַרפן וועט ער מיר צושרייבן און מיין קורצער באַזוך ביי אים איז געווען געענדיקט.

איך האָב שפּעטער געטראַכט, אַז די סיבה פון ווייסענבערגס אַנטוי־שונג אין מיר איז זיכער געווען דאָס, וואָס ער האָט געזען פאַר זיך אַ יינגל. משמעות, האָט ער שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז דאָס בין איך, דאָס פּופּצן־יאָריקע יינגל, וואָס ער האָט געהייסן לייענען גוטע ביכער, ווי אַ דאָקטער רעקאָמענדירט עמעצן גוטע פלעגע, און ער זאָל אין אַ יאָר אַרום אים צושיקן זיינע שאַפונגען. זעט אויס, אַז ער האָט זיך גערעכט צו זען פאַר זיך אַ דערוואַקסענעם מענטש מיט מעגלעכקייטן, וועלכער וועט קאָנען זיין אַ מיטבויער און מיטהעלפער פון זיין זשורנאַל און נישט בלויז אַ מיט־אַרבעטער. מסתמא האָט ער געמיינט, אַז איך וועל זיין בכוח צו באַטייליקן זיך אין זיין זשורנאַל נישט בלויז מיט אַ ליד, נאָר מיט מער ממשותדיקס...

דאָס האָב איך באַנומען מיט יאָרן שפּעטער. דאָס ביטערע געפיל אָבער פון אַנטוישונג, וואָס איז פאַרבליבן פון מיין ערשטער און לעצטער וויזיט ביי ווייסענבערגן, האָט ביי מיר, פונדעסטוועגן, נישט צוגענומען דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו אים פאַר האָבן מיר געגעבן די פריידן און דעם טעם פון זען צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט אַן אייגענע שאַפונג.

און ווען איך דערמאָן זיך אין מיינע ערשטע יינגלשע דיכטערישע פּרוּוון, וואָס האָבן אויפגעקנאָספּט אין מיין האַרצן אויף אַ וואַרשעווער יידישן הויף, וואָס עס איז שוין פון לאַנג נישטאָ קיין שפּור פון אים, טראַכט איך וועגן ווייסענבערגן ווי וועגן מיין ערשטן ליטעראַרישן רבין.

ווען מענדעלעס „קליינע מענטשעלע"
איז אלט געוואָרן הונדערט יאָר

אין יאָר 1964 האָט די יידישע קולטור־וועלט אָפּגעצייכנט און געפּייערט אַן אייגנאַרטיקן יובילײ. און צום פּייערן דעם חשובן יובילאַר האָט מען נישט געדאַרפט צונויפרופן קיין וועלט־קאָמיטעט מיט קלינגענדיקע נעמען און צוגרייטן לויב־רעדעס און שבחים פאַר אים. דער יובילאַר האָט נישט אַרויסגעקוקט אויף דעם, נישט געשטאַנען דערנאָך, און אויך נישט געוואַרט אויף דעם צוגעטיילטן כבוד, כאָטש ער האָט אים כשר פאַרדינט.

דער יובילאַר קאָן זיך דערלויבן אויף דער באַשיידנקייט. ער איז נישט קיין שעפער — אַ יחיד, נאָר אַ גאַנצער און גרויסער שעפערישער קאָלעקטיוו — דאָס איז אַ גאַנצער יאָרהונדערט פון ליטעראַרישן שאַפן, אַ יאָרהונדערט, וועלכער האָט פון תקופה צו תקופה, פון דור צו דור איבערגעגעבן זיין שליחות צו טראָגן זי ווייטער מיט מזל־ברכה אין דער צוקונפט אַריין.

דער בעל־יובל דאָס זענען מיר אַלע — ווייל דער יובילײ דאָס איז הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור.

זעט אויס, אַז אויך עלטער איז אַ רעלאַטיווער באַגריף, ווייל איינער וועט קאָנען זאָגן: ש ו י ן הונדערט יאָר אַלט... און אַ צווייטער וועט קאָנען זאָגן: ק ו י ם הונדערט יאָר אַלט... בסך הכל איז דאָ דער אונטערשיד צווישן דעם וואָרט „שוין” און „קוים”. הונדערט יאָר לעבן פון אַ יחיד (אויב ער וואָלט זיי דערגרייכט) וואָלט געווען אַ ביז גאָר טיפע עלטער, אָבער הונדערט יאָר פאַר אַ ליטעראַטור הייסט זיין גאָר יונג, מען קאָן זאָגן אַ ליטעראַטור, וואָס מען זעט נאָך אָן אויף איר דער מאַמעס מילך. ביי אַ מענטש, אפילו ביי זיינע דערגרייכטע הונדערט יאָר זענען מיר נאָך גרויסע פאַרלאַנגערס, וועלערס און ווינטשערס און מיר וואָלטן נאָך, ווען די שעה זאָל באַשעהען, אים געשיקט ברכות פון עד מאה ועשרים... ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר... ס'הייסט, מיר זאָגן אַליין, פונדעסטוועגן,

עד כאַן, מיר ווייזן אַרויס אַ געוויסע באַשיידנקייט, מיר שטעלן אַליין אַוועק דעם פּונקט ביים סוף שורה. מער ווי ביז הונדערט־און־צוואַנציק ווילן מיר נישט. און ווען מען וואָלט יאָ געוואָלט, וואָלט מען דען אונדז געגעבן מער? אָבער ביי אונדזער איצטיקן בעל־יובל, ווען מיר הייבן אויף צו אים אונ־דזער כוס אויף „לחיים" זענען מיר נישט באַגרענעצט, מיר ווינטשן אים נישט ביז אַזויפיל און אַזויפיל יאָרן, אָדער אַ לאַנג לעבן, נאָר לעבן, גאָר פּשוט; בלויז דאָס דאַרפן מיר איצטער ווינטשן אונדזער יובילאַר, דווקא איצטער, אין די יאָרן, ווען עס מערן זיך די קלאַגמוטערס וואָס זאָגן אָפּ אונדזער ליטעראַטור דאָס לעבן און לייגן איר שוין צו אַ פּעדער צו דער נאָז...

אויך צייט, פּונקט ווי עלטער, איז אַ רעלאַטיווער באַגריף, זעט אויס. די גרויס און די לענג פון דער צייט דאַרף מען מעסטן נאָר מיט דעם וואָס מען האָט אַריינגעלייגט אין איר, מיט וואָס מען האָט זי אויסגעפילט: אַ קעשענע אָנגעפילט מיט אויסגעריבענע שטיינדלעך, שאָלן פון וועלשענע ניס און פאַרזשאַווערטע בלעכלעך איז נישט דאָס זעלבע וואָס אַ קעשענע אָנגעפילט מיט גאָלדענע רענדלעך.

די צייט פון די הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור איז אָנגעפילט מיט גאָלדענע רענדלעך — מיט גאָלדענע ווערטן, מיט אַן עשירות און פאַרמעגן, און דורך דעם קאָנען די הונדערט יאָר געצפּלט ווערן אויף יאָרהונדערטער. מיר דאַרפן וויסן ווי צו שעצן אונדזער פּראַכטפולן פאַרמעגן, און ביים דערמאָנען דעם געבענטשטן אָנהייב פון דער יידישער ליטעראַטור — נישט בלייבן שטיין ביי אים, נאָר גיין ווייטער און ציילן דאָס אָנגעזאַמלטע עשי־רות און מאַכן דעם שיינעם סך־הכל פון דעם אַלעם וואָס די פאַר־גאַנגענע יאָרן האָבן איבערגעלאָזט. אָבער צוליב וואָס? נישט צוליב דעם אַז אַלץ זאָל פאַרבלייבן אָפּגעשלאָסן אין פאַרהאַקטע שענק און שופלאָדן, נאָר אָפן און צום רשות פון פאָלק, מען זאָל געניסן פון דעם אָנגעזאַמלטן פאַרמעגן אויף נאָך מער צו באַרייכערן זיך, און אָט די באַרייכערונג זאָל זיך ווי אַ בומעראַנג אומקערן צוריק צו אונדזער אוצר און אים פאַרגרעסערן און פאַרמערן, כדי נישט צו פאַרבלייבן קיין פאַרגליווערטע אַרכיוואַלע ירושה, נאָר זי זאָל דינען פאַר דורות. דורות קומענדיקע זאָלן דערקענען דאָס לעבן פון דורות פאַרגאַנגענע, דאָס וואָס איז פאַרפיקסירט אין די בלעטער פון דער יידישער ליטעראַטור און לויט די ווערק פון זייַנע שעפער זאָלן זיי זיין ביכולת צו רעקאָנסטרואירן דאָס גאַנצע פאַרשידן־פאַרביקע יידישע לעבן פונעם יאָרהונדערט מיט אַלע זייַנע דורכגעמאַכטע גלגולים, פאַרוואַנדלונגען, קוועלענישן און אויך נחתן.

נישט גראַדליניק איז געווען דער גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור

אין משך פון אַלע אירע שעפערישע יאָרן. געווען איז אָפּט איר גאַנג אַ זיגזאַגן־גאַנג. אַמאָל זיגזאַגיק פון שיכרות פון אַ התלהבותניק און עקסטאַזניק, פון געלייטערטער שבת־יום־טובדיקייט און בגילופנדיקער שמחת־תורהדיקייט, און אַמאָל אויך דער זיגזאַגן־גאַנג פון אַ צעוואַקלטן פאַרוווּנדעטן און בלוט־אָפּגייענדיקן, וואָס האָט דאָ און דאָרטן געלאָזט פאַלן אַ שפּור פון בלוט... און וואָס שייך בלוט־אָפּגאַנג, קאָן זיך אָט דאָ קיין שום ליטעראַטור נישט פאַרגלייכן צו אונדזערער. פאַרבלוטיקט זענען אַלע אונדזערע בלעטער, אונדזער ליטעראַרישער פּאַספּאָרט. מיר זענען אָפּגעגאַנגען אין בלוט סיי אין צייטן פון מרידות, מהומות און מלחמות און סיי אין צייטן פון שלום און שטילשטאַנד, און קיין שום ליטעראַטור קאָן נישט צושטעלן אַזעלכע פאַרבלוטיקטע רשימות פון שעפערע, וואָס זענען נישט געשטאָרבן אויף זייערע בעטן, ווי די יידישע ליטעראַטור קאָן דאָס, ליידער.

הונדערט יאָר...

די מעטריקע פון אונדזער בעל־יובל איז אַ ווערק אויף יידיש. געַנוייער: דאָס ערשטע דערשינענע בוך פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור: „דאָס קליינע מענטשעלע״ פון מענדעלע מוכר־ספרים. דאָס קליינע מענטשעלע האָט געעפנט דעם וועג פאַר אַלע גרויסע מענטשן, די ווייטערדיקע וויכטיקע שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור אין משך פון די הונדערט יאָר.

אַ יידישע מעטריקע איז זעלטן אַמאָל געווען גענוי. אָפּט האָט זי נישט געשטימט מיט דעם געבוירן־טאָג און יאָר פון דעם באַזיצער אירן, וועלכער איז געקומען אויף דער זינדיקער וועלט. ביי אונדזערע טאַטע־מאַמע איז שטענדיק געווען אַ קלאָפּאָט ווי אַזוי צו פאַרשרייבן דאָס ניי־געבוירענע קינד (דער עיקר ביים טאַטן, ווייל די מאַמע איז דאָך געלעגן אין קימפּעט און געהאַט מיט זיך צו טאָן). ווי אַזוי פאַרשרייבן דעם נייעם נפש, דעם צוגעקומענעם פרעסער: מיט אַ יאָר פריער אָדער מיט אַ יאָר שפּעטער? צו פאַרשרייבן אים גענוי, אַזוי ווי ער איז געבוירן געוואָרן, וועגן דעם האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין, דאָס איז בכלל קיינעם נישט איינגעפאַלן. אַלנפאַלס, אַזוי צי אַזוי, אַ יאָר מער, צי אַ יאָר ווינציקער — אַ מעטריקע האָט דער בעל־דבר געהאַט און דאָס איז געווען דער עיקר.

אויב אַ מעטריקע האָט ביי נישט איינעם פון אונדז געקאָנט זיין נישט אַזוי גענוי, קאָן זי ביי אַ גאַנצער ליטעראַטור, בפרט נאָך ביי דער ליטעראַטור פון יידישן פאָלק, ביי וועלכן ס׳איז שוין פאַראַן אַ חזקה צו פאַרשרייבן נישט פּינקטלעך, אוודאי און אוודאי נישט זיין אַזוי גענוי. נאָך

פאַרן דערשיינען פון מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע״ זענען דערשינען יידישע שאַפונגען פון א. מ. דיק, ש. עטינגער און אַנדערע. זייער יידיש לשון האָט נאָך געהאַט אויף זיך די שפורן פון חבלי־לידה און ערשט ״דאָס קליינע מענטשעלע״ איז אָנגענומען געוואָרן פאַרן ערשטן דערשינענעם ווערק פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, שוין מיט אַ געלייטערטן יידיש־לשון און סטיל, און במילא איז דאָס דאָזיקע בוך געוואָרן אונדזער ליטעראַרישע מעטריקע. און ס׳איז שוין נישט וויכטיק צי עס איז פאַרשריבן מיט אַ יאָר פריער, אָדער מיט אַ יאָר שפּעטער. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דאָס ערשטע יידישע בוך, און יעדעס בלאַט זיינס האָט מען געקאָנט אויפהענגען ווי אַ „שיר־המעלות״ ביי דער קימפּעטאָרינס בעט. דאָס איז דאָס בוך פון די ביכער, דאָס בוך פון דער גאַנצער יידישער ביכער־שאַפט אין משך פון די געבענטשטע הונדערט יאָר.

ויהי — און „דאָס קליינע מענטשעלע״ איז געוואָרן אַ היסטאָרישע דאַטע, דער אָנהייב, דער בראשית פון אונדזער ליטעראַטור. פון דעם קליי־נעם מענטשעלע האָבן מיר זיך אַלע אויסגעמענטשלט, ווייל פון די לענדן פון דעם קליינעם מענטשעלע איז אַרויס אַ גרויסע ליטעראַטור.

„דאָס קליינע מענטשעלע״ איז געווען דאָס קליינע קערנדל פון אַ גרויסן פאַרזיי און פון אַ שיינעם שפּעדיקן שניט, אַ געראַטענעם און גע־בענטשטן. די נאַטור איז ברייטהאַרציק און צאָלט אָפּ כפל כפלים, אַ סברה, אַז נישט בלויז די נאַטור. עס זענען פאַראַן מעשיות און לעגענדעס, וועגן מיליאָרדערן, וועלכע זענען אַמאָל געווען קבצנים און האָבן איבער־נאַכט דערוואָרבן זייער קאָפּשווינדלענדיק עשירות מיט גאָרנישט. מען דערציילט, אַז ראָקפעלער, איידער ער איז געוואָרן ראָקפעלער האָט ער געמאַכט זיין אָנהייב אין מסחר מיט אַ קלייניקייט: מיט פאַרקויפן אַ פּודעלע שוועבעלעך...

עס האָט זיך אָנגעהויבן פונעם קליינעם מענטשעלע און ווי גרויס די יידישע ליטעראַטור איז אויסגעוואַקסן אין כמות און אין איכות, אין כבוד און אין עושר! און עס איז נאַטירלעך, אַז דעם גרעסטן כבוד זאָל מען דערביי אָפּגעבן מענדעלען דעם בעל־המענטשעלע, דעם ערשטן, דעם אָנהייבער, דעם גרונטלייגער און וועגדורכלייגער פאַר אונדז אַלעמען. אים קומט עס, מענדעלען, און נאָר אים, קודם־כל. דערביי טאָר מען אָבער נישט פאַרזען נאָך אַ בעל־שמחה און טאָקע אויך אַ זייער און זייער וויכ־טיקן, נישט אָוועקצומאַכן אים מיט דער האַנט, חלילה. דאָס איז די יידישע ליטעראַטור פון די הונדערט יאָר מיט אַלע אירע שטרעמונגען, שיטות און

גרופּירונגען, מיט אַלע אירע עטאַפּן, דורכגעמאַכטע שטרעקעס און דער־גרייכונגען.

מענדעלע, איידער ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1864 „דאָס קליינע מענטשעלע" אויף יידיש, האָט ער געשריבן אויף העברעאיש. שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז ער געווען דער אָפּגעזונדערטער משכיל, אָבער מענדעלע מוכר־ספרים איז ער געוואָרן דער קערנדיקער יידישער פאָלקס־שרייבער, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן צו נערן מיט די זאַפטן פון אַ שוואַרצערדיקן געדייענדיקן באָדן. אין דעם משנה־שם־זיין איז נישט געווען עפּעס אַ קאַפּריז פון אַ מחבר צו געבן זיך אַ פּסעוודאָנים, מיט וועלכן ער וועט זיך שפּילן ווי אַן עילוי מיט זיין געקרייזלטער פּאה, אָדער אַ חתן־בחור מיט זיין נייעם געשענקטן זייגער. אין דעם נייעם נאָמען פון שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש איז געלעגן יידישער פאָלקס־מהות. ס'איז נישט געווען בלויז קיין נאָמען־ענדערונג, נאָר אַ גאַנצע געשיכטלעכע ענדערונג אין דעם קולטור־שאַפן פון יידישן פאָלק צו יענער צייט.

שלום־יעקב אַבראַמאָוויטשעס איבערגיין צו מענדעלע מוכר־ספרים און פון העברעאיש צו יידיש איז געווען פאַר אים, און צו יענער צייט, נישט בלויז אַן איבערקערעניש, נאָר אויך אַן אַקט פון פּראָגרעס און פאָרשריט אין דעמאָלטיקן יידישן לעבן, אַ קער און ווענד פון אַ סאָציאַלן כאַראַקטער און באַדייט. אויף יידיש האָט מענדעלע אָנגעהויבן שרייבן פאַרן פאָלק, פאַר די פּשוטע יידן, די גענזלען און דיגסט־מיידלעך, די שניידערס און שוסטערס, די קלעזמאָרים און בדחנים און די אויסגעגליטשטע לערנערס, די זיידענע יונגעלייטלעך, געכאַפּטע אין דער מעשה. מענדעלע האָט באַגערט צו האָבן פאַר זיך דעם יידישן פאָלקס־לייענער און אַז דער פאָלקס־לייענער זאָל האָבן אין אים דעם יידישן פאָלקס־שרייבער. ביי זיין גאַנצער פאַרערונג און ליבשאַפט פאַר העברעאיש האָט ער געוווּסט, אַז די פאָלקס־יידן באַנוצן זיך נישט מיטן הייליקן לשון פון די אבות, נאָר מיט יידיש, בלויז מיט יידיש, אַז אַ סך פון זיי פאַרשטייען אַפילו נישט די תפילות פון סידור, וואָס זיי זאָגן אין די בתי־מדרשים, הגם זיי דאַווענען מיט האַרץ און כוונה.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט גוט געזען ווערן אין די קרייזן פון די העברעאישע סופרים ווען עס וועט זיך באַווייזן אויף דער ליטעראַרישער שיין זיינס אַ דערציילונג געשריבן אויף יידיש, אַז זיי וועלן קרימען מיט די סנאָביש־משכילישע נעז פאַר זיין פאַרקנסן זיך צו דער פאַרשטויסענער און פּראָסטער שפּחה. און דעם חיבור מיט דער יידיש־דערציילונג האָט ער אַוועקגעשיקט צו אַלעקסאַנדער

צעדערבוימען, דעם רעדאַקטאָר פון „קול מבשר", אונטער אַן אַנדערן נאָמען: סענדערל מוכר־ספרים. לויט שלום־עליכמען, האָט ש. י. אַבראַמאָוויטש גענומען דעם דאָזיקן נאָמען פון אַן אמתן פּאַרשוין, וואָס האָט פּאַקטיש עקזיסטירט אין לעבן, איינער אַ סענדערל, אַ מוכר־ספרימניק, וואָס ער האָט אים געקענט, אָבער צעדערבוים האָט מורא געהאַט, אַז דאָס איז אַן אָנדייטונג אויף אים אַליין צוליב זיין נאָמען אַלעקסאַנדער — סענדער — סענדערל. און נישט פּרעגנדיק ביי קיינעם האָט ער אויסגעמעקט דעם נאָמען סענדערל און אים פאַרביטן מיטן נאָמען מענדעלע. און אַזוי איז דאָס שוין פאַרבליבן מיט מזל אין דער יידישער ליטעראַטור. כאַראַקטעריסטיש, אַז דער נאָמען סענדערל האָט עפּעס נישט געלאָזט צורו מענדעלען און ער האָט אים אַריינגעפירט אין זיין ווערק „מסעות בנימין השלישי" אין דער געשטאַלט פון סענדערל די יידענע, אים געגעבן אַ תיקון אויף אַזאַ בכבודיקן אופן.

נישט מעגלעך אויסצורעכענען אַלע דערגרייכונגען און אויפטוען במשך פון די הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור און אויפצורופן אַלע נעמען צום יום־טוב; נעמען, וואָס זענען געקומען נאָך מענדעלעס אָנהייב. נעמען פון פּראָזע־מייסטער, ראָמאַניסטן, דערציילער, דיכטער, דראַמאַטורגן, און עסייאיסטן, וועלכע האָבן אַריינגעשפּאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור אַריין שורה נאָך שורה, דור נאָך דור. און פון אַלע האָט דער זיידע אָנגעקוואָלן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און געשעפּט נחת פון זיינע ליב־האַרציקע אייניקלעך.

דערמאָנט זיך מיר די ווייטע פאַרנעפּלטע קינדערצייט מיינע אין שטעטל, ווען צום ערשטן מאָל האָט זיך אָנטפּלעקט פאַר מיר מענדעלעס געשטאַלט און ווי איך האָב אַריינגעכאַפּט שמיץ פון מיין רבין פּנחסל פאַר מיין אַרומטראָגן זיך מיטן זיידנס בילד און פאַרן נאָכצייכענען עס בשתיקה.

ס'איז געווען אין די קאַלטע דעצעמבער־טעג. ערב ניטל, שאַרפע פרעסט און טיפע שנייען. האָט מען געברענגט צום נייעם יאָר ראָסקינס קאַלענדאַרן, וועלכע זענען באַצירט געווען יעדער מיט אַ פּאָרטרעט פון אַ יידישן שרייבער. האָט מען ביי אונדז אין שטוב אויסגעקליבן צופעליק אַ קאַלענדאַר מיט מענדעלעס פּאָרטרעט. האָב איך אים נאָכגעצייכנט און געברענגט די צייכענונג אין חדר אַריין און זי ווייטער נאָכגעצייכנט אויף וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אַפילו אויף דער לינקער ווייסער זייט פון חומשים און גמרות. איז דער רבי אַריין אין גרימצאָרן און מיר אַריינגעצימבלט פעסט ווי עס געהער צו זיין, אַזוי אַז איך פיל זיי נאָך

איצטער, די שמיץ, דאַכט זיך מיר, אָבער איך באַדויער זיי נישט. איך האָב דאָך זיי אַריינגעכאַפּט פאַר מענדעלען און פאַר דער יידישער ליטעראַטור. זיי זענען אַריין אין מיין בלוט און מיר אָפּגעצאָלט: זיי האָבן מיך געבענטשט (אָדער געשטראָפט) מיט אַליין ווערן אַ מחבר ביי יידן.

דערמאָנט זיך מיר אַ שפּעטערדיקע צייט, ווען איך בין שוין געווען געכאַפּט אין דער מעשה פון שרייבעריי, געווען אַ יונגער דיכטער. ס'איז געווען דאָס יאָר 1937. אין פּוילן האָט מען אָפּגעצייכנט די צוואַנציקסטע יאָרצייט פון מענדעלע מוכר־ספרים און זי געפּייערט מיט אַקאַדעמיעס. בין איך אַרויסגעפאָרן אין אַ שטעטל אָנטיילצונעמען אין אַזאַ אַקאַדעמיע, וואָס עס האָט איינגעאָרדנט דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין. האָבן מיך ביי מיין אָנקומען אָפּגעוואַרט חברים און אויך דער... פּאָליציי־קאָמענדאַנט פון שטעטל. ער האָט מיך אויסלעגיטימירט און מיך גלייך געפרעגט צי איך טאַקע בין דאָס מענדעלע... איך האָב געטענהט, נאַטירלעך, אַז איך בין נישט מענדעלע און אַז איך קאָן נישט זיין מענדעלע. אויב אַזוי איז מענדעלע מיינער אַ פּסעוודאָנים, און דער ענין איז שוין ביי אים געווען אינגאַנצן קלאָר.

איך האָב געענטפערט, אַז מענדעלע איז טאַקע אַ פּסעוודאָנים, אָבער נישט מיינער, נאָר פונעם יידישן שרייבער שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש.

— אַהאַ! אַ פּסעוודאָנים... — האָט ער טריומפירט.

מען דאַרף וויסן, אַז אין פּוילן בעת יענע פאַרהעלטענישן אין די דרייסיקער יאָרן איז ביי דער פּאָליציי דאָס וואָרט „פּסעוודאָנים" געווען עפּעס שרעקלעכס, גלייך ווי מיטן בלויזן וואָרט „פּסעוודאָנים" וואָלט מען געקאָנט אויפרייסן די פּוילישע מלוכה. און דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל מיטגיין מיט אים אויפן פּאָסטערונעק. דאָ האָט ער ווידער אַרויסגערוקט דעם חשד, אַז איך אַליין בין דאָס מענדעלע. און אויב בין איך נישט מענדעלע איז זיכער פאַראַן מיט מיר אַ צווייטער רעפערענט, אַן אומלעגאַלער, וואָס באַהאַלט זיך אונטערן פּסעוודאָנים מענדעלע און איך דעק אים. אַלזאָ, ווו געפינט זיך מענדעלע? — האָט ער מיך נישט אָפּגעלאָזט.

— מענדעלע געפינט זיך אויפן בית־עולם פון אָדעס — האָב איך געענטפערט.

דערהערנדיק דאָס וואָרט „אָדעס" האָט עס דעם קאָמענדאַנט אַרויסגעפירט פון די כלים און ער האָט אויסגערופן זיגעריש: אַהאַ!... הערט זיך איין, מיר וועלן זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון דער באָלשעוויע... אויב

וועט זיך נישט דער ענין אויפקלערן וועט איר אייער רעפעראַט אָפּהאַלטן דאָרטן... — ער האָט אָנגעוויזן אויף דער טיר, וואָס האָט געפירט צו דער „קאַזע", פון וואַנען עס האָבן זיך אַרויסגעהערט שיכורע קולות.

— דאָרטן — האָט ער מיר געזאָגט — געפינען זיך שוין עטלעכע „פּאַסאַזשירן", וועלכע האָבן אויסגעטרונקען אַן איבעריק גלעזל וואָדקאַ, אָבער אַז זיי וועלן אַ ביסל דאָ איבערזיצן וועלן זיי זיך אויסניכטערן. איר אויך אַזוי. איר וועט איבערזיצן ביי אונדז אַ ביסל וועט איר זיך אויך אויסניכטערן...

דערווייל איז מען געגאַנגען זוכן דעם יידישן אַפּטייקער, ער זאָל אויפקלערן און באַשטעטיקן צי איך זאָג אמת. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז ער איז געקומען און ביז עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַז איך בין נישט מענדעלע...

— דאָס מאָל קאָנט איר גיין — האָט דער קאָמענדאַנט מיר געזאָגט מיט אַ געוויסן באַדויער — נישט וויכטיק צי איר זענט יאָ מענדעלע צי איר זענט נישט מענדעלע. זייט זיכער, אַז אַט דער פויגל וועט אויך אַריינפאַלן צו אונדז אין די הענט...

די אַקאַדעמיע איז פאַרגעקומען און מיט מיין אָפּזיצן אַ שעה צוויי לעבן דער טיר פון דער „קאַזע", מיט מיין אָפּמאַטערן זיך דאָרטן און סטענקען, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך האָב זיך מקריב געווען און געליטן פאַר מענדעלען. און עס איז כדאי געווען.

אמר ר' מענדעלע... וואָס האָט מענדעלע אַזוינס געזאָגט און וואָס האָט מענדעלע אַזוינס געלערנט ?...

דער העלד פון מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע", יצחק־אברהם דערציילט אין דער צוואה זיינער, וואָס איז געבליבן נאָך אים, נאָך זיין טויט, אַז איין מאָל, ווען זייענדיק נאָך אַ קינד, האָט ער זיך איינגעקוקט אין די אויגן פון זיין מאַמען און האָט דערזען אין זיי אַ מענטשלע. דאָס האָט אים זייער פאַרחידושט און פאַראינטריגירט און ער האָט גע־פרעגט דער מאַמען וואָס פאַר אַ מענטשעלע איז דאָס דאָרטן פאַראַן ביי איר אין די אויגן. און וואָס האָט אים דערויף די מאַמע געענטפערט ?

„נאַרעלע, דאָס קליינע מענטשעלע איז די נשמה ! דאָס קליינע מענ־טשעלע איז נישטאָ אין קיינעמס אויגן, נישט אין די אויגן פון די חיות און בהמות, נאָר אין יידישע אויגן".

פון דעמאָלט אָן איז יצחק-אברהם ממש געווען באַוועלטיקט פונעם קליינעם מענטשעלע, כסדר זיך באַשעפטיקט דערמיט, נישט פאַרגעסן וועגן

אים אַפּילו אין שלאָף, עס האָט זיך אים געחלומט בײנאַכט, עס איז אים קײנמאָל נישט אַרױס פון זינען. האָט ער אײן מאָל געזען די מאַמע אָנגעבױגן בײם אױװן, זיך פּאָרען בײם קאָכן, איז אים אײנגעפאַלן איר צו געבן אַ זעץ פון הינטן מיט דער פױסט אין דער פּאַטילניצע, בכדי דאָס מענטשעלע זאָל איר כאַטש אױף אַ װײלע אַרױסשפּרינגען פון די אױגן. דער עקספּערימענט האָט אָבער געקאָסט זײער טײַער יצחק־אַבּרהמען: ער האָט געקריגן פּעטש און קניפּ פון דער מאַמען. דערצו נאָך האָט ער אַ גאַנצן טאָג קײן עסן נישט געהאַט, װײל פון זײן זעץ מיט דער פױסט איז די מאַמע אַרױפגעפאַלן מיטן שטערן אױפן טעפּל געקעכץ און עס צעבראָכן און אױס געקעכץ און אױס עסן.

דאָס איז זיכער אַ מוסר־השכל, אַז צו דער נשמה דאַרף מען זיך נישט צורירן מיט קײן פױסט און נישט װעלן זיך דערגרונטעװען צו איר מיט כוח.

אַ צװײט מאָל איז יצחק־אַבּרהמען אײנגעפאַלן זיך צו װעלן איבערצײגן אין דער ריכטיקײט פון דער מאַמעס װערטער, אַז נאָר אין ייִדישע אױגן געפינט זיך דאָס מענטשעלע, און ער האָט געװאָלט דערגײן צי אַ בהמה האָט אױך אַ מענטשעלע. איז ער צוגעגאַנגען צו אַ קו אין גאַס און איר געגומען אַרײנקוקן אין די אױגן אַרײן. יענע אָבער האָט נישט געװוסט פון קײן חכמות און האָט אים דורס געװען, דערלאַנגט אים װי ס'געהער צו זײן אַ באַדזש מיט די הערנער, אים שרעקלעך צעבײלט, אַז ביזן הײנטיקן טאָג קאָן מען נאָך אָנזען אױף אים די צײכנס.

בײ מענדעלען, װאָס דורות ייִדישע שרײבער האָבן זיך געלערנט בײ אים, האָבן מיר נאָך אױך הײנט װאָס צו לערנען און אַראָפּצונעמען פון אים אַ מוסר־השכל.

לאָמיר־זשע טאָקע אַלע זיך אַרײנקוקן אין די אױגן אַרײן און זוכן דאָרט דאָס מענטשעלע, די נשמה, און לאָמיר זי נישט זוכן דאָרט װוּ מען דאַרף נישט — אין די אױגן פון בהמות, װײל עס װעט אױסגײן צו אונדזערע קעפּ.

1964

שלום-עליכם ביי די אומות העולם

בעת שלום־עליכמס פופציקסטער יאָרצייט האָב איך זיך גראָד דער־מאָנט אין זײַנעם אַ געבוירן־טאָג און טאַקע אין אַ קיילעכדיקן וואָס קיילעכ־דיקער קאָן שוין נישט זיין. און נעמלעך: אין זיין הונדערטסטן געבוירן־טאָג.

צו דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט די „אונעסקאָ" אין פּאַריז (די אינטערנאַציאָנאַלע קולטור־אָרגאַניזאַציע ביי די פאַראייניקטע נאַציעס) אָפּגעגעבן ברייטהאַרציק און מיט גרויס כבוד אירע זאָלן פאַר אַ שלום־עליכם־אויסשטעלונג.

דערמיט איז שלום־עליכמס הונדערטסטן געבוירן־טאָג און שלום־עליכמען גופא צוגעגעבן געוואָרן אַן אוניוועורסאַלער כאַראַקטער.

אין דער היפּער־מאָדערנער געביידע פון דער „אונעסקאָ", וואָס געפינט זיך אינעם אַריסטאָקראַטישן קוואַרטאַל פונעם זיבעטן אַראָנדיסמאַן אין פּאַריז, האָבן זיך אומגעריכט פון גאָר ווייט אַריינגעשטעלט כתרילעווקע און יעהופּעץ, אַנאַטעווקע און בויבעריק, פאַר וועלכע דער שטייפער אייפל־טורעם האָט זיך העפלעך און גאַלאַנט פאַרנייגט מיט אַ „ברוכים הבאים!" אין דער זעלבער צייט האָבן זיך איבערגעטראָגן אַהער יידן פון די גאַסן אַרום פּלאַץ רעפּובליק, פון מאָנמאַרטר, פון בעלוויל און פונעם „פּלעצל" און היימישלעך־געדיכט פאַרפולט דאָ די רחבותדיקע זאָלן. אין חלל האָבן זיך אַרומגעטראָגן די שאָטנס פון טוביה דער מילכיקער, פון שימעלע סאָראָקער, פון שיינע־שיינדלען און פון מנחם־מענדלען אין אַ נייעם גלגול, אין וועלט־דימענסיעס. מצד די פּאַריזער יידן, וואָס זענען געקומען אַהער זיי גוט־יום־טוב ביטן, איז עס געווען מער ווי אַ קורטואַזיע־וויזיט. ס'איז געווען אַ באַזוך פון קרובים ביי קרובים, וועלכע זענען מיטאַמאָל אויפגעריכט גע־וואָרן און עולה־לגדולה געוואָרן, און די שיין פון זייער חשיבות פאַלט אויך אויף זיי, די געקומענע געסט, און זיי זענען שטאָלץ און גרויסן זיך מיט איר.

אַרויסגייענדיק פון די זאָלן פון דער „אונעסקאָ" האָב איך געטראַכט, אַז די שלום־עליכם־אויסשטעלונג האָט פאַר אונדז מער באַדייטונג ווי צענ־

דליקער אָפּהאַנדלונגען פון שלום־עליכמס ווערק. פונדעסטוועגן האָט עס נישט געקאָנט זיין חל אויף שטענדיק, ס׳הייסט, קלעקן אויף צו פאַרטרעטן פערמאַנענט דאָס געזאָגטע און דאָס געשריבענע וואָרט וועגן שלום־עליכמען. און ווען מיט זעקס יאָר שפּעטער איז אויסגעפאַלן שלום־עליכמס פופציקסטע יאָרצייט האָט זיך אויפסנייַ פאַרלאַנגט עפּעס צו זאָגן. אָבער וואָס? אַזויפיל איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן שלום־עליכמען, אַז איך ווייס נישט צי עס וועט זיך נאָך געפינען אַ שטיקל אָרט פאַר מיר ווו אַרייַנצושטעקן מיין אָרעמע פען. אַזויפיל איז שוין געזאָגט און געטייטשט געוואָרן, אַז ס׳איז שווער מיט עפּעס מחדש צו זיין און צו זיין אָריגינעל. און אפילו אָט דאָס געזאָגטע איז שוין מסתמא אויך נישט אָריגינעל.

זעט אָבער אויס, אַז שלום־עליכם איז אַ גאָלד־מינע פון אַזאַ מין סאָרט, אַז וויפל מען זאָל נישט גראָבן פון איר, וועט נאָך, יאָקאָש, איבערבלייבן פאַר נאָך עמעצן אַ כזית, אַ קריש גאָלד. וועל איך אויך פּרובירן דאָס מזל און אַרייַנשטעקן מיין קליין און באַשיידן לאָפּעטקעלע.

עס איז געוואָרן אַ האַלבער יאָרהונדערט ווי שלום־עליכם האָט אויפגעהערט צו זיין, און ער הייבט ערשט אָן צו זיין אין אַן אַנדערן גלגול, אין אַ נייעם תיקון. אַ ווונדערלעכע מעטאַמאָרפאָזע איז פאָרגעקומען מיט שלום־עליכמען: וואָס מער מען דערווייטערט זיך פון יענעם שיינעם חודש מאַי פון מיט פופציק יאָר צוריק, ווען ער איז אַוועק פונעם יאַריד, וואָס הייסט לעבן, אַלץ מער גייט ער אַריין אין לעבן. זיין פּאָפּולאַריטעט האַלט אין איין שטייגן נישט בלויז צווישן יידן, נאָר אויך, אין געהעריקע פּראָפּאָרציעס, ביי די אומות העולם. איינער פון די באַווייזן פאַר דעם איז געוועזן פאַר מיר טאָקע אויך דער דערמאָנטער אַנטייל פון דער ״אונעסקאָ״ אין שלום־עליכמס הונדערטסטן געבוירן־טאָג.

שלום־עליכם איז אויפגעקומען און פאַרגאַנגען ווי אַ שרייבער פון תחום המושב, אָבער אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר באַקומט ער וואָס אַמאָל אַלץ מער ״פּראַוואַזשיטעלסטוואָ״ ביי דער וועלט. ער דעראָבערט וואָס אַמאָל אַלץ מער דעם אוניווערס, נישט דאַרפנדיק, און נישט קאָנענדיק אָפילו זיך שטופּן צו אים מיט די עלנבויגנס. אויף צו דעראָבערן די וועלט האָט ער, שלום-עליכם אַליין, נישט איינגעלייגט קיין וועלטן. ער האָט נישט צוגעטאָן צו דעם קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. ער האָט זיך נישט אויסגעטויגט צו דעם, פּונקט ווי ער האָט זיך נישט אויסגעטויגט אין זיינע יונגע יאָרן צו זיין אַ קאַזיאָנער ראַבינער און אַ סוחר. זיין רום פאַרשפּרייטן שוין איצטער פאַר אים זיינע ווערק, זיין געלעכטער, זיין חכמה, וואָס גייען אים

פאַרויס. די אַלע פּאַלקס־פאַרשוינען, די פענאָמענאַלע געשטאַלטן און טיפּן, וואָס ער האָט באַשאַפן, צאָלן אים איצטער אָפּ כפל כפלים און זיי גאָר שאַפן אים דאָס אָרט, וואָס אים קומט ביי דער מזרח־וואַנט פון דער וועלט־ליטעראַטור און טראָגן אים אונטער מיט ברייטקייט און גרויס כבוד די שרייבערישע פּאָטערשטול אין סאַמע אויבנאָן.

טראָץ דעם וואָס עס קאָן אויסזען, אַז זיין נאָמען קלינגט שווערלעך, אַז זיין נוסח, זיין טעמאַטיק און זיינע פאַרשוינען אַדאַפּטירן זיך נישט לייכט אין פרעמדע שפּראַכן, געווינט שלום־עליכם וואָס אַמאָל אַלץ מער שטח אויף דער וועלט־מאַפּע. ער פאַרנעמט סאָלידע פּאָזיציעס אין קאָנטינענטן און לענדער ווי אויסטראַליע, לאַטיין־אַמעריקע, דרום־אַפריקע, פּאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, פראַנקרייך, שוין אָפּגערעדט פון רוסלאַנד, אוקראַינע, וווּ שלום־עליכם איז געבוירן געוואָרן און געלעבט אין זיינע יונגע יאָרן. דאָרטן האַלט מען אים דאָך פאַר אַן אייגענעם, פאַר אַ גאַנצן „זיעמלאַק", מען יחוסט זיך מיט אים, אָבער וואָס שייך זיין יחוס גופא איז מען וועגן אים זייער דיסקרעט, מען דאַרף אויסבאַהאַלטן פאַר די „סאָוויעטישע מענטשן" אַז שלום־עליכם איז געווען אַ יידישער שרייבער. וואָלט שלום־עליכם דאָרטן היינט געלעבט און ער וואָלט נישט געווען קיין שלימזל אין מסחר און מען וואָלט אים געדאַרפט מאַכן אַ פּראָצעס פאַר „עקאָנאָמישע פאַרברעכנס", וואָלט מען דאָ זיין נאָמען אונטערגעשטראָכן און זיין אָפּשטאַם אַרויס־געררוקט אין אויבנאָן, איז אָבער שלום־עליכם געווען אַ שרייבער ביי יידן, און אַ שרייבער פון אַזאַ מדרגה, וועלכער איז אויך געוואָרן פּאָפּולער ביי רוסן און אוקראַינער, איז גלייכער אַז זיי זאָלן נישט וויסן וועגן זיין יידישן אָפּשטאַם. דערפון ווערט פאַרשטענדלעך די טענדענץ וואָס האָט דערפירט צו דעם אַז אויף דעם אָנדענק־טאָוול פאַרן הויז ווו שלום־עליכם האָט גע־לעבט אין קיעוו פון 1897 ביז 1904 איז אָנגעגעבן, אַז „דאָ האָט געוווינט דער גרויסער שרייבער שלום־עליכם", נישט דערמאָנענדיק בכיוון אַז ער איז געווען אַ יידישער שרייבער.

ווייסן טאָקע נישט אַ סך רוסן, אוקראַינער צי ווייסרוסן, אַז שלום־עליכם איז געווען אַ יידישער שרייבער, אָבער אין זייער „צוזייגענען זיך" שלום־עליכמען איז עס ביי די פּשוטע לייענער גיכער צוליב אומוויסנהייט, אָנגעוואָרפענער איגנאָראַנץ, ווי צוליב אַנטי־יידישער טענדענץ, וואָס איז געקומען אויסשליסלעך פון אויבן.

וואָס שייך דעם געזאָגטן, וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען אַן עפּיזאָד וואָס מיינער אַ פריינט האָט מיר דערציילט, אַן עפּיזאָד פון דער

צייט פון זיינע וואַנדערונגען אין ראַטנפאַרבאַנד אַלס פּליט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פאַרנדיק איין מאָל אין אַ צוג, האָט ער באַמערקט זיצן אין אַ דערביי־איקער קופּע פונעם וואַגאָן אַ געזעמל מענטשן, וואָרשיינלעך פּויערים, קאָל־כאָזניקעס, פאַר וועלכע איינער פון צווישן זיי האָט עפּעס פאַרגעלייענט פון אַ ביכל און יעדעס מאָל האָבן אַלע אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. מיין פריינט האָט זיך דערנענטערט צו זיי און אַ גערירטער האָט ער דערקענט פונעם געלייענטן, אַז דאָס איז „מאָטל פּייסי דעם חזנס". ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז דער פאַרלייענער איז אפשר אַ ייד, האָט ער וועלנדיק זיך איבער־ציי‏גן אין דעם, אים געפרעגט: „צי האָט איר דאָס געלייענט אויך אין אָרי־גינאַל?" דער ענטפער איז געווען: „קאַקאָי אָריגינאַל"?" וואָס פאַר אַן אָריגי־נאַל? האָט זיך דער פאַרלייענער פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס" געחידושט. ער האָט נישט געוווסט וואָס מען וויל פון אים. אים איז גאָרנישט איינגע־פאַלן, אַז שלום־עליכם קאָן זיין נישט קיין רוסישער שרייבער.

ווערן אַן אוניווערסאַלער שרייבער און דערביי ווערן אויס יידישער שרייבער — דאָ וואָלט שלום־עליכם געענטפערט לא מיט אַן אלף. און מיר אויך.

ער אַליין, שלום־עליכם, איז געווען זייער באַשיידן, ער האָט זיך געהאַלטן נישט מער ווי פאַרן אייניקל פון מענדעלען און אויך אויף נאָך זיין טויט האָט ער נאָך ביי זיין לעבן געזאָרגט פאַר דער דאַזיקער באַשיידנקייט און אין זיין עפּיטאַף, וואָס איז אָנגעשריבן אויף דער מצבה איבער זיין קבר אויפן בית־עולם פון ברוקלין, האָט ער זיך לכתחילה באַוואָרנט מיט איר:

דאָ ליגט אַ ייד אַ פּשוטער,
געשריבן יידיש־דייטש פאַר ווייבער.

דאָס זאָגן אויף זיך אַליין, אַז מען איז אַ ייד אַ פּשוטער, איז שוין גאָרנישט אַזוי פּשוט. וועלכער היינטצייטיקער יידישער שרייבער וואָלט דאָס געקאָנט פועלן ביי זיך? אַ פאָלקס־ווערטל זאָגט, אַז ווער עס האָלט די פּען אין האַנט, דער שרייבט זיך אַן אַ גוט יאָר. וואָס אַזוינס פאַר אַ גוטס, מישטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ גוט יאָר האָט דאָס שלום־עליכם זיך אָנגעשריבן? שלום־עליכם, זעט אויס, איז אַרויסגעגאַנגען פונעם באַקאַנטן כלל, אַז מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן, און ער איז באַצייטנס פאַרלאָפן דעם וועג אַנדערע, וואָס וואָלטן אים אָנגעשריבן אַ גרויסן שבח, און ער האָט זיך פון פריער אויס באַוואָרנט מיט פּשטות און באַשיידנקייט. און בכדי צו־זיין זיכער מיט דעם, האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט מיטן גרויסן יחוס זיינעם,

אַז ער האָט געשריבן „יידיש־דייטש פאַר ווייבער" — ביידע „גוטע זאַכן" צו יענער צייט. לאָמיר זאָגן, אַז צווישן די לייענערס שלום־עליכמס האָבן זיך נאָך, ווי שייך, געפונען עטלעכע מאַנצבילן אויך, אָבער שלום־עליכם שטרייכט בכיוון אונטער די „ווייבער" ווייל ער וויל דערמיט אָקצענטירן זיין פשטות. „יידיש־דייטש" און „ווייבער" האָבן דאָך דעמאָלט ביידע גע־דאַרפט זיין אַ נידעריקע מדרגה — האָט זיך שלום־עליכם דווקא אַרויסגע־שטעלט מיט זיי און זיך מיט זיי געצאַצקעט.

און ווייטער האָט שלום־עליכם געשריבן אין זיין עפּיטאַף וועגן זיך, אַז ער האָט

דאָס גאַנצע לעבן אויסגעלאַכט,
געשלאָגן מיט דער וועלט כפּרות.
די גאַנצע וועלט האָט גוט געמאַכט,
און ער — אוי וויי — געוועזן אויף צרות.

אויף דער וועלט, „וואָס האָט גוט געמאַכט", איז שלום־עליכם געווען אומגליקלעך, אויף צרות, און כאָטש ער האָט „דאָס גאַנצע לעבן אויסגע־לאַכט", איז עס געווען „טאַטע דו לאַכסט, ס'איז וויי צום געלעכטער". און פונדעסטוועגן האָט שלום־עליכם זיך אָנגעהאַלטן אינעם געלעכטער. ווייל געלעכטער האָט זיך ביי אים אידענטיפיצירט מיט בטחון, מיט פאָלקס־בטחון. בטחון איז דער עיקר — איז דאָך ביי די ערגסטע אומשטענדן געווען זיין אני־מאמין. ער האָט זיך געקלאַמערט אינעם געלעכטער. און דאָס געלעכטער איז געוואָרן דער אָנהאַלט פון זיין לעבן. און בכדי צו פאַרטרייבן ביי יידן עצבות און מרה־שחורה און שאַפן ביי זיי חשק צו לאַכן האָט ער זיי איינגערעדט, אַז לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן. און וועלכער ייד וויל דאָס נישט זיין געזונט און נישט הערן דאָס, וואָס דאָקטוירים הייסן? אַזוי האָט ער אָנגעשטעקט אַ גאַנץ פאָלק מיט געלעכטער, וואָס האָט גע־דאַרפט דאָס לאַכן געניטיק ווי דאָס לעבן, און דורכן לאַכן — דאָס לעבן צו דערהאַלטן ביים לעבן.

איצטער גייט אויך שלום־עליכם אָנשטעקן אַנדערע פעלקער מיט זיין געלעכטער. עס גייט אַריבער פראַנק־און־פריי גרענעצן און דרינגט אַריין אין לענדער. מען וועט הערן שלום־עליכמען אויף ענגליש, פראַנצויזיש, אי־טאַליעניש, אויף שפּאַניש און אפילו אויף יאַפּאַניש. די וועלט וועט זיך קאַטשען פאַר געלעכטער.

נישט בלויז איז דאָס געלעכטער ביי שלום־עליכמען געווען זיין לעבנס־פילאָזאָפיע, נאָר ער האָט געטראַכט וועגן דעם געלעכטער אויך אויף

נאָך זיין טויט. שלום־עליכם האָט, זעט אויס, זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז נאָך זיין טויט וועט מען בעת די אזכרות צו זיין יאָרצייט וויינען, ווי דער שטייגער — וואָס דען וועט מען טאָן? — און זיין געלעכטער וועט חלילה נאָך פאַרשטומט ווערן מיטן מאָמענט ווען ער גופא וועט פאַרשטומט ווערן. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם פאַטאַלן איבעררייס, ווייל ער האָט באַטראַכט דאָס געלעכטער ווי דאָס לעבן, וואָס רייסט זיך נישט איבער און גייט איבער פון איין דור צום אַנדערן. דערפאַר האָט זיך שלום־עליכם באַוואָרנט אין זיין צוואה, אַז ווען זיינע נאָענטע וועלן זיך פאַרזאַמלען צו דער געלעגנהייט פון זיין יאָרצייט זאָל מען פאַרלייענען זיינע זאַכן.

און ווי וועט מען שוין קאָנען וויינען, לייענענדיק שלום־עליכמען?

שלום־עליכם האָט געוואָלט מיט זיין געלעכטער פאַרשלאָגן די טרערן פון פאָלק, פאַרשלאָגן זיין קרעכץ און אָכץ; אַז דאָס געלעכטער זאָל זיך קיינמאָל נישט אָפּטאָן פונעם מויל פון פאָלק און זיך קיינמאָל נישט אויסלעשן אין זיינע אויגן. ס'האָט זיך נישט אויסגעלאָשן אפילו ווען זיי זענען געווען פאַרלאָפן פון בלוט און טרערן. דאָס געלעכטער האָט זיך געשטיקט צוזאַמען מיט די, וואָס זענען געווען שלום־עליכמס אַנרעגער און אינספּירירער, זיינע געבערס און אויך זיינע נעמערס; ס'איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען אין קאַטאַקליזמען און אינעם אַנגעוואָלגער פון רואינען. אַן איבערגעבראָכנס אין צער האָט עס זיך אומגעקערט צום לעבן.

איך ווייס שוין פון לאַנג, אַז עס איז נישטאָ קיין סכנה פאַר שלום־עליכמס געלעכטער. דאָס געלעכטער זיינס איז פאַרסטראַכירט און טאַקע אין דער בעסטער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט פון מנחם־מענדלען, שיינע־שיינדלען, פון טוביהן, שימעלע סאָראָקער, פון שמעון־עליע שמע קולנו, פון מאָטל פייסי דעם חזנס עט קאָמפּאַני. נאָך מער פאַרזיכערט איז עס איצטער דורך דעם וואָס זיין געלעכטער הילכט אָפּ וואָס אַמאָל אַלץ העכער אין מיליאָנען פרעמדע מיילער — וואָס ווערן אַזוי אַרום אייגענע — און דורך דעם וואָס עס האָט באַקומען פעסטע וועלט־גאַראַנטיעס.

קאָן מען דאָך שוין אוודאי זיין רואיק און אויסגעזאָרגט פאַר זיין קיום.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט שלום־עליכם ווידער מצליח געווען און ער איז נאָך מער מפורסם געוואָרן ביי די אומות העולם. דאָס איז געווען נישט דורך קיין אַנדערן ווי דורך זיין אַלט־באַקאַנטן, היימישן און ליב־האַרציקן טוביה דער מילכיקער, וועלכן מ'האָט אין אַ טעאַטראַלער וועלט־אויפפירונג משנה־שם־געווען אויף „אַ פידלער אויפן דאַך“. ס'הייסט, טוביהן האָט מען

נישט געענדערט, טוביה איז געבליבן טוביה, נאָר נישט מער, מען האָט אים צוגעגעבן שאַגאַלס אַ כלי־זמר, וואָס זיצט אויף אַ דאַך מיט זיין פידעלע, און מ׳האָט אים איבערגעזעצט אויפן דאַך פון טוביהס כאַטע. „אַ פידלער אויפן דאַך״ איז נישט די קווינטעסענץ פון דער פאָרשטעלונג, נאָר אַ דינע איידעלע ראַם, אַ פּרעליוד, אַ פאַנטאַסטישער לייט־מאָטיוו. מ׳האָט אויס־געבאָרגט ביי שאַגאַלן אַ מיסטישע געשטאַלט, דעם נזירישן פידלער, און אים מזווג געווען מיט שלום־עליכמס ערדישער געשטאַלט, טוביה דער מיל־כיקער. שלום־עליכמען האָט עס נישט געשאַדט און אונדז אויך נישט. דער פידלער האָט זיך אַרויסגעלאָזט שפּילן מיט זיין פידעלע איבער די דעכער פון די וועלט־מעטראָפּאָליעס, פּונקט ווי טוביה מיטן געקלונגערײ פון זיינע מילך־קאַנען. דער פידלער האָט געשפּילט און שלום־עליכמען האָט דערביי צוגעשפּילט דאָס מזל, פּונקט ווי דאָס מזל האָט צוגעשפּילט טוביהן אַמאָל, אַמאָל, אין וואַלד צווישן אַנאַטעווקע און בויבעריק, ווי מען קאָן דאָס טאַקע לייענען ביי שלום־עליכמען.

אונטער דער ערשטער מעשה, וואָס ווערט דורך טוביהן דערציילט שלום־עליכמען און איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט, די מעשה ווי אַזוי ער איז געוואָרן טוביה דער מילכיקער, איז אָנגעגעבן דאָס יאָר 1895. דאָס הייסט, אַז עס ווערט היי־יאָר (1970) פינף און זיבעציק יאָר ווי טוביה איז אַרויסגעפאָרן אין אַ מזלדיקער שעה פון אַנאַטעווקע קיין בויבעריק צו די גבירישע דאַטשעס מיט זיין פערד־און־וועגעלע מיט פּוטער און קעז, מיט מילך און סמעטענע.

ווי אַזוי איז דאָס דעמאָלט טוביה געוואָרן טוביה? — ס׳איז אַ מזל־זאַך, וואָס שלום־עליכם באַצייכנט דאָס אַלס „דאָס גרויסע געווינס״ — אַ מזל־זאַך, צו וועלכער, אגב, מיר זענען אויך אַלע מזלדיק ביזן היינ־טיקן טאָג און מיר געניסן בהרחבה פון זיינע פולע קאַנען, וואָס וויפל מען זאָל פון זיי נישט שעפּן קומט אַלץ אַריין אין זיי די ברכה.

גאָט האָט געוואָלט, אַז צוויי ווייבער נגידותטעס, פון די „סטיקראַטן״, וועלכע האָבן געהאַט אַ דאַטשע אין בויבעריק, זאָלן פאַרבלאָנדזשען אין וואַלד און טוביה, וועלכער פאָרט גראָד אָן מיט זיין פערד־און־וועגעלע, זאָל זיי אויסלייזן פון דער צרה און זיי אָפּפירן אַהיים, פאַר וואָס זיי באַ־לוינען אים מיט אַ מאַיאָנטיק, וואָס פון אים האָט ער זיך געקאָנט אויפ־שטעלן די אונטערנעמונג פון מילכיקס און ער איז געוואָרן אַ ייד אַ בעל־פּרנסה.

אָבער איידער די מילך האָט אָנגעהויבן צו רינען פון די קאַנען (און פריער נאָך פון די אייטערס פון די בהמהלעך) איז ביי טוביהן דעם אָרע־

מאַן אין זיבן פּאַלעס און מטופּל מיט קינדער דאָס וואָסער דערגאַנגען ביז צום האַלדז. אין דעם ערשטן קאַפּיטל טאַקע, "די וווּנדערלעכע מעשה", וואָס טוביה דערציילט דעם מחבר "פּאַניע שלום־עליכם" און "וואָס איז כדאי צו באַשרייבן אין אַ ביכל", זעט מען ווי פינצטער ס'איז געווען ביי טוביהן איידער ס'איז געוואָרן ליכטיק, מען פילט זיין מצב־רוח אין וואַלד ערב זיין אָנטרעפן די צוויי מאָדנע פּאַרשוינען, די גבירישע ווייבער, וואָס נישט אַנדערש נאָר גאָט אַליין האָט זיי פאַרפירט אין וואַלד פאַר טוביהס וועגן:

"ויהי היום, איין מאָל פאַרנאַכט פאַר איך מיר אַזוי זומער־לעבן אין וואַלד, צוריק אַהיים, אַן די קלעצער; דער קאָפּ אין דער ערד, אויפן האַרצן וויסט און פינצטער; דאָס פערדל, נעבעך, קוים וואָס עס פלאַנטעט מיט די פיס, כאַטש האַק, כאַטש בראָק. "קריך, זאָג איך, שלימזל, אין דער ערד אַריין גלייך מיט מיר, ווייס אויך וואָס באַטייט אַ תענית אין אַ לאַנגן זומער־טאָג, אַז דו שטייסט איין ביי טוביהן פאַר אַ פערד!" שטיל אַרום און אַרום, יעדער קנאַק פון דער בייטש רופט זיך אָפּ אין וואַלד; די זון זעצט זיך, דער טאָג — ער גוססט; די שאָטנס פון דיביימער ציען זיך אויס לאַנג ווי דער יידישער גלות; עס הייבט אָן ווערן פינצטערלעך און שטאַרק סומנע אויפן האַרצן. פאַרשידענע געדאַנקען, מחשבותן קריכן אין קאָפּ אַריין, אַלערליי געשטאַלטן פון מענטשן, שוין לאַנג געשטאָרבענע, קומען מיר אַקעגן; און דאָ דערמאָן איך מיך די היים — אַז אַך און וויי איז מיר! אין שטוב איז פינצטער חושך; די קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, נאַקעט און באָרוועס, קוקן אַרויס, נעבעך, אויפן טאַטן, דעם שלימזל, טאָמער וועט ער ברענגען אַ ברייטל אַ פריש, און אפשר אַ בולקע אַהיים..." און ווען טוביה רופט אויס צום רבונו של עולם: "רפאנו ונרפא — שיק אונדז צו די רפואה, די מכה האָבן מיר שוין אַליין..." דעמאָלט קומט זי טאַקע, די רפואה, וואָס האָט טוביהן אויסגעהיילט פון אַלע זיינע מיחושן און צרות. אָבער ס'רעדט זיך נאָר אַזוי: אויסגעהיילט פון אַלע צרות, ווייל נישט בלויז מיט ברויט לעבט דער מענטש (זאָל זיין אפילו מיט פּוטער און קעז). אחוץ מיט קבצנות איז אויך טוביה באַשאָנקען געוואָרן מיט טעכטער און מיט צרות פון די טעכטער. וואָס צו זיי האָט דאָס געלט פון די גבירישע ווייבער אין וואַלד נישט געקאָנט העלפן.

טוביהס ערשטער אַרויספאָר מיט פינף און זיבעציק יאָר צוריק האָט מצליח געווען. זיין וועגעלע מיט מילכיקס האָט געברענגט פּרנסה נישט בלויז פאַר אים מיט זיין גאָלדע סערצע און זייערע טעכטער, נאָר ס'האָט

אויך געגעבן שיינע גאַזשעס יידישע אַקטיאָרן און איצטער איז זיין מילכיקס געוואָרן אַ שמאַלצגרוב פאַר די טעאַטערס אין דער וועלט.

האָט זיך דען טוביה אָט דאָס געקאָנט פאָרשטעלן דעמאָלט, ווען די צוויי פאַרבלאָנדזשעטע נקבות אין וואַלד, וואָס ער האָט אָפּגעפירט צו זייער דאַטשע אין בויבעריק און זיי האָבן אים פאַר זיין טירחה אויסגעצאָלט דעם מטמון מיט געלט, פון וועלכן ער האָט זיך געקאָנט פאַרלייגן זיין מילכיקס ? און האָט ער דען געקאָנט אַמאָל חלומען, אַז אָט דאָס מילכיקס וועט זיך לאָזן אַזוי בשפע מעלקן און וועט אַזוי פּראָספּערירן אין אַ וועלטמאַסשטאַב און זיינע מילך־קאַנען — זיינע באַשיידענע אָבער ערלעכע פּרנסה־קוואַלן — וועלן מיט פינף און זיבעציק יאָר שפּעטער קלינגען איבער דער וועלט ?

ניין, אַזעלכע חלומות און אַזעלכע השגות האָט ער נישט געהאַט. טוביה איז געווען אַ באַשיידענער ייד און ער האָט זיך באַגנוגנט מיט דעם קליינעם גליק פון זיין ביסל אויפגעריכטן מילכיקס, וואָס ער האָט צעפירט מיט זיין פערד־און־וועגעלע צו די בויבעריקער דאַטשעס. פריער האָט ער מיט זיין וועגעלע געפירט קלעצער, זיך אָפּגעריסן דאָס געזונט און אַנטקעגן דעם האָט ער זיך שוין איצטער געהאַלטן פאַר אַ פאָלנעם נגיד. אמת צו בראָדסקין האָט אים נאָך אַ סך געפעלט. „נאָר וועדליק אַמאָל — זאָגט ער — בין איך היינט, הייסט דאָס, אַ נגיד, מיט אַ פערד־און־וועגעלע אָן אייגנס, מיט קיין עין־הרע, בהמהלעך אַ פּאָר וואָס מעלקן זיך, מיט נאָך איינע, וואָס האַלט אָט־אָט ביי אָפּקעלבן זיך״, וואָס דאָס מיינט, אַז די נגידותשאַפט וועט נאָך גרעסער ווערן. און איצטער איז פון זיין באַשיידענעם האַרעפּאַשנעם וועגעלע געוואָרן אַ טריומף־וואָגן וואָס נעמט איין וועלטן. און טוביה איז נישט מער בלויז קיין נגיד פון אַ פּאָר בהמהלעך (אפילו מיט אַ קעלבל אין פּערספּעקטיוו אויף אַ צולאָג), נישט בלויז אַ נגיד פון אַנאַטעווקע און בויבעריק, נאָר אַן אויפגעקומענער גביר — אַ וועלט־גביר און זיין מילכיקס איז אויסגעוואַקסן צו אַ מילך־טרעסט, וואָס פאַרפלייצט שטעט און לענדער.

טוביה האָט אָפּגעדאַנקט זיין מחבר „פּאַניע שלום־עליכם״ און אויף זיין פּראָסטן פערד־און־וועגעלע אים נאָך מער אַריינגעפירט אין דער וועלט אַריין, ווען עס איז אין יאָר 1964 אין ניו־יאָרק געשאַפן געוואָרן פון אים אַ מוזיקאַלישער ספּעקטאַקל, אַ „מיוזיקל״ בלע״ז. אַ טוביהן האָבן מיר איצטער פון אַ נייעם נוסח און שניט, וואָס זינט טוביהס האָבן זיך געטוביהט איז נאָך אַזאַ טוביה נישט אַרויס. אַ טוביה לויט די השגות און אַספּיראַציעס

פון בראָדוויי. אַ טוביה, ווו זיין אָרעמקייט פאַרבלענדט דאָס אויג מיט רייכקייט פון ליכט און פאַרבן און פאַרכאַפּט דאָס געהער מיט מוזיק און לידער, וואָס טוביה האָט קיינמאָל נישט געזונגען און וואָס שלום־עליכם האָט זיי נישט געשריבן... צי וואָלט שלום־עליכם געהאַט נחת פון דעם און פולע סאַטיספּאַקציע, דאָס ווייס איך נישט. מען פרעגט, אַלנפאַלס, נישט ביי אַ טויטן שרייבער און אַמאָל אפשר ביי אַ לעבעדיקן אויך נישט...

איך האָב שוין געזען אינטערפּרעטירן טוביהן אויף אַ פאַרשידנאַר־טיקן און אַנדערשדיקן אופן. איך האָב שוין געזען אויף דער בינע אַ טוביה אַ שטיק איוב, וואָס ליידט און קומט אָפּ אויף דער וועלט; אַ טוביה, וואָס מעדיטירט און פילאָזאָפירט איבער זיינע קאָנען; אַ טוביה אַ למדן און אַ טוביה אַן עם־הארץ; אַ טוביה וואָס קוקט פון אויבן אַראָפּ אויפן פּעבל, אויף דער הראַמאַדע, די גויים פון דאָרף, וואָס ער וויל איבערקליגן, אויב נישט איבערכיטרעווען, און אַ טוביה אַ נאַשבראַט, וואָס לעבט בשלום מיטן דאָרפס־מענטש אין גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם און פעלקער־פריינט־שאַפט; אַ טוביה, וואָס וויל אַוועק קיין ארץ־ישראל און אַ טוביה, וואָס ארץ־ישראל עקזיסטירט נישט פאַר אים, ווייל זיין פּראָבלעם וועט געלייזט ווערן אויפן אָרט מיטן אַלגעמיינעם פּראָגרעס. און איך האָב שוין געזען אַ טוביהן אַ ליכטיקן אָפּטימיסט, אַ בעל־בטחון, וואָס יאָגט אַוועק פון זיך די עצבות מיט אַ פּסוק און מיט זיין בייטשל. און איך האָב שוין אויך געזען אַ טוביה דער מילכיקער וואָס איז נישט מילכיק און נישט פליישיק, וואָס איז אויסן בלויז צו פאַרווייליז, צו אַמוזירן, צו צעשטרייען. און אַ טוביה האָט זיך באַוויזן אין פּאַריז אין גאָר אַ נייעם גלגול, אַ טוביה וואָס אי־בעררּאַשט מיט אויסשטאַטונג און בליצלעמפּ, וואָס פאַרהילכט מיט גע־זאַנג און באַלעט, נאָגט ביים האַרצן מיט די „ליריקס", ווו טוביה גופא דאַרף אפשר זיין בלויז אַנרעג און אויסרייד פאַר דעם פאַרבלענדנדיקן ספּעקטאַקל.

זעט אויס, אַז מיט אַזאַ טוביהן האָט מען געוואָלט לייכטער צוקומען צו אונדז און נישט אַזוי צו אונדז ווי צו דער פרעמדער וועלט, וואָס מען דאַרף זי איינבעמען מיט פאַרלאָקנדיקע מיטלען, ווי אַ קינד מיט אַ פּיל־קאַליריקער צאַצקע, אַ שיין מעשהלע, מיט צוזאָגן גאָלדענע בערג, אַבי עס זאָל וועלן אויפעסן די זופּ.

אפשר זענען פאַרן הײַנטיקן מענטש פון אונדזער עפּאָכע פון טעמ־פּאָ, פון נערוון־שפּאַנונג און אומגעדולד נויטיק אַנדערע קונסט־פאָרמען, וואָס זיין געמיט זאָל זיי קאָנען אויפנעמען אָן איבעריקן אָנשטרענג, אָן אַריינטראַכטן זיך? דער דערפאָלג פון „וועסט־סאַיד־סטאָרי" און „מאַי פער

לײדי״ איז אפשר געװען אַ טעסט פֿאַר דעם און אַ דערפֿאַרונג ? קאָן אפשר גרײלעך געמאָלט זײן, אַז מיר װעלן נאָך זען פֿאַרפֿראַװעט מיט געזאַנג און טאַנץ „שײלאָק״, „האַמלעט״ צי דעם „קעניג ליר״, װעלכער האָט, אגב, אויך געהאַט טעכטער און אויך צרות פֿון טעכטער.

דערװײל מיט דער פֿאַרװאַנדלונג פֿון „טוביה דער מילכיקער״ אויף „אַ פֿידלער אויפֿן דאַך״ האָבן מיר זיך נישט װאָס צו באַקלאָגן, אויף װיפֿל מיט זײן שװעבן איבער די דעכער פֿון דער װעלט צעטראָגט ער אויף זײן שטײגער צו די אומות העולם, צוזאַמען מיט זײן מילכיקס, די שײנע װערטן פֿון אונדזער ליטעראַטור. טוביה, װעלכער האָט אָנגעהויבן מיט רעדן אויף „עברי־טײטש״, רעדט איצטער אויף אַלערלײ לשונות און ער שיט מיט זײנע פּסוקים אויף ענגליש, טערקיש, האָלענדיש, שװעדיש, דעניש, דײטש, יאַפּאַניש, און לעצטנס אויך אויף פֿראַנצויזיש. טוביה איז אַרײַן מיטן רעכטן פֿוס קײן פּאַריז, אַדורך מיט זײן פֿערד־און־װעגעלע און מיט אַלע אַנאַטעװקער תושבים דעם טריומף־טויער פֿון שאַנז־עליזײ און גאַרנישט צו אונדזער שאָדן, װײל די חשיבות װאָס ער באַקומט דאָרטן גײט אויך אַרויף אויף דער קאָנטע פֿון דער ײדישער ליטעראַטור און אויף ײדן בכלל. אַזוי שפּילט אונדז דער פֿידלער גאַנץ פֿײן צו און זײן שפּילן — אויף אונדזער שאָדן געזאָגט.

לאָמיר זיך צוריקקערן צום קװאַל, ס׳הײסט אין װאַלד אַרײַן צװישן אַנאַטעװקע און בױבעריק, װו טוביה איז דאָס געװען אַזאַ בר־מזל מיט פֿינף און זיבעציק יאָר צוריק, אַנטרעפֿנדיק דאָרטן אין זײן פֿאַרצװײפֿלטן מצב די צװײ אומגליקלעכע — און פֿאַר אים גליקלעכע — נקבות, װעלכע האָבן אים ממש אָפּגעגילדט. נישט פֿאַר זיך אַלײן האָט טוביה דעמאָלט אַרויסגעצויגן „דאָס גרויסע געװינס״.

ביז צום הײנטיקן טאָג זענען מיר אַלע שותּפֿים צום דאָזיקן „גרויסן געװינס״.

1970

פון קוילער-געסל
אין דער גרויסער וועלט אַריין
(צו דער צענטער יאָרצייט פון שלום אַש)

אין אַ טריבן פּאַריזער הארבסט־אָוונט זענען בסך־הכל נישט קיין גאַנצע דריי מנינים קוטנער לאַנדסלייט זיך צונויפגעקומען אין אַ קליינעם לאָקאַל אין אַ געסל ביי פּלאַץ רעפּובליק בכדי צו דערמאָנען די צענטע יאַרצייט פון זייער גרויסן בן־עיר שלום אַש. באַשיידן האָבן זיי דאָס אָנגערופן אין די מעלדונגען אין דער פּרעסע: אזכרה. נישט פייערונג, נישט אַקאַדעמיע, נאָר פשוט: אזכרה. עס איז שוין געווען פיינלעך וואָס קיין צענטראַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציע האָט זיך נישט דערמאָנט אין אָט דער דאַטע און זיך נישט געגעבן די מי איינצואָרדענען אַ פייערונג ווי שלום אַש האָט עס פאַרדינט און עס האָט דאָס געדאַרפט טאָן בלויז די קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט, גלייך ווי שלום אַש וואָלט געווען אַ נאָמען וואָס האָט נישט אַריבערגעשפּרייזט דעם גבול פון קוטנע, זענען נאָך דערצו אויך נישט אַלע קוטנער געקומען...

איך האָב אָנטיילגענומען אין דער דאָזיקער אזכרה און געפילט דעם טאָפּלטן צער; צום צער, וואָס מען פילט אויף יעדער אזכרה בכלל, איז נאָך דאָ צוגעקומען דער צער צוליב דעם קליינעם אָנטייל אין אים, וואָס דאָס האָט עדות געזאָגט וועגן דער טראַגישקייט פון דעם פאַרגעסענעם און פאַראיינזאַמטן שלום אַש. קיין איינער פון שלום אַשס אַמאָליקע לייענער און חסידים (און אַזעלכע זענען דאָך זיכער פאַראַן אין פּאַריז), אויסער די קנאַפּע דריי צענדליק קוטנער, האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו זיין אַנוועזנד, אפילו בלויז צוליב סענטימענטאַלע טעמים, אָדער לכל הפחות בלויז צוליב זיין אַ שעה צייט מיט די קוטנער, פון צווישן וועלכע אַש איז אַרויסגעקומען.

פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די גלייכגילטיקייט? זאָל עס זיין דערפאַר וואָס די וועלט פון שלום אַש איז נישטאָ מער און מיר אַלע שלייכן זיך אַרום ווי אייניציקע שאָטנס אירע?

די קוטנער האָבן געזען מיין אַנטוישונג און זיי האָבן מיך פּרובירט

טרייסטן. מיט וואָס? מיט דעם וואָס אויף דער לוויה פון אַשן זענען געווען נאָך ווינציקער מענטשן. יאָ, די יידישע מאָראַל הייסט שטענדיק פאַרקוקן זיך אויף נאָך ערגערס, בכדי דאָס שלעכטע זאָל נישט אַרויסקומען אַזוי שלעכט. און דאָך קאָן איך זיך נישט אָפּהאַלטן פון פאַרקוקן זיך אויף עפּעס בעסערס: אויף אַ פייערונג לכבוד שלום אַש אין וואַרשע צו זיין פופציק־יאָריקן יובילײ אין יאָר 1930. ס׳איז געווען אין איבערפולטן טעאַטער־זאַל „נאָוואָשטשי" אויף ביעלאַנסקע גאַס. איך בין דעמאָלט געווען אַ בחור, וואָס האָט געשלונגען שלום אַשס ראָמאַנען און דערציילונגען מער ווי ברויט, און ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט: אויף די בענק אין פאַרקן, ביים ליכט פון גאַסן־לאָמטערן און אויך ביים לבנה־ליכט, פון וועלכן איך האָב געקאָנט געניסן בחינם. דעם יום־טוב פון דער יידישער ליטעראַטור האָט מען ממש געפילט אין דער לופט, כאָטש די לופט וואָס איך האָב געאָטעמט איז געווען אַ שווערע און אַ שטיקנדיקע, ווייל איך האָב זיך געפונען אויף דער גאַלעריע, ווו עס איז געווען קאָפּ אויף קאָפּ און ווו איך האָב קוים באַוויזן צו קריגן אַ שטיי־פּלאַץ. דעם פייערלעכן פּרעזי־דיום האָב איך געזען פון דער ווייטנס, מטושטש און אַלע פּנימער פאַרנעפּלט און קוים־קוים האָב איך דערקענט דעם בעל־יובל. איך האָב זיך געדאַרפט משער זיין, אַז דער וואָס זיצט אין סאַמע מיטן דאַרף, לויט אַלע פּרעזידיום־כּללים, זיין שלום אַש. איך בין געווען גליקלעך מיט מיין דעראָבערטן שטיקל שטיי־פּלאַץ אויף דער גאַלעריע, ווייל עס האָט געקאָנט זיין ערגער (און די יידישע מאָראַל הייסט דאָך שטענדיק זיך פאַרקוקן אויף נאָך ערגערס כדי צו פילן ווי דאָס שלעכטע איז נישט אַזוי שלעכט). עס האָט געקאָנט גע־שען, אַז איך זאָל זיך בכלל נישט קאָנען אַריינבאַקומען אין זאַל, ווייל ביים אַריינגאַנג האָט אַ מענטש פון דער דירעקציע זיך געקרימט אויף מיין „הולך", ער האָט מיך דווקא נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין זאַל, ווייל לויט זיין איינזען בין איך נישט געווען גענוג שיין אָנגעטאָן, אפילו נישט פאַר דער גאַלעריע, אָבער בלויז אַ דאַנק מיין עקשנות, מיין ליבשאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור און מיין דערגיין אים די יאָרן איז מיר געלונגען אַריינ־צובאַקומען זיך אין זאַל. ביי היינט צו טאָג, ווען איך טראַכט פון יענעם קליינעם „ליטעראַרישן אינצידענט" האָב איך פונדעסטוועגן אַ סאַטיס־פאַקציע, אַ סאַטיספאַקציע וואָס צו אַ פייערונג פון אַ יידישן שרייבער האָט מען געדאַרפט זיין שיין אָנגעטאָן, ווי צו אַ גאַלאַ־פאַרשטעלונג, אָדער אָפּי־ציעלער פּרעמיערע אין דער אָפּערע. ווי רייך מיר זענען דעמאָלט געווען מיט אונדזער אָרעמקייט... היינט איז מען שוין אָנגעטאָן שיין, אָבער ס׳איז נישטאָ די פייערלעכקייט ווו אויסצונוצן די עלעגאַנץ און די פּראַכטישקייט פון אונדזערע יום־טובדיקע בגדים.

אין אַ געוויסן מאָמענט איז די אַטראַקציע פון יענעם פייערלעכן אוונט געווען די מוטער פון אַשן, וועלכע איז ספּעציעל אַראָפּ־געקומען פון קוטנע צו שעפּן נחת פון שלומען און צו באַטייליקן זיך אין איר זונס יום־טוב, אין וועלכן זי האָט אויך געהאַט עפּעס אַ שטיקל חלק. און אַש האָט געוווסט וויפל ער איז שולדיק דעם דאָזיקן „עפּעס". דאָס רירנ־דיקסטע פון דער פייערונג איז טאַקע געווען דעמאָלט ווען דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט צו אַפּלאָדירן דער מאַמען, וועלכע האָט זיך געפונען אין די ערשטע רייען אויפן זאַל בעת איר זון האָט איר אָנגעטאָן כבוד, זאָגנדיק אין זיין רעדע, אַז אַלץ האָט ער איר צו פאַרדאַנקען, דער מאַמען.

איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב זי זייער געוואָלט זען, די מאַמע פון שלום אַשן, כ'האָב זיך אָנגעשטרענגט, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינ־גער, געוואָלט אַלעמען איבערשטייגן, בכדי צו דערזען זי, אָבער צו מיין באַדויער, האָט עס זיך מיר בשום־אופן נישט איינגעגעבן.

בעת אַש האָט גערעדט האָט געשמעקט מיט קוטנע, מיטן קוילער־געסל, מיט מאַטקע גנב, מיט דער מאַמעס ניגון פון טייטש־חומש און מיטן טאַטנס וואַרעמען צעפּאַרעטן אַקסן־מיסט, צי דער דירעקטאָר פונעם טעאַ־טער־זאַל „נאַוואָשטשי", דער מפונק און אַפּהיטער פון עלעגאַנץ, האָט עס געקאָנט, אָדער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. פאַר אים איז עס אפשר געווען אַ דיסאָנאַנס, אויב נישט פאַרשוועכונג, אָבער פאַר מיר האָט דאָס נעבנטער גע־מאַכט אַשן און פייערלעכער געמאַכט די פייערלעכקייט און עס האָט מיר געגעבן כוח צו שטיין אויף דער גאַלעריע, נישט אָפּצושטיין און צו מוטשען זיך פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איך באַדויער נישט ביז צום היינטיקן טאָג.

זיי זענען איצטער ביידע אַריין אין זאַל, די מאַמע מיט אירע ווייכע בנעימותדיקע טריט און דאָס קוילער־געסל מיט זיינע פּראָסטע האַרטע שטיוואַליעס, און געשטעלט זיך פאַרן חשובן פּרעזידיום ווי פאַר אַ הויכן סנהדרין. די מאַמע און דאָס שטעטל — דאָס זענען דאָך געווען די צוויי אינטימע עלעמענטן, מיט וועלכע אַש האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין זיין גע־בענטשטן גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור. די מוטערלעכע געשטאַלט גייט דאָך אַדורך מיט אַ סך רעליעפקייט אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע ווערק, אין איר איז דאָך זיכער פאַראַן דאָס פאַרבאָרגענע אָפּבילד פון זיין מאַמען. וועלכע איז דער פּראָטאָטיפּ פון אַלע זיינע מוטער־ און־פרויען־געשטאַלטן.

און דאָס שטעטל — נישט בלויז עס האָט געלייגט דעם חותם אויף אַשס אָנהייב־שאַפן, נאָר עס האָט געגומען דעם סאַמעראָדנעם אונטערפירן זיינעם אין דער ליטעראַטור אַריין. אַש האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען דעם

שטעטל, זיין ערשטן מקור פון אינספּיראַציע און אויך דאָס שטעטל האָט אַ סך צו פֿאַרדאַנקען אַשן, איר ליריש־ראָמאַנטישן באַזינגער. דאָס שטעטל האָט אַשן אַריינגעשושקעט און אַנטפּלעקט די ערשטע סודות וועגן דער וווּנדערלעכער שיינקייט, וואָס הייסט יצירה, ליטעראַטור־שאַפונג. ווי אַן עופּהלע וואָס פֿאַרכליניעט זיך מיט דער מאַמעס מילך, אַזוי האָט ער זיך אין זיין יונג־ראָמאַנטישן פֿעריאַד פֿאַרכליניעט מיט די שטעטל־דיקע „ליבע זומערדיקע פֿאַרנאַכטן" שלווהדיק־פֿאַרטרוימטע, וואָס מיט זייערע ראַזע שקיעות האָט ער זיך באַטרונקען און דעלעקטירט ווי מיט אַ דורכזיכטיקן לויטערן וויין.

דאָס שטעטל איז געוואָרן אין דער בלי־צייט פֿון דער יידישער ליטעראַטור אַ שם־דבר, אַ פּראָגראַם, אַ שיטה, אַ טעמע פֿאַר דעבאַטעס און חקירות. מען האָט אַ לאַנגע צייט געמאַכט פּאַראַלעלן צווישן אַשס „דאָס שטעטל" און ווייסענבערגס „אַ שטעטל", אַנאַליזירט זייערע אונטערשיידן. ס'איז נישט געווען דאָ בלויז דער חילוק פֿונעם באַשטימטן און אומבאַשטימטן אַרטיקל אינעם טיטל, נאָר אין אַן אַנדערשדיקן, היפּוכדיקן אופֿן פֿון זען דאָס שטעטל. ביי ווייסענבערגן — סאָציאַלער וואָכעדיקער אומרו, ביי אַשן — משפּחהדיקע שבתדיקע מנוחה. דאָרטן — רויער ערדישער גע־ראַנגל, דאָ — הימליש־פֿאַרחלומטע סאַמעטענע אידיליע.

שלום אַש האָט מצליח געווען מיטן שטעטל. אָבער ער האָט זיך נישט צו לאַנג געהאַלטן דערין און זיך נישט געקלאַמערט ביי די שטעטלדיקע פֿאַרדריפּעטע פּאָלעס. ער האָט זיך באַצייטנס אויסגעמענטשלט און אויס־געוועלטלט, הגם ער האָט דאָס שטעטל נישט פֿאַרגעסן און רעמיניסצענצן דערפֿון געפֿינט ער נאָך אַפֿילו אין כרך ניו־יאָרק („אַנקל מאַזעס"). אָבער אין אַלגעמיין האָט ער אויפֿגעבראָכן די מויער און טויערן פֿונעם ענגן תחום. ער האָט זיך געריסן אין דער וועלט אַריין און אויך די וועלט האָט זיך געריסן צו אים, אים געכישופֿט, גערופֿן און געלאָקט מיט איר פֿרעמד־קייט און אַנדערשקייט, זי האָט אים גערייצט און פֿאַראינטריגירט מיט איר פֿאַרשטעלטקייט און נישט־צוטריטלעכקייט, פּונקט ווי אַ פּרוי אַ פֿרום־פֿאַרקנעפּלטע און פֿאַרהעקלטע אין איר הלבשה ביז צום האַלדז פֿאַראינ־טריגירט דעם נייגעריקן בליק פֿון אַ מאַנספּאַרשוין.

צוגלייך מיטן מאַכן זיין אַרויספֿאַר אין דער וועלט אַריין, האָט אַש דעמאָלט אַרויסגעפֿירט די יידישע ליטעראַטור אויפֿן ברייטן שליאַך, אויפֿן דרך־המלך, אונטערשיידנדיק זיך בולט פֿונעם קלאַסיקער־דריילינג דערמיט וואָס ער האָט זיך נישט געהאַלטן בלויז ביים באַגרענעצטן יידישן לעבנס־שטייגער, נאָר ער האָט געשאַפֿן אין זיין טעמאַטיק אַ סינטעז צווישן דעם אַלטן יידיש־טראַדיציאָנעלן און דעם נייעם, דעם מאָדערנעם און וועלט־

פאַרגעמיקן. ער איז דערפאַר געווען צוטריטלעך צו אַלע שיכטן יידישע לייענער, וואָס האָבן דערוואַרט זיין יעדעס נייע בוך מיט זייער אַ סך נייגעריקייט און אינטערעס. ער איז געווען דער צוממיינסטן געלייענטער יידישער שרייבער און דער צוממיינסטן שרייבנדיקער יידישער שרייבער. זיין פאַרגעם, אַרבעטזאַמקייט און פּרוכפּערדיקייט זענען געווען אַ זעלטנ־קייט. שווער צו געדענקען די רשימה און צאָל פון אַלע זיינע ווערק. ער האָט אָנגעהויפּט אַ בוך אויף אַ בוך פון אַ פאַרשידנאַרטיקער טעמאַטיק ווי אַ טומל־מאַכנדיקער און לעבנס־לוסטיקער הענדלער פון קאַלירטע טיכער הויפט־אָן זיין פּיל־פאַרביקע סחורה מיט ברייטהאַרציקייט און רח־בות. אַ גאַנצע ליטעראַטור איז אַרויס פון זיינע לענדן. מען האָט געקאָנט האָבן דעם איינדרוק, אַז ער באַווייזט שנעלער אָנצושרייבן אַ בוך ווי דער לייענער באַווייזט עס איבערצולייענען; דעם לייענער איז שווער געווען נאָכצוקומען זיין באַליבטן שרייבער, ער האָט פּשוט נישט געהאַט קיין כוח אים נאָכצולויפן...

זיין יעדעס בוך, וואָס דערשיינט, איז פאַרן יידישן לייענער אַ יום־טוב. עס איז שווער צו באַשטימען וועלכעס בוך פון שלום אַש האַלט ער פאַרן בעסטן, געפעלט אים בעסער, איז אים מער צום הארצן. געוויינלעך, האָט יעדער גרויסער שרייבער אַ ווערק וועגן וועלכן מען זאָגט: „אַ קרוין־ווערק". ביי אַשן איז נישט לייכט צו באַשטימען וועלכעס בוך איז דאָס קרוין־ווערק זיינס. מען וואָלט גיכער געקאָנט זאָגן, אַז זיין גאַנץ שאַפן איז געווען אַ קרוין פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אַ קרוין אָן אויסגע־זעצטע מיט דימענטן, און מיט זיין יעדן ניי־דערשיינען בוך איז צוגעקומען אַ דימענט צו דער קרוין. אָבער ווי יעדער שרייבער זאָל, פונדעסטוועגן, נישט האַלטן אַז אַלץ וואָס ער האָט אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן איז גוט, האָט ער מסתמא אַ דיסקרעטע פּרעפערענץ, אַ געוויס ליבלינג־בוך זיינס, וואָס ער טיילט עס אויס מיט אַ באַזונדערער צערטלעכקייט. איך בין זיך משער, אַז ביי אַשן איז דאָס דאָזיקע בוך זיכער געווען „דער תהילים־ייד". איך דרינג דאָס אַרויס צוליב צוויי טעמים: פון זיין ווידמונג אויפן בוך פאַר זיין פרוי, וואָס קלינגט אַזוי:

„פאַר מאַדזשען דעם פרייגט פון מיין לעבן — דאָס בוך פון אונדזער לעבן".

און דער צווייטער טעם פאַר מיין השערה איז דער, וואָס שלום אַש האָט אין זיין צוואה פאַרלאַנגט אַז דעם מאַנוסקריפּט פון „תהילים־ייד" זאָל מען אים אַריינלייגן אין זיין אָרון.

שלום אַש האָט ליב געהאַט פון צייט צו צייט אָפּצוטאָן שפּיצלעך

און צו מאַכן קאַפּריזן, ווי אַ צעבאַלעוועטער בן־יחיד. מען איז שוין גע־וועזן צוגעוווינט גאַנץ אָפט צו הערן עפּעס וועגן אים וואָס האָט געשמעקט מיט סקאַנדאַל. צי דאָס איז געווען זיין אַרויסזאָגן זיך אין דעם ענין מילה, זיין באַקומען דעם מעדאַל פון פּילסודסקין, צי זיין קלאַפּ אין טיש אויף אַ באַנקעט פאַר אים אין מאָסקווע, איינגעאָרדנט דורך דער יעווסעקציע אין די צוואַנציקער יאָרן: "איך פייף אויף אייך!"

און אפשר איז אויך געווען אַ קאַפּריז דער קולמינאַציע־פּונקט פון אַלע זיינע קאַפּריזן, דער ציקל פון זיינע אַזוי גערופענע קריסטלעכע ראָמאַנען, אָן אָפּטאָן אויף גוייש דעם יידישן פאָלק. נישקשה פון אַ קאַפּריז, וועט מען זאָגן, אַ "קאַפּריז", וואָס האָט אַשן געקאָסט יאָרן פון אָנשטרענג, פאָרשונג און שאַפן פון אַ שיינער צאָל ביכער, וואָגיקע בענדער. דער דאָ־זיקער „קאַפּריז" האָט אים אָבער אויך געקאָסט גענוג האַרצווייטיק, בלוט־פאַרצאַפּעניש און קרענקונג. דאָס ביסל נחת און כבוד וואָס אַש האָט געהאָט פון אַט די ווערק אין דער קריסטלעכער וועלט האָבן נישט געדעקט, נישט אָפּגעצאָלט זיך פאַר דעם שאָדן וואָס זיי האָבן אים פאַרשאַפט צווישן יידן. גערעכט צי אומגערעכט, האָבן די דאָזיקע "קריסטלעכע ראָמאַנען", צום באַדויערן, אים די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אָפּגעפרעמדט און איזאָלירט פון יידישן פאָלק.

אפשר האָט דאָס אויך געהאָט אַ שטיקעלע חלק אין דעם וואָס אַפילו קוטנער, וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין אַשס באַדינגונגסלאָזע חסידים און זיין פאַר אים שטענדיק שטאָל־און־אייזן, זענען אויף דער דערמאָנטער מסיבה, געווידמעט דער צענטער יאָרצייט פון זייער גרויסן בן־עיר, נישט געווען אין דער פולער צאָל וואָס זיי ציילן זיך אין פּאַריז.

בעת דעם טומל וואָס איז אַנטשטאַנען צוליב זיינע אַזוי גערופענע קריסטלעכע ראָמאַנען האָט מען געפּרוווט מבטל מאַכן שלום אַשן, אויב נישט אַריינלייגן אים אין חרם. מען האָט געפּרוווט... און ווער מען האָט מען דען דאָס געקאָנט שטערן? ער האָט געהאָט בשעתו שאַרפע קעגנער און אָנגרייפער און אויך הייסע פאַרטיידיקער און באַשיצער, וואָס זענען גרייט געווען צו גיין פאַר אים אין פייער און אין וואַסער. ס'איז געווען אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און אַש איז דעמאָלט געשטאַנען נאָענט צו די לינקע קרייזן פון אַמעריקע, ער איז געווען אַ מיטגליד אינעם אויפנאַם־קאָמיטעט פאַר שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער און ס'איז געווען נאַטירלעך אויך אַז אין יענע קרייזן זאָל מען אים נישט לאָזן פאַלן און מען זאָל אים פאַרטיידיקן קעגן די אָנגריפן פון די פרום־אָרטאָדאָקסישע קרייזן. אין דעם געוואָלט אַז אַש איז געוואָרן אַ מיסיאָנער און רופט צו שמד איז געווען נישט בלויז לעכערלעכקייט, נאָר אויך אָפּטמאָל אַ פּרווו

פון אונטערשטעלן אים פיסלעך מצד קאַלעגן פאַרערער, וואָס עס איז געווען פאַר זיי אַ שעת הכושר און אַ גוטע קאָניוקטור אויסצונוצן. צווישן דער הייבאַם און דער קימפּעטאָרין איז אָבער דער יידישער לייענער אַרויס אַ צעקוועטשטער און ער האָט געהויבן מיט די פּלייצעס (אויף וויפל ער איז נאָך אַרויס מיט גאַנצע פּלייצעס): וואָס האָט באַוויגן אַש צו פאַרנעמען זיך אויף אַזעלכע דרכים וואָס זאָלן אים פאַרשאַפן אַזויפיל בייז בלוט? און צי איז איצטער דער פּאַסיקער מאָמענט פאַר אים אַרויסצוקומען צו יידן מיט אַ ווערק וועגן דער ישו־געשטאַלט? און דער „איצטער" איז געווען נישט עפּעס אַנדערש ווי די תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, די יאָרן פון יידישער פאַרלענדונג.

זעט אויס, אַז אַש האָט געפילט בחוש, אָדער געריכט זיך, אַז „דער מאַן פון נצרת" קאָן ווערן אויפגענומען אומגינסטיק דורך אַ געוויסן טייל יידן, יידן מיט רעליגיעזע טראַדיציעס אָדער פאַראורטיילן, און ער האָט דאָס בוך צום ערשט, אין יאָר 1939, אַרויסגעגעבן אין ענגליש און ערשט אין פיר יאָר אַרום, אין יאָר 1943, זיך אַנטשלאָסן דאָס בוך אַרויסצוגעבן אין יידישן אָריגינאַל.

עס איז אפשר געווען אַ טאַקטישער פעלער מצד אַשן וואָס ער איז געקומען צו יידן מיט זיין „מאַן פון נצרת" גראָד אין יאָר 1943, אין דעם יאָר ווען עס זענען געווען אין פולן גאַנג די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, צו וועלכע די קריסטלעכע וועלט האָט אויך, דירעקט אָדער אומדירעקט, געהאַט אַ שטיקל שייכות און ווען בעת די מאַסן־הריגות איבער יידן אין אייראָפּע האָט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם מאַן פון נצרת, דער פּויפּסט פּיוס דער 12־טער, אַנגענומען אַ פול מויל מיט הייליק וואַסער.

אויב מיטן אַרויסגעבן דעם „מאַן פון נצרת" אויף יידיש האָט אַש, נישט קאָנענדיק זיך אַנטשליסן, זעט אויס, געוואַרט פיר יאָר, איז ער שוין, וואָס שייך זיינע צוויי שפּעטערדיקע ביכער „דער אַפּאָסטאַל" און „מערי", געווען דעצידירט בכלל נישט אַרויסצוגעבן זיי אין אָריגינאַל און זיי האָבן ביזן היינטיקן טאָג נישט דערזען די יידישע שיין. אַש האָט דאָ ביי יידן געוואָלט זיין פאַרשוויגן איידער פאַרשריגן, הגם נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע זענען געשמאַקע ביסנס פאַר אַ שרייבער. ער האָט שוין אָבער געהאַט די דערפאַרונג פונעם „מאַן פון נצרת" און ער איז באַשטאַנען בעסער אויף צו זיין פאַרשוויגן און זאָלן די יידישע מאַנוסקריפּטן זיינע בלייבן אין שופלאָד און זאָלן זיינע עוואַנגעליע־געשטאַלטן נישט רעדן מיט דער שפּראַך פון מאָטקע גנב, פון ר' שלמה נגיד און פון תהילים־ייד. אפשר האָט אַש געהאַלטן אַז יידן, זיינע היימישע יידן זענען גאַרנישט ראוי צו לייענען זיינע צוויי ווערק, איב־

ספירירט פון נייעם טעסטאַמענט, און עס איז געווען אין זיין האַנדלונג אַ פאַרביטערטער צולהכעיס, אַז אַפּטאָן ווידער אויף גוייש דעם יידישן לייענער און ווייזן אים, אַז ער, אַש, קאָן זיך באַגיין אָן אים; ס'איז נאָך דאָ אַ וועלט און עס געפֿונען אים די ענגליש-לייענער און לייענער פון אַנדערע פרעמדע שפּראַכן. דאָס, מער ווייניק, האָט אַש טאַקע געזאָגט צו קוטנער לאַנדסלייט אין פּאַריז. און אפשר איז דאָס געווען נאָך אַ קאַפּריז פון אַשס קאַפּריזן?

פונדעסטוועגן איז אין אַשס נעמען זיך צו דער קריסטוס-טעמאַטיק נישט געווען בלויז אַ ווילן נושא-חן זיין ביי דער וועלט, ווי מען פלעגט זיך אויבנאויפיק אויסדריקן, נאָר אויך, און אפשר קודם-כל, אַ זוכעניש ווי אַזוי אויסצובעסערן די וועלט, אַז זי זאָל ביי אים, ביי אַשן, נושא-חן זיין. לויט אַשס אידעען-גאַנג איז זיין כוונה נישט געווען צו שאַפן זיך אַ צוטריט צו די אומות-העולם און טומאות-העולם, נאָר די טומאות אויס-צורייניקן. ס'איז געווען אַשס לעבנס-פילאָזאָפיע, זיין אידעע פון די יינגסטע יאָרן אָן, אגב, אַן אַבסטראַקטע און פאַרנעפּלטע אידעע, פון איבערבעטן די צעקריגטע געטער, וואָס אין זייער קידער-ווידער האָט ער אפשר געזען דעם מקור פון אַלדאָס בייז אויף דער וועלט און אויך דעם קידער-ווידער צווישן פעלקער און מענטשן. און עס איז געווען זיין לעבנס-מיסיע, האָט עס געקאָנט אויסזען, איבערצובעטן די געטער, מאַכן שלום צווישן זיי און דורך זיי אפשר אויך מאַכן שלום צווישן די מענטשן.

בכדי דאָס צו באַנעמען דאַרף מען זיך אומקערן צו אַשס יוגנט-צייט און צום באַגין פון זיין שאַפן. מען וועט קאָנען זען ווי פון זיינע יוגנט-יאָרן אָן האָט אים נישט צורו געלאָזט דער ברוגז צווישן די געטער און ער האָט זיך געשניטן אויף צו זיין זייערס אַ פאַרמיטלער און בורר. דאָס האָט שוין אָן אָרט אין איינער פון זיינע ערשטע נאָוועלן „מענטשן און געטער", ווו צוויי ווייבער, אלמנות, אַ יידישע און אַ קריסטלעכע, פאַראייניקט אין די זעלבע צרות און זאָרגן, וווינען בשכנות אין איין הייזל. זיי האָבן ביידע פאַרשטענדעניש איינע פאַר דער אַנדערערס נויטן, זיי בענקען צוזאַמען נאָך זייערע זין, וואָס געפינען זיך, ערגעץ-ווו מעבר לים. וואָלט שוין אַלץ גוט געווען ווען נישט די געטער זייערע, וואָס קווען זיי, דער יידישער גאָט און דער קריסטלעכער גאָט, דער יידענעס שבת-ליכט אין איין ווינקל און דער קריסטינס לעמפּעלע איבער איר הייליק בילד אין דעם צווייטן ווינקל, וואָס אַש האָט זיי ביידע געוואָלט צונויפ-שמעלצן אין איין ליכט.

אַן אָפּשיין פון יענעם ליכט און אַשס ערשטן בלייכן שפּראָץ פון זיין

לעבנס־אידעע געפינט מען שפּעטער אין זיין „תהילים־ייד״, „אין אַ קאַר־גנאַוואַל־נאַכט״, אין „איסט־ריווער״ און פריער נאָך אין „פּעטערבורג״. יענער אויסגעמיש פון דער שטעטלדיקער יידענעס שבת־ליכט און דער קריסטלעכער פּרויס פלעמל איבער איר הייליק בילד האָבן שוין דעמאָלט געפירט אַשן צו די געצעלטן פונעם „מאַן פון נצרת״, פון „אַפּאָסטאָל״ און „מערי״.

קאָן זיין, אַז געבונדן מיט דעם, איז ביי אַשן געווען אַ מין טענדענץ פון אויסמישן דאָ און דאָרטן טומאה מיט קדושה, ווי אין „גאָט פון נקמה״, אין „פּעטערבורג״ און אין אַנדערע ווערק. צי ווייל ער האָט געהאַלטן אַז דאָס לעבן אַליין איז דאָ דער מישער און מישט אַזוי אויס, אָדער אַז מען קאָן דאָ גריילעך די יוצרות גאַנץ לייכט פאַרבייטן און קיינעם ווערט עס גאָרנישט שאַטן, די טומאה קאָן זיין קדושה און די קדושה קאָן זיין טומאה. און נישט נאָר קאָנען זיי ביידע הויזן צוזאַמען אונטער איין דאַך, אין די זעלבע ד׳אמות, נאָר ביידע קאָנען אפילו לעבן בשלום אין איין און דעם זעלבן מענטש. אין מאַדאַם קוואָסנעצאָוואַס גאַסטהויז אין פּעטער־בורג, ביי דער יידישער פרוי דבורה־לאה קומען זיך צונויף פרומע יידן און אויסגעלאַסענע פרויען. מען זאָגט תהילים און מען פּראַוועט זנות. און די בעל־הביתטע פון הויז האַלט פון ביידע אמונות גלייך, פון דער יידישער און פון דער פּראַוואָסלאַווער. דער אויסטערלישער געמיש איז נישט בלויז אין איר הויז, נאָר אויך אין איר גופא. ס׳הייסט, אַז „זי איז אַרויסגעגאַנגען פון פּראַקטישן גרונט״, ווייל „אין צווייען איז שטאַרקער״. די יידישע פרוי פּראַוועט גלייכצייטיק פּראַוואָסלאַווע יום־טובים און יידישע יום־טובים. עס הענגט ביי איר אין צימער צוזאַמען אַן איקאָנע און אַ מאיר־בעל־הנס־פּושקע און אַ יידישער לוח. עס זעט מיר אויס ווי עס וואָלט נישט געשטימט מיט דער רעאַליטעט, נאָר אַז אַש זעט דאָס אַזוי אין זיין אידעען־געשטאַלטיקונג. צווישן די געטער איז שלום־בית. נישט בלויז לעבן ביידע אמונות בשלום אין איין הויז, אין דער אכסניה פון דער מאַ־דאַם קוואָסנעצאָוואַ, נאָר זיי לעבן אויך בשלום אין איין און דעם זעלבן מענטש, אין דער יידישער פרוי דבורה־לאה, און דאָס איז שוין נישט „אויס פּראַקטישן גרונט״, ס׳הייסט צוליב געשעפט, צו זיין גוט מיט אַלע קליענטן, ווייל אין צווייען איז שטאַרקער און דערפאַר, הייסט עס, האַלט זי גלייכצייטיק פון ביידע אמונות...

מיר זענען עמפּינדלעך צו דער אַטמאָספער פון אַשס געשילדער־טער טאָפּלטער בוכהאַלטעריע און אויסטערלישן געמיש אין דבורה־לאהס גאַסטהויז און נאָך מער צו דעם משונהדיקן געמיש אין איר גופא. אַש, קאָן זיין, איז אויך עמפּינדלעך, אָבער ער איז גרייט, זעט אויס, מקריב

צו זיין זיין עמפינדלעכקייט פאַר אַ העכערן ציל, פאַר זיין לעבנס־אידעע פון געטער־פאַרברידערונג, וואָס דאַרף ברענגען מיט זיך, לויט אַשן, מענטשן־פאַרברידערונג. ער האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט אין אַ רעדע אין תל־אביב אין יאָר 1936 אַז ער האָט אַ שוואַכקייט שטענדיק צו זוכן מעלות ביי מענטשן. „מיין גאַנץ לעבן — האָט ער געזאָגט — האָב איך געזוכט קידוש־השם. איך האָב אים געזוכט אין אונדזער געשיכטע און אין אונדזער איצטיקן לעבן". מילא, וואָס־וואָס, נאָר קידוש־השם אין אונדזער לעבן, באַזונדערס די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר, איז נישט געווען אַזוי שווער צו געפינען, אָבער איך בין זיכער, אַז אַש האָט דאָ געמיינט קידוש־השם אין זין פון מענטשלעכער געלייטערטקייט און דערהויבנקייט — זען די דערהויבנקייט אַפילו דאָרט ווו עס איז כולו געפאַלנקייט. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט די אידעען און תורה פון ישוע בן יוסף, אין וועמענס שפורן אַש איז שוין זיכער דעמאָלט געגאַנגען און געשעפּט פון זיינע מקורות, גרייטנדיק זיך צו שרייבן דעם „מאַן פון נצרת".

טראָץ דעם וואָס אין דעם געראַנגל אַרום זיינע עוואַנגעליע־ראָמאַנען האָט אַש געהאַט זיינע הייסע פאַרטיידיקער, האָט ער פונדעסטוועגן זיך נישט פאַרלאָזט אויף זיי און אויך אַליין אָנגענומען פאַרטיידיקונגס־מיטלען, און איינס פון די דאָזיקע „מיטלען" איז געווען זיין שפּעטערדיק בוך „משה". עס האָט עפּעס אויסגעזען ווי דאָס וואָלט געווען מצד אַשן אַ מין פאַרגיטיקונג דעם יידישן פאָלק, צו באַרואיקן די געמיטער נאָך דעם „מאַן פון נצרת", „דער אַפּאָסטאָל" און „מערי", אַ באַמיאונג אָנצוהאַלטן אַ מין גלייכגעוויכט און איינשטילן די קנאה צוליב זיין התלהבות פאַרן „רבין פון גליל". אָבער פאַר אַזאַ פאַרגיטיקונג האָט עס טאַקע אַש אַליין געהאַלטן און ער האָט עס דאָ אין פאַריז אויסגעדריקט פאַר קוטנער לאַנדסלייט, באַקלאָגנדיק זיך אַז ער ווייסט נישט וואָס מען וויל פון אים האָבן; אָט האָט ער דאָך אויך אָנגעשריבן „אַזאַ סימפּאַטיש בוך וועגן משהן..." ס'איז דערביי, אגב, צו באַוווּנדערן ממש אַשס שעפערישן כוח, ווי ביי אים האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע אָוועקצוזעצן זיך אָנשרייבן אַ בוך פון אַזאַ פאַרנעם ווי עס איז „משה" און נאָר דערפאַר ווייל ער האָט זיך געוואָלט מיט עפּעס אויסקויפן, זיך שאַפן אַן אַליבי פאַר זיין „מאַן פון נצרת". און דערביי האָבן נאָר, צוליב זיין וועלן ווערן אַ חוזר־בתשובה און צוליב זיינע אַמביציעס, קינסטלעריש געקאָנט געניסן אונדזער ליטעראַטור און אונדזער משה...

אַש האָט זיך אַליין אויך פאַרטיידיקט, זאָגנדיק אַז ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע אַמביציעס (ביים שרייבן זיינע עוואַנגעליע־ראָמאַנען) ווי ריין־קינסטלערישע. „מיינע אינספּיראַציעס הענגען נישט אָפּ פון מיר,

האָט ער געזאָגט. נישט איך באַשאַף זיי, נאָר זיי רעגירן איבער מיר... נישט איך זוך אויס מיינע אינספּיראַציעס, נאָר זיי זוכן מיך אויס״...

דער דאָזיקער אופן פון פאַרענטפערן זיך איז, לויט מיין מיינונג, נישט געננוג איבערצייגנדיק און איז אַשן נישט נייטיק געווען. זיינע אייביק־דויערנדיקע קינסטלערישע ווערטן, דאָס גאַנצע אָנגעזאַמלטע עשירותדיקע ווערק זיינס אַליין וועט שוין זיין דער בעסטער מליץ־יושר זיינער, ס׳וועט זיין מער באַגלייבט ווי אַשס אייגענע פאַרטיידיקונגס־ווערטער, וואָס מען קאָן זיי אפשר לייכט אָפּווענדן.

די אינספּיראַציעס נעמען נישט קיינעם מיט געוואַלט, די מוזע איז נישט אַזאַ גזלן, אַז זי זאָל דעם שרייבער באַפאַלן און אים אָנוואַרפן איר רצון, אַז ער אַליין זאָל שוין גאָרנישט האָבן וואָס צו זאָגן דערביי און שוין נישט קאָנען אויסוויילן וואָס יאָ און וואָס נישט. אפילו דער רבונו של עולם וואַרפט גאָרנישט אָן קיינעם, ער גיט אויף אַ דעמאָ־קראַטישן אופן די בחירה צום מענטש, אַז ער זאָל אַליין אויסוויילן צווישן גוטס און שלעכטס.

אפילו אָן זיינע פאַרטיידיקער און אייגענער פאַרטיידיקונג איז נישט מעגלעך געווען נישט בלויז אומצוואַרפן שלום אַשן, נאָר אפילו צו רירן אים פון אָרט, ווי אַ דעמב וועמענס מעכטיקע וואָרצלען שטעקן טיף אין די געדיכטע ערד־שיכטן. זיין פאַנצערשילד איז פון אַזאַ מאַטעריע וואָס די פיילן קאָנען אים נישט דורכדרינגען. קאָנען מבטל מאַכן שלום אַשן איז פונקט ווי קאָנען מבטל מאַכן די שיין פון טאָג, אַפילו ווען עטלעכע טריבע פאַרבייגייענדיקע וואָלקנס לייגן זיך אַרויף אויפן לויטער־קלאָרן הימל.

1967

פון מלאווע ביז ניו־יאָרק

(וועגן יוסף אָפּאַטאָשו)

ווען איך טראַכט וועגן יוסף אָפּאַטאָשו טויכט אויף אין מיין זכרון אַ דערמאָנונג און אַ פּערזענלעכער איינדרוק וועגן אים, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ גאַנצער אָפּגעלאָפּענער תקופה אין פאַריזער יידישן לעבן.

איך זע אים אויף דער עסטראַדע פון זאַל וואַגראַם, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט אַ יום־טובדיקן עולם בעת דער דערעפענונג פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאַריז אין חודש סעפּטעמ־בער 1937.

ער זעט זיך אָן ביים איבערגעלאָדענעם פּרעזידיום־טיש מיט זיין גע־זעצטער קרעמפּער געשטאַלט פון מיטלוווקס, מיט זיינע ברייטע קערנדיקע און געבויגענע פּלייצעס, ווי באַשווערט פון לאַסטן און עולן. ער האַלט אין האַנט דעם כתב־יד פון זיין רעפעראַט, וואָס ער לייענט מיט אַ ווייכער און יידישלעך־מעלאָדישער שטימע.

דער רעפעראַט איז וועגן דעם אָפּשטאַם פון יידיש, אַ געביט וואָס איז זייער נאָענט געווען אָפּאַטאָשון; ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אים במשך זיין גאַנץ שפּעריש לעבן. הגם די טעמע איז גיכער צוגעפּאַסט צו אַ לעקציע פאַר אַ קליינער אודיטאָריע, פאַר אַ קרייז פון ספּעציאַליסטן, יחידי־סגולה, איז דער גרויסער עולם איינגעהערט צום רעפערענט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און שטילקייט. דער רעדנער ווייזט אַרויס בקיאות און ערודיציע, סבלנות און קענטשאַפט פון אַ פאָרשער. מען זעט, אַז דאָס פאָרשן און פאַרטיפן זיך האָט אים געקאָסט נעכט פון שלאָפלאָזיקייט און טעג פון מי און אָנשטרענג. אַלע געזיכטער אויפן זאַל זענען קאָנצענט־רירט און פאַרקוקט אין איין פונקט: צו די בלעטער פון אָפּאַטאָשוס כתב־יד. מען פילט אַז דער רעדנער ווייזט אַרויס נישט בלויז וואַרעמע באַ־ציאונג און ליבשאַפט צו זיין לשון יידיש, נאָר אַז ער קען אויך אויסגע־צייכנט דעם אינסטרומענט, מיט וועלכן ער באַנוצט זיך אין זיינע בעלע־טריסטישע ווערק. ער קען זיין אַנטשטייאונג און בהדרגהדיקע אַנטוויק־

לונג, ווען יידיש האָט זיך נאָך געפונען אין די וויקעלעך און אין די קינ־דערשע העמדלעך. ס'איז זעלטן אַז אַ שרייבער זאָל זיין אַזוי אויסגעקאָכט און אויסגעבונדן מיט אַלע ניואַנסן און קנייטשן פונעם לשון פון זיין פאָלק. אָפּאַטאָשו האָט זיכער געהאַלטן, אַז אַ מחבר דאַרף אַזוי גרינטלעך קענען די שפּראַך, אויף וועלכער ער שאַפט, און וויסן ווי זיך מיט איר אומצוגיין, פונקט ווי אַ סאָלדאַט מיט זיין כלי־זיין און אַ גוטער בעל־מלאכה מיט זיין אַרבעטסגעצייג.

די גרינטלעכע באַהאַונטקייט און פּרעציזע קענטשאַפט און דער עיקר, די אויסערגעוויינלעכע ליבשאַפט צו אונדזער פאָלקס־לשון האָט דאָס טאַקע געצויגן אָפּאַטאָשון צו גיין אויף די שפּורן פון אַלט־יידיש, זיך גריבלען אין זיינע פאַרגעלטע שמות פון מיטלאַלטער, וואָס מען האָט געקאָנט געפינען ערגעץ אין די פאַרשטויבטע אַרכיוון און אויף די בוי־דעמס אונטער די שפּיציקע דעכער פון רעגנסבורג און אין די אַלטע שופּ־לאַדן און פּאַליצעס פון אליהו בחור, איינעם פון די אורפאָטערס פון אונדזער יידיש לשון.

אָפּאַטאָשו האָט ליב געהאַט אויסצוזוכן און באַנוצן פאַר זיינע שאַ־פונגען אַלטע יידיש־ווערטער, זעלטענע פאָלקס־אויסדרוקן און זיך צוהערן ווי דאָס פאָלק רעדט, ווייל נאָר אין די טיפענישן פון פאָלק געפינט אַן עכטער שרייבער פאַרבאָרגענע אוצרות און נישט־אויסשעפּלעכע קוואַלן פון אינספּיראַציע.

אַ באַווייז פאַר אָפּאַטאָשוס גראַבענישן און זוכענישן געפינט מען אין זיין נאָוועלע „אין קעמפּ", אויף אַמעריקאַניש־יידישער טעמאַטיק, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין אַ קאָלאָניע פאַר קינדער און יוגנטלעכע. אָפּאַטאָשו דערציילט:

„האָט וועלוול געלאַכט פון פּרצן, וואָס אויף קראַפּיווע זאָגט ער „פּאָקשיווע". ביידע נישט־יידישע ווערטער, ביידע גרילצן. און דאָ אין קעמפּ האָט בריל געהערט, ווי אַן אַמעריקאַנער יינגל, פון פּוילישע על־טערן, זאָגט אויף „קראַפּיווע" — בריעכץ. ווי יידיש! מען דאַרף זיך צוהערן צום פאָלק! מען קען דאָך ס'אייגענע לשון נישט!"

„צוהערן זיך צום פאָלק" — דאָס איז אין דער טראַדיציע פון דער יידישער ליטעראַטור, פון די קלאַסיקער. און אָפּאַטאָשו האָט ממשיך געווען די דאָזיקע טראַדיציע.

אין אַן אַנעקדאָט וועגן מענדעלע מוכר־ספרים ווערט דערציילט, אַז איין מאָל, זיצנדיק ביי זיין שרייבטיש, האָט דער זיידע עפּעס געזוכט, ער האָט געדאַרפט האָבן אַ פּאַסיק וואָרט און ער האָט עס נישט געקאָנט

געפינען. ער האָט געמישט בלעטער, אַנגעוואָרפן ביכער, פּאַפּירן. דאָס ווייב זייגס האָט געזען ווי ער מאַכט אַן אומאָרדענונג, האָט זי, ווי אַ בעל־הביתטע, וואָס פאַרטראַגט דאָס ניט, זיך אַנגעבייזערט אויף אים, ווי דער שטייגער: „אפשר קאָן איך וויסן וואָס דו נישטערסט דאָס אַזוינס דאָרט?" — „שוין, שוין — האָט איר מענדעלע געענטפערט — איך דאַרף שוין נישט זוכן, טאַקע אַט דאָס וואָרט נ י ש ט ע ר ן האָט מיר געפעלט."

מען דאַרף דאָ נישט קיין בעסערן באַווייז פאַר דעם ווי מענדעלע האָט געהאַלטן פון צוהערן זיך צום פאָלק און איך וויל אָננעמען, אַז דאָס ווייב זיינס האָט דער זיידע אויך פאַררעכנט צום פאָלק.

אַז אויך אַפּאַטאָשו האָט געהאַלטן פון זיך צוהערן צום פאָלק האָבן מיר געקאָנט נאָר־וואָס זען פון דער ציטאַטע פון זיין נאָוועלע „אין קעמפּ", ווי ער זאָגט עס בפירוש אַליין. אָבער אפילו אַן זיין צוגעבן: „מען דאַרף זיך צוהערן צום פאָלק!" וואָלטן מיר אויך געוווּסט אַז ער האַלט אַזוי.

לויט יוסף אַפּאַטאָשו באַשטימט נישט דער יידישער אינהאַלט צי דאָס איז יידישע ליטעראַטור, נאָר די פאָרעם. די יידישע ליטעראַטור, ווייזט ער אָן, האָט אונדז געלערנט, אַז דער פרעמדער לבוש, אַ פרעמדער פורעם קאָן קיינמאָל נישט ווערן יידיש דורך אַ יידישן אינהאַלט, דאַקעגן, מיינט ער, אַז נישט־יידישער אינהאַלט, ווי עס איז דאָס בבא־בוך פון אליהו בחור, וואָס איז אַ העלדן־עפּאָס וועגן ריטער, איז געוואָרן יידישע ליטעראַ־טור, ווייל עס האָט באַקומען אַ יידישן לבוש. פאַר זיין ערשטער הנחה ברענגט אַפּאַטאָשו אַ ביישפּיל, וועגן וועלכן עס קאָנען זיין חלוקי־דעות, און נעמלעך, אַז אין דעם נייעם טעסטאַמענט און אין דעם קאָראַן איז אויך פאַראַן יידישער אינהאַלט און ס'איז פונדעסטוועגן פרעמד און דערווידער דעם שעפערישן ייד.

איך קען נישט דעם קאָראַן, אָבער דעם נייעם טעסטאַמענט האָב איך ביי מיר אין שטוב אויף יידיש, און דווקא אין אַ גוטן יידיש, אַרויסגעגעבן דורך מיסיאָנערן אין לאָנדאָן, און הגם דאָס בוך האָט אַ יידישן לבוש באַצי איך זיך צו דעם, אפילו איך, וואָס האָב נישט געהאַט אַזאַ שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג, מיט אַ געוויסן צוריקהאַלט.

אוודאי קאָן מען צומבעסטן אַרויסברענגען יידיש לעבן אין דער יידישער שפּראַך, אַלנפאַלס, בעסער ווי אין פרעמדע שפּראַכן. ווען מען זאָל אונדז געבן אויסצוקלויבן צווישן יידישער ליטעראַטור מיט פרעמדן לבוש, ס'הייסט געשריבן אויף אַ פרעמדער שפּראַך, און יידישער ליטעראַ־טור מיט יידישער פאָרעם אָנז יידישן אינהאַלט, וואָלטן מיר זיכער אויס־

געקליבן דאָס לעצטע. אָבער ליידער זענען דאָס לעבן און די ווירקלעכ־
קייט נישט אַזוי מילד צו אונדז, אַז מען זאָל אונדז געבן אויף אַ דעמאָ־
קראַטישן אופן אויסצוקלויבן.

דער פאַרשטאַרבענער עסייאיסט און יידיש־פאָרשער א. א. ראָבאַק האָט מיט אַ צייט צוריק אַרויסגעגעבן אַ בוך מיטן נאָמען „אימפּעריע יידיש". אַז מען וויל קאָן עס קלינגען האָפערדיק און בטחונדיק, ווי אַן אויסדרוק פון זיך מאַכן אַ לב און אַ ווילן אונטערצושטרייכן דעם כוח און די מאַכט פון יידיש, און אַז מען וויל, קאָן מען אויך זען אין דעם טיטל אַ געוויסע איראָניע. ווייל וואָס פאַר אַן אימפּעריאַליסטן, מישטיינס געזאָגט, קאָנען מיר דאָס זיין, מיר יידישע שרייבער און קולטור־שעפער ?

עס דערמאָנט מיך אין די „יידישע קאָזאַקן", יידן, וואָס פלעגן אַמאָל אין מיין שטעטל אויף אַ שמחה זיך פאַרשטעלן פאַר קאָזאַקן, אַפילו רייטן אויף פערד, אָבער יעדעס חדר־ייִנגל האָט זיי געקאָנט אַראָפּרייסן די פּאַפּירענע שליפעס און אָפּנעמען ביי זיי די בלעכענע שווערד.

פון די אמתע אימפּעריאַליסטן זענען די לעצטע יאָרן אָפּגעפאַלן שטי־
קער. איין קאָלאָניע נאָך דער אַנדערער האָבן זיי געמוזט אָפּגעבן. אַפּשיטא שוין מיר, די יידיש־„אימפּעריאַליסטן". עס ווערט דאָך ממש געריסן פון אונדז אומעטום לעבעדיקע שטיקער. צי וואָלט מען זיך אין אָט דעם מצב געדאַרפט אָפּזאָגן פון ישראל זאַנגוויל, אַנדרע ספּיר, ליאָן פויכטוואַנ־
גער, איזאַק באַבעל, יוסף קעסעל, נעלי זאַקס און אַנדערע, און נאָר דער־
פאַר ווייל זייער לבוש איז נישט קיין יידישער ? אַזעלכע מחשבות און ספקות זענען אויפגעקומען אין מיר ווען איך האָב זיך באַקענט מיט אַפּאַ־
טאָשוס געדאַנקען־גאַנג בנוגע דעם ענגוג הארבן און שווערן פּראָבלעם, וואָס מאַטערט נישט איינעם פון אונדז.

איך האָב אָנגעהויבן וועגן אַפּאַטאָשון ווי דעם יידיש־קענער און יידיש־פאָרשער, הגם דאָס איז זיכער נישט דאָס עיקרדיקע און כאַראַק־
טעריסטישע פאַר אים. איך האָב אָבער אָנגעהויבן מיט דעם, מיט וואָס אַ שרייבער הייבט אָן ווען ער זעצט זיך צום שרייבטיש, בכדי צו שאַפן אַ ווערק: מיטן לשון און מיט אַפּאַטאָשוס אחריות לגבי דעם לשון, אין וועלכן ער האָט געשאַפן.

בעת יענעם קאָנגרעס אין פּאַריז, וואָס איך האָב דערמאָנט אין אָנהייב, האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַקענען אַפּאַטאָשון. געוויס איז נישט געווען אים אָפּצוטיילן פון לייוויקן. ביידע האָבן זיי אויפן קאָנגרעס גע־
שפּילט די ערשטע פידל. זייערע ביידנס נעמען האָט מען אַרויסגעזאָגט אינאיינעם, ווי לייוויק־אַפּאַטאָשו וואָלט געווען דער נאָמען פון איין פּער־

זאָך. נישט בלויז זייערע נעמען זענען געווען באַהאַפטן, נאָר אויך זייער גאַנץ שעפעריש לעבן איז געווען צוזאַמענגעבונדן אין אַ זעלטענער ביי צוויי שרייבער נאָענטקייט, אַזוי אין זייער פּערזענלעכן לעבן און אַזוי אין זייערע געזעלשאַפטלעכע מעשים און שליחותן. זייער יאָרן־לאַנג רעדאַגירן צוזאַמען אין ניו־יאָרק די וואָגיקע אויסגאַבע „זאַמלביכער" איז צווישן אַנדערן אַ בולטער באַווייז פאַר זייער איינשטימיקייט און האַרמאָנישקייט, פון זייער פולשטענדיקן אויסקומען צווישן זיך. קיינער פון זיי, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, האָט נישט געזוכט צו דאָמינירן איבער אַנדערן און יאָרן־לאַנג האָט זיך אויפן שער־בלאַט פון די „זאַמלביכער" געפונען די צושריפט: „רעדאַקטירט פון י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק", לויטן א"ב.

ס'איז געווען אַ קעגנזייטיק פאַרטראָגן זיך און נאָך מער ווי דאָס, פאַרשטייט זיך, כאָטש זייערעביידנס כאַראַקטערן זענען געווען נישט די זעלבע. אויך אויסערלעך האָט מען עס געקאָנט באַמערקן און אָפּפילן. בעת לייוויק האָט פאַרמאָגט עפּעס אַסקעטישס, יחידיש־אָפּגע־שלאָסנס, באַהערשט אָפּט פון קאַפּריזן, שטימונגען און אינטראָספּעקציע, האָט אָפּאַטאָשו געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ היימישן און צוגעלאָזענעם מענטש. עס האָט געשפּרודלט פון אים מיט געזונטער עכטער פאָלקס־טימלעכקייט און נאַש־בראַטישקייט. אויסערלעך האָט ער געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ למדן און גלייכצייטיק פון אַ געזעצטן ערדישן ייִד, פון אַ האַרעפּאַשניק, אַ באַלעזנעם אַרבעטסמענטש, וואָס איז אַנגעטיטשעט מיט אַ שלל פון וויסן, נעמען און דאַטעס, וואָס ביי אַן אָרעם נאַפּטלעמפּל באַרייכערט ער יעדע נאַכט זיין גייסטיק פאַרמעגן.

אָפּאַטאָשוס גרויסער למדנישער שטערן האָט דערמאָנט אין אַן איג־טעלעקטואַל און זיין אַרויסשטאַרצנדיקע פאַרשאַרפטע גאָמבע און אַרויס־געדרוקטע אונטערשטע ליפּ האָט דערמאָנט אין אַ גיבור. רוחניות און גש־מיות, גייסט און גבורה האָבן זיך אין אים צונויפגעטראָפן: אין זיין גע־שטאַלט, ווי אין זיין שאַפן, און ער אַליין איז געווען ווי דער טאָפּלטער שפּיגל פון זיין ווערק. אָט די טאָפּלטקייט, אָט דער דואַליזם וואָרצלען ביי אָפּאַטאָשון נאָך פון זיינע פריע קינדער־יאָרן. אין תחום פון וואַלד און אין תחום פון יידישער גייסטיקייט האָט ער געשטעלט זיינע ערשטע טריט. ער איז טאָקע געבוירן געוואָרן אין וואַלד ממש, אין סטופּסקער וואַלד, הינטער מלאווע, ביי עלטערן דורותדיקע וואַלדמענטשן. זיין מאַמעס מיידלשער נאָמען האָט געהאַט אַ שייכות מיט וואַלד: ד אַ מ ב ק ע װ י ט ש, וואָס דאָס איז אפשר גאָרנישט געווען צופעליק.

אָפּאַטאָשוס פאָטער איז געווען אי אַ וואַלד־סוחר און אי אַ ייד אַ למ־דן און אַן אָנהענגער פון וועלטלעכער בילדונג. פון אים האָט אָפּאַטאָשו

געירשנטביידע עלעמענטן: די ליבע צו דער נאַטור און צום פּשוטן מענטש און די ליבע צום ספר, צום וואָרט, צו דער גייסטיקייט. פון אים האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך דעם תורה־ניגון און דעם וואַלד־ריח און זייער פּרי האָט ער זיך אָנגעהויבן גלייכצייטיק אויסצוקוקענען אויף אַ בלאַט פון דער גמרא און אויף אַ בלאַט פונעם דעמב, אויף דער איידעלער פּענע פונעם וואַלדשרייבער און אויף דער פּראָסטער האַק פונעם וואַלד־העקער.

אָט די אַלע קעגנזעצלעכע עלעמענטן און געשטאַלטן האָט אַפּאַטאָשו זייער פּרי באַקענט פון דער נאָענט און זיי זענען שוין אין אים פאַרבליבן אַ לעבן־לאַנג. דער וואַלד האָט משפּיע געווען אויף אַפּאַטאָשון און גע־לייגט אויף אים זיין שאָטן און זיין חותם און זייער אָפּט האָט אים שפּע־טער, ווי אַ שרייבער, געצויגן אין וואַלד אַריין (זיין טרילאָגיע „אין פּוי־לישע וועלדער", „1863", „אַליין" און אַנדערע שאַפונגען).

דער וואַלד האָט אַפּאַטאָשון איינגערוימט און אַריינגעשושקעט פאַר־שידענע סודות, ניגונים, מעשיות, לעגענדעס. אַפּאַטאָשו האָט זיי איינגע־זאַפּט אין זיך, ווי דער מאַמעס געשמאַקע מילך, פּונקט ווי ביידע גע־בענטשטע עלעמענטן פון זיין וואַלד־סביבה: די איידעלע גייסטיקייט און די פיזישע גבורה, וואָס ביי אַפּאַטאָשון זענען זיי ביידע געוואָרן אַ גליקלע־כער צונויפמיש, ווי אין דער גרייפּפרוכט דער זויערער עלעמענט פון דער ציטרין און דער זאַפטיק־זיסער עלעמענט פון דער אַפּעלסין, וואָס בעת מען בייסט זיך איין אין איר, אין דער גרייפּפרוכט, קאָן מען בשום־אופן נישט וויסן ווער פאַר וועמען עס האָט דאָ אַבדיקירט.

און מיט ביידע צדדים, וואָס ער האָט נאָך אין זיין פריער קינדהייט אַרויסגעפּירט פון וואַלד: דעם אינטעלעקטואַל און דעם פּראָסטן ערדישן מענטש, אַנגענומען פאַר די הענט מיט ביידע גלייך, האָט אַפּאַטאָשו אַריינ־געשפּרייזט מיט זיכערע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור. גלייכמעסיק נאָענט זענען אים דעריבער געווען דער פערד־גנב און דער מקובל, די סביבה פון דער אונטערוועלט און דער רבישער הויף, דער גייסט פון ר' עקיבא און די גבורה פון בר־כוכבא, פּונקט ווי עס איז אים נאָענט געווען אי דער טיפער עבר און אי די קעגנוואָרט און היינטצייטיקייט.

ווי אַ גוטער דרייסטער טויכער פלעגט זיך אַפּאַטאָשו אַראָפּלאָזן צום ים־גרונט פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט און קיינמאָל איז ער נישט צוריק אַרויפגעקומען אויף דער אויבערפלאַך מיט ליידיקע הענט. ער האָט אָבער אויך געוווסט ווי זיך אומצוגיין מיט זיינע מזלדיקע געפינסן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויפן ים־דנאָ און ווי זיי צו פאַרווענדן. מען האָט זיי געדאַרפט קאָנען אַרויסנעמען פון זייער רויען צושטאַנד און שליים, זיי רייניקן, פּוצן

און לייטערן און מאַכן פאַר אַ לייט. צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבן די דרייסטקייט, געוואַגטקייט, גענויטשאַפט און אויך ליבשאַפט פאַר דער מאַ־טעריע. און אַפּאַטאָשו האָט די אַלע עלעמענטן געהאַט.

פּונקט ווי אַפּאַטאָשון האָט געצויגן אין וואַלד אַריין, אַזוי האָט אויך דער וואַלד זיך געצויגן צו אַפּאַטאָשון. ער איז אים כסדר נאָכגעגאַנגען, זיך אַריינגעפּלאָנטערט מיט זיין געדיכטן געצוויג און בלעטערווארג אין זיינע אותיות און שורות אַריין. דערפאַר האָט זיך פון זיין גאַנצן ווערק געטראָגן מיט דעמבענעם כוח און מענלעכקייט. שילדערט ער פיזיש־קרעפטיקע מענטשן (אין זיין באַוועלע „גיבורים") וועט ער זיי צוגלייכן נישט צו עפּעס אַנדערש ווי נאָר צוביימער. טאַטע און זון זענען:

„ביידע הויכע, גאָר הויכע, איבער זעקס פיס יעדער. דער פאָטער — ברייט אין געזעס, ברייט אין דער טאַליע, גאָר ברייט אין די פּלייצעס — אַ דעמב. דער זון — דין און אָפּגעצופּט, אַ יונגער בוים, אָן בלעטער, אָן צווייגן, וואָס בייגט זיך אונטער דער אייגענער הייך."

אַזעלכע פאַרגלייכן קאָן מען אָנטרעפן ביי אַפּאַטאָשון דאָ און דאָרטן און זיי זענען פאַר אים נאַטירלעך און אָרגאַניש ווייל דאָס קינסטלערישע בלוט וואָס פליסט אונטער זיין הויט איז די זשיוויצע, דער סאָק, וואָס פליסט אונטער דער קאָרע פון ביימער.

אָבער דער אַפּאַטאָז פון וואַלד, אין וועלכן אַפּאַטאָשו איז געווען פאַרוואָרצלט ווי אַ בוים, איז געווען זיין באַרימטער ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער", וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא אי פון זיין וואַלדישער דערפאַ־רונג, אי פון זיין פאַרטיפן זיך אין יידישן עבר און פון זיין פאַר־וואָרצלטקייט אין דער דורותדיקער פּוילישער יידישקייט. דאָס איז געווען אַן עפּאָכע־מאַכנדיק בוך, וואָס האָט געעפנט אין די צוואַנציקער יאָרן אַ ניי בלאַט אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס בוך איז דערשינען אין יאָר 1919, פיר יאָר נאָך פּרצעס טויט און עס איז געווען ווי דער סימבאָל פון יידישער שעפערישער קאָנטינואיטעט און באַנייאונג, פונעם אָנזאָג און באַ־שטעטיקונג אַז וואָס שייך יידישער ליטעראַטור איז לא אלמן ישראל. און אַפּאַטאָשו איז טאַקע געווען איינער פון די ווירדיקסטע און אויטענטיש־סטע יורשים פּרצעס. ער איז נישט בלויז פּרצעס גרויסער פאַרערער, נאָר אויך קאָנטינואַטאָר. מען טרעפט אפילו אָן ביי אים פּרציאַנישע אידעען און ווייזיעס. אַפּאַטאָשו אַליין האַלט, אַז ער גייט אין פּרצעס דרכים. ער זאָגט עס אויף אַ נישט־דירעקטן און גענוג טאַקטפולן אופן אין זיין עסיי „יצחק לייבוש פּרץ":

„פּרץ איז געווען דער ערשטער יידישער קינסטלער, ביי וועמען מען

האָט געקאָנט עפּעס לערנען. מען לערנט נאָך ביי אים היינט און מען וועט לערנען".

"...מיר לעבן אין פּרצן און ער — אין אונדז"...

"אין פּרצעס דרכים גייען נאָך ביזן היינטיקן טאָג, יעדער אויף זיין שטייגער, די באַדייטנדיקסטע יידישע שרייבער".

עס איז זיך דאָ נישט שווער אַנצושטויסן אַז אַפּאַטאַשו פאַררעכנט זיך אַליין אויך אַריין אין אָט דער קאַטעגאָריע. און פאַרוואָס דען נישט? גע־הערט ער דען נישט צו דער קליינער צאָל באַדייטנדיקסטע יידישע שריי־בער, צו דער ערשטער שורה נאָך פּרצן?

אין אַפּאַטאַשוס קליינער דערציילונג "דעם צדיקס בוים" געפינט מען, ווי ביי פּרצן, הומאַניש־סאָציאַלע מאָטיוון, אויסגעוועבט מיט גאָל־דענע פעדעם.

אין שטעטל וורקע, איין מאָל אין אַ שווערן ווינטער, האָט זרח דער וואַסערטרעגער באַמערקט אַז אויפן בית־עולם איז נישטאָ מער דער בוים וואָס איז געשטאַנען לעבן אוהל פונעם צדיק ר' יצחקל. מען האָט אים אויסגעהאַקט. זרח איז אַוועק מיט דער שרעקלעכער ידיעה אין בית־מדרש אַריין. דער רב האָט אויסגערופן, אַז אויב האָט די נבלה אָפּגעטאָן אַ ייד פאַדערט ער מיטן כוח פון חרם אַז יענער זאָל זיך מודה זיין.

פּלוצלינג דערהערט זיך פון ערגעץ אַ געוויין. ס'איז פישל דער קברן. ער איז זיך מודה אין דעם און ער דערציילט, אַז דאָס האָט ער אויסגעהאַקט דעם בוים ווייל ס'איז שוין גאָרנישט געווען מיט וואָס צו הייצן, און דאָ ווערן די קינדער זיינע געפרוירן.

זעט אויס, אַז אַפּאַטאַשו האָט געטראַכט, אַז מען וועט קאָנען פרעגן: וואָס עפּעס פונקט דעם צדיקס בוים? עס פעלט שוין אויס עפּעס אַנדערש? אַן אַנדערער בוים? באַוואָרנט ער זיך פון פריער אויס מיט אַן ענטפער, וואָס פישל גיט זיין ווייב ווען זי בעט אים אַז ער זאָל גיין אין וואַלד אַריין אַנקלויבן אַ ביסל צווייגלעך און דער ענטפער איז אויך, און אפשר קודם־כל, גילטיק פאַר אונדז, נישט בלויז פאַר פישלס ווייב, און נעמלעך, אַז דער ווינט און שניי פאַרלויפן אים דעם וועג.

אין דער היים ביי פישלען האָט מען אין דער קעלט איינגעבעט די קינדער און פישל איז איינגעשלאָפן און דאָ הערט ער ווי דער פאַרשטאָר־בענער צדיק ר' יצחקל וועקט אים, ער שטייט איבער אים און בעט זיך: "פישל, האַק אָפּ דעם בוים וואָס איבער מיין קבר און הייץ־איין. ס'איז דאָך אַ רחמנות אויפן קליינוואַרג, וואָס דאַרפן זיי, נעבעך, פרירן." פישל

האָט געפּרוּווט צוריק איינדרימלען, אָבער „דער צדיק איז ווידער דאָ און דאָס מאָל נעמט ער מיך אָן פאַרן קאָלנער״:

„פישל, נעם די האַק״.

און פישל דערציילט ווייטער ווי „דער בוים האָט זיך אָ הייב געטאָן פון פיען, אויסגעשטרעקט דעם שטאַם, ווי להבדיל, יצחק דעם האַלדז, זיך געבעטן: האַק, פישל, האַק!״

„— און דער צדיק, ר׳ יצחקל? — האָט זרח וואסערטרעגער א פרעג געטאָן״.

„— דער צדיק? — האָט דער קברן געגומען אַראָפּגיין פון בעלעמער — דער צדיק האָט מיר געהאָלפן אַראָפּלאָזן דעם בוים״.

אויך אין דעם פריער־דערמאָנטן עסיי „יצחק לייבוש פרץ״ טרעפט מען אָן ביי אָפּאַטאָשון פּרציאַניש אָפּשיין. די ערשטע טייל פונעם עסיי לייענט זיך ווי אָן אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג. באַלד אין אָנהייב פירט אונדז אָפּאַטאָשו אַריין אין דער סביבה פון זיין משפחה, מען ווערט באַלד אָנגעשטעקט מיט דער היימישער אַטמאָספער פון זיין יוגנט.

אָפּאַטאָשו דערציילט:

„מיט יאָרן קריק, נאָך אין מלאווע, האָב איך איינמאָל ווינטער אין אָ שבת־צונאַכטס פאַרבלאָנדזשעט צו מיינעם אָ פעטער, וואָס האָט אָפּגע־קויפט פערד פאַר בערלינער דייטשן. די שטיבער ביים פעטער אָנגעהייצ־טע, האָבן געשמעקט מיט קין, מיט פרישן פערד־ריח, מיט געבראָטנס. ביים פעטער האָב איך געטראָפן אָ חברה פערד־הענדלער און פערד־יונגען... מען איז געזעסן אין די שפּענצערס, אין די וועסטן, אַרום אָ פּירעקיקן טיש איבער לײדיקע גלעזער טיי״.

צווישן אַט דער חברותא האָט זיך אויך געפונען קיווקע „סיבירניק״, וועלכער איז אָפּגעוועזן פינף יאָר אויף קאַטאָרגע און האָט פאַרגעלייענט אָ מעשה־ביכל. משמעות, אַז דאָס איז געווען דער זעלבער קיווקע פון אָפּאַ־טאָשוס דערציילונג „קיווקע גנב״.

הכלל, מען פאַרבעט אָפּאַטאָשון ער זאָל עפּעס פאַרלייענען: „יוסף, לייען אונדז עפּעס אָ שטיקל פון דעם לץ״... זיי האָבן נישט געדענקט דעם נאָמען פון שלום־עליכם.

מען האָט געשיקט עמעצן אַהיים צו אָפּאַטאָשון און מען האָט גע־ברענגט אָ שטויס ביכלעך, יוסף האָט פאַר דער חברה פאַרגעלייענט „חנוכה־געלט״ און מען האָט גלייך אָנגעהויבן לאַכן, קייכן, אַז טרערן האָבן זיך געקייקלט ווי די אַרבעס. אַז דער עולם האָט נאָך דעם געבעטן פאַרלייע־נען נאָך עפּעס האָט אָפּאַטאָשו גענומען לייענען פרצעס „דריי מתנות״.

„דער פּראָסטער עולם, דערציילט אַפּאַטאַשו, האָט גלייך נישט געכאַפּט וואָס איך זאָג, נישט געקענט צעקייען די עברי, האָט אָנגעהויבן צו רוקן די בענקלעך, זיך אָנגעבויגן נעענטער צו מיר מיט אַן אָנגעשטעלטן אויער".

„נאָכן לייענען איז אָוועקגעגאַנגען אַ שמועס ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין וועגן יידן וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם".

און דאָ קום איך צו צום סוף, צוליב וועלכן איך האָב אייגנטלעך געבראַכט אַפּאַטאַשוס עסיי, וועלכער ווייזט נישט בלויז אַן אויף זיין פאַר־ערונג פאַר פּרצן, נאָר אויך זיין ענגע שייכות מיט אים, אַ באַוווסטזיניק נעמען אויף זיך די שליחות און דעם עול פון ווייטער טראָגן די יחוסדיקע פּרציאַנישע גאָלדענע קייט. און אַפּאַטאַשו פאַרענדיקט:

„צומאָרגנס איז צו מיר אַריבערגעקומען קיווקע „סיבירניק", האָט געבעטן אַז איך זאָל אים געבן נאָך „אַזעלכע זאַכן", און אין אַ יאָר אַרום נאָך סוכות, ווען פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך געלאָזט רעקרוטן אין שטאָט אַריין צו די „לאָסאָוואַניעס", איז קיווקע אומגעקומען. מחנות שקאָ־צים האָבן גענומען שלאָגן יידן אויפן מאַרק, צעבראָכן זייערע שטעלן סחורה. קיווקע האָט זיך אַריינגעריסן צווישן פּעוול מיט אַ דרענגל אין האַנט, אַפּגעשלאָגן די גויים ביז ער איז אַליין געפאַלן אין אַ טייך בלוט."

„אַ נשמה, אַ נע־ונדניצע, האָט אַ כאַפּ געטון קיווקעס דרענגל און איז אַרויף מיט אים צו דער פּורטקע פון הימל."

„און די אויסטערלישע מתנה איז אָנגענומען געוואָרן".

מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ המשך פון דער דערהויבענער אידעע פון פּרצעס „דריי מתנות". מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז דאָס איז אַ פערטע מתנה צו די דריי, וואָס אַפּאַטאַשו האָט צוגעגעבן מיט אייגענער ברייט־האַרציקייט. זי איז אָבער אייגנאַרטיק, אַפּאַטאַשוס מתנה, דורכאויס זיינע. ס'איז נישט דאָס פאַרבלוטיקטע שטויבעלע פונעם יידישן גבירס זעקעלע ארץ־ישראל־ערד (די ערשטע מתנה פּרצעס), פאַר וועלכן דער ייד האָט זיך איינגעשטעלט און די עלנטע נשמה האָט עס אויפגעכאַפּט אַלס מתנה; ס'איז נישט די יאַרמלקע וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פונעם יידס קאָפּ (פּרצעס צווייטע מתנה), בעת ער האָט געדאַרפט דורכגיין דורך די שמיץ פון די סאָלדאַטן און ער איז צוריקגעגאַנגען זי נעמען בכדי נישט צו גיין אין בלויזן קאָפּ. ער האָט דערפאַר אַריינגעכאַפּט נאָך שמיץ, פון וועלכע ער איז אומגעקומען. דאָס זענען אויך נישט די איידעלע דינע שפּילקעס (די דריטע מתנה) וואָס דאָס יידישע מיידל האָט געבעטן ביי די רוצחים אויף צו־צושפּיליען זיך מיט זיי דאָס קלייד צו איר לייב בכדי עס זאָל נישט זיין

אָפּגעדעקט ווען דאָס ווילדע פערד וועט זי שלעפּן איופן ברוק. די דריי מתנות זענען שיינע סימבאָלן פון מאָראַלישער דערהויבנקייט, מסירת־נפש און קידוש־השם, אָבער דאָס פּראָסטע דרענגל, מיט וועלכן קיווקע סיבירניק האָט זיך געשלאָגן קעגן רוצחים און פּאָגראָמשטשיקעס, איז אויסער דעם אַלעם דער סימבאָל נישט פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד, נאָר פון פיזישער און אויך מאָראַלישער זעלבסטפאַרטיידיקונג און גבורה.

דאָס דרענגל איז דאָ נישט בלויז אַ סימבאָל — עס וואַקסט אַרויס אויף אַ נאַטירלעכן אופן פונעם קינסטלעריש-אידעאישן מהות און פון דער וואָרצלדיקייט און שטאַמיקייט פון יוסף אָפּאַטאָשו. ווייל דאָס דרענגל אין קיווקעס גבורהדיקע הענט קומט פון בוים, דער בוים קומט פון וואַלד און דער וואַלד קומט פון דער ערד, ווו אָפּאַטאָשו איז געווען, צוגלייך מיטן וואַלד, קרעפטיק־חיותדיק און דורותדיק פאַרוואָרצלט.

די צוויי גרעסטע און וויכטיקסטע קינסטלערישע אויפטוען און דער־גרייכונגען פון יוסף אָפּאַטאָשו, וועלכע זענען געגאַנגען ווי צוויי פּאַראַ־לעלע שטראָמען, זענען געווען די קורצע דערציילונג און דער היסטאָ־רישער ראָמאַן, נישט פאַרזעענדיק דעם ראָמאַן זיינעם בכלל. זיין נטיה צום היסטאָרישן ראָמאַן דרינגט אַרויס און איז אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון זיין פאַרטיפן זיך אין אונדזער נאַציאָנאַלן עבר. אָבער אָפּאַטאָשו האָט געהאַט אַ געוויסע קאָנצעפּציע און איינשטעלונג דערביי: פּונקט ווי דעם פּראָסטן ייד פון דער קעגנוואַרט — אַריינפירן אויך אין זיינע ווערק דעם פּראָסטן ייד פון אַמאָל, דעם עם־הארץ. די באַצייכענונג ווערט דאָ אָבער נישט געמיינט אין פּעזשאָראַטיוון זין, נאָר דעם ייד, דעם געזונטן ערדישן מענטש.

אָפּאַטאָשו אַליין פאָרמולירט דאָס:

„די יידישע היסטאָריקער האָבן אונדז בלויז געגעבן דעם „שבת" און דעם „קידוש השם". די זעקס טעג פון דער וואָך האָבן זיי דורכגע־לאָזט. דער דורכגעלאָזטער אינדערוואָכנס האָט מיך געטריבן כ'זאָל אָנ־שרייבן „אַ טאָג אין רעגנסבורג", כ'זאָל געבן דעם עם־הארץ פון ר' עקיבאס צייט, כ'זאָל געבן דעם אינדערוואָכנס נישט בלויז פונעם עם־הארץ, נאָר אויך פון ר' עקיבאַן און פון זיינע תלמידים".

פאַרשטייט זיך, אַז וואָס שייך דעם עבר האָט אָפּאַטאָשו, ווי יעדער שרייבער, וועלכער רירט זיך צו צו היסטאָרישע טעמעס, געמוזט אָנקומען צו געוויסע מקורות און צו זיין אימאַגינאַציע. איז דעריבער נאַטירלעך

אַז זיינע געשיכטלעכע געשטאַלטן און פּערסאָנאַזשן זאָלן זיין פאַרהילט אין אַ ראָמאַנטישן אײדעלן שלייער, אַז פון זייערע באַקן און ידים זאָל נישט שלאָגן אַזאַ געזונטע רויטקייט ווי פון זיינע ערדישע געשטאַלטן פון דער קעגנוואַרט אָדער נאָענטן עבר, וועמענס פּראָטאָטיפּן אָפּאַטאָשו האָט מער־ווייניק געקענט פון דער נאָענט. געשיכטע אַליין טראָגט מיט זיך אַן און פאַר זיך פאַרכטיקייט און פייערלעכקייט און נישט־ווילנדיק טראָגט זי זיי אויך איבער אין דעם היסטאָרישן קינסטלערישן ווערק. און זיי פילן זיך טאַקע אויך אַרויס פון אָפּאַטאָשוס היסטאָרישע ראָמאַנען. אָפטמאָל זענען זיי אָנגעלאָדן מיט סטיליזאַציע און אימפּרעסיאָניסטישן געמעל, מיט איידעלער אָרנאַמענטיק, פראַנדזן און פליטערלעך, חותם פון אַלטן בראָנדז און שטויב פון געשניצטן העלפאַנטביין.

שוין דער ציל אַליין, וואָס אָפּאַטאָשו האָט זיך געשטעלט: אַריינפירן אין זיין שאַפן דעם פּראָסטן אינדערוואַכנס פונעם אַמאָל איז שיין און פּאָזיטיוו. זיין שליחות איז געווען אַ גרויסע, אַ וויכטיקע און כמעט אַ פּיאָנערישע אין דער יידישער ליטעראַטור. בכלל גענומען איז דער לייע־נער אַ סך מוותר אויף דעם וואָס ער געפינט נישט אין אַ היסטאָריש ווערק דאָס, וואָס ער געפינט אין אַ היינטצייטיק ווערק. דער עיקר איז אַז ער געפינט אין דעם די קינסטלערישע איבערלעבונג און עמאָציע, דעם הייסן, קאָכיקן אָטעם פון דער צייט, דעם היסטאָרישן גראָאַנגל און דעם אידעען־גאַנג פון דער תקופה.

אין דער קורצער נאָוועלע האָט יוסף אָפּאַטאָשו דערגרייכט אַ שלי־מות, אַ צימצומדיקייט און קאָנדענסירטקייט, אַ שפּאָרזאַמקייט און קאַרגשאַפט, אָבער נישט אָרעמקייט, אין וואָרט און אויסדרוק, וואָס דער־גייט אַמאָל ביי אים ביז צו לאַקאָנישקייט. ווי קורץ די נאָוועלע זאָל נישט זיין, האָט אָפּאַטאָשו נישט געוואָלט אָפּקומען בלויז מיט אַן אָנגעוואָרפע־נעם פלעק, אַ בילד, אַ שטימונג. נאָר האָט אַריינגעפּאַסט אין דער קליינער ראָם אַ קאָכיקן אָפּשפּריץ פון אונדזער לעבן, געגעבן אפילו אַ גאַנצקייט, אַ קליינע פאַרענדיקטע קאָמפּאָזיציע. די דערציילונגען זיינע זענען אַלע שפּליטערן פון אונדזער לעבן, וואָס האָבן כמעט אַלע איין געמיינזאַמען קאָלאָריט. זיי זענען אַלע ווי שטיקלעך פון אַ צעפּלאַצטן שפּיגל, וואָס מיר זעען זיך אין יעדן שטיקל באַזונדער, אָבער אַלע שטיק־לעך צוזאַמען האָבן אַ שייכות צום גאַנצן שפּיגל.

אָפּט זענען זיינע קליינע נאָוועלן אַזוי אָנגעלאָדן מיט גראָאַנגלען, קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן, אַז זיי קענען דינען ווי סכעמעס פאַר דראַמעס, ווי מאַקעטן פאַר גרויסע קאָנסטרוקציעס.

דער לייענער האָט, וואָס אַן אמת, ליבער צו לייענען אַ ראָמאַן ווי אַ קורצע דערציילונג, ווייל ער האָט גערן זיך איינצולעבן מיט דער געשילדערטער סביבה און געשטאַלטן פון אַ גרעסער ווערק און ווערן היימיש מיט זיי אויף לאַנג, נאָכגיין זייער עקזיסטענץ און טאָג־טעגלעך לעבן.

אָפּאַטאָשו האָט אָבער יאָ באַוויזן צו פאַראינטערעסירן דעם לייענער מיט זיין קורצער דערציילונג, אַריינציען אים אין דער אַקציע און האַלטן אין שפּאַנונג און נישט אָפּלאָזן אים. די קורצע דערציילונג איז געוואָרן פאַר אים זיין כאַראַקטעריסטישער און באַליבטער זשאַנער, אויב נישט קיין בעל־כרחודיקער זשאַנער, געצוווּנגען דורך די באַדינגונגען, ווייל אָפּאַטאָשו האָט געדאַרפט יאָרן־לאַנג שרייבן קליינע דערציילונגען פאַר אַ טאָג-צייטונג, ווו ער האָט זיך געדאַרפט צופּאַסן צו אַ געוויסער ראַם, צושטעלן קאָפּיע פאַרן „קעלער". דאָס דאַרפן צושטעלן יעדע וואָך אַ קליינע נאָוועלע פאַר אַ צייטונג, צוגעשניטן צו דער מאָס, דאָס האָבן דעם עול פון דאַרפן אויספאַרטיקן צו דער צייט אַ שאַפונג און צושטעלן שורות פאַרן לינאָטיפּ, בשעת דער בחור־הלינאָטיפּיסט וואַרט אויף דעם שנעל־איבערגעקוקטן מאַנוסקריפּט, קאָן דעם שרייבער דערפירן צו מלאָכה, צו פאַבריקאַציע און אויך צו אויטאָמאַטישקייט און אפילו נאָכלעסיקייט. פון דער צווייטער זייט אָבער קאָן דאָס אויך ביי אַ שרייבער אויפצווינגען דיסציפּלין און אַרבעטזאַמקייט, און ווער שמועסט נאָך אַז דער טאַלאַנט דינט נאָך אויך צו דערביי קאָן דאָס זיין אַ ברכה און רעטונג פאַרן שרייבער. און ביי אָפּאַטאָשון איז דאָס טאַקע אַזוי געווען.

אין אָפּאַטאָשוס נאָוועלן זענען נישט פאַראַן קיין דיסקרעטקייטן, נישט־דערזאָגענישן, רמזים. זעלטן אַז ער באַנוצט זיך מיט די דריי אַנדייט־פּינטעלעך. ביי אים איז אַלץ אָפן ווי אויף אַן אָפּענער האַנט. אַ מענטש קאָן עפּעס באַהאַלטן אין האַרצן, אין די אויגן, אָבער אויף אַ האַנט וואָס איז אָפן קאָן מען גאָרנישט באַהאַלטן. אָפּאַטאָשו קרעמפּירט זיך גאָרנישט צו געבן פאַר זיינע שאַפונגען אַזעלכע נישט־פאַרשלייערטע און דירעקט־אויסזאָגנדיקע טיטלען ווי „לינטשעריי", „ראַסע" און אַ גאַנץ בוך זיינס נאָוועלן אַ נאָמען צו געבן „קלאַסנקאַמף", וואָס נישט איין שרייבער וואָלט זיך מסתמא געוואַקלט אָנצורופן אַזוי זיינס אַ בוך, מורא האָבנדיק אַז מען וועט אים נאָך אפשר חושד זיין אין קאָנקורירן מיט מאַרקסן.

די וועלט ביי אָפּאַטאָשון איז אַ נישט־רעטושירטע פאָטאָגראַפישע קלישע, ווו עס זעען זיך אָן נאָך מער ווי אין דער רעאַליטעט אַלע מיאוסקייטן, פאַרקרימענישן און גרימאַסן פון פנים. אין ס'רוב אָפּאַטאָשוס

דערציילונגען איז די לופט אָנגעלאָדן מיט עקספּלאָזיע. די מערסטע פון זיינע געשטאַלטן זענען נישט קיין לירישע „ווייכע מירלס״, מיט זעלישע ויתרוצצות און וועלטשמערץ. זיי זענען אָפט האַרב און ביטער ווי דאָס לעבן גופא אויפן דנאָ פון דער געזעלשאַפט, ברוטאַל און אָן סענטימענטן. אפילו די פרוי ביי אַפּאַטאָשון, דאָס צאַרטע וועזן, ווייסט נישט פון קיין מילדקייט און קאָמפּראָמיסן מיט זיך. שרהקע, די העלדין פון ראָמאַן „אַליין״, די טאָכטער פון מרדכין פון די „פּוילישע וועלדער״, דאָס יונגע ווייבל, וועמען מען האָט אַריינגעשלייערט פאַר אַ מאַן עפּעס אַ לערנערל וואָס זי האָט נישט ליב, ווייסט נישט פון קיין באַהעלטעלעך און אויס־מיידנדיקע האַלבע ענטפערס אין איר באַציאונג צו איר מאַן. ווען אים ווילט זיך פאַרמאַכן די אויגן אויפן אָנגעצויגענעם מצב און זיך מאַכן תמעוואַטע, פרעגנדיק זי: „וואָס ווילסטו פון מיר?״ האַקט זי אָפּ קורץ: „אַ גט״. די באַעוולטע פרוי רייסט איבער ברוטאַל און אפילו פיזיאָלאָגיש מיט אַלץ: זי גנבעט זיך אַרויס פון איר היים און אַנטלויפט אין דער וועלט אַריין, איבערלאָזנדיק אירס אַ קינד, אַן עופהלע, איר אייגן בלוט און פלייש.

כמעט אין יעדער אַפּאַטאָשוס דערציילונג איז פאַראַן אַ סיפור־המעשה, אַ פאַסירונג, אַ געשעעניש. שווערע און האַרבע געראַנגלען און קאָנפליקטן האָבן אַן אָרט אין זיי. אָפט קומען פאַר אין זיי אַמפּערנישן, קריגערייען, געשלעגן, בלוט־פאַרגיסונגען. אפילו ביי אַ ליבע, ווו עס דאַרף דאָך שוין יאָ הערשן אידיליע און שלום־ושלווה — גיסט זיך בלוט. און די בלוט־פאַרגיסער קאָנען אויך זיין צוויי לייבלעכע ברידער, יונגע פאַרמערס ערגעץ־ווו אין אַמעריקע.ביידע ברידער זענען ליבע־קאָנקו־רענטן. די דערציילונג הייסט „ערב חתונה״. אין טאָג פון ערב דער חתונה איז זיך דאָס צוקונפטיקע ווייבל מיישב אַז זי האָט גאָר ליב דעם אַנדערן ברודער און דער סוף איז, דערציילט אַפּאַטאָשו:

„ביידע (ס׳הייסט ביידע ברידער — מ. ש.) זענען אַ פאַל געטאַן אויפן שנייי. מען האָט זיך געקייקלט ווי הינט. פיס האָבן זיך געפלאָנטערט אין הענט, הענט אין פיס. און אַ קנויל מיט צוויי קעפּ האָט זיך גענומען קייקלען באַרג אַראָפּ״.

און די צוויי ברידער האָבן געהייסן הערשל און וואָלף און נישט קין און הבל און די רציחה איז דאָ געווען צוליב אַ פרוי און נישט ווי אין חומש, צוליב דער קנאה וואָס ביי איינעם פון די ברידער האָט גאָט נישט באַוויליקט אָנצונעמען זיין קרבן.

פריער נאָך, ווען די פרוי דערקלערט דעם אַנדערן ברודער, אַז זי האָט גאָר אים ליב און נישט זיין ברודער, דעם חתן, גיסט זיך אויך

בלוט. אמת דאָס איז בלוט פאַר ליבשאַפט, אָבער עס גיסט זיך און טאַקע ביי דער ליבע־דערקלערונג גיסט זיך דאָס דאָזיקע בלוט.

„...און ליב, הערשל, האָב איך דיך און נישט וואָלפן", זאָגט זי צו אים.

„ — האָסט מיך ליב? — האָט הערשל זי אַ נעם געטאָן פאַר ביידע הענט".

„ — יאָ, דיך — האָט זי זיך איינגעביסן אים אין אַן אויער — כ'זאָג עס דיר אַ טאָג פאַר דער החתונה."

„פלאַמען האָבן געשלאָגן אין הערשלס באַקן, אין די אויערן, אין די שלייפן. פון צעביסענעם אויער האָט געטריפט בלוט."

עפּעס זעט מען דאָ חיהשע אויסברוכן און רעאַגירונגען, באַוועגט דורך ווילדע אינסטינקטן פון אורמענטשן. און מעגלען, אַז אַפּאַטאָשו רופט אַן בכיוון די צוויי ברידער לויט חיות: וואָלף און הערשל.

אַ גאַנץ בוך באַוועלן האָט אַפּאַטאָשו אַ נאָמען געגעבן „מענטשן און חיות". דאָס איז זיכער נישט קיין צופאַל. אַ סך אַרט גיט זאַפּ אַפּאַטאָשו אין זיינע דערציילונגען חיות. ווי די מענטשן, זענען זיי אויך זיינע פערסאַנאַזשן. די מענטשן פירן זיך ווי די חיות, די חיות פירן זיך ווי די מענטשן. אַפּאַטאָשו איז נישט אויסן אָקעגנצושטעלן מענטש קעגן חיה, נישט צו פאַרגלייכן מענטש מיט חיה. אין אונדזער צייט האָט דאָס אפשר אויך נישט קיין זין. מענטשן, צום ביישפּיל, האָבן אַ טבע צוצוגלייכן אַ היטלעריסטישן רוצח צו אַ הונט, איז דאָס בפירוש נישט אויפן אָרט. ווייל מען טוט אַן עוולה און מען באַליידיקט פשוט דעם הונט. אָבער אַזוי איז שוין די טבע פון מענטשן: צו פאַרגלייכן, אָדער אידענטיפיצירן דעם היטלעריסט מיט אַ הונט. מ'האָט דען עפּעס בעסערס? ביי אַפּאַטאָשון זענען אָפט מענטשן און חיות אויסגעמישט אין אַ מין פרידלעכער קאָעקזיסטענץ. זייערע ביידנס האַנדלונגען זענען אָפט פּאַראַלעלע, אידענטישע. די יוצרות זענען דאָ פאַרביטן. אין דער דערציילונג „פערד" קומט ערגעץ אין אַ פאַרם אין אַמעריקע אַ ייד אַן אַלמן קויפן אַ פערד ביים פאַרמער וואָלף (ווידער אַ וואָלף). וואַרפט ער דערווייל אַן אויג אויפן פאַרמערס טאָכטער און עס ווערט געשלאָסן אַ טאָפּלטער שידוך: ער קויפט איין דעם קאָשטאַן און קויפט איין דעם פאַרמערס מויד.

דער פאַרמער רופט זיך אָפּ:

„ — ווי כ'זע, לייזער, דאַרף איך דיר שוין קיין שידוך נישט ריידן. רעדסט דיר אַליין און וועגן קאָשטאַן וועלן מיר אויך דורכקומען."

„ער האָט עס נישט געזאָגט, ווייל די קו האָט דעמאָלט צעשפּרייט די פיס און זיך צערעוועט לאַנג און אומגעהעריש. איטקע האָט זיך צעשריגן, און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום פֿאָטער":

„ — די קו קעלבט זיך! טאַטע, די קו קעלבט זיך!"

דאָס אַריינפֿירן דורך אָפּאַטאָשון אין מיטן דרינען דאָס קעלבן זיך פֿון דער קו איז זיכער אַ באַוווסטזיניק אָנדייטן אויפֿן פֿאַרמערן זיך פֿון לעבן, וואָס איז אויסגעמישט ביי חיות ווי ביי מענטשן און אונטערליגט די זעלבע פֿיזיאָלאָגישע געזעצן.

וועגן אַ יונגער פֿרוי און אַ מאַן, וואָס באַגעגענען זיך, זאָגט אָפּאַטאָשו:

„ביידע געוויקסיקע, ביידע אָפּגעברענטע. מען האָט זיך באַקוקט, באַשמעקט, אַריינגעאָטעמט איינער דעם צווייטנס ריח". צי רופֿט נישט אַרויס אַסאָציאַציעס דאָס „מען האָט זיך באַקוקט, באַשמעקט" אין אַ באַגע-געניש פֿון צוויי כּלבים?

און אָט אויף אַן אַנדער אָרט וועגן דער באַגעגעניש פֿון אַ צווייט פּאָרל:

„הערשל האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן מיידל, ס'מיידל אויף הערשלען. ביידע האָבן זיך באַטראַכט, ווי עס באַטראַכטן זיך חיות ווען זיי טרעפֿן זיך ס'ערשטע מאָל".

מיטן פּאָרל געפֿינט זיך אויך אַ הונט און אַ הינטעכע, וועלכע הייסן קוויני און פּרינץ. און מען שפּילט זיך און מען פֿלירטעוועט איינ-איינעם: הונט און הינטעכע, ייִנגל און מיידל.

„קוויני האָט זיך געיאָגט אַרום טיש אין אַ ראָד. נאָך קוויניך — פּרינץ. נאָך פּרינצן ס'מיידל, נאָכן מיידל — דער איבערגעוואַקסענער הערשל".

אַזוי שווינדלט פֿאַרביי דער אויסגעמיש פֿון מענטש און חיה, געטריבן פֿון די זעלבע באַגערן און אינסטינקטן:

„פּרינץ האָט זיך נאָך אַלץ געיאָגט נאָך קוויניך, הערשל — נאָכן מיידל".

מיר האָבן פֿאַר זיך אַ פֿאַרכישופֿטן קאַראַהאָד, וואָס דרייט זיך שוין אַזוי מסתּמא אַן אייביקייט און הערט זיך אַלץ נישט אויף צו דרייען.

יוסף אָפּאַטאָשו האָט אַריבערגעבראַכט פֿון מלאַווע קיין ניו־יאָרק דעם ווינט און דעם ריח פֿון פּוילישן וואַלד, דעם אָפּגלאַנץ און געפּליעסק פֿון דער היימישער ווייסל. מלאַווע און ניו־יאָרק זענען געווען צוויי וויכ-

טיקסטע עטאָפּן פון זיין פּרוכפּערדיקן און געבענטשטן שאַפונגס־גאַנג. ס'איז אפשר מער ווי עטאָפּן, ס'זענען צוויי הויפּט־באַריר־פּונקטן, וואָס כאַטש ווייטע איינער פון אַנדערן קומען זיי זיך צונויף, באַהעפטן זיך. אַפּאַטאָשו האָט צוגעבויגן צו זיך מלאַווע און ניו־יאָרק, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַראייניקן צוויי וועלטן אויפן אַמעריקאַנער באָדן. ער האָט געוואָלט באַהעפטן וואַנדען, די האַרינטע פון דער ווייסל, דעם פּויליש־יידישלעכן טייך, מיט דער האַרינטע פון ניו־יאָרקער האַפן, די געטין פון פרייהייט, פונקט ווי ער האָט געוואָלט דעם אַנגעזאַמלטן אוצר פון דער דורותדיק־פאַרוואָרצלטער פּוילישער יידישקייט אויפהאַלטן און פאַרהיטן צווישן די מאַסיווע מויערן פון ניו־יאָרק, ווי צווישן פעסטע ווענט פון אייזערנע קאַסעס, פאַרזיכערט קעגן פייער און וואַסער. ער האָט דאָס באַוויזן צו פאַרפיקסירן סיי אין זיינע גרעסערע עפּישע ווערק און סיי אין זיינע הונדערטער קליינע נאָוועלן, ווו גלייכמעסיק, ווי אויף די שאָלן פון אַ וואָג, האָט ער גלייכצייטיק געשטאַלטיקט פּויליש־יידיש און אַמעריקאַניש־יידיש לעבן. די דאָזיקע אידעע און קאָנצעפּציע האָט זיכער געהאַט אַפּאַטאָשו ביים אָנרופן איינעם פון זיינע בענדער נאָוועלן מיטן נאָמען „מלאַווע — ניו־יאָרק". מען קאָן דאָס אויך זען לויטן אויסגעמיש פון די שאַפונגען, וועמענס נעמען זענען אויסגעשטעלט און פאַרצייכנט אינעם אינהאַלט אויף אַזאַ אופן: „קיווקע גנב", „טרעמפּס", „דער אַסטראָווצער", „אין קעמפּ", „אַ וואַרשעווער מעשה", „אויף רעליף", „ראַסע", „אויפן גזשיבאָוו" און אַנדערע.

ווי ווייט האָבן געקאָנט גיין דער אויסגעמיש און די באַהעפטונג צווישן מלאַווע און ניו־יאָרק? צי האָט אויף מלאַווע נישט געלויערט די סכנה אַז ניו־יאָרק זאָל זי איינשלינגען און פאַרצערן? מלאַווע האָט געהאַט איר אייגענע מאָראַל, וואָס האָט נאָך געשטאַמט פון די עשרת הדברות און וואָס אַפּאַטאָשו האָט אין אַ געוויסן מאָמענט מורא געהאַט, אַז דער ייד וואָס איז שוין געבוירן געוואָרן אויפן אַמעריקאַנער באָדן זאָל זיך נישט אַרויסגליטשן פון איר און במילא ווערן אויס ייד און אפשר אויך אויס מענטש.

איך האָב דאָס אָפּגעפּילט אין אַפּאַטאָשוס דערציילונג „לינטשעריי", וואָס איז בכלל איינע פון די שטאַרקסטע אַנטי־ראַסיסטישע שאַפונגען. אָבער איך וויל זי איצטער נעמען פון יידישן אַספּעקט, ווייל זי פאַרמאָגט אַזעלכן, כאַטש אגב־אורחאדיק.

ווען דאָס שטעטל ערגעץ אין איינעם פון די ווייטע אַמעריקאַנער דרום־שטאַטן יאָגט זיך אויסצוזוכן דעם באַהאַלטענעם נעגער בכדי אים צו לינטשן, ווייל ער זאָל האָבן פאַרפירט אַ ווייס מיידל, איז אויך אַריינ־

געצויגן אין דעם געיעג אַ יידישער בחור, אַ שוין־אַמעריקאַניש־דערצוי־גענער און אפשר אויך אַ מלאָוער אייניקל. דער טאַטע זיינער רעדט אים אויס און זאָגט אים שאַרפן מוסר.

אָט ווי אַזוי אַפּאַטאָשו גיט איבער דעם דיאַלאָג צווישן צעריסענע דורות, דעם פריערדיקן, וואָס קלאַמערט זיך אין דעם אַלטן און יושרדיקן, און דעם נייעם דור, וואָס לאָזט זיך מיטרייסן פון דער רשעות.

„מיסטער ליווי האָט זיך געדרייט צווישן עולם, געזוכט זיין צוואַנ־ציק־יאָריקן זון. ער איז אַריין אין סאַלון און פון דאָרט אים אַרויסגע־פירט."

„—דו וועסט נישט פאָרן!"

„—כ'וועל יאָ פאָרן!"

„—און איך זאָג אַז נישט! אַ ייד דאַרף זיך נישט מישן!"

דער טאַטע פאַרזיכערט דעם זון אַז מען וועט היינט לינטשן אַ נעגער און מאָרגן אַ ייד.

„— מען האָט נאָך קיין ייד נישט געלינטשט!" — זאָגט דער זון.

„— ווייסטו כאַטש וואָס זיי גייען טאָן? — האָט דער פאָטער זיך געקלאַפּט מיט פיר פינגער אין שטערן".

„— זיי גייען לינטשן דעם נעגער!"

„— איז דאָס ביי דיר גאָרנישט? לינטשן אַ מענטש איז ביי דיר גאָרנישט? נו, שווייג שוין, כאַמולע, שווייג, קום שוין אין שטוב אַריין! נו, וואָס שטייסטו וואָס, קום! — האָט אים דער פאָטער אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל."

„דער זון האָט געטראַכט, אַז דער פאָטער איז אַ „גרינהאָרן", דער־ציילט אַפּאַטאָשו. ער איז אַן אויפגערעגטער אים נאָכגעגאַנגען, אָבער שפּעטער האָט דער טאַטע באַמערקט, אַז דער זון איז פאַרשוווּנדן און „ווי איינער וואָס קען זיך נישט העלפן, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:"

„— אַמעריקאַנער קינדער! ס'וואַקסט אַ דור!"

מיר זעען דאָ נישט בלויז דעם ריס און די פאַרפרעמדקייט פון דורות. נאָר מיר פילן אויך אָפּ טיף דעם צער און ווייטיק פון אַ יידישן פאָטער וועלכער זעט ווי זיין קינד גייט אַוועק לתרבות רעה און ער איז אומבאַ־האָלפן אים אָפּצווענדן פון דעם וואָס איז אים, דעם פאָטער, דערווידער און טמאדיק.

און צי פילן מיר אויך נישט דערביי ווי מלאָווע און די מאָראַל פון מלאָווע רינען אויס און טוען זיך אָפּ פון אונדז, פאַר אונדזערע אויגן?

מיר דאַרפֿן זיך אַריינלעבן אין דעם וואָס עס קאָן פילן אַזאַ ייד, אַזאַ יידישער פּאָטער, ווען זיין אייגן בלוט און פלייש, איינער פון דעם פֿאָלק, וואָס איז נישט איין מאָל אין בלוט אָפּגעגאַנגען, זאָל אויך ווערן פאַרגיסן אומשולדיק בלוט. איז אפשר דעם ייד דעמאָלט געשטאַנען פֿאַר די אויגן קיווקעס דרענגל ווי אַ זאַכלעכער באַווייז פון אָרנטלעכקייט און זויבער־קייט, פון יידישער מענטשלעכקייט און מענטשלעכער יידישקייט? אויך קיווקעס דרענגל, קיווקעס פאַרבלוטיקטע דרענגל, איז דאָ נישט בייגע־שטאַנען דעם זכות. און צי איז עס נישט, דאָס דרענגל, איינגעפאַלן ווי אַ זייל, וואָס האָט אונטערגעשפּאַרט אַ פון דורות פאַרפעסטיקטן גייסטיקן בנין?

מיר פילן די טראַגעדיע פון דעם פּאָטער ווען ער האָט זיך אַרומ־געקוקט און דערזען אַז דאָס אָרט לעבן אים, וווּ זיין זון איז נאָר־וואָס געשטאַנען, איז ליידיק. אָפּאַטאָשו פאַרטיפט נישט די טראַגעדיע, ווייל זי ליגט נישט אויף דער פלאַך פון זיין דערציילונג און געפינט זיך נישט אין איר פאָדערגרונט, ווייל אים איז דער עיקר געגאַנגען צו געבן די לינטשעריי אַלס אַזעלכע.

אָבער דאָס פאַרמינערט נישט די טראַגעדיע וואָס מיר אַלע פילן זי צוזאַמען מיטן יידישן פּאָטער. און זי דאַרף נישט זיין קלענער פון טוביהס טראַגעדיע ווען זיין טאָכטער חוה גייט אַוועק צו כוועדקען און צום שמד.

דעם אייניקל פון מלאַווע ציט אין וואַלד אַריין. אים ציט אויך אין וואַלד אַריין, אָבער נישט צו דער אורשיינקייט פון וואַלד, נאָר צו דער אורווילדקייט פון וואַלד. דעם אייניקל פון מלאַווע, דעם באַי, ציט צו ראַזבאַי. דאָ ווערט מלאַווע נאָך אַמאָל חרוב און צעשטערט. ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, גייט אונדזער מאָדערנער יידישער פּראָזע־מייסטער אַרויס פון דעם געשיכטלעכן נסיון נישט קיין געשטרויכלטער און נישט קיין באַשעדיקטער, נאָר פאַרקערט, אַ גאַנצער און געלייטערטער.

איך זע אים האַלטן אין זיינע ביידע הענט מלאַווע און ניו־יאָרק, מיט דער זעלביקער חשיבות און וואָגיקייט, נישט פאַרמינערנדיק קיין איי־נעם פון זיי און נישט איינגייענדיק אויף פשרות און קאָמפּראָמיסן. ער האַלט זיי ביידע גלייך און גלייכגעוויכטיק, ווי זרח דער וואַסערטרעגער פון ווורקע זיינע צווייַ עמערס, פולע ביזן אויג מיט מחיהדיקן קרישטאָל־ריינעם וואַסער, אָנגעשעפּט פון אונדזער טיפן און לויטערן ברונעם.

און אַזוי שפּאַנענדיק, מיט ביידע אין די הענט, גייט יוסף אָפּאַטאָשו אַריין אין אונדזער געדעכעניש און אינעם פּאַנטעאָן פון דער יידישער ליטעראַטור.

אַ שטערן אויף אונדזער דאַך האָט זיך פֿאַרלאָשן
(וועגן איציק מאַנגער)

דעם 20־טן פעברואַר 1969 האָט אויף אַ בעטל פון אַ סאַנאַטאָריע אין גדרה, לעבן תל־אביב, זיך אויסגעלאָשן דאָס לעבן פון איציק מאַנגער. דאָס לעבן, וואָס האָט שוין כמעט דריי יאָר געצאַנקט צווישן זיינע ענגע ד׳אמות, איז דאָ פּלוצלונג אויסגעגאַנגען בעת דער פּאַראַליזירטער דיכ־טער האָט זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט, און דאָס איז שוין געווען זיין לעצט וואָרט, אַ דערזאָגטס, אָדער אַ נישט־דערזאָגטס. ס׳איז דאָ געווען אויך פּייערלעכער אָפּשיין פון סימבאָל, פון גורלדיקער באַ־שערטקייט און עול פון שליחות: לעצטער געראַנגל און קרבן פון וואָרט.

עס ווערט געברענגט אין דער גמרא, אַז די לופט פון ארץ־ישראל מאַכט קלוג. אפשר האָט מאַנגער געוואָלט זען דעם פּסוק איבערגעאַנדערשט אויף: „די לופט פון ארץ־ישראל מאַכט געזונט״? ווייל ווען ער איז שווער קראַנק געוואָרן האָט ער דווקא געוואָלט קומען קיין ישראל זיך היילן, אויסדריקנדיק זיין גלויבן אַז נאָר דאָ וועט ער אויסגעהיילט ווערן. און ער האָט זיך געגרייט צו דער נסיעה אינעם לאַנד פון די אבות, מיט וועלכע ער האָט שוין געהאַט צו טאָן אַמאָל אין זיינע חומש־לידער, ווען ער האָט מעשה קונדס געטריבן קאַטאָוועס מיט זיי. אמת, ער האָט זיי שוין געזען אַמאָל אין קאָלאָמיי, קאָסאָוו, סטאַפּטשעט, יאַס, צי וואַרשע. אָבער דאָ האָט ער אפשר געוואָלט גיין אין זייערע קדמוניותדיקע שפּורן, זיי אָפּגעבן „שלום״ אין יראה און פּאַרכטיקייט. צי האָט ער אויך געזען זיין קומען אַהער ווי אַ המשך פון זיין נע־ונדקייט און בראָדיאַגישקייט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך יאָרן געוואָלגערט אין דער פרעמד — ווי אַ קומען זיך וואַלגערן אין דער היים, ווי ער האָט דאָס אָנגעזאָגט אין זיין באַקאַנט ליד „כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד״? דאָס ליד איז געווען מאַנגערס אַ מין אַריינפאַר-וויזע קיין מדינת ישראל. ער שטעלט אַקעגן דער פרעמד די היים, און כאָטש ער זעט פאָר אויך אין דער היים זיך צו וואַלגערן, איז עס געזאָגט נישט בלויז מיט דער אייגנאַרטי־

קער מאַנגערישער איראָניע, נאָר אויך מיט דער שקאָצעוואַטער שטיפע־רישקייט, לצנישקייט און ליבשאַפט, ווי פון אַן אייניקל אַ תכשיט, אַ צעלאָזענעם שאַדן־ווינקל צו זיין געשעצטן זיידן. ווייל אַנדערש, פונדעסט־וועגן, וואַלגערט מען זיך אין דער פרעמד און אַנדערש אין דער היים. פאַרט אין דער היים. עס איז דער אויפגעפּענטעטער באַפרייטער אויס־געשריי פון זיך קאָנען אויסגלייכן די ביינער און זיך פילן ביי זיך, נאָך דעם ווי דעם „ביי זיך" האָט מאַנגער אַ לעבן־לאַנג נישט געקענט.

ליידער, איז מאַנגערן באַשערט געווען צו וואַלגערן זיך אין דער היים בלויז אויף זיין קראַנקן־בעטל אין דער סאַנאַטאָריע פון ישראל, וואָס מען וואָלט עס גריילעך געוווען געקאָנט אַנרופן מיטן טיטל פון זיינס אַ ליד: „עקידת איציק".

אין ישראל איז אים זיין שם פאָרויסגעגאַנגען און דער שעפערישער נחת האָט אים אָפּגעוואַרט גלייך ביים אָנקומען אין לוד, ווייל עס איז דע־מאָלט גראָד געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג אין אַ קאַבאַרעט־טעאַטער אין יפו די אינסצעניזירטע פאַרשטעלונג פון זיינע מגילה־לידער. מען האָט אים די גוטע בשורה אָנגעזאָגט ביי זיין אַראָפּשטייגן פון עראָפּלאַן, וועלנ־דיק אים פאַרשאַפן הנאה, אָבער מאַנגער האָט דאָס מיט סקעפּטיציזם און רעזיגנאַציע אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, זאָגנדיק צו די אַרומיקע: „צו שפּעט".

יאָ, ס'איז שוין געווען צו שפּעט. און מאַנגער, טראָץ זיין גלויבן, אַז ער וועט דאָ געגעזן ווערן, האָט פונדעסטוועגן, זעט אויס, געפילט, געפילט אין זיין אונטערבאַוווסטזיין, אַז ישראל וועט שוין זיין די לעצטע סטאַציע פון אַלע זיינע וואַגלענישן. טראָץ דעם בטחון, אַז די ישראל־לופט וועט אים אויסהיילן, האָט מסתמא אַ ביטערער צווייפל זיך פאַרקליבן אין זיין האַרצן. די קנאַפּע דריי יאָר זיך וואַלגערן אויף זיין בעטל אין דער גדרה־סאַנאַטאָריע, ווו די ישראלדיקע הימל־בלאָקייט האָט ער געקאָנט זען בלויז דורכן שפּיטאָל־פענצטער, זענען געווען פאַר אים נישט מער ווי אַ צוגע־טײלטער חסד פונעם גורל אין דעם בין־השמשות פון זיין לעבן, פול מיט שאָטנס און געשפּענסטער. נישט איין מאָל האָט ער דאָ מסתמא געמאַכט דעם סך־הכל פון זיינע לעצטע טעג, אַרויסרופנדיק אין זיין זכרון די פערזן פון זיינס אַ ליד:

אַ קאַלטע ווינטער־נאַכט,
די קרעטשמעס צוגעמאַכט,
און איך אַליין אַ קבצן,
נישט פאַר אייך געדאַכט.

טאָ גיב איך מיר אַ פּייף
צו דעם אַלטן גאָט אַרויף,
וואָס דרימלט אין אין-סוף:
גאָט, דיין זאַנג איז רייף.

די ערד האָט מיך גענערט
מיט ברויט און נויט און צער
און איך האָב זי דערפאַר
מיט מיין ליד באַטרערט.

מיר זענען ביידע קוויט,
די ערד פאַרמאָגט מיין ליד
און איך, דיין זאַנג, בין גרייט
און צייטיק פאַרן שניט.

יאָ, די ערד פאַרמאָגט זיין ליד און איצטער — אים אַליין אויך. „צום ערשטן מאָל אין אַן אייגן בעט", ווי מען קאָן דאָס לייענען אין זיין ליד „עפּיטאַף", און נישט בלויז אין אַן אייגן בעט, נאָר אויך אין אַן אייגענער ערד. וואָס עס איז אים נישט באַשערט געווען צו לעבן אויף איר און זען זי געדייען מיט שפע און מזל-ברכה.

אין תל־אביב געפינט זיך זיין קבר און אין טשערנאָוויץ איז געשטאַנען זיין וויג און ס'האָט זיך געפונען זיין משפחה־היים, וואָס האָט געהאַט אויף אים אַזאַ גרויסע השפעה. די היים איז געווען פאַר אים אַ לויטערער קרישטאָלענער קוואַל. אין תלמוד ווערט דערציילט, אַז ווען רבי יהושע בן חנניה איז געבוירן געוואָרן, האָט זיין מאַמע, ווענדיק אַז איר זון זאָל אויסוואַקסן אַ תנא, אים אַריינגעשטעלט מיט זיין וויגעלע אין אַ בית־המדרש כדי ער זאָל זיך פון קליינוויז אויף אָנזאַפּן מיט תורה. מאַנגערן — ווען ער איז געבוירן געוואָרן — האָט מען נישט געדאַרפט אַוועקפירן ערגעץ מיט זיין וויגל, בכדי ער זאָל זיך אָנזאַפּן מיט פּאָעזיע, וואָס איז געווען ז יי ן תורה. פון קינדוויז אויף האָט ער זיך אָנגעהערט מיט זיין טאַטנס גראַמען, ווערטל־זאָגעריי און שפּאַסן, האַרציקע ניגונים און פאָלקס־לידער פון די פריילעכע שניידער־געזעלן אין דעם וואַרשטאַט פון זיינע עלטערן. זיין היים פון די קינדער־יאָרן און יוגנט איז געווען פאַר אים דער בעסטער אינספּיראַציע-קוואַל. אין וואַרשטאַט האָבן זיך אַרומגעטראָגן, צוגלייך מיט די קלאַנגען פון שער־און־אייזן, אויך די בשמים און געווירצן פון דער שפּעטערדיקער באַטעמטער און געשמאַקער פאָלקס־באַלאַדע. מאַנגער האָט זיך דאָ איינגעהערט צו די פאַרכטיקע מעשיות און לעגענ־

דעם וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אין פאָלק, צו די לידער פון די בראָדער זינגער, צו די קופּלעטן פון גאָלדפאַדענס טעאַטער, וואָס האָבן משפּיע געווען אויף דעם יונגן איציק. פאַרשטייט זיך, אַז בכדי זיי אויפצונעמען האָט אויך געדאַרפט זיין דערביי מאַנגערס עמפּינדלעכקייט און פּאָטענציעלער טאַלאַנט, אַנדערש וואָלט מען זיך געקאָנט איינהערן און אַנהערן פון היינט ביז מאָרגן און זיי וואָלטן זיך אָפּגעשלאָגן ווי אין טויבע ווענט.

און אפשר דערפאַר וויל מאַנגער האָט אַזויפיל געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין היים און זיין משפּחה, פאַרנעמען זיי אַזאַ אַנגעזען אָרט אין זיין דיכטונג. און באמת, האָט זעלטן אַ יידישער שרייבער זוכה געווען, אַזוי ווי מאַנגער, אַז זיינע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער זאָלן אַרויסווייזן אַזויפיל פאַראינטערעסירטקייט מיט זיין שאַפן, אַז זיי זאָלן אַזוי שטאָלצירן מיט זיין דיכטערישער גאַב און טאַלאַנט. יידישע שרייבער, וואָס האָבן אין די צוואַנציקער יאָרן געלעבט אין יאַס און אין טשערנאָוויץ און זענען נאָענט געווען צו מאַנגערן און צו זיין היים, ווייסן אַ סך צו דערציילן וועגן דעם. אויך מאַנגער האָט געפילט צו זיין משפּחה אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט און הייסע ליבשאַפט, וואָס גייען אַדורך אין אַ סך פון זיינע לידער און באַלאַדעס. יעדן באַזונדער פון זיין משפּחה האָט מאַנגער געטיילט בכבודיקע „עליות״ פון פאַרערונג. אין אָנהייב פון דער זאַמלונג חומש־לידער מיטן מאַנגערישן טיטל „מדרש איציק״ האָט ער צוגעגעבן אַ ווידמונג פאַר זיין פאָטער: „אַ מתנה פאַר מיין טאַטן, דעם קעסטלעכן וויצלער און פירטרעפלעכן שניידער־מייסטער הלל ב״ר אברהם מאַנגער״, וואָס דאָס וויל זיכער אָנווייזן נישט בלויז אויף מאַנגערס באַציאונג און ליבשאַפט צו זיין טאַטן, נאָר אויך אויף דער שורשדיקייט און פאָלקסטימלעכער המצאהדיקייט פון זיינע חומש־מאָטיוון. דער מוטער זיינער ווידמעט מאַנגער לידער און צו איר צענטער יאָרצייט (אין יאָר 1940) שרייבט ער אָן אַ ליד פול מיט געוויסן־פּלאָגעניש, וווּ מען קאָן לייענען אַזעלכע פערזן:

מיין מאַמעס קבר לייכט
צווישן אַלע קברים,
וואָס מער, וואָס מער זי ווערט בלום,
אַלץ מער ווער איך וואָרים.

מיט וואָס האָסטו אָפּגעצאָלט
פאַר איר שלאָף־ליד דעם צאַרטן,
מיט טרויער און טרער פון אַ טאָג,
מיט אַ שטיין מיט אַ האַרטן.

האָסט אפילו קיין קדיש געזאָגט,
אָט דעם הייליקן ניגון,
דאָס שלאָף־ליד מיט וועלכן מען טוט
די טויטע פאַרוויגן.

פאַר זיין שוועסטער שיינדעלע, די איינציק לעבן־געבליבענע פון דער מאַנגער־משפחה, וועלכע געפינט זיך אין ישראל, ווידמעט דער דיכטער אַן אַלבום מיט לידער און וועגן זיין ברודער, וועלכער איז געשטאָרבן אויף דער עוואַקואַציע אין ווייטן סאַמאַרקאַנד, שרייבט ער אַן אַ גאַנצע זאַמלונג לידער „דער שניידער־געזעלן נטע מאַנגער זינגט", ווי אויך אַ ציקל סאָנעטן. מאַנגער פאַרהערלעכט ממש זיין ייִנגערן געראָטענעם ברו־דער, ער קערט זיך אָפּט מאָל אום צו אים אין זיין בוך „ליד און באַלאַדע", ער וויטיקט און קלאָגט אויף זיין פריצייטיקער פאַרשניטנקייט און אויף זיין געביין וואָס איז פאַרלוירן־געגאַנגען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה ערגעץ־ווו אין די אומבאַקאַנטקייטן פונעם גרויסן רוסלאַנד:

איך זינג מיר אַליין אַ שלאָף־ליד:
שלאָף, שלאָף, דו איינזאַמער מאַן,
דיין גורל האָט דיך באַגראָבן
אין ווייטן אוזבעקיסטאַן.

אַ טיפע פאַרערונג און ליבשאַפט ווייזט אויך מאַנגער אַרויס צו זיין זיידן דעם בעל־עגלה פון סטאָפּטשעט, וואָס זיין „וויאָ" און „העשטאָ" צו זיינע פערד און דער פאַך פון זיין בייטש האָבן אין מאַנגערן אַריינגעבלאָזן דעם הייסן אָטעם פון ערדישער געזונטער פאָלקסטימלעכקייט און אים פעסט צוגעבונדן און פאַרקניפּט צו זיין עבר און זיין שטאַם. די דאָזיקע משפּחה־צוגעבונדנקייט מאַנגערס איז נישט געווען בלויז קיין ביאָלאָגישע, פון בלוט און פלייש, נאָר אויך אַ רוחניותדיקע, אַ גייסטיקע. פון דער משפּחה זיינער האָט זיך אויך אָנגענומען און אויסגעפּאַרמירט מאַנגערס דיכטערישע פיזיאָנאָמיע. די פעדעם פון זיין טאַטנס מלבושים, וואָס ער האָט גענייט, זענען אויך געווען זיינע גייסטיקע פעדעם, וואָס האָבן אים פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלקס־ליד.

נישט בחינם האָט מאַנגער אַ גאַנץ לעבן געהאַלטן זיך ביי די העגט פון די פאָלקס־לצים, ווערטל־זאָגערס, נאַרן, הוליע־קבצנדיקע פריילעך־מאַכערס, בדחנים און פורים־שפּילערס, און אַליין זאָגט ער וועגן זיך: „איך דאָס אייניקל פון אַלטע נאַרן". און נישט בחינם איז אויך איינע פון

זיינע באַליבטע טעמעס פון פאַרלעזונגען געווען אַמאָל „לצים און נאַרן ביי יידן״.

מאַנגער אַליין וויזט אָן בעת אַ פייערונג אין ניו־יאָרק צו זיין זעכציק־יאָריקן יובילײ, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט געהאַט פאַר אים דער פורים־שפּילער. „מאַכט נישט אָוועק דעם פורים־שפּילער מיט דער האַנט — זאָגט ער — אין זיין זכות האָב איך אָנגעשריבן די „חומש־לידער״ און די „מגילה־לידער״. איך האָב זיך דערמאָנט די שיינע פאָלקס-לידער אין מיין טאַטנס וואַרשטאַט. סאַראַ אַרגיע פון פאַרב און קלאַנג. אַ ירושה וואָס איז געלעגן פאַרוואַרלאָזט. גאָלד וואָס האָט זיך געוואַלגערט אונטער די פיס״.

און מאַנגער האָט די פאַרוואַרלאָזטע ירושה איבערגענומען, זי געהאַלטן הייליק און אָפּגעהיטן מיט טריישאַפט און ליבשאַפט און דאָס גאָלד, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אונטער די פיס, האָט ער אויפגעהויבן און דערהויבן און ווי דער גאָלדשמיד-מייסטער האָט ער דאָס גאָלד גערייניקט און געפוצט און עס איבערגעגעבן דעם פאָלק ווי אַ צירונג. פון אָט דעם גאָלד איז אַרויס די גאָלדענע פּאַווע, דער סימבאָל פון יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע און פאָלקס-שיינקייט, וועלכע טראָגט זיך אַרום אין משך פון דורות איבער אונדזערע פינצטערע קרומע דעכער מיט בענקשאַפט און גאולה־חלומות אויף אירע פליגל.

נאָכן דערוויסן זיך פון מאַנגערס טויט האָט זיך מיין האַנט ווי אינסטינקטיוו אויסגעשטרעקט צו מיין ביכער־שאַפע און איך האָב אַרויסגענומען פון דער פאָליצע די זאַמלונגען פון זיינע לידער און באַלאַדעס. זיך איך און בלעטער זיי און מיש און מיש אויף די יאָרן און תקופות פון זיין שעפעריש לעבן.

איך שטעל אָן אויף דעם עלעקטרישן פּאָנאָגראַף די פּליטע, אויף וועלכער ער לייענט פאַר אַן אָפּקלייב פון זיינע שאַפונגען. דרייט זיך די פּליטע און שווינדלט פאַרביי מיינע אויגן ווי אַ כישוף־קאַרוזעליע, וואָס ברענגט מיר צוריק דאָס רעאַלע־נישט-רעאַלע. איך הער די אַקצענטן פון זיין שטימע, זיין אָפּכאַפּנדיקע אָטעם-פּויזע ביים לייענען און איך זע אַ ווײַלע פאַר זיך זיינע נערוועזע אומרואיקע זשעסטן, די כאַראַקטעריסטישע מאַנגער־זשעסטן בעת זיין אויפטרעטן אויף דער עסטראַדע פון וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אין זיין געבענטשטן אויפשטייגפּעריאָד פון די שיינע וואַרשעווער יאָרן. ער איז דעמאָלט געהאַט געקומען פון יאַס און טשערנאָוויץ, פון די געדיכטע בעסאַראַבישע יידישע שטעט־

לעך, ווו די יידישע יוגנט האָט געזונגען זיינע וויין־לידער און שיכרות־לידער און זיך אַליין פאַרשיכורט מיט זיי.

ער האָט דעמאָלט, אין יאָר 1929, געהאַט פאַרלאָזט רומעניע, און איז געקומען קיין פוילן, ווו ער האָט אויפגעשטעלט, אָדער איבערגעשטעלט זיין צעטרייסלטע ליטעראַרישע בויד און אָנגעלענט לעבן איר זיין פראָסטן סענקעוואָטן וואַנדער־שטעקן. דאָ האָט ער געלעבט, געשאַפן און געזונגען ביז אַ יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ נײַ פּנים, אַ נײַ געשטאַלט, אַ נײַער שאָטן האָט זיך באַוויזן צווישן די ווענט פון טלאָמאַצקע 13. צווישן דער יידישער שרייבער־משפחה אין וואַרשע האָט מען מאַנגערן אויפגענומען ווי אַן אייגענעם, מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט, וואַרעמקייט און צומאָל אויך מיט פאַרערונג און באַוווּנדערונג. ער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין באַזונדערקייט און אייגנאַרטיקייט. ער איז נישט געקומען קיין וואַרשע מיט דער כוונה איבערצוקערן וועלטן אין דער פּאָעזיע מיט נייע תורות, שיטות, מיט איבערראַשנדיקן מאָדערניזם. פאַרקערט, ער האָט זיך געהאַלטן באַוווּסטזיניק ביים אַלטן און אפילו ביים אַלטמאָדישן און ער האָט געמאַכט דערפון אַ טוגנט, דווקא זיך געפּוצט און געשלייערט אין דעם, ווי אין אַלטע, ווערטפולע, יחוסדיקע ירושה־טראַנטעס, וואָס יעדער צויט זייערער איז מיט גאָלד אָפּצושאַצן. און דאָך איז ער געווען נײַ, נײַ אין דער אַלטקייט, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, נײַ און אַנדערשדיק אין דער גאַנצער דעמאָלטיקער יידישער דיכטער־סביבה פון פוילן. אַרום אים האָט געקלונגען מיט סאָציאַלן פּראָטעסט און רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס אין לידער פון פּאָעטן, און ער האָט געזונגען וועגן בת־מלכות און זינדיקע, ציגיינער און שיכורים, טרובאַדורן און געשפּענסטער. זיי טראָגן זיך אַרום אין זיינע באַלאַדעס פון זיין ערשטן בוך „שטערן אויפן דאַך", וואָס איז נאָר־וואָס דערשינען אין בוקאַרעשט און וואָס דאָס איז געווען זיין גרויסער יחוס־בריוו און זיין ליטעראַרישער פּאַסיר־שיין ביים אָנקומען קיין וואַרשע.

אין דעם בוך און אויך שפּעטער איז מאַנגער כמעט איינציק אין דער יידישער דיכטונג, וואָס האָלט זיך אַזוי קוואַנטיטאַטיוו ביים באַלאַדע־זשאַנער, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט מיסטעריע, דראַמאַטישן געראַנגל און קאָנפליקטן.

אומגינסטיק און אומגאַסטפריינטלעך איז געווען דעמאָלט די וואַרשע־ווער צעשטורעמטע יידישע גאַס צו מאַנגערס פּערסאָנאַזשן, ווי דער געקרייציקטער און דער מאַנאַך, די זונה און די מכשפה, דער בעטלער און בראָדיאַגע, וועלכע ער האָט אַרויסגעפירט אין זיינע באַלאַדעס פון זיין בוך „שטערן אויפן דאַך", בעת אויף די וואַרשעווער דעכער האָבן דעמאָלט

אַנדערע שטערן אויפגעשיינט אויף רויטן פּאַרוואָרפּענעם טוך. זיי, אָט די שטערן, האָבן אָפּגעפּרעגט און פאַרשריגן די „קונסט לשם קונסט"־שטערן און אויפגעפּאָדערט דעם דיכטער, אַז נאָר זיי זאָל ער ליבן און באַזינגען און נישט יענע בטלנישע שטערן, וואָס ציען אָפּ די מאַסן פון קאַמף...

איך געדענק מאַנגערן פון יענער תקופה, ווען ער האָט געפונען, פונדעסטוועגן, אַן אָפּקלאַנג ביי אַ געוויסער טייל פון דער אינטעליגענטער יוגנט פון וואַרשע, ביי וועלכער ער האָט אַרויסגערופן פאַראינטערעסירונג. ער האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט מיט זיין אָריגינעלער געשטאַלט: אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט דער אויפגעשטעלטער ווילדער טשופּרינע, צי מיטן פאַררוקטן טונקעלן קאַפּעליוש אויפן שפּיץ קאָפּ, מיטן פאַרוואָרפענעם מאַנטל אויף די אַקסלען, בעת ער אַליין האָט דערמאָנט אין איינעם פון זיינע מאַנאַכן, גייסטער און שאַטנס, וואָס זענען נאָר־וואָס פון זיינע באַלאַדעס און וויזיעס אַרויס.

מאַנגער איז דעמאָלט געווען ל'אַנפאַן טעריבל פון דער יידישער פּאָעזיע, דער צעבאַלעוועטער בן־יחיד, וועלכער ווייסט אַז ער איז איין און איינציק און דאָס אויג פון קאָפּ ביי טאַטע־מאַמע און זיי וועלן אים נאָכגעבן אַלע זיינע קאַפּריזן און זיי וועלן אַלע זיינע שטיק פון אים אויסשטיין. ער אַליין האָט זיך גוט געקענט און אַלע זיינע שוואַכקייטן, זיינע שטאַרקע שוואַכקייטן אין לעבן. דאָס וואָס האָט אפשר אויך אַנדערע געווירקט שווער, האָט ער אָנגענומען פאַר לייכט און אין אַ שפּאַסיק־שטיפערישן טאָן רעדט ער אַליין אומדירעקט וועגן זיין נישט־גלייכגילטיקייט צום ביטערן טראָפּן אין איינעם פון זיינע חומש־לידער „אברהם אָבינו מוסרט לוטן":

לוט, איך מוז דיר זאָגן ס'איז פע!
דו שיכורסט אַ יעדע נאַכט,
ערשט נעכטן האָסטו אין „גאָלדענעם הערש"
אַזאַ וויסטן סקאַנדאַל געמאַכט.

ס'פּאַסט פאַר מאַנגער דעם שניידערוק,
אָבער אָסור נישט פאַר דיר.

צוגלייך מיטן באַרימט ווערן פון זיין דיכטונג איז אויך באַקאַנט געוואָרן מאַנגערס אַ געוויסע עקסטראַוואַגאַנץ, אַ געוויסע האַלטונג און באַנעמונג. טייל האָבן זיינע אויסטערלישע שטיפערייען, קאַפּריזן און אימפּולסיווע רעאַגירונגען נישט געקאָנט פאַרטראָגן און אַנדערע האָבן זיך באַמ'ט צו געפינען אַ זכות אויף זיי, געוואָלט זיי פאַרזען צוליב זיין פּאָעזיע און זיך באַצויגן צו אים מיט איינזעעניש, מילדקייט און פאַרגעבונג.

מלך ראַוויטש דערציילט אין זיין בוך „מיין לעקסיקאָן" (וועגן יידישע שרייבער), אין דעם פּאָרטרעט פון מאַנגערן אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. ראַוויטשן, וועלכער איז יאָרן־לאַנג געווען דער סעקרעטאַר פון וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פּאַראיין, האָט מען געקענט אַלס מענטש פון אָרדענונג און פּינקטלעכקייט. דערצו איז ער אַנגעגאַנגען פּאַר אַ שיינגייסט און עסטעט. מיט איין וואָרט, דער היפּוך פון מאַנגערן. דערציילט ראַוויטש אין אַ חבריש־גוטמוטיקן טאָן ווי יעדעס מאָל פּאַר אַ פאַרלעזונג פון מאַנגערן אין פּאַראיין האָט ער אים אַריינגענומען אין דער קאַנצעלאַריע, זיך אָפּ־געשלאָסן מיט אים, אים אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל און אים אָפּגעפּוצט די שיך און דערנאָך איז ער אַריין מיט אַ קעמל אין מאַנגערס גערדיכ־טער טשופּרינע ווי אין אַ דזשונגל. ווען איך דערמאָן זיך אין ראַוויטשעס עפּיזאָד, זע איך פאַר זיך דאָס בילד ווי מאַנגער שטייט אויפן בענקל ווי אַ סטאַטוע אויף אַ פּיעדעסטאַל און אונטן, אים צופוסנס, געפינט זיך דער גוטער מלך ראַוויטש, וואָס באַדינט אים מיט זאָרג און טריישאַפט.

און מאַנגער האָט זיך צו יענער צייט געפילט ווי ער וואָלט טאַקע גע־שטאַנען אויף אַ פּיעדעסטאַל, אויף אַ באמת כשר־פאַרדינטן פּיעדעסטאַל, פון וועלכן ער האָט אַראָפּגעקוקט אַ שטאָלצער. ער האָט דעמאָלט געלעבט מיט זיין וועלט, דערוויטערט, אויף וויפל עס איז מעגלעך געווען, פון דעם געליאַרעם פון דער צייט, זיך נישט צוגעהערט צום געשריי און צו דער פאָדערונג פון דער גאַס, וועלכע האָט פאַרלאַנגט, אַז דער דיכטער זאָל איר דינען מיט דער פּען, שטיין מיט זיין ליד צו איר רשות און זיין איר אויסדריקער און פירשפּרעכער.

פונדעסטוועגן האָט אויך מאַנגער אינגאַנצן נישט געקאָנט זי אויסמיידן און אַנטרינען פון איר. די צעשריגענע גאַס מיט אירע סאָציאַלע עוולות און ביטערע גורלות האָט אויך אים פון מאָל צו מאָל אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן און געמאָנט אַז ער זאָל זיין איר מאַנער. אין די צוואַנציקער יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דער יונגער דור געווען צעטרייסלט פון דער נאָר־וואָס צעטרייסלטער ערד פון אייראָפּע. נייע אידעען, פאַציפיס־טישע און וועלט־דערלייזערישע, האָבן מיטגעריסן די יוגנט און זי באַ־הערשט. די זיגרייכע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געוועקט ביי איר נייע חלומות און נייע האָפענונגען. אירע השפעות און אויסווירקונגען זענען דעמאָלט געווען זייער שטאַרקע, ווייל זיי האָבן אויסגעדריקט די מענטש־לעכע לעכצונגען און שטרעבונגען און אויך מאַנגער, וועלכער האָט געהערט צום יונגן דור פון יענער תקופה און ווערנדיק צייטנווייז אויך מיטגעריסן פון איר, האָט געפילט פאַר בויטיק אין געוויסע מאָמענטן נישט אָפּצושטיין פון איר געראַנגל בכדי צו זיין אויך אויף דער הויך, אַזוי צו זאָגן. פון דאַנען

שטאַמען זיינע סאָציאַלע מאָטיוון ווי די „באַלאַדע פון ווייסן ברויט" (מאָטיוו פון הונגער), די „מלחמה־באַלאַדע" און די „אָקטאָבער־באַלאַדע". אונטער דער „מלחמה־באַלאַדע" איז נישט אָנגעגעבן קיין דאַטע ווען זי איז געשריבן געוואָרן, אָבער עס איז פאַראַן עפּעס מער ווי אַ דאַטע און נעמלעך, אַ צו־שריפט אַז זי איז געשריבן געוואָרן אין טאָג ווען היטלער איז געוואָרן קאַנצלער, וואָס דאָס באַווייזט, אַז מאַנגער האָט געהאַט פאַר זיך די קלאָר־קייט און זיכערקייט אַז היטלער — דאָס איז מלחמה.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע נעמט אויף מאַנגער אויף זיין שטייגער און מיט זיין אייגנאַרטיקער אינטערפּרעטאַציע:

ציטערט אויף אַ קאָפּ ביים פענצטער
און צען הארטע פינגער קלאַפּן:
העי, געננוג דאָרט אין דער פינצטער
אויפן פוילן שטרוי צו כראָפּען.
רוסלאַנד פייערט אויס אַ פרילינג,
קומט אַרויס דעם פרילינג הערן!
אמת, ס'פאַלן געלע בלעטער,
אָבער ס'בליען רויטע שטערן.

אין דער דעגראַדאַציע פון דער נאַטור, האַרבסטיקער פוילעניש זעט ער אַ פאַרגיטיקונג אין אַ רעוואָלוציאָנערן פרילינג. ער שטעלט אַקעגן דער געלער קאָליר פון די פאַלנדיקע בלעטער די רויטע קאָליר פון די אויפגיי־ענדיקע שטערן פון דער רעוואָלוציע.

איך דערמאָן זיך ווי מאַנגער האָט די באַלאַדע פאָרגעלייענט אויף אַן אָוונט אין וואַרשעווער „אַרבעטער־היים" אויף קאַרמעליצקע 23, ווו מען האָט אים פאַרבעטן אַנטיילצונעמען, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט טעמאַ־טיש זיך צופּאַסן צו אַן אַרבעטער־אוידיטאָריע.

ווי שוין דערמאָנט, איז דער פּעריאָד פון זיין לעבן אין וואַרשע געווען פאַר מאַנגערן דער סאַמע געבענטשטער און פרוכטבאַרסטער. אין רומעניע איז געווען זיין אויפגאַנג, אָבער אין פוילן איז זיין דיכטערישע זון געשטאַ־נען הויך אין זעניט. דאָ האָט ער געשאַפן זיינע וויכטיקסטע ווערק ווי די „חומש־לידער", די „מגילה־לידער", זיין „האָצמאַך־שפּיל", אינספּירירט פון גאָלדפאַדענען, דאָ האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע זאַמלונגען „לאַמטערן אין ווינט", „דעמערונג אין שפּיגל", זיינע עסייען „נאָענטע געשטאַלטן" און אַנדערע שאַפונגען.

דעם גרעסטן אָנזען צו יענער צייט האָבן אַרויסגערופן זיינע „חומש־

לידער״ און נישט בלויז צוליב זייערע קינסטלערישע מעלות, נאָר אויך צוליב מאַנגערס נייעם אופן פון טראַקטירן די חומש־געשטאַלטן. ביי געוויסע טראַדיציאָנעל־פרומע יידן האָבן זיי אפילו אַרויסגערופן אַ ווידער־געפיל צוליב דעם וואָס מאַנגער וואַגט, ווי ער זאָגט עס אַליין אין זיין אַריינפיר־וואָרט צו די חומש־לידער, צו מאַכן אַ שטיפעריי אַזאַ מיט די בערד פון די אָבות און מיט די שטערנטיכלעך פון די אמהות. זיי האָבן זיך עפּעס, די דאָזיקע יידן, דערפילט געקווצלט און געטראָפן אין זייערע געפילן, בפרט פון אַזעלכע שורות אין דעם ליד ווו אברהם אָבינו פאַר־טרייבט זיין דינסט הגר, וועלכע קלינגען ווי אויספיר און פאַראַלגעמיי־נערונג:

> אַט אַזוי פירן זיך די אָבות
> מיט די לאַנגע פרומע בערד.

אָבער דעם פאַרגעשריטענעם יידישן לייענער האָט גראָד אימפּאָנירט מאַנגערס שקאַצעוואַטער איינפאַל פון אַבסורדאַלן אַריינפירן אין דער צייט פון די חומש־געשטאַלטן היינטצייטיקע אַקסעסואַרן און אָביעקטן ווי צום ביישפּיל: „דער זייגער טיק־טאַקט אויף דער וואַנט״, „לאה לייגט אַוועק דעם שונד־ראָמאַן״ און „ערפּה גיסט אָן פון סאַמאָוואַר דריי גלעזער הייסן טיי״.

מאַנגער האָט געגעבן אונדזערע ווייטע אורפאָטערס מיט היינטיקע פירעכצער, געוווינהייטן, קוועלענישן און שוואַכקייטן. אפשר איז דאָ געווען מאַנגערס אַ טיפער זין, אַ פילאָזאָפיע זיינע אַז דער מענטש איז זינט ששת ימי בראשית ביז היינט צו טאָג דער זעלבער, געבווירן גלייך מיט זיין גורל, מיט זיינע אינסטינקטן און אייגנשאַפטן. אַזוי זעט ער אין סאַמע ערשטן מענטש, אין אָדם הראשון, אייפערזוכט, אייפערזוכט אויף חוהן, הגם ער, אָדם, איז דעמאָלט געווען ביי איר דער איינציקער מאַנספּאַרשוין, ווייל קיין אַנדערער איז דאָך נאָך דעמאָלט בכלל נישט געווען אויף דער וועלט און וועגן אַ פאַרדאַכט אויף אַ זייטיקן ליובאָווניק האָט דאָך דאָ קיין רייד נישט געקאָנט זיין. אָבער אָדם דערזעט איין מאָל אַ צווייטן אָדם זיך אָפּשפּיגלען אין אַ וואַסער און ער קריגט מורא צי אָט דער וואַסער־אָדם שפּילט זיך נישט אַמאָל דאָרטן מיט זיין חוהלען...

אין אָט דעם חומש־ליד „אָדם איז אייפערזיכטיק״ האָבן מיר, אגב, אַלע מאַנגערס באַלאַדע־עלעמענטן פון מיסטעריע, דראַמאַטישן קאָנפליקט און אייביקער מענטשלעכער גורל־באַשערטקייט.

אין וואַרשע האָט זיך מאַנגער צוגעקוקט צו די פּשוטע יידן און יידענעס

פון די נאַלעווקעס און דזשיקע גאַס, וועלכע זענען געוואָרן פּאַר אים די פּראָטאָטיפּן פון די פּאַטריאַרכאַלע אָבות און די צניעותדיקע אמהות. פּונקט ווי ער האָט זיי דערהויבן, נעמענדיק זיי פאַר מאָדעלן פון די חומש־געשטאַלטן, אַזוי האָט ער די חומש-געשטאַלטן דערנענטערט צו די פּשוטע יידן, זיי אויסגעטאָן פון זייער ראָמאַנטיק, פון זייער לעגענדאַרישקייט און קדושה־אָרעאָל, זעענדיק אין זיי געוויינלעכע ערדישע יידן, פּראָסטע בשר־ודמס.

דאָ איז פאַראַן אַ געוויסע נאָענטקייט צווישן מאַנגערן און שאַגאַלן, אויב נישט קיין אָנרעגונג און השפעה פון שאַגאַלן אויף מאַנגערן. ווען איך האָב איין מאָל געהאַט געזען אויף אַ רעטראָספּעקטיווער אויסשטעלונג פון שאַגאַלן זיינע תנ״ך-צייכענונגען וווּ ער זעט די אָבות ווי מגושמדיקע קליינשטעטלדיקע בעלי־עגלות און מלאכים זעט ער ווי היימישע גבאים און שמשים אין זשופּעצעס, נאָר מיט פליגל אויף די פּלייצעס, אָפּטמאָל געגעבן אויף אַ קאַריקאַטוראַלן אופן, איז מיר גלייך אַדורך אַ געדאַנק וועגן דער שייכות פון מאַנגערס טראַקטירן די חומש־געשטאַלטן און שאַגאַלס תנ״ך־צייכענונגען.

מיט די חומש־לידער האָט מאַנגער צוגעטראָפן צום געמיט און צום באַנעם פון זיינע לייענער. זיי האָבן זיך דאָס רוב פּלוצלונג דערפילט באַפרייט פון אַ טראַדיציאָנעלער רעליגיאָזיטעט און פון אַ פאַרכטיקער ירושה-לאַסט, וואָס האָט אויף זיי געשווערט נאָך פון זייערע קינדער־יאָרן אָן, נאָך פון חדר, און זיי האָבן זיך, אַ דאַנק מאַנגערן, דערפילט מיטאַמאָל דערלייכטערט און היימיש־פאַמיליאַר און נאָענט מיט די ווייטע חומש־געשטאַלטן, ווי מיט זייערע זיידעס און באָבעס פון די שטעטלעך אין גאַליציע צי וואָלין. זיי האָבן זיך דערפילט מיט זיי ווי מיט אייגענע דורך זייער נוסח, השגות, פאַרצויגענע פאַרצערטלטע נעמען און פראָווינצער רעדנסאַרט, וואָס מאַנגער לייגט זיי אַריין אין די מיילער, ווי צום ביישפּיל, אין דעם ליד „אברהם און שרה״:

אָוורעמל, ווען וועלן מיר האָבן אַ קינד?
מיר זענעןביידע שוין אַלטע לייט.
ביי לייטן אַ פּרוי אין די יאָרן ווי איך
איז שוין דאָס אַכצנטע מאָל אויף דער צייט.

אברהם אָבינו שמייכלט און שווייגט
און פּיפּקעט פון זיין ליולקע רויך:
בטחון, מיין ווייב, אַז דער אייבערשטער וויל
שיסט אפילו אַ בעזעם אויך.

נאָך די חומש־לידער שרייבט מאַנגער אויפֿן זעלבן מאַניר די „מגילה־לידער". ער גיט דאָ אָפּ אַ חוב, האַלט ער, דעם פּורים־שפּילער, פֿאַר וועמענס יורש ער האַלט זיך, ווי ער האָט עס אַליין שפּעטער אויסגעדריקט אויף זיין יובילײַ אין ניו־יאָרק. ער וויל וויטער ציען זיין טראַדיציאָנעלן פֿאָדעם, נאָר אַ פֿאַרשענערטן און סטיליזירטן, פֿאַרשטייט זיך. מאַנגער איז וואָס אַמאָל מער געניגט צום סאַטירישן עלעמענט, צום שטיפֿעריש־לצנישן, צום איראָנישן און דיך־אָפּלאַכערישן. אָבער גאָר, גאָר אָפּט פֿאַר־גייט אים דאָס געלעכטער. נישט איין מאָל האָט ער געוויטיקט דורך זיין שמייכל און געשמייכלט דורך זיין וויטיק. אָבער אויף יידישע שמחות איז מאַנגער תמיד אָנוועזנדיק, אַן אָנגעלייגטער אורח מיט זיין ליד. זיינע לידער ווי „רבינו תם", „יאָסל־בער", „אויפֿן וועג שטייט אַ בוים" און אַנדערע זענען גאָר אָפּט געזונגען געוואָרן און ווערן געזונגען ביי אַ גלעזל משקה, אויף היימישע מסיבות, באַנקעטן און האָבן אים פּאָפּולער געמאַכט ביי אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק. קיין שום יידישער דיכטער האָט זיך נישט אַזוי אָנגענומען ביים פֿאָלק ווי מאַנגער, קיין שום יידישער דיכטער האָט אַזוי נישט צוגעטראָפֿן צו דער פּסיכיק און צום געמיט פֿון פֿאָלק ווי מאַנגער. אין דעם פֿאַל קאָן מען אים פֿאַרגלייכן נאָר מיט שלום־עליכמען. אָבער מאַנגערס אויפֿטו און דערגרייכונג זענען דאָ נישט קלענער ווען מען נעמט אין אַכט אַז שלום־עליכם האָט געשריבן פּראָזע, יידיש־טייטש פֿאַר ווייבער, מעשיות פֿאַרן פּראָסטן פֿאָלק, בשעת מאַנגער האָט געשריבן פּאָעזיע, וואָס דעם דורכשניטלעכן פֿאָלקס־לייענער איז זי נישט אַזוי צום האַרצן. אָבער מאַנגער האָט אים „גענומען", אַרויסגערופֿן ביי אים דעם אינטערעס און אפֿילו ליבשאַפֿט צו זיין פּאָעזיע און במילא שוין אין איינוועגס אויך אַ ביסעלע צו פּאָעזיע בכלל און דאָס איז אויסשליסלעך מאַנגערס פֿאַר־דינסט.

מאַנגער האָט דורכגעבראָכן די מחיצה און קידער־ווידער וואָס איז אין אַ געוויסן זין איינגעשטעלט צווישן פּאָעזיע און פֿאָלק. אַ דאַנק אים האָבן אַ סך פֿאָלקס־מענטשן דערשפּירט דעם טעם פֿון פּאָעזיע, דערזען ערשט איר שיינקייט און חן. און דעם קאָנטאַקט צווישן פֿאָלק און דיכטער האָט נאָך קיינער, אחוץ אים, נישט באַוויזן אַזוי אינטים־האַרציק צו פֿאַרבינדן. ס'איז זיכער דערפֿאַר ווייל די ברייטסטע קרייזן לייענער האָבן זיך דער־קענט אויף זיין גרויסקייט און דערפֿילט אינטואיטיוו אין אים זייער דיכ־טער. דאָס פֿאָלק איז געוואָרן דער גרויסער מבין אויף זיין גרויסקייט.

פּונקט ווי שלום־עליכם האָט זיך אַרויסגעשטעלט און געיחוסט דערמיט וואָס ער איז אַ שרייבער פֿאַרן פּראָסטן פֿאָלק, אַזוי איז אויך געווען מאַנ־גערס אני־מאמין — אַז ער זינגט פֿון אַלע, פֿאַר אַלע, ווי דאָס קומט ביי

אים בולט צום אויסדרוק אין זיין ליד „לאָמיר זשע זינגען״, וואָס עפּנט, אגב, זיין גרויס בוך „ליד און באַלאַדע״:

לאָמיר־זשע זינגען פּשוט און פּראָסט
פון אַלץ וואָס איז היימיש, ליב און טייער:
פון אַלטע בעטלער, וואָס שעלטן דעם פּראָסט
און פון מאַמעס וואָס בענטשן דאָס פייער.

פון אָרעמע כּלות, וואָס שטייען מיט ליכט
פאַר בלינדע שפּיגלען שפּעט ביינאַכט,
און יעדע זוכט דאָס נאָענטע געזיכט,
וואָס האָט איר ליבע אויסגעלאַכט.

און דאָ גייט ווייטער אַ גאַנצע גאַלעריע פון פּערסאָנאַזשן ווי גורל־וואַרפער, עגונות, דינסטן, קאַטערינקע־שפּילער, גנבים, שמאַטע-קלויבער, וועגן וועלכע מאַנגער רופט אונדז אַלע ברייטהאַרציק צו זינגען.

נאָך אַלע זיינע וואַנדערונגען, נאָך דעם ווי מאַנגער האָט צעשלייַדערט שטיקער פון זיין לעבן און שאַפן איבער טשערנאָוויץ, וואַרשע, פּאַריז, לאָנדאָן און ניו־יאָרק, קומט ער קיין ישראל, וווּ ער האָפט צו געפינען אַ מקום־מנוחה און אַ באַרואיקונג פאַר זיין צעוויייטיקט געמיט. ער רופט דאָ אַרויס חשיבות נישט בלויז צו זיך פּערזענלעך, נאָר אויך צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור, אפילו ביים יונגן סאַברע־דור, ביי וועמען ער רופט אַרויס אינטערעס און נייגער. קומענדיק אַהער, האָט ער, נאָכן אַפּווישן זיין וואַנדער־שטויב, אויפגעמאַכט זיין שווערן זאַק מיט גאַלדענע דוקאַטן און דערלאַנגט איינעם פון זיי, ווי אַ מוסטער און אַן אַדערויף דעם לאַנד, זיין ליד „כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד״, וואָס איך האָב שוין דערמאָנט אין אָנהייב:

כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד,
איצט פאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים.
מיט איין פּאָר שיך, איין העמד אויפן לייב,
אין דער האַנט דעם שטעקן, ווי קען איך זיין אָן דעם?

כ׳וועל שטיין פאַרגאַפט פאַר דעם כּנרת בלאָ,
אין מיינע בגדי דלות אָנגעטאָן,
אַ פאַרוואָגלטער פּרינץ, וואָס האָט געפונען זיין בלאָ,
און בלאָ איז זיין חלום פון תּמיד אָן.

בלאָ איז געווען די באַליבטע קאָליר פון מאַנגערן. זי ציט זיך אַדורך ווי אַ תכלת־פֿאָדעם דורך זיין שאַפן. אין ישראל פעלט נישט אויס קיין ביסל בלאָ. מען געפינט אויך בלאָ אויף דער מלוכה־פאָן. מאַנגער אַליין האָט דאָ געהאָפט צו זיין ווי ביי אים אין דער באַלאַדע „דער ייד וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ". אָבער ער איז נישט דערגאַנגען. ס'איז אים נישט באַשערט געווען אָנצוטרינקען זיך מיטן בלאָ ווי מיט אַ באַרוישנדיקן וויין. קנאַפע דריי יאָר איז ער געלעגן פאַראַליזירט אַן איזאָלירטער אין דער סאַנאַטאָריע פון גדרה, צוגעשמידט צו זיין בעטל ווי היינע זיבן יאָר צייט אין פאַריז אויף זיין „מאַטראַצן־קבר". דאָ האָט זיך פאַרענדיקט דער גאַנג פון „שטערן אויפן דאַך" מיט „שטערן אין שטויב", מאַנגערס לעצט בוך לידער, וואָס זעט אויס צו זיין אַ טראַגישע פאַרוואַנדלונג און מעטאַ־מאָרפאָזע. נישט אומזיסט און נישט אָן כוונה האָט ער צוגעטראַכט דעם דאָזיקן טיטל פאַר זיין לעצט בוך, דורך וועלכן ער האָט זיכער געוואָלט אויסדריקן דעם שאַרפן קאָנטראַסט, די אַנטוישונג און פאַרביטערונג. אויף דעם איינזאַמען בעטל, וווּ ס'האָט זיך איינגעשטילט זיין פלייט פון ריינעם גינגאָלד, איז אויסגעגאַנגען דער פינאַל פון זיין געזאַנג און אפשר האָט ער דאָ אין די גראָע דעמערונג־שעהען געפליסטערט די שורות פון זיין ליד „עפּילאָג":

איך בין מיד, אַ גוטע נאַכט,
ס'קלעפּן שווער זיך מיינע אויגן.
ווי אַ חלום איז פאַרפלויגן
לעבן, ליבע און געדאַכט,
איך בין מיד, אַ גוטע נאַכט;
ס'קלעפּן שווער זיך מיינע אויגן.

האַלב אין וואַך און האַלב אין דרימל
פּלאַפּל איך דאָס לעצטע ליד.
זע, אַ גרויסער פויגל פליט
פון דער ערד אַרויף צום הימל,
האַלב אין וואַך און האַלב אין דרימל
פּלאַפּל איך דאָס לעצטע ליד,

אַ שטערן אויף אונדזער אָרעמען דאַך האָט זיך דאָ פאַרלאָשן. און דער ליכטיקסטער און דער שענסטער. אָבער זיין אָפּשיין וועט לייכטן אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַלע פיר עקן וועלט און שטענדיק אונדז אַנט-

פלעקן די אוצרות פון יידישן פאָלקס־שאַפן. ביי זיין קבר אין תל־אביב זיצט אַ פאַריתומטע און פאַראָבלטע די גאָלדענע פאַווע מיט קריעה־געריסענע פליגל און פאַרגיסט אַ טרער פאַר דעם, וואָס האָט זי באַזונגען און דערהויבן צו ליכטיקע הייכן, פאַר דעם, וואָס האָט זיך נישט בלויז געיחוסט מיטן פאָלק, נאָר אויך געמאַכט אים פאַר זיין שפּיגל. און באמת, האָט זיך מאַנגער אידענטיפיצירט מיטן פאָלק, מיט זיינע פריידן און ליידן. ער האָט זיך אידענטיפיצירט און זיך געהאַלטן נאָענט מיט זיין שניידערישן אָפּשטאַם פון עמך שער־און־אייזן, באַשיינט מיט זיין ליד זיין טאַטן דעם שניידערוק און די יונגען, די שניידער־געזעלן, פון וועמענס נאָדלען עס האָט געבליצט מיט גאָלדענע אידעען, פאָלקס־פאַנטאַזיעס, חלומות און בענקשאַפטן. מאַנגער האָט זיי פאַרוועבט אין זיינע לידער און באַלאַדעס מיט ליבשאַפט און האַרציקייט, וואָס האָבן געהאַט די חנען פון פאָלקלאָר, פאָלקס־מעשה און פאָלקס־ליד. אָפט האָט זיך אַרויסגעהערט פון זיין ליד אַ טאָן פון באַוווסטזיניקער בדחנות, אין וועלכן עס האָט געשטעקט כוונה, ציל און ראַפינירטע פשטות. אין זיין פשטות איז געווען ראַפינירטקייט, פונקט ווי אין זיין ראַפינירטקייט איז געווען פשטות. ער איז געווען דער סינטעז פון אַקומולירטן דורותדיקן פאָלקס־שאַפן און אַליין איז ער געווען פאָלקסטימלעך דורך און דורך, ביז צו זיין פאַרנאָמען איציק.

ער איז געקומען פון די טיפענישן פון פאָלק און נישט אַוועק פון זיי. און בלייבנדיק טיף אין זיי האָט ער זיך דערהויבן. פון די וועלוול זבאַר־זשערס, די בראָדער זינגערס, פון די הערשעלע אָסטראָפּאָליערס און גאָלד־פאַדען־שפּילערס, פון די אויסגעחלומטע פּרינצן און רעאַלע בעטלערס האָט ער געצויגן זיין יניקה. פון די בעסאַראַבישע קנייפּעס, פון די קרעטשמעס און ווייַנקעלערס האָט ער געשעפּט, נישט בלויז ווייַן, נאָר אויך אינספּי־ראַציע און באַגייסטערונג. ער האָט דאָרטן גאַנצע אוצרות אויפגעקליבן בכדי זיי שפּעטער אָוועקצוטראָגן אין זיין וואָגל־זאַק כפל־כפלים צו אַלע אונדזערע שוועלן און טירן.

1969

יצחק קאַצענעלסאָן —

קלאָגער און אָנקלאָגער פון וואַרשעווער געטאָ

דער נאָמען יצחק קאַצענעלסאָן וועט שוין לעולם ועד זיין פאַר־בונדן מיטן וואַרשעווער געטאָ. דער דיכטער פון „דאָס ליד פון אויסגע־הרגעטן יידישן פאָלק" וועט פאַרבלייבן אין אונדזער זכרון און אין דער געשיכטע פון יידישן אומקום בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה ווי דער וויכטיקסטער אויסדריקער און דין־וחשבון־מאַנער פון אומגעבראַכטן פוי־לישן יידנטום.

הגם יצחק קאַצענעלסאָן איז געווען אַ לאָדזשער אַלע זייַנע יאָרן, ס'הייסט, פון זיין פריער קינדהייט אָן, וועט ער שוין אַנגיין פאַר אַ סך פון אונדז ווי אַ וואַרשעווער צוליב די עטלעכע יאָרן זיינע וואָס ער האָט געלעבט, מישטיינס געזאָגט, אין וואַרשעווער געטאָ, און דורך זיין געבן אַ תיקון אין זיין שאַפן דעם אומקום און גערانגל פון די יידן אין וואַרשע, וווהין ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין אָנהייב פון דער מלחמה, פאַרלאָזנ־דיק זיין היימשטאָט לאָדזש. אַזעלכע איברוואַנדערונגען און וואָגלענישן פון משפחות, יחידים און גרופּן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער זענען דע־מאָלט, אין די ערשטע יאָרן פון דער נאַצי־אָקופּאַציע, פאַרגעקומען גאַנץ אָפט. דאָרטן, אין וואַרשעווער געטאָ, איז קאַצענעלסאָנען באַשערט געווען מיטצולעבן דעם בהדרגהדיקן אונטערגאַנג און אויך די שפּעטערדיקע גי־בורים פון די וואַרשעווער יידן, מיטצומאַכן די שבעה מדורי גיהנום פון זיין פאָלק.

דער גורל האָט אָבער געוואָלט, אַז ער זאָל אויך ווערן זייער שליח־ציבור, סיי ביי זייער לעבן און סיי אויך שוין נאָך זייער טויט, און אים געגעבן די רעלאַטיווע מעגלעכקייט, אַז ער זאָל קאָנען אין וויטעל אויס־פיבערן זיין אומשטערבלעך ווערק „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק".

דער נאָמען פון יצחק קאַצענעלסאָן וועט שוין אויף דור־דורות זיין פאַרבונדן מיטן וואַרשעווער געטאָ, פּונקט ווי עס וועט זיין פאַרבונדן מיט אים דער נאָמען פון עמנואל רינגעלבלום, וואָס איך וויל דאָ דערמאָנען

מיט יראת־הכבוד. זיין געשטאַלט טויכט אויף פֿאַר מיר נאָך פֿון די צוואַנ־ציקער יאָרן אין וואַרשע, ווען איך בין געווען זיינער אַ תּלמיד; ער איז געווען אַ געוויסע צייט מיין לערער פֿון געשיכטע־לימודים. רינגעלבלום, ווי דער היסטאָריקער פֿון וואַרשעווער געטאָ און קאַצענעלסאָן, ווי דער דיכטער פֿון וואַרשעווער געטאָ, האָבן געהאַט, יעדער אויף זיין אופֿן, אַ געמיינזאַמע שליחות: צו געשטאַלטיקן די יידישע גייסטיקייט אינעם סאַמע תהום פֿון פּיין און יסורים. זייענדיק אַליין אינעם פֿייער, האָבן זיי געהאַט די זכיה צו זען, פּונקט ווי חנינה בן תרדיון, איינער פֿון די עשרה הרוגי מלכות, בעת די רוימער, ווי די יידישע אותיות ווערן געראַטעוועט און זיי פֿליען אַרויס פֿונעם פֿייער צו אונדז אַלעמען, צו די שפּעטערדיקע דורות, אין דער ווייטער צוקונפֿט אַריין. אַזוי זענען אויך על פּי נס אַרויסגע־פֿלויגן צו אונדז אַלעמען פֿונעם ברענענדיקן געטאָ די אותיות פֿון עמנואל רינגעלבלום און פֿון יצחק קאַצענעלסאָן און זיי זענען געבליבן פֿאַר אונדז אָפּגעראַטעוועטע, ווייל דער פֿאַרצערנדיקער פֿלאַם האָט נישט געהאַט קיין שליטה אויף זיי.

רינגעלבלום און קאַצענעלסאָן האָבן געהאַט אויך ביידע אַן ענלעכן טראַגישן גורל. זיי זענען ביידע אומגעקומען אין יאָר 1944, אַ יאָר פֿאַר דער מפּלה פֿון זייער און אונדזער אַלעמענס דייטשן דם־שונא, ווען מען האָט נאָך געקאָנט האָפֿן, אַז ביידע, סיי קאַצענעלסאָן אין וויטעל, פֿראַנקרייך, און סיי רינגעלבלום אין זיין פֿאַרזיכערטן בונקער אויף דער אַרישער זייט אין וואַרשע, וועלן דערלעבן די גאולה. ליידער, איז עס נישט אַזוי געווען.

וועגן יצחק קאַצענעלסאָן ווי אַ שעפֿערישן דיכטער האָט מען נישט אַזוי שטאַרק געהערט אין די לעצטע יאָרן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער גלייך נאָכן קריג האָט ער זיך אויפֿסניי אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז אויף אַ טראַגישן און אויך דערהויבענעם אופֿן. עס האָט זיך פֿאַר אונדז ערשט איצט אַרויסגעוויזן, אַז גראָד אין געטאָ זייענדיק, איז ער געווען איינער פֿון די שעפֿערישסטע דיכטער און אפֿשר נאָך מער שעפֿע־ריש ווי ווען עס איז אין אַנדערע שאַפֿונגס־פּעריאָדן זיינע, ווי די השגחה עליונה וואָלט אויף אים אַרויפֿגעלייגט אַ באַזונדערן חוב און שליחות און אים אַריינגעגעבן דעם רוח־הקודש, די באַגייסטערונג און אים גע־בענטשט מיטן כּוח פֿון יצירה דווקא אינעם תהום פֿון ליידן און אונטער־גאַנג. ער האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז מיט זיינע אויפֿטרייסלענדיקע געטאָ־שאַפֿונגען און דער עיקר, מיט זיין קרוינווערק „דאָס ליד פֿון אויס־געהרגעטן יידישן פֿאָלק״. אָבער „קרוינווערק״ קאָן דאָ אפֿשר קלינגען ווי

אַ דיסאָנאַנס און איז נישט אויפֿן ריכטיקן אָרט. נאָר אויב שוין יאָ אַ קרוין, קאָן זי זיין נאָר פֿון דערנער און פֿון שטעכלדראָט און נישט אויס־געזעצט מיט דימענטן און איידלשטיינער...

עס איז נאַטירלעך, אַז ווען מען דערמאָנט קאַצענעלסאָנען זאָל דאָס שוין זיין פֿאַרבונדן מיט אָט דעם לעצטן ווערק זיינעם און ווען מען רעדט וועגן אים און מען באַלייכט זיין שאַפֿונגס־וועג זאָל ער באַלויכטן ווערן מיט דער שיין פֿון יאָרצייט־ליכט און מיט די געטאָ־פֿלאַמען פֿון די וואַר־שעווער אַפּריל־טעג פֿון יאָר 1943. אַזוי זענען מיר שוין געוווינט אים פּיע־טעטפֿול אָנצורופֿן זינט יאָרן: דער דיכטער־קדוש. און טאַקע מיטן אַק־צענט אויף קדוש.

מיר וואָלטן אָבער באַגאַנגען אַן עוולה לגבי קאַצענעלסאָנען ווען מיר וואָלטן נישט אויך, כאָטש בצימצום, אַרויסגעבראַכט די באַדייטונג פֿון זיין אַלזייטיקער שרייבערישער געשטאַלט, ווען מיר וואָלטן פֿאַרזען דעם דיכטער אויפֿן חשבון פֿון קדוש. איך וועל דעריבער אָנגעבן עטלעכע ביאָגראַפֿישע שטריכן.

יצחק קאַצענעלסאָן שטאַמט פֿונעם ווייסרוסישן שטעטעלע קאָרע־ליטש, אין דער מינסקער גובערניע, פֿון יחוסדיקע עלטערן. זיין מוטער איז געווען אַ רבנישע טאָכטער און זיין פֿאָטער אַ משכּיל, אַליין אַ העברע־אישער שרייבער. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט פֿאַרשידענע שריפֿטן, געווען אַ מיטאַרבעטער אין נחום סאָקאָלאָווס „האשכּול" און מענדעלע מוכר־ספֿרים און שלום־עליכם זענען געווען זיינע חברים. ווען קאַצענעלסאָן איז אַלט אַכט יאָר ציען זיך זיינע עלטערן אַריבער קיין זגערזש, לעבן לאָדזש, און שפּעטער קיין לאָדזש גופֿא. זיין פֿאָטער ר' יעקב בנימין גרינדעט אַ העב־רעאישע שול אין זגערזש, אין וועלכער זיין אייגענער זון יצחק איז אַ תּלמיד.

אין אָט דער אַטמאָספֿער פֿון יידישער גייסטיקייט האָט זייער פֿרי דערוואַכט אין קאַצענעלסאָנען די דיכטערישע באַגאַבונג און דער דראַנג און סטימול צו ערשטע שאַפֿונגס־פּרוּוון.

מיט קאַצענעלסאָנען דעם דיכטער האָב איך גענומען דעם ערשטן קאָנטאַקט אַלט זייענדיק צען יאָר, ביים איבערחזרן צו אַ פֿאַרהער דאָס פּאָפּולערע העברעאישע קינדער־ליד „על חלון", וואָס קאַצענעלסאָן האָט אָנגעשריבן אין דעם זעלבן עלטער וואָס דער תּלמיד זיינער — צו צען יאָר, און דאָס ליד איז שפּעטער אַריין אין העברעאישע שול־כרעסטאָ־מאַטיעס און פֿון דאַנען איז עס טאַקע דערגאַנגען צו מיר:

על חלון, על חלון
עמדה צפור יפה,
ילד בא אל חלון —
צפור יפה עפה.

אַזוי פלעגן מיר, קינדער, זינגען מיט אונדזערע יונגיטשקע קלינגענדיקע שטימעלעך, נישט טראַכטנדיק וועגן דעם מחבר פון ליד און צי עס עקזיס־טירט בכלל אַ מחבר. אָבער אַ פאַרגיטיקונג פאַר אונדזער איגנאָרירן דעם דיכטער האָט זיכער קאַצענעלסאָן געהאַט אין דעם וואָס זיין ליד האָט נישט אייגגערוט אין אונדזערע צאַרטע קינדערישע מיילעכלעך. אַזאַ מזל האָט אויך מיט יאָרן שפּעטער געהאַט קאַצענעלסאָנס שטימונגספול ליד „די זון פאַרגייט אין פלאַמען", וואָס מען האָט עס געזונגען אין שטעט און שטעטלעך צווישן יידן, געזונגען מיט בענקשאַפט און פאַרטרוימטקייט ביי שער־און־אייזן, ביי דער דראַטווע און דער נאָדל, אויף שפּאַצירן אין די ליבע זומער־פאַרנאַכטן אויף הינטערשטאָטישע וועגן און אין וועלדער. און אויך דאָ האָבן אַ סך, זינגענדיק דאָס ליד, נישט געוווּסט ווער עס איז דער מחבר דערפון. פונדעסטוועגן איז עס לגבי קאַצענעלסאָנען נישט געווען קיין עוולה, נאָר גיכער אַ זכיה.

יצחק קאַצענעלסאָן ווערט באַקאַנט אַלס העברעאישער און יידישער דיכטער אין די אָנהייב־יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט. ער איז אַ ליבלינג ביי פרצן און אפילו ביי דעם בייזן און שטרענגן דוד פרישמאַן איז ער נושא חן. און נישט קיין אַנדערער ווי פרישמאַן אַליין זאַמלט אַ גרויסע סומע געלט בכדי אויסצולייזן מיט איר דעם יונגן קאַצענעלסאָן פון „גוישע הענט", פון פאָניען, פון דער רוסישער קאַזאַרמע.

קאַצענעלסאָן וואַקסט אויס אַ שריפטשטעלער מיט אַן אַלזייטי־קער באַגאַבונג. אַלע זשאַנערן פון ליטעראַרישן שאַפן זענען אים נאָענט און אייגן: דיכטונג, פּראָזע, זשורנאַליסטיק, דראַמאַטורגיע. ער איז אויך לערער, פּעדאַגאָג, רעזשיסער און אַז מען דאַרף אַ מאָל — אויך אַן אַקטיאָר. דאָס הייסט, אַז ווען אין אַ עת־צרה, בעת די טורנעען פון זיין טעאַטער־סטו־דיע איבער שטעט און שטעטלעך ווערט אַן אַקטיאָר קראַנק, פאַרטרעט אים באין־ברירה קאַצענעלסאָן, און משמעות, אַז ער האָט דאָס נישט גע־מאַכט ערגער פון די אמתע אַקטיאָרן זיינע, די פּראָפעסיאָנעלע, וואָס זענען מסתמא אויך נישט געווען מער ווי „לוביטעלעס", אַמאַטאָרן.

פון אַלע זיינע וואַנדערונגען אין יענע יאָרן האָט זיך קאַצענעלסאָן

זייער אָפּט אומגעקערט צו זיין באַליבט געבוירן־שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד, קאַרעליטש, סיי אין זיינע חלומות און סיי אין דער ווירקלעכ־קייט, ווי עס גיט איבער אין אירע זכרונות וועגן אים די שוועסטער פונעם דיכטער, צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו.

אין דעם גרויען און פאַררויכערטן לאָדזש האָט געשלומערט אין קאַצענעלסאָנען אַ נאָסטאַלגיע און ליבשאַפט צום שטעטל, צו די אַרומיקע גרינע פעלדער און וועלדער, וואָס האָבן אויף אים משפּיע געווען. אויך דאָס שטעטל האָט ליב געהאַט איר דיכטער, אים געשעצט און אים אָפּגעגעבן כבוד און אין דער שטוב פון זיינע קרובים דאָרטן האָט מען אויפגעהיטן און געלאָזט שטיין זיין וויגעלע, אין וועלכן ער האָט זיך אַמאָל געהאָדעוועט. און ווען קאַצענעלסאָן איז שוין ווי אַ דערוואַקסענער מענטש און דיכטער געקומען צו גאַסט אין שטעטל מיט אַ פאַרלעזונג האָט מען אים דאָס סאַמע ערשטע געפירט ווייזן זיין וויגעלע, וואָס איז געשטאַנען ווי אַמאָל און געווען אָפּגעציטערט ווי אַ זעלטענער חפץ אין אַ מוזיי.

דאָס וויגעלע איז דאָך ביי אונדז יידן איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, ווי די אויסגעוואַקסענע מלבושימלעך אין אונדזערע אָרעמע היימען זענען איבערגעגאַנגען פון קינד צו קינד, און ווען מען צו וויגן אין דעם און האָדעווען האָט נישט געפעלט. דאָס וויגעלע, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט דער ליבשאַפט פון אונדזערע מאַמעס, צוגלייך מיט אַ ווונדערלעך געוועב פון פאָלקסטימלעכקייט און פאָלקס־פאַנטאַזיע, איז דאָך געוואָרן דער סימבאָל פון פאָלקס־המשך. וויפל נאָגנדיקע מתי־קותדיקע וויגלידער האָבן זיך געטראָגן דערפון און עס פאַרוואַנדלט אין אונדזער היימישער און ליב־האַרציקער קאַטערינקע.

אונדזער וויגעלע, וואָס איז אַזוי געהיטן געוואָרן דורך גוטע מלאכים און דורך אונדזער אויסגעחלומטן ווייסן ציגעלע!

ווו איז עס איצטער, יצחק קאַצענעלסאָנס וויגעלע, דער סימבאָל פון אונדזער ירושהדיקייט און המשכדיקייט? עס איז אַוועק אין פייער און אין רויך צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע הונדערטער טויזנטער יידישע וויגע־לעך, צוזאַמען מיט די איינגעשלאָפענע אין זיי יידישע קינדערלעך — די פאַרוויגטע אויף שטענדיק.

יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער איז אין וואַרשעווער געטאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן פונעם לירישן דיכטער פון שטילן בענקשאַפטס־ליד „די זון פאַר־גייט אין פלאַמען" אינעם דיכטער פון דער קינה, פון קלאָג און פייערדיקן

צאַרן, האָט איצטער מער נישט געקאָנט הערן דאָס געוויין פון אַ קינד צוליב דעם וואָס פייגעלעך פליען אַוועק פון פענצטער (אין זיין ליד „על חלון"): אָן אַנדער קינדיש געוויין האָט ער איצטער געהערט, דאָס געוויין פון פאַרפייניקטע יידישע קינדער, וואָס גייען אויס פון הונגער און קעלט, וואָס וואַלגערן זיך געשוואָלענע אויף דער גאַס, ביי די ווענט, פאַרדעקטע מיט שמאַטעס און צייטונגען. נישט קיין פייגעלעך זעט ער איצטער אַוועק־פליען פון יידישע פענצטער, נאָר די קינדערשע יונגע נשמהלעך, וועלכע טראָגן זיך אַוועק צו די הימלען, צו קאַצענעלסאָנס באַוווסטע הימלען, וואָס דער שאַרפסטער וויי־געשריי האָט זיי נישט געקאָנט רירן און שפּאַלטן; זיי האָבן כסדר אַראָפּגעקוקט גלייכגילטיק, ווי עס וואָלט גאָר נישט געשען אויף דער ערד, אונטער זיי.

אין וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך געפונען נאָך יידישע דיכטער, ווי ישראל שטערן, הערשעלע, יוסף קירמאַן, ב. שטערנבערג און אַנדערע. אָבער קיין ווערטלעכס איז נישט איבערגעבליבן פון זייער שאַפן. מעגלעך, אַז זיי האָבן קיין סך נישט געשריבן, אָדער האָבן געשריבן, נאָר זייערע כתבים זענען פאַרלוירן געגאַנגען. דערפאַר דערוויסט מען זיך זייער אַ סך פון קאַצענעלסאָנס אַ ליד וועגן איינעם פון זיי, דעם דיכטער הער־שעלע, הן וועגן זיין לעבן, הן וועגן זיין שאַפן און הן וועגן זיין טויט. דאָס ליד איז אָפּגעפונען געוואָרן אין די אויסגעגראָבענע קאַנען פון רינ־געלבלומס געטאָ־אַרכיוו. עס טראָגט דעם נאָמען: „די כראָניק פון הער־שעלעס טויט".

הערשעלע, וועלכער איז אין געטאָ אויסגעגאַנגען פון הונגער, איז געווען אַ פאָלקס־דיכטער, אַ באַקאַנטע טשיקאַוועדיקע פיגור, אַ שם־דבר אַמאָל צווישן די יידישע שרייבער אויף טלאָמאַצקע 13, וועגן וועלכן עס זענען אַרומגעגאַנגען כלערליי מעשיות, אַנעקדאָטן, חכמות. פונקט ווי זיין טראַגי־קאָמיש, נעבעכדיק אָרעם געשטאַלט, אַזוי איז אויך אַלץ ביי אים געווען פאַרקלענערט, ווי אין מיניאַטור: זיין נאָמען, זיין העפטל לידער, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן ביי זיך אין קעשענע, זיין כתב, זיינע אותיות. מיט זיין ליד האָט קאַצענעלסאָן געטאָן אַ „חסד של אמת" צו זיין פאַרשטאָרבענעם קאָלעגע און לאָדזשער בן־עיר און געשטעלט דערמיט אויף הערשעלעס קבר אין גענשער בית־עולם אַ באַשיידענע קליינע מצבה, ווי צוגעפּאַסט צו הערשעלען. אין זיין ליד וואַרפט קאַצע־נעלסאָן אַן אומהיימלעכע שיין אויף די לעצטע טעג פון הערשעלעס לעבן און אויף זיין טויט אין געטאָ. דאָס ליד איז, ווי ס'רוב לידער זיינע, דורכגעזיפּט מיט אַ שטעכיקער איראָניע איבערן אייגענעם ביטערן גורל:

ערשט יענע וואָך: הערשעלע!
כ׳האָב אָנגעקוואָלן —
„האָסט נעבעך אַ טעות,
איך בין געשוואָלן..."

מיט צוויי טעג שפּעטער
באַקום איך אַ צעטל:
איך ליג אַ קראַנקער
אין מיין אויפלייג־בעטל.

די דאָקטוירים הייסן
נאָר עסן, עסן...
איך וועל דאָס צעטעלע
נישט קיינמאָל פאַרגעסן!

מיט צוויי טעג שפּעטער
האָט וואַרשע געקלונגען:
ס׳איז הערשעלע דיכטער
געשטאָרבן פון הונגער.

באַלד נאָכן שטאַרבן —
האָט דערציילט מיר איינער,
איז אַראָפּ דאָס געשווילס אים
און אַרויס די ביינער.

מען דערוויסט זיך פונעם ליד אַז הערשעלע האָט איבערגעלאָזט טויזנט לידער, אַ ווייב, אַ טאָכטער און אַ ייִנגעלע אַ קדיש־זאָגער:

הערשעלעס ייִנגעלע
האָט געזאָגט קדיש —
נייע טרערעלעך —
תתחדש! תתחדש!

זיי האָבן געקאַפּעט
אויפן אָפענעם סידור —
פּערעלעך קלאָרע
פון די טויזנט לידער.

מיר פילן ווי דער געטאָ־מלאך־המוות רירט אונדז דאָ אָן מיט אַ קאַלטן אומהיימלעכן פליגל. דערביי זענען קאָצענעלסאָנס „טרערעלעך"

און „פערעלעך" ממש ווי צוגעקליבן צו הערשעלעס געשטאַלט. דאָס דער־שיטערנדיקסטע אָבער איז זיין אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַז דער הונגער האָט אים, קאַצענעלסאָנען, אָפּגענאַרט, ווייזנדיק אים הערשעלען מיט אַ גוטן אויסזען, פון וועלכן ער האָט אָנגעקוואָלן... ערשט דער טויט האָט אים אַרויסגעפירט פון טעות. ערשט דער טויט האָט אויסגעלייזט הערשעלען פון זיין געשווילעכץ, אַראָפּגענומען פון אים די טראַגישע חוזק־מאַסקע און אים אומגעקערט זיין אייגן פּנים און אים צוריקגעגעבן זיין אמת־דיקן נאָרמאַלן אויסזען.

קאַצענעלסאָן איז כמעט דער איינציקער דיכטער, פון וועלכן עס איז אי־בערגעבליבן אַ באַדייטנדיקע ירושה פון זיין שאַפן אין געטאָ און שפּעטער אין וויטעל, (וואָס מען דאַרף אויך פאַררעכענען פאַר שאַפונגען פון געטאָ, ווייל דאָרט האָט ער זיי אויסגעטראָגן). דערצו איז קאַצענעלסאָן אַחוץ אַ דיכטער געווען אויך טעטיק אין געטאָ אַלס געזעלשאַפטלעכער עסקן, לערער, דראַמאַטורג, רעזשיסער, כראָניקער, רעדאַקטאָר. און ס'איז כדאי צו דערמאָנען אַז די גרעסטע טייל פון זיינע שאַפונגען אין געטאָ, ווי אויך אין וויטעל, האָט קאַצענעלסאָן געשריבן אויף יידיש, אויף דער שפּראַך פון זיינע ליידנדיקע ברידער. פון אַלע זיינע טעטיקייטן און שליחותן אין געטאָ, נאָר־וואָס דערמאָנטע, זעט זיך קאַצענעלסאָן אַרויס קודם־כל אַלס דיכטער. ער איז נישט געווען בלויז אַ דיכטער פון געטאָ, נאָר ד ע ר דיכ־טער פון געטאָ. ער איז געווען דער סאַמע אויטענטישסטער דיכטער פון וואַרשעווער געטאָ, דער דיכטער־עדות פון חורבן יידיש וואַרשע, וועלכן ער האָט אַליין מיטגעמאַכט און צוגעזען מיט זיינע אויגן און קיינער קאָן נישט זאָגן וועגן זיך אַזוי ווי ער: „אני הגבר", איך בין דער מאַן, וואָס ער זאָגט עס מיט אַזוי פיל וואָגיקייט און באַגלויבטקייט אין זיין געטאָ־פּאָעמע:

אני הגבר, איך בין דער מאַן, וואָס האָט זיך צוגעקוקט, וואָס האָט געזען\
ווי מען האָט די קינדער מיינע, מיינע פרויען, מיינע יונגע און מיינע אַלטע לייט\
אין וועגענער געוואָרפן, ווי שטיינער זיי געשליידערט דאָרט ווי שפּען\
און געשלאָגן זיי גאָר אָן רחמנות און גערעדט צו זיי פאַרשייט.

קאַצענעלסאָן מיינט דאָ די מאַסן־גירושים פונעם פעריאָד זומער 1942, די אַבלאַוועס און כאַפּענישן, צו וועלכע ער האָט זיך צוגעקוקט דורכן פענצטער פון זיין שטוב. אָבער דאָ פאַרלאַנגט זיך אַ געוויסע אויפ־

קלערונג. וואָס הייסט, קאַצענעלסאָן האָט זיך צוגעקוקט? האָט ער דען דאָ געקאָנט זיין אַ זייטיקער צוקוקער און אים גופא זאָל מען דאָ נישט מיינען? בעת די גירושים פון יענעם פעריאָד האָבן די דייטשן אָפּערירט סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיק. יעדן טאָג האָבן זיי אָפּגעשלאָסן אַן אַנדערן הייזער־בלאָק, אים אַרומגערינגלט און אַרויסגעפירט פון דאָרטן די איינ־וווינער. פון אַ שכנותדיק הויז, וואָס האָט נישט געהערט צו אָט דעם בלאָק האָט מען געקאָנט צוזען אַלץ דורך די פענצטער, דערוויל, באַטיר־לעך, ביז וואַנען מען וועט קומען אַרומרינגלען אויך דאָס דאָזיקע הויז. אויף אַזאַ אופן האָט געקאָנט אויך אַנטשטיין דער אויפטרייסלענדיקער דאָקומענט, וועלכער איז געפונען געוואָרן אין ריגעלבלומס אויסגעגראָ־בענע קאַנען, וואָס נאָכן דעשיפרירן אים האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס האָט געשריבן דער באַקאַנטער פּראָזע־שרייבער יהושע פּערלע, אין דערוואַרטונג ביז מען וועט אים אויך קומען אַרויסנעמען פון שטוב.

פון יצחק קאַצענעלסאָנס שורות וואָס איך האָב אויבן געבראַכט, קאָן מען זען ווי דער דיכטער אידענטיפיצירט זיך מיט אַלע פאַרפייניקטע יידן פון געטאָ. ער איז זיי אַלע כולל אין זיך. זיי זענען אַלע זיינע („די קינדער מיינע, מיינע פרויען, מיינע יונגע און מיינע אַלטע לייט“), ער איז אַ טייל פון זייער פּיין און אַ טייל פון זייער בראָך. דערפאַר פילט זיך אין זיין וואָרט אַזאַ עכטקייט, אַזאַ דורכגעליטנקייט און אַזאַ באַגלייבטקייט.

מען איז געווויינט צו הערן וועגן קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פון אויסגע־הרגעטן יידישן פאָלק“ אַז דאָס איז אַן אויפטרייסלענדיקער, דערשיטערנ־דיקער דאָקומענט פון אונדזער חורבן. איך ווייס נישט צי קאַצענעלסאָן וואָלט גינסטיק אויפגענומען די דאָזיקע באַצייכענונג: דאָקומענט. איך בין מסופק צי דאָס איז געווען דעם דיכטערס כוונה און באַגער בעת זיין שאַפונגס־פּראָצעס אין וויטעל, איבערצוּלאָזן נאָך זיך אַ דאָקומענט. דאָקומענט און פּאָעזיע זענען נישט צווישן זיך אַזוי שווה־בשווה; זיי זענען, אין תוך, היפּוכדיקע עלעמענטן. דער דורכגעוויטיקטער דיכטער האָט זי־כער דעמאָלט באַגערט אויסצולאָדענען זיין גאַנצן צער־און־צאַרן אין אַ פּאָ־עטיש ווערק, וואָס זאָל בלייבן און דויערן און וואָס זאָל זיין די טרויער־מגילה פון יידישן אומקום. אמת, עס זענען פאַראַן אין דער פּאָעמע דאָקו־מענטאַרע עלעמענטן, פאַרפיקסירטע פּאַסירונגען און עפּיזאָדן פון דער גרויל־תקופה, וואָס די אומשטענדן האָבן נישט דערלויבט אַז זיי זאָלן קאָנען אין גאַנצן דורכגיין דעם דיכטערישן זייַער, דעם פילטער, און זיי וואָלטן זיך אפשר בעסער אַריינגעפּאַסט אין דער פאָרעם פון פּראָזע, אין געוויינלעכער פּראָזע, אפילו מעמואַריסטיק, איידער אין דעם ענגן פּאַנצער

פון מעטריק, גראַם און ריטעם. אין פּראָזע וואָלט אפשר זיין ווערק אַ סך לייכטער דערגאַנגען צום פאָלק, צו יענע לייענער, וועלכע האָבן מסתמא שוועריקייטן ביים גובר זיין קאַצענעלסאָנס ברייט־אָטעמדיקע פּערזן, וואָס לייענען זיך נישט אַזוי לייכט ווייל דאָ און דאָרטן טרעפט מען זיך אָן אויף שטערונגען פון טעכנישן כאַראַקטער.

אָבער אפשר האָט מען נישט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען שלימות ביי קאַצענעלסאָנען? צי מעג מען דען און צי קאָן מען דען צוגיין צו זיין געטאָ־שאַפונג מיט די זעלבע מאָסן און קריטעריעס ווי צו יעדער אַנדערער פּאָעטישער שאַפונג? מען מוז דאָ אומבאַדינגט זיך פאַרטראַכטן וועגן די אומשטענדן, ביי וועלכע דער דיכטער האָט אין וויטעל אויסגעפּיבערט זיין ווערק. דאָס איז געווען אַ שרייבן אין איילעניש, אין איין אָטעם, בשעת דער הפסקה צווישן זיין קומען פון גיהנום פּוילן און אוועקגיין אין גיהנום אוישוויץ, ענדגילטיק און אָן אַ צוריקקער. ער האָט זיך געדאַרפט איילן בכדי צו באַוויזן אָנשרייבן זיין ווערק, ווי מען איילט זיך צו באַוויזן אָנשרייבן אַ צוואה. און אין אַ צוואה זוכט מען נישט קיין גרייזן, צי אפילו גראַמאַטיקאַלישע אָדער אָרטאָגראַפישע פעלערן.

קאַצענעלסאָן האָט אויסגעלאָדן זיין גאַנצן אָנגעזאַמלטן טרערן־לאָגל אין די פופצן קאַפּיטלען פון זיין פּאָעמע אַט דאָ, אין וויטעל, וווהין עס איז אים געלונגען אַריבערצוקומען מיט נאָך צוויי הונדערט און פופ־ציק יידן פון וואַרשעווער געטאָ אַלס כלומרשטער דרום־אַמעריקאַנער ביר־גער, גלייבנדיק אַז ער וועט קאָנען פאַרלאָזן דאָס נאַציש־אָקופּירטע אייראָ־פּע און זיך ראַטעווען מעבר לים. אין דער פּאָעמע ברענגט דער מחבר אַרויס מיט טיפן פּיין און ביטערן סאַרקאַזם פאַרשידענע פאַזן פון חורבן געטאָ וואַרשע. זיין פּערזענלעכער יאוש פון אַ ייד אַ יחיד, נאָכן האָבן פאַרלוירן זיין פרוי און זיינע צוויי זין, די גירושים פון די וואַרשעווער יידן קיין טרעבלינקע אין זומער 1942, דאָס פירן זיי צום אומשלאַג־פּלאַץ, זיין צאָרן־אויסברוך קעגן דעם יודענראַט און זיין טרייסט אינעם ווידערשטאַנד־קאַמף.

יעדעס וואָרט, יעדער קלאַנג פון קאַצענעלסאָנס פּאָעמע מאָנט אַ דין־וחשבון ווען ער רופט אַרויס צו זיין שרייבטיש און צום וועלט־געוויסן די שאָטנס פון זיינע אין פייער פאַרגאַנגענע וואַרשעווער יידן. ער פילט זיך ווי אַרומגערינגלט פון זיי, געשטאַרקט דורך זייער לעצטן ביסל כוח ערב זייער אומקום, און זיי, די שאָטנס, האַלטן אים אונטער ווי מעכטיקע זיילן און זיי אַליין לייגן אים אַריין די פען אין האַנט און זיי זענען גוזר אויף אים, אַז ער זאָל ממשיך זיין די שליחות פונעם משורר און ער טוט זיך אָן דעם געוואַלדיקן מאָראַלישן כוח צו זיין זייער איבערגעהאַקט

לשון, זייער פירשפרעכער, זייער מאָנער און קטיגור און נאָך אַן אינער־לעכן ישוב־הדעת און גערא־נגל מיט זיך גופא באַפעלט ער זיך אַליין מיט אַנטשלאָסנקייט: „זינג!" ווי עס הייסט טאַקע דאָס ערשטע קאַפּיטל, וואָס קלינגט ווי אַן אינוואָקאַציע:

קומט אַלע פון טרעבלינקע, פון סאָביבאָר, פון אַשוויענטשים,
פון בעלזשעץ קומט, קומט פון פּאָנאַרי, און פון נאָך, פון נאָך, פון נאָך!
מיט אויגן אויפגעריסן, פאַרגליווערט אַ געשריי, אַ גוואַלד, און אָן אַ שטים,
פון זאמדן קומט, פון בלאָטעס, איינגעזונקען טיף, פון פוילן מאָך —

קומט געטריקנטע, געמאָלענע, צעריבענע, קומט, שטעלט זיך אויס
אין אַ קאַראַהאָד, אַ ראָד אַ גרויסן אַרום מיר, איין גרויסע רייף —
זיידעס, באָבעס, טאַטעס, מאַמעס מיט די קינדערלעך אין שויס —
קומט ביינער יידישע פון פּראָשקעס, פון שטיקלעך זייף.

אַלץ און אַלעמען קלאָגט־אָן און רופט־אויף צום יום־הדין יצחק קאַצענעלסאָן ווען ער רופט אַרויס אַלע זיינע שאָטנס ווי עדות. אויך די נאַטור, דעם גאַנצן געטלעכן באַשאַף, די שטערן, די זון, די הימלען. גאָר־נישט אין דעם אַרום איז ביי אים פּאַסיוו און נייטראַל. אַלץ איז שולדיק אָדער מיטשולדיק. צו די הימלען, וואָס קוקן זיך צו צו אַלץ מיט גלייכ־גילט און שטילשווייגן שליידערט ער זיין גוט־באַקאַנטע טענה, זיין הימל־שרייענדיקע טענה, וואָלט איך געזאָגט, טאַקע אין דעם קאַפּיטל „צו די הימלען:

איר האָט זיך, הימלען, צוגעקוקט פון אויבן, ווי מען האָט די קינדער פון מיין פאָלק געפירט,
איבער וואַסערן, אויף באַנען און צופוס אין טעג אין העלע און אין פינצטערע אין נעכט צום טויט,
מיליאָנען קינדער האָבן ביים דערהרגעט ווערן הענט צו אייך געהויבן — ס'האָט אייך נישט גערירט,
מיליאָנען מאַמעס איידעלע און טאַטעס — ניט פאַרציטערט האָט אויף אייך די בלאָע הויט.

עס קומען אפילו אויף דערביי אינעם דיכטער רעמיניסצענצן פון זיין יוגנט, ער דערמאָנט זיך אַן אָפּגעהאַרטער און אַנטוישטער זיינע ערשטע

לידער, אין וועלכע ער האָט זיי, די הימלען, אַמאָל באַזונגען, צו זיין גרויסן פּאַרדרוס און ווייטיק, זיי געלויבט אין זיין ליד „די זון פאַרגייט אין פלאַמען״:

איך האָב געלויבט אייך, הימלען, באַזונגען אייך אין מיינע לידער
אַלע, אין יעדן מיין געזאַנג —
איך האָב געהאַט אייך ליב ווי ליב מען האָט אַ פרוי, זי איז אַוועק,
צערונען ווי אַ שוים,
איך האָב די זון אין אייך, נאָך אין מיין פריסטער יוגנט, די זון אין
פלאַמען פון איר אונטערגאַנג
פאַרגליכן מיט מיין האָפענונג: "אַזוי פאַרגייט מיין האָפענונג, אַזוי
פאַרלעשט מיין טרוים!״

דער דיכטער שטייט איצטער פאַר דער שרעקלעכער סתירה און חידוש: ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט, די הימלען, זיין אַזוי בלוי און שיין בעת דעם טאָג־טעגלעכן גירוש פון די וואַרשעווער יידן, בעתן קומען און גיין פון די פערד־און־וועגענער, וואָס האָבן אַוועקגעפירט יונג־און־אַלט פון גאַנצע אָפּגעשלאָסענע גאַסן און הייזער־בלאָקן צום אומקום:

וואָס זענט איר בלוי אַזוי, איר הימלען בלוי, ביי אונדזער אויסגע־
הרגעט ווערן? וואָס זענט איר אַזוי שיין?״

ס׳איז דאָ אפשר פאַראַן דער העכסטער אויסדרוק פון אַנטוישונג און פאַרביטערונג פון אייגעם, וואָס איז שטיין־געבליבן אַ פאַרלאָזטער און אומ־מעכטיקער לגבי זיין גורל, וועלכער איז פאַרלאָזן פון מענטש און גאָט און דערוואַרט נישט מער קיין הילף און ישועה פון ערגעץ. אַזאַ געמיט־צו־שטאַנד און אַזעלכע ווענדונגען האָבן אפשר געקאָנט זיין באַרעכטיקט אין אַט דעם פסיכישן מצב, אין וועלכן עס האָט זיך דעמאָלט געפונען דער דיכטער. און אפשר איז זיין טענה צו די הימלען געווען בלויז אַ פאַר־שטעלטע טענה צו דער גאָטהייט, וואָס ווערט אידענטיפיצירט מיט זיי, די הימלען, זעענדיק גאָט אומעטום, אין דער נאַטור, לויט דער פאַנטעאיסטי־שער שיטה?

זיין אַנטוישונג און פאַרביטערונג אין דער שיינקייט פון דער נאַטור דריקט שוין אויס דער דיכטער אין זיינע "לידער פון קעלט״, געשריבן אין וואַרשעווער געטאָ אין יאָר 1941. דאָס מאָל צו די שיינע בלינצלענדיקע שטערן, וועלכע ער זעט אַזעלכע רואיקע און גלייכגילטיקע פון דער קאַל־טער געטאָ־שטוב דורכן פענצטער און ער שליידערט זיי זיין איראָניע

און זיין סאַרקאַזם צוזאַמען מיט אַ יידישלעכער פאָלקסטימלעכער קללה צום סוף:

שטערן אַן אַ צאָל
האָבן דורך אַ שפּאַרע
פּונקט ווי אַמאָל,
ווי מיט יאָרן צוריק
צו מיר געבלינצלט:
פיל גליק! פיל גליק!
הערט אויף! הערט אויף! איר זענט געקינצלט!
איר זענט נישט עכט!
איר מאַכט מיר אייגעלעך
ווי אַמאָל אין יענער נאַכט —
הערט אויף!
זיי האָבן אַלץ נאָך אַן אַ סוף
צו מיר געוווּנקען —
ווערט איינגעזונקען!

ווידער דאָס געפיל פון ביטערער אַנטוישונג אינעם גאַנצן וועלט־באַשאַף מיט אַלע זיינע שיינקייטן וואָס האָבן אים אַמאָל אַזוי באַגייסטערט. און אין גרונט, וואָס האָט דען קאַצענעלסאָן געהאַט צו דערוואַרטן פון די בלינצלענדיקע שטערן, פון די לויטערע בלאָע הימלען, פון דער נאַטור מיט איר גאַנצן קלאַפּערגעצייג, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו אונדזער בראָך אַזוי' אומשולדיק־תמעוואַטע, בשעת לענדער גאַנצע, פעלקער האָבן זיך צוגעקוקט גלייכגילטיק און וואָס זיי זענען שוין גראָד גאָרנישט געווען אַזוי אומשולדיק־תמעוואַטע.

אין זיין פאַרביטערונג און אַנטוישונג אין מענטשלעכן מין האָט דער דיכטער שוין גיכער געזען דאָס מענטשלעכע אינעם בעל־חי. ער האָט געזוכט פאַרשטענדעניש, יושר און רחמים ביי די פערד, ביי די פערד וועלכע ער זעט אָוועקפירן די וועגענער מיט יידן צום אומשלאַג־פּלאַץ און פירן זיי דערנאָך צוריק אין געטאָ ליידיקע בכדי עס זאָלן ווידער ווערן אָנגעלאָדן אין זיי פרישע קרבנות. נאָך דעם ווי דער דיכטער פרעגט זיי צי זיי ווייסן וווהין זיי פירן די וועגענער, ווענדעט ער זיך צו זיי אין אַ מענטשלעכער שפּראַך, ווי ער וואָלט זיכער געווען, אַז זיי, די שטומע פיר־פיסיקע באַשעפענישן, וועלן אים מער פאַרשטיין ווי די צוויי־פיסיקע מענטשן, וואָס רופן זיך אַלנפאַלס אַן מענטשן, און האָבן די פערד איינגעשפּאַנט אין דינסט פון זייער אוממענטשלעכקייט:

אַך, ווען איר ווייסט — איר וואָלט צעהירזשעט ווילד זיך, זיך געשטעלט
אויף די הינטערשטע די פיס און די פיס די אייבערשטע ווי הענט
ווי מענטשלעכע פאַרבראָכן אין פאַרצווייפלונג פאַר דער גאַנצער וועלט,
און די רעדער רונדיקע — זיי וואָלטן דרייען זיך ניט מער געקענט...

די גרעסטע טייל פון יצחק קאַצענעלסאָנס שרייבערישער ירושה פון דער נאַצי־תקופה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1956 אין ישראל דורכן קיבוץ לוחמי הגיטאות אין אַ וואָגיקן באַנד פון גרויסן פאָרמאַט אונטערן נאָמען „כתובים אחרונים". אַהער גייען אַריין די שאַפונגען וואָס דער דיכטער האָט געשריבן אויף יידיש און אויף העברעאיש. די צוויי גרעסטע פּאָעטישע שאַפונגען, די פּאָעמעס „דאָס ליד פון ראַדזינער" און „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" זענען געגעבן אין יידישן אָריגינאַל און אין העברעאישער איבערזעצונג. אַנדערע יידיש־לידער זענען געגעבן בלויז אין העברעאישער איבערזעצונג. שאַפונגען, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אויף העברעאיש, זענען, דאַקעגן, נישט איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש. צו זיי געהערן דער „פנקס ויטל" (וויטעל), עסייען וועגן ביאַליקן, וועגן מענדעלען, וועגן דעם פאָלקס־דיכטער הערשעלע, אַן עפּיזאָד וועגן זיין ערשטן קומען צו פּרצן מיט זיינע לידער אונטערן נאָמען „יאַ מאַם לידלאַך", ווי אויך אַנדערע שאַפונגען. מען טרעפט אויך אין דעם בוך די פאַקסימיליע פון כתב־יד פון קאַצענעלסאָנס ליד „די כראָניק פון הערשעלעס טויט".

יצחק קאַצענעלסאָן איז נישט געווען גלייכגילטיק צו די סאָציאַלע דיפערענצירונגען אין געטאָ גופא, וואָס מען קאָן דאָס זען לויט זיין ליד „דער באַל". די געטאָ־באַפעלקערונג, כאָטש אַלע גלייך אַרומגערינגלט און פאַרמאַכט מיט דער זעלבער מויער, איז נישט געווען, איין האָמאָגענע מאַסע, פון איין שטיק און גוס. זי איז געוואָרן פאַרכאַפּט אין אָנהייב און פאַרהעמערט דורך די נאַציס אַזוי ווי זי איז געשטאַנען און געגאַנגען מיט אַלע אירע קלאַסן און שיכטן, אינטעליגענץ, רייכע און אָרעמע. די פּערספּעקטיוו איז פאַר אַלעמען געווען די גאַזקאַמער. אויב אָבער די רייכערע עלעמענטן האָבן זיך געקאָנט דערוואַרטן אויף איר, ווייל זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייטן לענגער זיך אויפצוהאַלטן און אויסצוהאַלטן, האָט דער גרעסטער טייל פון די אָרעמע מענטשן נישט בלויז נישט דער־

וואַרט זיך אויף דער גאַזקאַמער, נאָר נישט דערוואַרט זיך אפילו אויף די גירושים פון זומער 1942. די נויט, דער הונגער, די קעלט און עפּידעמישע קראַנקייטן האָבן דאָס זיי פאַרשפּאָרט. ווילטעטיקע געזעל־שאַפטן, הילפס־קאָמיטעטן האָבן זיך געמיט עטוואָס צו לינדערן זייער מצב. מען האָט איינגעאָרדנט לטובת זיי הוליאַנקעס, בעלער, ווו מען האָט זיך פאַרווײַלט און געלאָזט ווילגיין פאַר די ליידנדיקע און הונגעריקע. אַזאַ באַל שילדערט יצחק קאַצענעלסאָן מיט זיין אייגנטימלעכער איראָניע און סאַרקאַזם, פאַרשטעלנדיק דעם שרייענדיקן קאָנטראַסט צווישן דעם פאַרמעגלעכן שיכט און דעם אָרעמען דורך אַן „אויבן" און אַן „אונטן". אויבן, אויפן ערשטן שטאָק, אין אַ באַלוויכטעטנעם זאַל קומט פאַר די רע־טונגס־אַקציע ביי פלעשער וויין און קאָרטן־שפּיל. אונטן, אין פינצטערן קעלער געפינען זיך די, וואָס גייען אויס פון הונגער, נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן אויף דער רעטונג:

אין קעלער איז שטאָק פינצטער
און ליכטיק אויף אַ שטאָק,
פרייט מען זיך אין קעלער —
דאָרט לייכט זיך ווי בייטאָג.

אין קעלער איז אַ הונגער,
מען קוקט אַרויף צום זאַל —
פרייט מען זיך אין קעלער:
דאָרט אויבן איז אַ באַל...

„דער באַל" איז אַ גרויס ליד און ס'איז נישט שייך דאָ צו ברענגען נאָך ציטאַטן. עס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1941 אין וואַרשעווער געטאָ. ווען מיר קוקן דערויף אין רעטראָספּעקט און מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון וועגן דעם אַלגעמיינעם סך־הכל, בעת וועלכן סיי דער באַלוויכ־טעטער זאַל אויבן און סיי דער פינצטערער קעלער אונטן זענען סוף־כל־סוף צוזאַמען אַוועק מיטן פייער און רויך, זעען מיר איצטער אַנדערש יענעם געראַנגל, נאָטירלעך, הגם דאָס נעמט נישט צו ביי יצחק קאַצענעל־סאָנען דעם כאַראַקטער־שטריך פון אַ יושר־מאָגער און מוכיח.

דאָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין זיין האַלטונג לגבי דעם יודענראַט. פונקט ווי צו די גירושים פון זומער 1942, האָט זיך קאַצענעל־סאָן אויך צוגעקוקט פון דער נאָענט צו דער טעטיקייט און מעשים פונעם יודענראַט. און קיינער נישט, קיין שום אַנדערער יידישער שרייבער, וועל־כער האָט געלעבט אין געטאָ, צי אויסער אים, האָט נישט אַזוי געצאָרנט

קעגן דעם יודענראַט, ווי יצחק קאַצענעלסאָן אין זיין „דאָס ליד פון אויסגע־הרגעטן יידישן פאָלק״.

און ווער נאָך ווי ער איז אַזוי געווען באַרעכטיקט דערצו? ער גייט אַזוי ווייט אין זיין צאָרן־אויסברוך, אַז געוויסע זיינע אויסדרוקן און מעטאַפאָרן קאָנען אפשר היינט אויסקוקן ווי לעסטערונגען, באַזונדערס ווען ער פאַרגלייכט דאָס מגן־דודל, וואָס די יידישע פּאָליציאַנטן זענען געווען געצוווּנגען צו טראָגן אויפן היטל, צום האַקנקרייץ. איך ווייס אַז ביי אַ סך יידן איז דער ענין יודענראַט אַ ווייטיקלעכע און דעליקאַטע פראַגע, אַנדערע מיידן אויס צו רעדן וועגן איר, ווי וועגן אַן אייגענער חרפּה, אַנדערע פּילן זי ווי אַ שטענדיק־מאַטערנדיקע ווונד, נישט צום אויסהיילן און וואָס עס ווילט זיך נישט אָפּדעקן. ס׳איז נישט דאָ מיין חוב זיך צו פאַרנעמען גרינטלעך מיטן ענין יודענראַט. איך דערמאָן אים בלויז אויפן מאַרגינעז פון קאַצענעלסאָנס געטאָ־פּאָעמע. מען דאַרף, האָב איך דעם איינדרוק, זען ביי קאַצענעלסאָנען דעם יודענראַט אינעם קאָנטעקסט פון זיין שאַפונג, פּונקט ווי מען דאַרף אפשר זען דעם יודענראַט בכלל אין דער גאַנצקייט פון דער דייטשער מאָרד־פּלאַנירונג. דער היטלעריזם האָט זיך געגוויטיקט אינעם יודענראַט פאַר זיין נוצן, פאַר זיינע צילן. אויב די כּוונות פון די נאַציס לגבי דעם יודענראַט זענען געווען באַשטימטע, אויסגערעכנטע און אַנטשלאָסענע, איז דער יודענראַט אין אַלגעמיין געווען פאַרשידנאַרטיק, ניואַנסירט, אַנדערשדיק אין זיינע כּוונות, אויסרע־כענונגען, האָפענונגען, איינרעדענישן, אַזוי אויך אין זיין האַלטונג און אויפפירונג, סיי ווי אַן אָרגאַניזם און סיי ווי יחידים יעדער באַזונדער. נישט בלויז האָט זיך געקאָנט אונטערשיידן איין יודענראַט פון אַנדערן, נאָר אויך איין יחיד פון אַנדערן אין דעם יודענראַט גופא האָט זיך געקאָנט אונטערשיידן. אַנדערש איז געווען רומקאָווסקי דער ״קייסער״ פון לאָדזשער געטאָ, טראַגי־קאָמיש, גראָטעסק, ״פאָלקסטימלעך״, און אַנ־דערש איז געווען טשערניאַקאָוו, דער פאַרזיצער פון וואַרשעווער געטאָ, דער אינזשיניער, דער אינטעלעקטואַל, און אַנדערש יעקב גענס, דער מאַן מיט דער שטאַרקער האַנט פון ווילנער געטאָ. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויפריכטיק געמיינט, אַז מיט זייער זיין יודענראַטלער וועלן זיי טועַן גוטס פאַר זייערע געפייניקטע ברידער, אַנדערע האָבן געמיינט צו מאַכן קאַריערע, צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, צו דינען, זיך אויסקויפן. אי־בער אַלע האָט אָבער דאָס לעצטע וואָרט געהאַט צו זאָגן און דעם לעצטן חשבון צו מאַכן דער דייטש. דאָס האָט ער אַלץ באַשטימט און אפילו ווער עס זאָל זיין יודענראַטלער.

אין דער ערשטער צייט פון זומער 1942 איז געווען ״אָפּגעמאַכט״,

אַז דער קהילה־ראַט אין וואַרשע וועט צושטעלן יעדן טאָג זעקס טויזנט ייִדן צום „אויסזידלען אויף מזרח". נאָך דעם האָבן די דייטשן פאַרלאַנגט צען טויזנט אַ טאָג. ווי גרויליק־חוזקדיק דאָס קלינגט: „די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט". גלייך ווי אַלץ וואָלט נישט געווען אין זייערע הענט און זיי האָבן נישט געקאָנט נעמען ייִדן וויפל זיי האָבן געוואָלט. נישט מער, זיי האָבן געוואָלט זיין „אין אָרדענונג" און האָבן דערפאַר אַ „דערלויבעניש" פונעם קהילה־ראַט. ס'איז געווען נישט בלויז אַ שפּיל פונעם טייוול מיט זיינע קרבנות, אין שפּילן זיך מיט געבן זיי אויטאָנאָמיע, אַדמיניסטראַטיווע רעכט, ממש מלכות, נאָר אויך אַ פּערפידע דערנידעריקונג פאַר די קרבנות דורכן געשיקט ווערן צום טויט דורך זייערע אייגענע פאַרשטייער.
ווען מען האָט פון טשערניאַקאָוו פאַרלאַנגט צען טויזנט ייִדן אַ טאָג אַנשטאָט זעקס, האָט זיך זיין געוויסן רעוואָלטירט און ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. צען טויזנט ייִדן אַ טאָג אַרויסגעבן צום טויט דאָס איז שוין געווען צופיל און זעקס טויזנט האָט מען יאָ געמעגט? די דאָזיקע פראַגע עקבערט יעדן איינעם ווען ער פאַרטראַכט זיך איבער דער נאָך־נישט־געענדיקטער גלויבטענער געשטאַלט פון טשערניאַקאָוו. די פראַגע וועגן צען טויזנט ייִדן נישט און זעקס טויזנט ייִדן יאָ שטעלט יצחק קאַצענעלסאָן אין זיין פּאָעמע, ער, ווי אַן עד־ראיה פון דעם טראַגישן קאַפּיטל, און ער שרייבט מיט ביטערניש און גאַל וועגן טשערניאַקאָוו ווען יענער דער־וויסט זיך, אַז מען פאָדערט פון אים די הוספה פון פיר טויזנט ייִדן:

מען האָט אַריינגעריסן זיך ווי חיות ווילד אין קהילה־הויז, צום „עלטסטן ייִד",
צו טשערניאַקאָוו, צום פּרעזעס פון דער קהילה און געזאָגט צו אים אַזוי:
מיר ווילן ניט קיין זעקס! זעקס טויזנט ייִדן ווילן מיר שוין ניט, מיר ווילן צען!
צען־צען! אַזוי האָט מען געזאָגט אים: קורץ און שאַרף און רוי.

און היינט נאָך זאָל אַרויסגעהאָנגען ווערן צו די ייִדן אַלע אַן אַפּיש:
צען טויזנט אייך, מאָרגן נעמט מען צען שוין אייערע! — און מען איז אַוועק.
דער פּרעזעס פאַלט אַ בלאַסער אין זיין טיפן שטול, ביים גרינעם טיש...
דו שרייבסט? וועסט אונטערשרייבן צען? מיט וויפל זענען מערער צען פון זעקס?

עס גייט דיר דען אין צען? אויף זעקס, האַ, גייסטו איין?

עס וואָלט זיך געקאָנט שאַפן אַ געפערלעכע און שעדלעכע קאָנפוזיע ווען מען זאָל געבן קאַצענעלסאָנס שורות וועגן יודענראַט, יידישער געטאָ־פּאָליציי באַזונדער, אָפּגעריסן, און אַרויסגענומען פון גאַנצן קאָנטעקסט, ווען מען וואָלט אים נישט געזען ווי אַ טייל פון אַ גאַנצער טראַגעדיע. איך וועל ברענגען אַ ביישפּיל: מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אַ יידיש־פראַנצויזישער דיכטער איבערגעזעצט פון יידיש אין פראַנצויזיש עטלעכע געטאָ־שאַפונגען און זיי פאַרעפנטלעכט אין אַ פּאַריזער ליטעראַרישער וואָכנ־צייטונג אויף אַ ספּעציעלער זייט און פון קאַצענעלסאָנען האָט ער געגעבן גראָד דאָס קאַפּיטל וווּ עס רעדט זיך וועגן דעם געיעג פון דער געטאָ־פּאָליציי נאָך די יידן און בלויז דאָס:

איך האָב פון פענצטער־שויב אַרויסגעקוקט, געזען די שלעגער — גאָט!
איך האָב באַטראַכט די שלעגער און די געשלאָגענע באַטראַכט —
און האָב פאַרבראָכן מיט די הענט פאַר שאַנד... אַ, שאַנד און שפּאָט,
מען האָט די יידן, אַך, מיט יידן — מיינע יידן אומגעבראַכט.

דער זעלבער פראַנצויזיש־יידישער דיכטער האָט אויך אין דער זעל־בער צייט צוגעגרייט אַן עמיסיע אין פראַנצויזישן ראַדיאָ, געווידמעט דעם געטאָ־אויפשטאַנד, וווּ מען האָט רעציטירט צווישן אַנדערע דאָס זעלבע קאַפּיטל פון קאַצענעלסאָנען. איך דערמאָן זיך דעם פּיינלעכן איינדרוק וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף מיר ביים הערן, ווייסנדיק אַז צוזאַמען מיט מיר הערן גלייכצייטיק מיליאָנען נישט־יידן, וועלכע קלויבן זיך נישט אַזוי גוט פאַנאַנדער אין דעם גאַנצן מעכאַניזם פון דייטשן עקסטערמינאַציע־סיסטעם און ווי דעזאָריענטירנדיק, פאַרפּירעריש און געפערלעך קאָנען זיין פאַר זיי אַזעלכע שורות ווען מען גיט זיי אָפּגעריסן און באַזונדער:

דער דייטש שטייט פון דער ווייטנס, דער דייטש — ער מישט זיך
נישט אַריין,
ווי מיר, ווי מיר, דער דייטש! ער האָט מיט יידן — מיינע יידן
אומגעבראַכט.

יאָ, מיר יידן פאַרשטייען זייער גוט וואָס דאָס מיינט: „דער דייטש מישט זיך נישט אַריין" און אויך דעם זין וואָס קאַצענעלסאָן האָט אַריינגעלייגט אין זיינע ווערטער, אָבער ביי נישט־יידן, ביי מענטשן וואָס האָבן נישט אַריינגעדרונגען אין דער פונקציאָנירונג פונעם דייטשן פאַרניכטונגס־מע־כאַניזם, נישט דערקענט זיך אויף אַלע זיינע כיטרע פערפידיעס, קאָנען די

דאָזיקע ווערטער וועגן דער „בייטראַלקייט" פונעם דייטש, בפרט דער־לאַנגט פראַגמענטאַריש, באַזונדער, אָפּגעריסן פון אַ גאַנצער שאַפונג, אַרויסרופן אַ געפּלעפּטקייט און צעטומלעניש, דערפירן זיי צו זען די קרבנות ווי די שולדיקע אָדער מיטשולדיקע אין זייער אומקום, און וועקן ספקות אין זייער מאַרטירערטום, זויבערקייט און קדושה און דעם דייטש זען אַ לייטישן און פאַרשטענדיקן, אַזאַ וואָס ווייזט שיער נישט אַרויס טאָלעראַנץ און ווייסט ווי נישט צו מישן זיך אין די „ענינים" פון די יידן...

אַרויסרופן ביי עמעצן אַזאַ איינדרוק און אינטערפּרעטאַציע, וואָלט געווען אין היפוך צו יצחק קאַצענעלסאָנס טיפן ווייטיק און אומענדלעך הייסער ליבשאַפט פאַר זיינע פאַרפייניקטע ברידער, און צו זיין גליענדיקן האַס און צאָרן צו זייערע דייטשע פאַרפייניקער פון וואַרשעווער געטאָ.

אין וויטעל איז קאַצענעלסאָן געווען באַהערשט פון לעצטקייט־שטימונ־גען און וויזיעס פון טאָטאַלן אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק. שוין דער נאָמען פון זיין פּאָעמע זאָגט אונדז וועגן דעם אַ סך. דער דיכטער לייגט דעם טראָפּ אויף דעם אַז ער זינגט דאָס ליד פון די לעצטע יידן אין איראָפּע:

וויי מיר, ניטאָ, ניט קיינער שוין... געווען אַ פאָלק, געווען און שוין ניטאָ!...
געווען אַ פאָלק, געווען און שוין... שוין אויס!

„פאָלק" האָט דאָ זיכער געמיינט קאַצענעלסאָן וואַרשעווער יידנטום, פּויליש יידנטום, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אַ גאַנץ פאָלק מיט אייגענע מנהגים, לעבנסשטייגער און לעבנס־דרך. אָבער טראָץ די שווערע שטי־מונגען זיינע פון אַ צעבראָכענעם יחיד וועלכער האָט שוין געהאַט פאַר־לוירן זיין משפחה און אַלע זיינע פריינט און נאָענטע, געפינט ער אַ טרייסט און אַן אָנהאַלט אינעם ווידערשטאַנד־קאַמף אין וואַרשעווער גע־טאָ. קאַצענעלסאָן שילדערט נישט אין זיין פּאָעמע דעם געטאָ־אויפשטאַנד און ער דערמאָנט אויך נישט וועגן דעם צי ער האָט אָנטיילגענומען אין די קאַמפן. אָבער ס'איז קלאָר אַז ער איז מיט לייב־און־לעבן געווען פאַר־בונדן מיט די קעמפער און ער האָט געבענטשט זייערע מעשים און זייער הייליקע שליחות. אין דעם קאַפּיטל „די ענד", ווו ער ברענגט אַרויס די יאַנואַר־אַקציע פון די געטאָ־קעמפער, זעט מען אים אפילו אַ באַוואָפנטן מיט געווער:

פאַרנאַכט בין איך אַוועק אויף מילא איין־און־זעכציק, שוין מיט אַ ביקס און רעוואָלווערן נאָך — אַ שאָץ!

אין זעלבן קאַפּיטל גיט ער אונדז אויך דאָס גיהנום־בילד פון ברע־נענדיקן געטאָ אין די טעג פון אויפשטאַנד:

דאָס איז געווען צוויי טעג פאַר פּסח. און ערב פּסח פרי ז׳געווען שוין
אויס מיט לעש, און אויף דער לעש
האָב איך אין מיין באַהעלטעניש געהערט קאַנאָנען טאָג און נאַכט, ביינאַכט
האָב איך געזען עס ברענט —
דער געטאָ ברענט, ער ברענט אויף זיינע מויערן און זיינע לעצטע יידן,
ס׳פייער העשט און העשט,
דער הימל איז געווען באַלויכטן און אויב ס׳איז דאָ דאָרט ווער, האָט
צוגעקוקט זיך, און געזען די ענד.

נישט געקוקט אויף דעם יאוש, וואָס מען פילט אָפּט אַרויס פון זיינע שורות, דריקט אויס קאַצענעלסאָן אַ הייסע ליבשאַפט צו די געטאָ־קעמפער, זעענדיק אין זיי זיין אייגנציקע לעבנס־באַרעכטיקונג און לעבנס־זין. ווען עס קומען צו אים איין מאָל חלוצים, געטאָ־קעמפער, רופט ער אויס מיט באַגייסטערונג:

יאָ! ווער זאָגט: מיר האָבן אַלץ פאַרלוירן שוין?

ווי ער וואָלט זיך דאָ פאַרגעסן און אַליין פאַרניינט זיינע באַשטע־טיקונגען פון לעצטקייט און וויזיע פון טאָטאַלן אונטערגאַנג („געווען אַ פאָלק און שוין ניטאָ, געווען און שוין... שוין אויס!").

אין אַנבליק פון די קעמפער פילט ער זיך דערמוטיקט און גע־שטאַרקט, ווי זייער קאַמף אַליין וואָלט כולל געווען ל ע ב ן, וואָלט זיך אידענטיפיצירט מיט ווידערגעבורט און תחית־המתים. און אויף אַ צווייט אָרט פון זיין פּאָעמע, אינעם קאַפּיטל „מיט חלוצים" רופט אַרויס ביי אים דאָס בילד פון פאַרטיילן געווער צום אויפשטאַנד אַזעלכע גלויביקע שורות:

פאַר מיר איז נישט געווען גאַרנישט, נאָר ס׳איז פאַר מיר געווען
אַלץ! הגם צו שפּעט.
ניין, ניין! ס׳איז קיין מאָל נישט צו שפּעט, דער לעצטער ייד, קוים
לייגט אַוועק ער אַ רוצח, ראַטעוועט זיין פאָלק!
מען קען אַ פאָלק אַן אויסגעהרגעטן שוין ראַטעווען דאָך אויך...
ראַטעוועט! איך האָב צו זיי גערעדט.
איך האָב געשטאַרקט זיי, יאָ! אי זיי, אי מיך געשטאַרקט, אי׳ך האָב
צו זיי גערעדט, געוווּנטשן זיי דערפאָלג.

דאָס איז געווען יצחק קאַצענעלסאָנס קרעדאָ, זיין אני־מאמין, זיין

טיפער באַנעם און צוגאַנג צום עצם מהות און זין פון געטאָ־אויפשטאַנד בשעת אין די פאַרבאַרגענישן פון געטאָ האָט זיך נאָך געפונען בלויז אַ הייפל יונגע יידן, דער שארית הגעטאָ. און האָבנדיק פאַר זיך די דאָזיקע וויזיע, וואָס פאַר אַ מאָראַלישן גייסטיקן כוח האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן, וואָס פאַר אַ טיפן גלויבן אין קיום־האומה, אינעם נצח ישראל, אין דער אומשטערבלעכקייט פון פאָלק, בכדי צו קענען אַרויסברענגען פון זיך אָט די ווערטער פון בטחון און אמונה, בפרט נאָכן האָבן אויסגעזונגען דאָס ליד פון אוי'סגעהרגעטן יידישן פאָלק און שטייענדיק אַליין ביים ראַנד פון איי־גענעם אומקום.

דעם 17־טן אַפּריל 1944 ווערט יצחק קאַצענעלסאָן אַריבערגעפירט דורך דער געשטאַפּאָ פון וויטעל קיין דראַנסי און דעם 29־טן אַפּריל ווערט ער פון דאָרטן דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ, וואָס איך קאָן אָט די דאָטע אָננעמען פאַר אַ יאָרצייט. און אַזוי איז דער דיכטער פונעם עלעגישן ליד „די זון פאַרגייט אי'ן פלאַמען" פאַרגאַנגען אין די פלאַמען פונעם אוישווי־צער גיהנום.

אין די טעג פון חודש אַפּריל טויכט נאָך בולטער אויף זיין גע־שטאַלט אין מיין זכרון און אין מיינע מחשבות. איך זע אים סיי מיט זיין פּולבלוטיק לעבנסלוסטיק פּנים פון די פאַר־מלחמהדיקע יאָרן אין לאָדזש און סיי מיט זיין שפּעטערדיק ליידנדיק און אָפּגעצערט געזיכט פון אַ קאַצעטלער, ווי מען זעט אים אויפן בילד, וואָס איז געבליבן פון אים פון דער צייט פון וואַרשעווער געטאָ.

איך טראַכט וועגן זיין גורלדיקן הין־און־צוריקגאַנג, פון וואַרשע קיין וויטעל און פון וויטעל צוריק קיין פּוילן, קיין אוישוויץ. דער וואַגאָן איז פאַרהאַקט. דער גורל איז געחתמעט. ענדגילטיק. אָן אַ צוריקקער.

פון אונדז דאָ, פון פראַנקרייך, האָט זיך געצויגן זיין לעצטער וועג. אפשר האָט ער אויך דאָ, דורך אַ שמאָלער וואַגאָן־שפּאַרע, געזען די הימלען און זיי פאַרשאָלטן, אונדזערע פראַנצויזישע הימלען, וואָס זענען אויך דאָ געווען אַזוי בלוי און שיין און אויך אַזוי גלייכגילטיק ביי זיין פאַרטיליקט ווערן און אפשר האָט זיך אויך דעמאָלט אין זיין פאַרקלעמט האַרץ גע־לויכטן אַ שטראַלעכל טרייסט — טרייסט און באַרואיקונג צוליב דעם וואָס זיין ווערק „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" האָט ער באַוויזן אַנצושרייבן און זיין כתב־יד ליגט באַהאַלטן אין דער זיכערער ערד פון

פראַנקרייך, אין וויטעל. אָט דאָס ווערק, צוליב וועלכן יצחק קאַצענעלסאָן איז געוואָרן ביי יידן דער בעל־הקינות, דער מקונן, דער קלאָגער, קלאָגער אָבער אויך אָנקלאָגער — דער אָנקלאָגער פון אויסגעהרגעטן פוילישן יידנ־טום און אַנדערע טיילן פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע.

פונעם פייער אַרויס פון אוישוויצער גיהנום, אין וועלכן ער פאַרגייט, זע איך אַרויספליען צו אונדז אַלעמען זיינע יידישע אותיות וואָס פונעם אָפּגעשלאָסענעם תחום גייען זיי אַריבער צוימען און דראָטן, אָפּגעראַטע־וועטע, ניצול־געוואָרענע. און ביז צום היינטיקן טאָג הערן זיי נישט אויף צו פליען, פליען אַרום אונדז.

אַנאַ פֿראַנק און איר טאָגבוך

אַנאַ פראַנק האָט זיך אויסגעלאָשן אין בערגען־בעלזען אין איר סאַמע יונג־מיידלשן אויפשיין. אָבער אין אַ צייט אַרום איז איר פאַרלאָשן גע־שטאַלט מגולגל געוואָרן אין אַ ניי־אויפגייענדיק ליכט, וואָס האָט אויס־געשטראַלט איבער דער וועלט. איר נאָמען הערט נישט אויף צו וועקן און מאָנען און ווערט דערמאָנט מיט איידעלע געפילן דורך יידן און נישט־יידן אין אַלע ארבע פינות העולם.

מען וואָלט זיך געקאָנט פרעגן: פאַרוואָס בלויז אַנאַ פראַנק? איז זי דען נישט איינע פון איבער אַ מיליאָן אומגעבראַכטע יידישע קינדער אין די געטאָס און אויסראָטונגס־לאַגערן און איינע פון די זעקס מיליאָן קרבנות, וועמענס גלאַבאַלע צאָל ווערט דערמאָנט אינאייגעם, אויסגעמישט, ווי עס איז אויסגעמישט זייער אַש און געביין?

און איך האָב זיך גופא געפרעגט, צי איך האָב געמעגט אויסטיילן באַזונדער איר נאָמען און איר געשטאַלט, איר לעבן און איר טויט פון אַלע אַנדערע. צי וועל איך נישט דורך דעם מבייש זיין, פאַרשעמען אַלע אַנדערע, וועלכע האָבן נישט געלאָזט נאָך זיך קיין שפור און קיין צייכן, וועלכע האָבן נישט קיין רו און קיין תיקון אין ערגעץ?

אַ זכות האָב איך געוואָלט געפינען אין דעם וואָס אַנאַ פראַנק איז נישט מפורסם געוואָרן דורך איר טויט, וועלכער איז געווען דער זעלבער ווי פון אַלע אַנדערע, נאָר דורך איר לעבן, וואָס איז געווען אַנדערש, בעסער געזאָגט, דורך איר קורצן, צוויי־יאָריקן שעפערישן לעבן אינעם הינטערהויז אין אַמסטערדאַם, דורך איר אינטימען און גלייכצייטיק אַל־זייטיקן טאָגבוך, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין באַזונדערקייט און ספּע־ציפיק און וואָס פון זיינע בלעטער גייט אויף איר אייגנאַרטיקע פּערזענ־לעכקייט. מישנדיק אים, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די פענאָמענאַלקייט פון דעם דרייצן־פערצן־יאָריקן יידישן מיידעלע, פון דער פּאָטענציעלער באַגאַבטער שרייבערין.

און באמת, מיט וואָס האָט אַנאַ פראַנק זוכה געווען, אַז זי זאָל אויסגעטיילט ווערן באַזונדער, אַז איר נאָמען זאָל באַקאַנט און געשעצט ווערן, און איך וואָלט אפילו געזאָגט, פאַרהייליקט ווערן, אין וועלט־מאַסשטאַב, אויב נישט דורך איר טאָגבוך? דאָס איז טאַקע די הויפּט־סיבה, אָבער אַ חלק אין דעם האָט אויך געהאַט דאָס וואָס דער גורל האָט געוואָלט, אַז איינער פון די אַכט דעפּאָרטירטע יידן פונעם הינטערהויז זאָל לעבן־בלייבן און אַז אָט דער איינער זאָל זיין איר פאָטער, וועמען זי האָט ליב געהאַט מער פון אַלע. דאָס האָט ער, אומקערנדיק זיך פון בערגען־בעלזען, אַרומשלייכנדיק איינער אַליין, ווי אַ שאָטן פון די אַכט שאָטנס, אין דער געוועזענער בוידעם־באַהעלטעניש, און נישטערנדיק צווישן דעם אָנגעוואַלגער פון אומווערטיקע זאַכן, געפונען דאָס טייערסטע, וואָס איז אים איבערגעבליבן: די מיידלשע העפטן פון זיין אַנאָס טאָגבוך. די דאָזיקע העפטן, וואָס זי האָט אין משך פון צוויי יאָר געשריבן אין איר באַהעלטעניש און וואָס איר פאָטער האָט איצטער אין זיי געפונען זיין לעבנס־זין און זיין לעבנס־באַרעכטיקונג. ער, דער איינציק־לעבן־געבליבענער, דער ניצול־געוואָרענער פון אַלע אַכט, האָט איצטער גענומען אויף זיך די שליחות צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון זיין קינד. דאָס האָט ער, אייגנטלעך, מיט אָט די על פי נס אָפּגעפונענע בלעטער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט צופעליק אויף דר׳ערד, אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל פאַר זיין טאָכטער דער קדושה. ער האָט נישט גערוט, נישט געזשאַלעוועט קיין מי און קיין ענערגיע ביז דער דענקמאָל איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין זיין גאַנצער פּראַכט און שלימות.

אין אַנאַ פראַנקס טאָגבוך איז נישט פאַראַן קיין דערשיטערנדיקער גרויל, ווייל, גאַנץ פשוט, אויפן בוידעם פונעם הינטערהויז איז ער נישט געווען, זיינע בלעטער אָטעמען בלויז מיט אַ טיפער מענטשלעכער טראַגיק, און דאָך האָט דאָס בוך אַזוי באַהערשט און באַוועלטיקט דעם לייענער, אויפגעטרייסלט און גערעגט זיין געמיט און געוועקט זיין עמפּינדלעכקייט און אומרו. אַ סך האָט טאַקע צוגעהאָלפן דערצו דאָס אינסצעניזירן און אויפפירן דאָס טאָגבוך אויף די וועלט־בינעס און דערנאָך דאָס פאַרפילמירן אים. אָבער אפילו אָן דעם שטייט אויך דאָס בוך אויף אייגענע פיס, זעלבשטענדיק און פאַר זיך, אין זיין אייגענעם זכות. דער זעלטענער דאָקומענט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין אייגנאַרטיקייט, מיט זיין סובטעלקייט און לירישן טאָן, מיט זיין אַריינדרינג אין געשעענישן און סיטואַציעס און מיטן באַלייכטן דאָס פאַרהוילענע טאָג־טעגלעכע לעבן פון די אַכט אינעם הינטערהויז, האָט געוועקט די נייגעריקייט און פאַראינטערעסירטקייט ביים לייענער. דאָ איז נאָך

מסתמא אויך צוגעקומען דער סענטימענטאַלער מאָמענט — דאָס טיפע מענטשלעכע געפיל פאַרן מאַרטירער־קינד.

אין אַנאַ פראַנקס טאָגבוך איז קודם־כל פאַראַן פערזענלעכער חותם, אינדיווידואַליטעט, און עס טיילט זיך אויס דערמיט פון אַנדערע טאָגבי־כער און אויסגאַבעס פון מעמואַריסטיק, געשריבן פון מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלעבט די תקופה פון גרויל און שוידער און דאָס איבערגעלעבטע פאַרצייכנט אויף אַ מער־ווייניק קאָרעקטן אופן. פון אַנאַ פראַנקס טאָגבוך שיילן זיך אויס די קאָנטורן פון אַ שרייבערישער סילועט, פון אַ שריפט־שטעלערין מיט טאַלאַנט, וואָס זי האָט אין איר בוידעם־באַהעלטעניש גע־טרוימט צו זיין אין דער צוקונפט. זי דריקט דאָס, אגב, אויס אין אירס אַ ווונטש:

„אחוץ דעם מאַן און קינדער מוז איך האָבן נאָך עפּעס אַ זאַך, וואָס איך זאָל זיך אינגאַנצן אָפּגעבן. איך וויל אויך לעבן נאָך מיין טויט".

אָט דער ווונטש פון אַנאַ פראַנק איז מקוים געוואָרן דורך איר טאָג־בוך. זי לעבט אין אירע אומשטערבלעכע, איידעלע יונג־מיידלשע בלעטער.

אַ צווייטער ווונטש אַנאַ פראַנקס, וואָס איז נישט נוגע איר לעבן, נאָר איר טויט, איז אויך מקוים געוואָרן... גורלדיק־טראַגיש און דער־שיטערנדיק מקוים געוואָרן... און אָט דער ווונטש וואָלט אַזוי אויך מקוים געוואָרן, אפילו ווען זי וואָלט אים נישט געווען אויסגעדריקט:

דעם 11טן נאָוועמבער 1943 פאַרצייכנט זי אין איר טאָגבוך אַן אייגנאַרטיקע געשעעניש. דאָס איז דער אומקום פון איר פּילפּעדער. די פאַרצייכענונג רופט זי אָן „אַ לויבגעזאַנג צו מיין פּילפּעדער" און גיט צו די צושריפט: „זכרונה לברכה", אַזוי אַז עס איז גיכער אַ הספד ווי אַ לויבגעזאַנג. די פּילפּעדער האָט אַנאַ געהאַט באַקומען אַ מתנה פון איר באָבען, ווען זי איז אַלט געוואָרן ניין יאָר. אַנאַ האָט געלאָזט די פּעדער אויפן טיש פונעם הינטערהויז, ווו זי האָט געשיילט פּאַסאָליעס. דערנאָך האָט זי שוין געהאַט אין איר פאַרגעסן און ביים אַראָפּרוימען פון טיש האָט זי אומגערן, צוזאַמען מיטן אָפּפאַל פון די פּאַסאָליעס, אַריינגעוואָרפן די פּילפּעדער אין ברענענדיקן אויוון אַריין. ווען זי באַנעמט, אַז איר פּיל־פּעדער איז פאַרברענט געוואָרן (דער פאָטער האָט געפונען אין אַש אירע פאַרברענטע רעשטלעך), פאַרענדיקט זי דעם הספד פאַר איר פּילפּעדער מיט אָט די ווערטער:

„נאָכן טויט וואָלט איך געוואָלט, אַז מען זאָל מיט מיר אויך טאָן אַזוי".

ביים אויסדריקן אָט דעם ווּנטש האָט אַנאַ פראַנק מסתמא נישט גע־אַנט, אַז מער פון אַלץ וועט ע ר אויף זיכער מקוים ווערן...

בעת צוויי באַזוכן מיינע אין אַמסטערדאַם אין די נאָך־מלחמה־יאָרן בין איך עולה רגל געווען צום „אַנאַ פראַנק־הויז", די באַשיידענע געביידע ביים ברעג פון אַ גרינלעך־מוטנעם קאַנאַל, ווו די אַכט יידן האָבן זיך צוויי יאָר צייט אויסבאַהאַלטן. איך האָב געוואָלט באַזוכן די געוועזענע באַהעלטעניש זייערע בעיקר צוליבן מתיחד זיין זיך מיטן אָנדענק פון אַנאַ פראַנק און אירע גורל־שותפים, ווייל דער עצם מין באַהעלטענישן איז מיר גופא געווען גוט באַקאַנט. איך אַליין האָב זיך אין פּאַריז אויסבאַ־האַלטן אין אַזעלכע פאַרקאַנספּירירטע אָפּגעלעגענע הייזער. אַנאַ פראַנקס באַהעלטעניש איז, אַ דאַנק די באַמיאונגען פון איר פאָטער, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי, בעת „מיינע הייזער" זענען געבליבן די זעלבע גע־ווייגלעכע הייזער און געוויסע פון זיי זענען אפילו געוואָרן אויס הייזער ווייל צוליב אַלטקייט זענען זיי נאָך דער מלחמה אַראָפּגעריסן געוואָרן.

איך האָב פונדעסטוועגן זייער באַדויערט וואָס ביידע מאָל האָב איך נישט געקאָנט אַריינגיין אינעם „אַנאַ פראַנק־הויז". דאָס ערשטע מאָל דערפאַר ווייל דאָס הויז איז גראָד געווען פאַרמאַכט צוליב געוויסע אַר־בעטן, וואָס מען האָט דאָרטן דורכגעפירט. און דאָס צווייטע מאָל — ווייל עס איז דעמאָלט אויסגעפאַלן אַ קריסטלעכער יום־טוב.

איך בין געבליבן שטיין פאַרן פאַרמאַכטן טויער אַן אַנטוישטער. אַ טרייסט אָבער איז געווען פאַר מיר דאָס וואָס גייענדיק אין שטאָט אַהערצו און נישט אָנפרעגנדיק זיך ביי די פאַרבייגייער אויף דער גאַס ווּהין איך האָב געדאַרפט גיין, נאָר בלויז אויפן „אַנאַ פראַנק־הויז", האָט יעדער איי־נער געוווּסט נישט בלויז וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר אויך געוווּסט ווו עס געפינט זיך, און מען האָט מיר נישט בלויז אָנגעוויזן, נאָר מיך געפירט אַהין. איך האָב דערפילט, אַז די מענטשן זענען מיר נאָענט און אַז אונדז פאַרבינדט צוזאַמען דער אָנדענק פון אַנאַ פראַנק.

די וועלט האָט זיך צוגעאייגנט דעם נאָמען פון אַנאַ פראַנק און זי פאַר־הייליקט אים ממש. אין אָנהייב האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס ווערט בכיוון געטאָן אויפן חשבון פון אַלע אַנדערע קרבנות. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז די וועלט, בעסער געזאָגט, די וועלט וואָס איז געווען גלייכגילטיק צו אונדזער טראַגעדיע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, וויל זיך אויסקויפן דורכן אַרויסהייבן איין איינציקן קרבן, אַן אָפּגעטיילטן פון אַלע אַנדערע קרבנות, אַ קרבן, וועלכער שעפּטשעט אויס

דעם פיין ווי אַ תפילה בלחש און שרייט נישט אַזוי הויך וועגן אונדזער גאַנצער טראַגיק. יענע וועלט האָט אפשר גיכער געוואָלט זען בלויז די דאָזיקע איינציקע באַהעלטעניש פון די אַכט יידן, וואָס אַנאַ פראַנק שילדערט זי מיט שטילע געדעמפטע טענער, דאָס וואָס זעט נישט אויס, סוף־כל־סוף, צו האָבן געווען אַזוי שרעקלעך, עס איז דאָך אין תוך נישט ד י טראַגעדיע פון די יידן, נאָר אַ קליין טיילעכל, אַ בלאַסער אָפּשיין פון איר, און אויפן לייענער קאָן עס נאָך אפשר ווירקן באַרואיקנדיק, אויב ער זאָל גאָר איינזען אַז דאָס בלויז איז זי געווען, די יידישע טראַגעדיע.

און באמת, אין פאַרגלייך מיט דעם אַלעם וואָס יידן איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אין די געטאָס און אין די דייטשע לאַגערן איז דאָך דאָ, אינעם הינטערהויז, אַ גן־עדן, אַן אידיליע. מען פראַוועט דאָ יום־טובים, מען פייערט געבורטסטעג, מען גיט זיך בלומען און מתנות, מען הערט ראַדיאָ, קאָנצערטן, מען לערנט לאַטיין און מען ווילט זיך אין פאַרשידענע שפּילן. צווישן די צוויי משפּחות, פראַנק און וואַן דאַן, און דער אַכטער פּערזאָן,דעם דענטיסט דיסעל, קומען פאָר אינטריגעלעך, עס ווערן געמאַכט פליאַטקעס, עס ווערן געפירט שטרייטעלעך איבער קלייניקייטן, און עס זענען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס זייער איינציקע זאָרג איז נאָר ווי אַזוי צו באַקומען דעם פעטערן און גרעסערן ביסן.

אפשר האָט יענע פאַרשולדיקטע וועלט גיכער געוואָלט זען דאָס דאָזיקע נישט־באַדייטנדיקע געראַנגעלע צווישן די קרבנות גופא, איידער דעם גרויסן געראַנגל צווישן די קרבנות און זייערע תליינים?

מעגלעך אַז מיינע געפילן האָבן געהאַט און האָבן נאָך אַ געוויסע באַרעכטיקונג, אָבער מיט דער צייט זענען זיי ביי מיר אָפּגעטראָטן פאַר אַ צווייט געפיל. איך האָב אָנגעהויבן צו באַנעמען, אַז צי מען וויל אָדער מען וויל נישט, ווערט דער פשוטער און ערלעכער לייענער דורכגענומען מיט דער לעקטור פון אַנאַ פראַנק, מיט איר טראַגישן סוף, מיט איר מאַרטירערטום, וואָס ער, דער לייענער, מוז אים כפלען מיטן מאַרטירערטום פון אַלע אַנדערע קרבנות. און איך האָב אינטואיטיוו דערפילט, אַז ווען מען גיט אָפּ כבוד אַנאַ פראַנק, גיט מען אויך אָפּ כבוד, דורך איר, דעם ייד, דעם מאַרטירער בכלל.

אַנאַ פראַנקס טאָגבוך איז געוואָרן אַ לעקטור פונעם בעסערן פיינפילנדיקן מענטש, פון יעדן שיכט און עלטער. אין פּאַרק, ווו איך זיץ אויף אַ באַנק און לייען אַ צייטונג, פרעגט מיך אַן עלטערער מאַן צי איך לייען אויך ביכער. און אַז איך באַשטעטיק אים דאָס, שטעלט ער מיר די פראַגע: „צי האָט איר געלייענט אַנאַ פראַנק?"

אַ נאָנע האָט אָנומלט, אָריענטירנדיק זיך מסתמא, אַז איך בין אַ ייִד, מיר געשטעלט די זעלבע פראַגע און צוגעגעבן דערביי, אַז ביי איר אין מאַנאַסטיר האָבן אַלע שוועסטערס געלייענט דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק. אַ באַזונדערן נייגער צום בוך האָבן יוגנטלעכע און אפילו שול־קינדער. אַ סך פון זיי באַקומען דאָס בוך אַלס אַ מתנה צו זייער געבוירן־טאָג. אין די טעקעס פון די גימנאַזיע־שילערינס קאָן מען צווישן וויקטאָר הוגאָ, לאַמאַרטין און ראַסין געפינען אויך אַנאַ פראַנק.

נישט פון דער בינע, אָדער עקראַן, קאָן מען אַזוי דערפילן און באַ־נעמען אַנאַ פראַנקס טאָגבוך, ווי לייענענדיק אים אַליין, ביחידות, פאַר זיך, ווי אונדזערע מאַמעס פלעגן לייענען אַ תחינה און ווי אונדזערע זיי־דעס פלעגן זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, שטיל־שעפּטשענדיק, אין זיך אַריין.

דאָס טאָגבוך איז לחלוטין נישט קיין סצענישער מאַטעריאַל און די פאַרשטעלונגען פון בוך, וואָס איך האָב געזען סיי אין תל־אביב און סיי אין פּאַריז, האָבן געהאַט די זעלבע שוועריקייטן בייצוקומען און האָבן פאַרמאָגט די זעלבע דעפעקטן, אויף וועלכע עס ליידט מער־ווייניק יעדע טעאַטראַלע אויפפירונג, וואָס ווערט אינסצעניזירט פון אַ ראָמאַן, פון וועלכן עס קומט אָפּט אָן שווער אַרויסצובאַקומען די דראַמאַטישע עלעמענטן. אַפּשיטא שוין אַ טאָגבוך, וואָס איז בעצם סטאַטיש, אָן קאָנסטרוקציע, באַ־שטייט פון פאַרצייכענונגען, אַמאָל אויך באַטראַכטונגען, מעדיטאַציעס, פאַרשריבענע פאַסירונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן.

די אינסצעניזאַטאָרן און רעזשיסערן האָבן געמוזט דורכלאָזן דאָס געדאַנקלעכע און טיף־לירישע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַנאַ פראַנקס טאָגבוך און אַרויסרוקן אין פאָדערגרונט אויסערלעכע און צו־מאָל איבערפלעכלעכע עפעקטן, אַרויסהייבן און פאַרגרעסערן נישט־ווע־זנטלעכע און אפילו פּיקאַנטע פּרטים. ווען אויף דער פאַרשטעלונג פון דער „הבימה” אין תל־אביב ווערט אַרויסגעברענגט און אונטערגעשטראָכן אַ סצענע, וואָס איז אין בוך בכלל נישט אַזוי אָנזעעוודיק, ווי די באַהאַל־טענע אייִנווייניקער פונעם היִנטערהויז וואַרטן יעדער אויף דער ריי אַריינ־צוגיין אין קלאָזעט אַריין און מען מאַכט דערביי חכמות אויף דעם חשבון, וואָס רופט אַרויס ביים עולם אין זאַל געלעכטער, האָב איך מיך געפילט פאַרשעמט.

די אומות־העולם, וועלכע גיבן זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון פון דעם וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט ייִדן בעת דער נאַצישער אָקו־פּאַציע אין אייראָפּע, האָבן געקאָנט וועגן דעם האָבן פון די פאַרשטע־לונגען אַ מטושטשדיקן איינדרוק, אָננעמענדיק דאָס לעבן פון די אַכט אויסבאַהאַלטענע ייִדן אינעם היִנטערהויז פאַר דער ייִדישער טראַגעדיע

בכלל גענומען, ווי שוין פריער דערמאָנט. די קליינע קאָנפליקטן, רייסע־נישן און „אַנטאַגאָניזמען" צווישן די צוויי משפחות זענען עלול געווען צו פאַרשטעלן פאַרן פרעמדן צושויער דאָס פאַרברעכערישע פּרצוף פון נעם דייטשן פאַרטיליקער און דעם גיגאַנטישן גערוֹאַנגל, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן אים און זיינע קרבנות אויסער די ווענט פונעם היבטערהויז.

אָבער די פאַרשטעלונגען, און נאָך מער דער פילם, האָבן שטאַרק מפורסם געמאַכט אַנאַ פראַנקס נאָמען אין דער וועלט, אָנגערעגט צו לייענען איר טאָגבוך. און ווען אפילו דאָס זאָל האָבן געווען זייער איינציקע שליחות, איז דאָס אויך זייער וויכטיק געווען, ווייל נאָר אין איר טאָגבוך פאַרבלייבט אַנאַ פראַנק — אַנאַ פראַנק. דאָ גייט איר אינערלעך־גייסטיקער מהות נישט פאַרלוירן אין פרעמדע שמינקע־פאַרבן און אין עפעקטפולער לאָמפּן־פאַרבלענדעניש. דאָ, אין אירע טאָגבוך־בלעטער, עקזיסטירט זי און דויערט אין איר תמצית.

דאָ, אין אירע העפטן, אין אירע פּאַפּירענע ד'אמות איז זי מיט זיך אַליין, מיט איר אויסגעטראַכטער און אויסגעחלומטער חברטע קיטי, וואָס זי האָט זיך באַשאַפן אין איר אָפּגעשלאָסנקייט, פאַר וועמען זי קאָן פאַרטרויען אירע סודות און זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. און גוט איז איר דאָ מיט איר אַליינקייט און אינזיכיקייט. און אירע העפטן זענען פאַר איר אַן אָפּגעזונדערטע וועלט אין אַן אָפּגעזונדערטער וועלט.

פון מעת־לעת צו מעת־לעת, פון פאַרצייכענונג צו פאַרצייכענונג גייט זי אויף און שטייגט ווי אויף שטאַפּלען און עס פאַרמירט זיך אויס איר גייסט און איר יוגנטלעך געשטאַלט. און ווי אַן אויפגייענדיקע פלאַנץ נעמט זי זיך אַן יעדן טאָג מיט פרישער פאַרב און ריח. ווי קליין און ענג עס זאָל נישט זיין דער שטח, אויף וועלכן זי באַוועגט זיך, איז ער פול מיט אָנונגען, אַנטפּלעקונגען און זעאונגען. זי אַנטדעקט דאָס ליבע־געפיל, דעם אייביקן בונד צווישן מאַן און פרוי, וואָס דערוואַכט אין איר און שלאָגט זיך תיכּף אָן אין אייזערנע שטאַנגען פון אַ שטייג. זי דריקט דאָס אַלץ אויס מיט פשטות, מיט ערלעכער תמימות, מיט געפיל, מיט ספּיריטועלקייט, מיט דינער איראָניע און צומאָל אויך מיט ראַפינירטקייט און חכמה פון אַ רייפן דערוואַקסענעם מענטש.

אַנאַ פראַנק האָט אָנגעהויבן צו שרייבן איר טאָגבוך דעם 12טן יוני 1942 און זי האָט אים פאַרענדיקט דעם 1טן אויגוסט 1944. ניין, נישט פאַרענדיקט האָט זי אים, נאָר איבערגעריסן. און נישט ז י האָט אים איבערגעריסן, נאָר די געשטאַפּאָ, פונקט ווי זי האָט איבערגעריסן אַנאַס

לעבן. און ווען מען ענדיקט לייענען דאָס בוך גיט מען זיך אָפּ אַ חשבון אַז דאָ האָט זיך געענדיקט איר לעבן.

לייענענדיק דאָס בוך קאָן מען נאָכפאָלגן די בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג פון דעם סובטעלן יידישן מיידל, הן די פיזישע און הן די אינטעלעקטועלע, דאָס פאָרמירן זיך פון איר גייסטיקער פיזיאָנאָמיע. מען האָט אָבער דאָס געפיל פון אַ גערטנער, אַ פלאַנצער, וועלכער קוקט זיך צו מיט זאָרג און ציטער צו אַ דינעם שוואַכן געוויקס, וואָס ער האָט פאַרזעצט מיט ליבשאַפט, מורא האָבנדיק אַז דער נאָענטער שטורעם וועט אים אויסרייסן און פאַרשליידערן, איידער ער וועט באַוויזן זיך פאַנאַנדערצובליען. און אין דער אמתן, לעבט מען איבער צער, אַנשטאָט פרייד, צוזעענדיק איר אויפבלי, איר רייף ווערן, איר איבערגיין פון קינד צו מענטש, פון מיידעלע צו פרוי, ווייל מען האָט פאַר זיך די וויזיע אַז די פלאַנץ, וואָס גייט אויף און אַנטוויקלט זיך, שפּיגלט זיך אינעם בליאַסק פון דער האַק, וואָס שטייט און וואַרט ביי דער זייט...

לייענענדיק אַנאַ פראַנקס טאָגבוך האָט מען די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין איר אינערלעכער וועלט, אָבער מען באַמערקט איר חוש נישט בלויז פאַרן אינטים-פּערזענלעכן, נאָר אויך פאַרן אַלגעמיינעם, פאַר טאָג־טעגלעכע ענינים און פּאַסירונגען סיי אינעם אָפּגעשלאָסענעם הינטערהויז און סיי אין דער אויסערלעכער וועלט, וועגן וועלכע זי זאָגט אַרויס אירע מיינונגען. מען ווערט ממש איבערראַשט פון איר רעאַגירן אויף געוויסע געשעענישן, פון איר באַהאַנדלען און קאָמענטירן זיי, געשעענישן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער מלחמה, צו די האַנדלונגען פונעם דייטשן אָקופּאַנט אין האָלאַנד, וועגן זיינע רדיפות אויף יידן, וועגן דעם מצב אויף די פראָנטן.

ס'איז אפשר כאַראַקטעריסטיש וואָס עטלעכע טעג נאָך דעם ווי זי האָט אָנגעהויבן צו שרייבן איר טאָגבוך צווייפלט זי גאָר אין דער צוועקמעסיקייט און ניצלעכקייט דערפון און דעם 20טן יוני 1942 פאַרצייכנט זי אין אירע העפטן:

„אַ פּאָר טעג האָב איך גאָרנישט געשריבן, ווייל איך האָב געוואָלט ערנסט איבערטראַכטן וועגן צוועק און זין פון טאָגבוך. ס'איז אַן אייגנאַרטיק געפיל דאָס וואָס איך וועל אַציַנד פירן אַ טאָגבוך. נישט נאָר דערפאַר ווייל איך האָב קיינמאָל נישט געשריבן. איך שטעל מיר פאָר, אַז נישט איך און נישט עמעצער אַנדערש וועט האָבן אינטערעס פאַר די האָרץ־ענינים פון אַ דרייצן־יעריק שול־מיידל. אָבער אייגנטלעך איז דאָס נישט וויכטיק. איך האָב חשק צו שרייבן און וויל קודם־כל מיר גוט אַראָפּרעדן פון האַרצן".

דאָ איז פאַראַן אַנאַ פראַנקס אַני־מאמין און איר צוגאַנג צום עצם ענין טאָגבוך, אַז דאָס שרייבן איז ביי איר נישט געווען בעיקר אַ נטיה צו באַלייכטן אַלגעמיינע געשעענישן, נאָר קודם־כל צו אינטימע יחידיש־פערזענלעכע אַנטפּלעקונגען. אָבער וואָס שייך אירע ספקות אין דער צוועקמעסיקייט און ניצלעכקייט פון איר טאָגבוך, אַז מען וועט נישט האָבן קיין אינטערעס צו איר שרייבן פון אַ דרייצן־יעריק מיידל, האָט די צייט געגעבן אויף דעם אַן ענטפער. איצטער איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז עס איז נישט געווען ביי איר בלויז אַן אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן אין אירע ד'אמות פאַר איר אייגענעם איך, נאָר אַן אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן פאַר דער גאַנצער וועלט.

דער קומענדיקער היסטאָריקער, ווען ער וועט וועלן אויספאָרשן דעם מצב פון די יידן אין האָלאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועט ער אויך מוזן אָנקומען צום טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק, הגם דער כאַראַקטער פונעם בוך איז אַן אינטים־פערזענלעכער.

באַלד אין אָנהייב, נאָכן באַקענען אונדז מיט איר משפחה און מיט געוויסע פּרטים וועגן איר גופא, דערמאָנט זי די דייטשע דעקרעטן בנוגע די האָלענדישע יידן שוין אין יאָר 1940, וועלכע גיבן אונדז דאָס פאַר־בילד פון דעם וואָס עס וועט זיך אָפּשפּילן שפּעטער:

„נאָך אין יאָר 1940, שרייבט זי, האָבן זיך אָנגעהויבן די שלעכטע צייטן. קודם איז געקומען די מלחמה, דאַן די קאַפּיטולאַציע, דערנאָך זענען אַריין די דייטשן אין האָלאַנד. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די ביטערע צייט. איינס נאָכן אַנדערן זענען געקומען די דיקטאַטאָרישע גע־זעצן און באַזונדערס פאַר יידן איז געוואָרן זייער שלעכט: זיי האָבן געמוזט טראָגן דעם מגן־דוד, זיי האָבן געמוזט אָוועקגעבן זייערע ביציק־לעטן, זיי האָבן מער נישט געטאָרט פאָרן מיטן טראַמוויי, פון אויטאָס איז דאָך שוין אָפּגערעדט. יידן האָבן געמעגט איינקויפן נאָר צווישן 3 און 5 אַזייגער.״

כאַראַקטעריסטיש דערביי איז די איראָנישע באַמערקונג פון אַנאַ פראַנק, אַז יאָפּי, אירס אַ חברטע, זאָגט תמיד: „איך האָב מורא, אַז וואָס איך זאָל נישט טאָן איז פאַרבאָטן״. דעמאָלט, זעט אויס, האָט מען נאָך נישט געאָנט און באַנומען, אַז נישט בלויז וואָס דער ייד זאָל נישט טאָן איז פאַרבאָטן, נאָר אַז דאָס לעבן פונעם ייד גופא וועט זיין פאַרבאָטן און אַז די ערשטע אַנטי־יידן־געזעצן זענען בלויז געווען דער „אלף״ פון דער דייטשער „ענדלייזונג״ פון די יידן אין אייראָפּע.

דעם 19טן אָקטאָבער 1942 פאַרצייכנט אַנאַ פראַנק וועגן דער עק־זיסטענץ פון גאַזקאַמערן אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. זי האָט

זיך דאָס דערוווּסט פונעם ענגלישן ראַדיאָ. אַ סך מענטשן האָבן נאָך דע־מאָלט נישט געוואָלט גלייבן אין דעם, און צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס זענען אַליין שפּעטער אומגעקומען אין די גאַזקאַמערן. עס זענען געווען אויך אפילו מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן אַז דאָס איז גרויל־פּראָפּאַ־גאַנדע פון ענגלישן ראַדיאָ. אָבער דאָס דרייצן־יאָריקע מיידעלע נעמט דאָס אויף ווי אַ פאַקט און האָט נישט געהאַט קיין ספקות בנוגע דער שרעקלעכער ידיעה.

די לאַגע אויף די פראָנטן איז נאָך אַ שווערע. אָבער זי האָט אַ גרונט, פונדעסטוועגן, צו זיין אָפּטימיסטיש. די ענגלענדער האָבן געלאַנדעט אין אַלזשיר און קאַסאַבלאַנקאַ. סטאַלינגראַד, וואָס איז באַלאַגערט זינט דריי חדשים, האָבן די דייטשן נישט געקאָנט דעראָבערן. דאָס איז אויך געווען צו יענער צייט ביי אַנאַ פראַנק אַ טרייסט און דערמוטיקונג. מען האָט זיך באַגנוגנט אפילו בלויז מיט דעם וואָס די דייטשן קאָנען נישט זיגן. בלויז זייער נ י ש ט ק אָ נ ע ן מער זיגן איז שוין געווען פאַר אונדז אַ זיג.

אַזוי לעבט אַנאַ פראַנק מיט אַלע געשעענישן פון דער וועלט. זי נעמט זיי אויף יעדן טאָג. פאַרצייכנט זיי און קאָמענטירט זיי, ביים אָראָפּ־רעדן זיך פון האַרצן פאַר איר אויסגעטרוימטער חברטע קיטי, געפינענ־דיק זיך טאָג־טעגלעך אין דער זעלבער באַשרענקטער סביבה, צווישן עלטערע מענטשן, אַחוץ איר שוועסטער מאַרגאָ פון זעכצן יאָר און פּעטער, דאָס יינגל פון זעכצן יאָר, דער זון פון דעם פאַרפאַלק וואַן דאַן, וועלכער באַהאַלט זיך אויס מיט זיי צוזאַמען. אַנאַ איז די יינגסטע פון אַלע, די מיזינקע פונעם הינטערהויז, דאָס קינד מיטן זעלבשטענדיקן דענקען און אַנאַליטישן שכל, וואָס אונדזערע מאַמעס וואָלטן געזאָגט אויף איר: „דאָס סטאָלע געמיט״.

און הגם זי ווייסט, אַז אין פאַרגלייך צו אַנדערע יידן וואָס מאַטערן זיך אין געטאָס און לאַגערן, איז איר בעסער, פילט זי אָפּ פונדעסטוועגן טיף די איינזאַמקייט און אָפּגעשלאָסנקייט. און איין מאָל רייסן זיך אַרויס ביי איר אַזעלכע ווערטער פול מיט פאַרביטערונג און יאוש:

„אַז עס קומט עמעצער פון דרויסן מיט דעם ריח פון ווינט אין די קליידער און מיט רויטע פאַרפרוירענע באַקן, וואָלט איך דעם קאָפּ באַ־האַלטן אונטער דער קאָלדרע כדי נישט צו שרייען: ווען וועלן מיר שוין אַרויס אויף דער פרישער לופט, אויף דער פריי!״

און דעם 8טן נאָוועמבער 1943 פאַרצייכנט זי:

„היינט אויפדערנאַכט האָט מען לאַנג און שאַרף געקלונגען. איך בין געוואָרן בלייך ווי די וואַנט, ס׳האָט מיר אָנגעהויבן ווייטאָן דער קאָפּ און

דער גאַנצער גוף און איך בין כמעט אויסגעגאַנגען פון שרעק. בײַנאַכט אין בעט האָב איך שרעקלעכע קאָשמאַרן. איך זע מיך אַליין אין תפיסה אַן טאַטע־מאַמע. אייניקע מאָל בלאָנקע איך ערגעץ אַרום אָדער איך זע אונד־זער היגטערהויז אין פלאַמען, אָדער אַז זיי קומען בײַנאַכט אונדז אַוועק־נעמען".

פונדעסטוועגן נעמט זי זיך אָן מיט מוט, ווייל טראַץ דעם וואָס זי פרעגט זיך, "צי מיר וועלן נאָך קאָנען לאַכן און שטיפן ווען דער ערשטער רושם וועט אַריבער", גיט זי צו, אַז "מיר ברענגען נישט קיין נוצן דערמיט (ס'הייסט מיט דער שטימונג פון יאוש) נישט אונדז און נישט די אין דרויסן, ווען מיר גייען אַרום מיט אַ שווער געמיט און פאַרוואַנדלען אונדזער היג־טערהויז אין אַ טרויערהויז. ביי אַלץ וואָס איך טו מוז איך טראַכטן וועגן די, וואָס זענען אַוועק. ווען איך לאַך אַמאָל האַרציק דערשרעק איך זיך אַליין און מיין, אַז עס איז אַ בושה צו זיין פריילעך. דאַרף מען דען דעם גאַנצן טאָג טרויערן ?"

אין אירע באַטראַכטונגען און אין איר בליק אויף דעם וואָס פאַרלויפט זיך סיי אין איר באַהעלטעניש און סיי אין דרויסן, ווייזט אַנאַ אַרויס אַ סך שאַרפזיניקייט און חכמה. אַזוי ווייסט זי צו זאָגן מיט איראָניע, אַז ווען מען זיצט געשפּאַנט ביים צוהערן זיך צו די ידיעות פון ענגלישן ראַדיאָ, איז דאָס די איינציקע צייט ווען די איינוווינער פונעם היגטערהויז פאַלן זיך נישט אַריין אין די רייד, ווייל עס איז דאָ עמעצער וואָס מען מוז אים הערן און אפילו וואָן דאַן, מסתמא דער גרעסטער פּלאַפּלער צווישן די באַהאַלטענע, קאָן אים נישט איבערשפּאַרן...

אַ צווייט מאָל גיט זי איבער, אַז דער "פירער פון אַלע גערמאַנער" האָט גערעדט פאַר פאַרוונדעטע סאָלדאַטן, צוריקגעברענגטע פון פראָנט. ביי איינעם זענען ביידע פיס אָפּגעפרוירן און די לינקע האַנט צעבראָכן. איינער האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן אַ וואָרט, אַזוי גערירט איז ער געווען וואָס ער האָט געמעגט געבן דעם פירער די האַנט (אויב ער האָט נאָך אַ האַנט), באַמערקט זי מיט חכמה.

אָבער אַנאַ פראַנק איז נישט בלויז קיין כראָניקערין, זי פאַרצייכנט נישט בלויז און קאָמענטירט די טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען און געשעענישן. זי ברענגט אַרויס, בעיקר, אין איר טאָגבוך איר געדאַנקען-גאַנג, איר פילאָזאָפיע, איר אייגנאַרטיקן באַנעמען פּראָבלעמען. זי אַנטפּלעקט פאַר אונדז איר אייגענע יחידישע וועלט, אָט די, וואָס אַנטפּלעקט זיך ערשט פאַר איר אַליין, פול מיט חידושים און פּלאים.

אין דער באַהעלטעניש געפינט זיך אויך, ווי שוין דערמאָנט, דאָס זעכצן־יאָריקע יינגל פּעטער, דער זון פון די וואָן דאַנס, מיט וועלכן זי טרעפט זיך צונויף זייער אָפט (ס׳איז דען אַ וווּנדער אַז מען האָט זיך געמוזט צונויפטרעפן אין דער ענגשאַפט?). די צוויי אונטערוואַקסנדיקע יינגל־מיידל הייבן זיך אָן צו געפעלן, אַרויסווייזן אויף אַ שעמעוודיקן אופן סימפּאַטיע, קעגנזייטיקע צאַרטע ליבע־געפילן, וואָס וועבן זיך, וועבן זיך דאָ אויס אין דער פאַרמאַכטער שטייג און שטיקן זיך אין איר. זי פאַרטרויט זיי נישט פאַר קיינעם, אַחוץ פאַר איר נישט־עקזיסטירנדיקער חברטע קיטי, וואָס דאָס מיינט זי אַליין. זי אַנטדעקט דאָס זיסע אומגעדולדיקע וואַרטעניש, די ערשטע צאַרטע באַרירונג, דעם ערשטן קוש, זייענדיק נאָך באַהערשט פון דער מורא פאַר דער אַרומיקייט און פאַר זיך אַליין.

מיר זענען געוועזן אַמאָל אין אונדזערע יונגע יאָרן איבערגענומען פון די טראַגישע ליבעס, וואָס עס ברענגט אַרויס די וועלט־ליטעראַטור. ווי שטאַרק מיר האָבן מיטגעליטן מיט „ווערטערס לײַדן״ פון געטע און וויפל טרערן האָבן מיר פאַרגאָסן אויפן גורל פון ראָמעאָ און דזשוליעטאַ פון שעקספּירן? צי איז אָבער דען נאָך פאַראַן אַ מער טראַגישע ליבע, ווי די ליבע פון אַנאַ און פּעטערן? צי איז ווער ביכולת אַרײַנצולעבן זיך אין די רגעס ווען זיי האָבן זיך ביידע אַרײַנגעקוקט אין דעם תהום פון זייערע אויגן, ווען די עס־עס־לײַט האָבן זיי צעשיידט איינעם פון אַנדערן אויף שטענדיק?

דער חלום פון אַנאַ פראַנק איז געוועזן צו ווערן אַ שרײַבערין. אָנצו־שרײַבן אַ ראָמאַן וועגן דעם לעבן פון די אַכט אין דער בוידעם־באַהעל־טעניש. זי האָט שוין געהאַט דעם טיטל פאַר אים. אמת, דאָס איז נישט געוועזן דאָס וויכטיקסטע, אָבער זי האָט אים שוין געהאַט און איר ראָמאַן האָט געדאַרפט הייסן „דאָס הינטערהויז״.

„דו קענסט דאָך מײַן הייסן ווונטש, שרײַבט זי צו איר „חברטע״, צו ווערן אַ זשורנאַליסטין און שפּעטער אַ באַרימטע שריפטשטעלערין. צי דער דאָזיקער שגעון וועט אַמאָל מקוים ווערן, וועט מען זען. אָבער טעמעס האָב איך שוין גענוג. נאָך דער מלחמה וויל איך אויך אומבאַדינגט אַרויס־געבן אַ בוך: „דאָס הינטערהויז״. צי דאָס וועט זיך מיר אײַנגעבן איז נאָך אַ פראַגע, אָבער מײַן טאָגבוך איז שוין אַ באַזע דערפאַר. אַחוץ דעם הינטער־הויז האָב איך נאָך אַנדערע אידעען. וועגן דעם וועל איך דיר שרײַבן אויס־פירלעך ערשט דעמאָלט ווען זיי וועלן אָננעמען ממשותדיקע פאָרמען״.

לײַדער, איז אַנאַן, ווי באַקאַנט, נישט באַשערט געוועזן צו זען איר חלום פאַרווירקלעכט. צוזאַמען מיט איר ליבע־חלום איז אויך ער איין מאָל אין אַ טאָג אויף אַן אכזריותדיקן אופן איבערגעריסן געוואָרן דורך טריט

און קלעפּ אין דער טיר פונעם הינטערהויז. און ווען? גראַד דעמאָלט, ווען עס האָט זיך שוין געהערט פון ווייטן דאָס שאַלן פון די גאולה־שופרות, ווען די אַמעריקאַנער האָבן שוין געהאַט געלאַנדעט אין נאָרמאַנדיע און ווען זי, אַנאַ, האָט זיי שוין דערוואַרט מיט געפילן פון אומרו און האָפענונג. וועגן דער גרויסער געשעעניש פון דער לאַנדונג שרייבט זי אין איר טאָגבוך:

„דאָס הינטערהויז איז פאַרשיכורט. זאָל טאַקע באמת זיך דערנענטערן די לאַנג־דערוואַרטע באַפרייאונגג, פון וועלכער מען האָט אַזוי פיל גערעדט, וועלכע איז אָבער צו שיין, צו פאַנטאַסטיש כדי צו ווערן אַווירקלעכקייט? צי וועט דאָס יאָר 1944 אונדז ברענגען דעם זיג? מיר ווייסן דאָס נאָך נישט, אָבער די האָפענונג באַלעבט אונדז, גיט אונדז ווידער מוט, מאַכט אונדז ווידער שטאַרק."

„אָ, קיטי! דאָס שענסטע איז דאָס, וואָס איך האָב דאָס געפיל אַז עס דערנענטערן זיך פריינט. די שרעקלעכע דייטשן האָבן אונדז אַזוי לאַנג אונטערגעדריקט און געהאַלטן דאָס מעסער ביים האַלדז, אַז בלויז דער געדאַנק וואָס מיר האָבן פריינט און ס'דערנענטערט זיך די רעטונג גיט אונדז ווידער בטחון".

צי האָט אַנאַ פראַנק פאַרמאָגט יידיש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין? אַ טראַ־דיציאָנעל־יידישע דערציאונג? האָט זי באַנומען די טיפקייט פון דער יידי־שער טראַגעדיע, וואָס זי האָט מיטגעלעבט? אַן ענטפער אויף דעם קאָן מען באַקומען נאָר אויפן סמך פון איר טאָגבוך.

נאָכן קומען פון די נאַציס צו דער מאַכט אין 1933 פאַרלאָזן אירע עלטערן דייטשלאַנד, ווו זיי האָבן געלעבט, און די משפחה פראַנק קומט קיין האָלאַנד. אין אירע העפטן דערמאַנט אַנאַ, אַז זי האָט געלערנט אין אַמסטער־דאַם אין אַ יידישער שול. מען ווייסט נישט וואָס פאַר אַ כאַראַקטער עס האָט געטראָגן די דאָזיקע שול, אָבער אַ יידישע שול איז זי געווען. זי דערמאָנט אויך, אַז אין הינטערהויז האָט מען געפּראַוועט יידישע יום־טובים, ווי חנוכה. אמת, מען מאַכט אויך מיט די קאַטוילישע ווייַנאַכטן, אָבער דאָס איז גיכער געווען צוליב דער אַרומיקער קריסטלעכער וועלט, פון וועלכער מען איז נישט אינגאַנצן איזאָלירט און בפרט נאָך אַז מען האָט אַזעלכע קריסטלעכע פריינט, וועלכע זענען זיך מוסר־נפש פאַר די משפחות פראַנק און וואַן דאַן און באַהאַלטן זיי אויס ביי זיך אין זייער הינטערהויז.

אין אַ געוויס אָרט פון איר טאָגבוך, רעדנדיק וועגן דער אכזריות פון די דייטשן, געפינט מען אַזאַ מין זאַג: „און צו אַט דעם פאַלק האָב איך געהערט!"

לכתחילה בלייבט מען געפּלעפּט פון דעם. האַלט דען אַנאַ פראַנק אַז זי איז אַ דייטשקע? לייענענדיק אָבער ווייטער, באַנעמט מען אַז דאָס האָט זי געמיינט אין זין פון לאַנד־אָפּשטאַם, פון בירגערשאַפט־אַנגעהעריקייט צו דייטשלאַנד. זי זעט נישט איין קיין סתירה אין זיין יידן און באַזיצן אַ נאַציאָנאַליטעט, אַ בירגערשאַפט־אַנגעהעריקייט צו וועלכן ס'זאָל נישט זיין לאַנד. מיט שטאָלץ הייבט זי אַרויס איר יידישן אָפּשטאַם און יידישן מהות, אַרויסווייזנדיק איר שטאַרקן ווילן און קאָנסעקווענטקייט נישט אונטערצוגיין צווישן די פעלקער, מיט וועלכע מען לעבט צוזאַמען. זי שרייבט:

„מען קאָן נישט זיין בלויז האָלענדער, בלויז ענגלענדער, אָדער פאַר־שטייער פון וואָס פאַר אַ לאַנד עס זאָל נישט זיין, נאָר מיר זענען אויך דער־ביי יידן און מיר ווילן אויך בלייבן יידן".

און זי מאַכט אַ פּאַטעטישע ווענדונג:

„זייט מוטיק! נישט קלאָגן, ס'וועט קומען אַ ישועה. גאָט האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרלאָזט אונדזער פאָלק! דורך אַלע יאָרהונדערטער זענען יידן לעבן געבליבן. אין אַלע יאָרהונדערטער האָבן יידן געמוזט ליידן, אָבער אין אַלע יאָרהונדערטער זענען זיי געוואָרן שטאַרק".

צי קלינגען נישט אָט די רייד ווי פון אַ נייער, היינטצייטיקער דבורה הנביאה, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים אין אַמסטערדאַם כדי צו פאַרגיין אינעם אַש פון בערגען־בעלזען?

גאַנץ אָפט באַווייזט זיך דער נאָמען פון אַנאַ פראַנק אין דער פּרעסע. מען באַמערקט אים נישט מיט גלייכגילטיקייט. די ידיעות וועגן איר פילן מיך אָן מיט מאָראַלישער סאַטיספאַקציע. אָט האָב איך געלייענט אין אַ צייטונג, אַז אַ פראַנצויזישער גראַווירער־קינסטלער האָט, אויפן אויפטראַג פון דער רעגירונג, אויסגראַווירט אַ מעדאַל צום אָנדענק פון אַנאַ פראַנק. עס איז נישט געוואָרן אָנגעגעבן פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל דער מעדאַל וועט געמאַכט ווערן. פון גאָלד? פון זילבער? פון בראָנדז? פאַר מיר איז דאָס ווערטפולסטע געוואָרן בלויז דער עצם געדאַנק און באַשלוס וועגן אַרויס־געבן אַזאַ מעדאַל.

אַ צווייטע ידיעה, וואָס איז געקומען פון איטאַליע, האָט דערציילט, אַז דאָס איטאַליענישע מיניסטעריום פאַר דערציאונג און בילדונג איז נאָכגע־קומען דער בקשה פון די מוניציפּאַליטעטן פון סיציליע, אַז עס זאָל אַריינ־געפירט ווערן אין די שולן אַלס אָבליגאַטאָרישער לימוד דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק.

און אָט איז נאָך אַ ידיעה וועגן אַנאַ פראַנק, אָבער שוין גאָר פון

אַ היפּוכדיקן כאַראַקטער און זי גיט איבער, נעמלעך, אַז דער געשטאַפּאָ־אַגענט, װעלכער האָט זיך באַטײליקט אינעם באַפאַלן די באַהעלטעניש פון די אַכט יידן אין אַמסטערדאַם, און האָט אַרעסטירט אַנאַ פראַנק, איז פריי און געפינט זיך אין עסטרייך, וווּ ער דינט אין דער ווינער פּאָליציי. זיין געוויסן איז נישט באַאומרואיקט. דאָס געזעץ באַאומרואיקט אים אויך נישט. פאַר־קערט, דאָס געזעץ באַשיצט אים און ער אַליין האָט נאָך אַפילו די זכיה צו זיין אַ באַשיצער פון געזעץ...

און אַלע אַנדערע, וואָס זענען דירעקט שולדיק אינעם טויט פון אַנאַ פראַנק, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן די באַפעלן און אויסגעשטעלט די פאַנג־שטייגן פאַר איר יוגנטלעך, אויפגייענדיק לעבן און פאַרן לעבן פון אירע נאָענטע, וואָס האָבן געטיילט איר גורל ? זיי האָבן געביטן זייערע נעמען און צורות. פערפעקציאָנירטע פּלאַסטישע אָפּעראַציעס האָבן געענדערט זייער אויסזען און פיזיאָנאָמיע, אָבער דער עצם פאַקט פון זייער פאַרברעכן האָט זיך נישט געקאָנט ענדערן. פון צייט צו צייט ווערט איינער פון זיי געשטעלט צום משפּט. אין אַ דייטשער שטאָט ערגעץ־ווו ציט זיך חדשים־לאַנג אַ פּראָ־צעס, אַז עס ווערט אַזש נמאס נאָכצופאָלגן די המשכים פון די געריכט־פאַר־האַנדלונגען וואָס צייכענען זיך אויס מיט אָרגאַניזירטער נודאַטע. די פאַר־מאַליטעטן און די פּראָצעדורן זענען שטרענג. די באַווייזן דאַרפן זיין קלאָרע. ס׳איז נאָך אַלץ נישט קלאָר באַוויזן געוואָרן.

דער גייסט פון אַנאַ פראַנק, אונדזער יונג־מיידלשער און ריין־מיידל־שער מלאך, קומט צו שוועבן צו די געריכטס־בנינים, זי שטעלט זיך צום יום־הדין ווי אונדזער שליחה און מאַנעריןֿ. זי קומט אין אַ טיולענעם שלייער, ווי אונדזערע מאַמעס פרייטיק צונאַכטס צו די שבת־ליכט. איר שמייכל איז אייביק, ווי דער שמייכל פון מאָנאַ ליזאַ. איר שמייכל איז דין און לייכט, אָבער ער וועגט ווי טויזנטער טאָנען אויף דער וואָגשאָל פון טעמידע, דער געטין פון גערעכטיקייט.

אַנאַ פראַנק, די געזאַלבטע מלכה פון אונדזערע ליידן און עינויים, שטעלט זיך פאַר די גרינע טישן פון די טריבונאַלן, זי קומט זיך דאַרטן מיען פאַר אונדז אַלעמען און זיין פאַר אונדז אַ גוטע בעטערין.

אַנאַ פראַנק — אַ דינע איבערגעבראָכענע פלאַנץ, פאַרשליידערט פונעם שטורעם:

אַן ערשט קוים צעבליטע רויז, צעטראָטן אונטער סאָלדאַטסקע שטיוול;

אַ שוואַלב, וואָס קלאַפּט אין די שויבן פון די געריכט־פענצטער; אַ יונגע שוואַלב, אַן אַראָפּגעפאַלענע אויף די עלעקטרישע לאַגער־דראָטן.

פון דער ווילי׳ע ביז צו דער סען

(וועגן אלחנן וואָגלער)

אינעם ערשטן טאָג פון פרילינג (דעם 21טן מערץ) פון יאָר 1969, אין אַ גרויען נאָכמיטאָג, האָבן מיר באַגלייט אויפן בית־עולם באַניע, הינ־טער פאַריז, צו זיין שטענדיקער רו דעם דיכטער אלחנן וואָגלער. אָבער זיין אייגענער פרילינג, זיין „פרילינג אויפן טראַקט״, וועלכן ער האָט אויסגעחלומט אויף זיין וואַנדערוועג, פון דער ווילִיע ביז צו דער סען, איז דאָ געווען אויסגעלאָשן, און דער לעצטער טראַקט פונעם דיכטער איז איצטער געווען די שמאָלע בית־עולם־אַלייע. אַ לעבן פון פאַרביטערונג, אומרו, עלנט און אומעט איז דאָ געוואָרן אָפגעשלאָסן אין דעם קליי־נעם, מיט שוואַרצן טוך באַדעקטן אָרון.

גרוי איז דעמאָלט געווען די לעצטע שעה פון זיין צעשיידונג מיט אונדז, אָן דעם ליכט פון אַ זון־שטראַל, אָן דער קאָליר פון אַ בלום, ווי גרוי עס איז געווען זיין לעבן אָן דער קאָליר פון פרייד, אָן דער שיין פון התלהבות.

דאָ, אין דעם קרייז אַרום זיין אָרון, אַנטקעגנאיבער דעם קאַוואָ (גע־מיינזאַמער קבר) פון דער ווילנער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָט שוין גע־וואַרט אויף אים, אַ געעפנטער, איז געווען סך־הכל און אָפשלוס. דאָ, פאַר אונדזערע פיס, זענען געלעגן צעשליידערט די שערבעלעך פון זיין צעבראָכענער קרוג, וואָס איז אַראָפגעפאַלן פון גאָטס האַנט, ווי וואָגלער גופא האָט זיך געזען אין זיין וויזיאָנעריש־סימבאָליש ליד „איך בין אַ קרוג״. דאָס איז וואָגלערס לעצטע פאַרעפנטלעכטע ליד. עס איז דערביי אַזוי גורלדיק אויסגעפאַלן, אַז ווען דאָס ליד איז דערשינען אין זשורנאַל „די גאָלדענע קייט״, אין פרילינג 1969, האָט שוין וואָגלער נישט געלעבט און זיין ליד האָט מען אָנגענומען ווי אַ ווידוי־ליד און אַ צוואה. וואָגלערס צעבראָכענע קרוג איז אפשר אויך דער צעבראָכענער שפיגל, אין וועלכן מען קאָן זען דאָס צעריסענע לעבן פון סתירות און ספקות פונעם פאָעט פון ווילנע. דאָס דאָזיקע ליד זיינס איז דער סוף, וואָס פירט צום אָנהייב,

ווייל דאָ געפינט מען אפשר דעם פסיכאָלאָגישן שליסל צו זיין לעבן. עס איז פאַראַן דעריין תמצית, חשבון-הנפש און כאַראַקטער-שטריכן צו זיין אויטאָפּאָרטרעט. און צי איז דען נישט, אייגנטלעך, אַזאַ שורה ווי: „אויף אַלע שמחות ברענג איך טרויער" אַ השתפכות-הנפשדיק מתוודה זיין זיך, אַן אָפּגעבן זיך אַ חשבון וועגן זיך און אַ דערזען זיך אַליין און אַליין דערקענען זיך? און אפשר איז עס אויך געווען אַ מין מחילה-בעטן ביי זיינע מיטמענטשן פאַר זיין ברענגען זיי טרויער אויף אַלע זייערע שמחות מיט זיין אַנוועזנהייט, וואָס נישט בלויז ער האָט מיט איר געברענגט צו זיי דעם טרויער, נאָר ער, וואָגלער, איז אַליין געווען דער טרויער, אַ טרויער וואָס ער האָט אים אַליין גענומען אויף זיך, ווייל אַן אים וואָלט אים געווען גאָר, גאָר טרויעריק. פונקט ווי ער האָט נישט געקאָנט לעבן אַן דעם אומגליק, ווייל אַן דעם אומגליק וואָלט ער געווען אומגליקלעך...

און אין די פינאַל-שורות פון זיין דערמאָנטן ווידוי-ליד: „פאַרגיב דעם ווייטיק מיר פון שפּאָט און שאַנד און אַלע מיינע נאַרישקייטן" — צי האָט דאָ נישט דער דיכטער געוואָלט מרמז זיין אויף זיינע כסדרדיקע ראַנגלעניש מיט זיך אַליין, אויף זיינע קינדישע אומבאַהאָלפנקייטן, קווענקלעניש, נישט-קאָנסעקווענטקייטן און נישט-דעצידירטקייטן, וואָס זענען געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים און ממש אַ שם-דבר, אַזוי גוט ביי פּשוטע טאָג-טעגלעכע קליינקייטן, ווי ביי שווערע גורלדיקע נסיונות, סיי אין זיין שאַפן, ווו ער האָט זיך געראַנגלט פאַר יעדן וואָרט און פאַר יעדן אות, און סיי אין פּראַקטישן לעבן, אין וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. ער האָט זיך געקאָנט אָפּשטעלן אויף אַ קוצו של יוד, מדקדק זיין אויף אַ קאָמאַ, אויף אַ פּונקט, וואָס כל-זמן ער איז נישט געווען זיכער צי ער שטייט אויפן ריכטיקן אָרט איז די שאַפונג ביי אים נישט געווען קיין שלמותדיקע.

דער פּאַריזער דרוקעריי-אייגנטימער יוסף שעכטער און דער דרוקער-מייסטער נפתלי מילנער חזרן פאַר מיר אַלע מאָל איבער דעם קוריאָז וועגן וואָגלערן, וואָס באַציט זיך צו דער צייט ווען זיי האָבן געדרוקט זיין בוך לידער „פּרילינג אויפן טראַקט". ווען אַ בויגן איז שוין געווען אין דער מאַשין פאַרטיק צום דרוק איז וואָגלער געקומען אין דרוקעריי אַריין און האָט געהייסן אָפּשטעלן די מאַשין — און זי איז טאַקע אַזוי געשטאַנען שעהן גאַנצע — ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט דעצידירן צי דער פּונקט, וואָס געפינט זיך אין אַ געוויסער שורה פון זיינס אַ ליד, דאַרף יאָ-זיין אָדער נישט-זיין.

יוסף שעכטער, וועלכער איז אַ קענער פון יידיש און אַ ליבהאָבער

פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט נאָך זיין איבערלעבן דעם היטלעריזם — וואָס צו זיין מפּלה, אגב, האָט ער אויך צוגעלייגט אַ האַנט — זיך געגעבן אַ שבועה צו העלפן אַרויסגעבן יידישע שרייבער זייערע ביכער. אויס באַציאונג און פאַרערונג פאַר וואַגלערן האָט ער אים אַלץ נאָכגעגעבן. שעכטער איז מוותר געווען אויפן היזק פון צייט און בעת די מאַשין איז געווען אָפּגעשטעלט האָט ער געוואַרט מיט געדולד ביז וואַגלער וועט זיך דעצידירן וועגן דעם פונקט אין דער שורה פון זיין ליד.

אַזוי ווי ביי אַ פּונקט, האָט וואַגלער נאָך מער, נאַטירלעך, ביי אַ מיטל־פונקט אין אַ מענטשלעך לעבן, ווי דאָס איז איינצוואָרדענען זיך אַ היים, אויפבויען זיך אַ משפחה־נעסט, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, וואָס פאַר אַ דעציזיע אָנצונעמען. ווען איך האָב אים איין מאָל סוגערירט, אַז עס וואָלט אפשר בעסער געווען פאַר זיין סיטואַציע ווען ער וואָלט חתונה געהאַט, האָט ער מיר פּרובירט אויף זיין שטייגער צונישט מאַכן מיין עצה מיט זיין כאַראַקטעריסטישער קווענקלענדיקער נעגאַטיווער אַרגומענטאַציע, אין וועלכער מען האָט געקאָנט זען פאַראַמאָל תמימות, נאַאיווקייט און אפשר אויך בטלנות: „איך ווייס ניט ווי אַזוי ביי מיר אין שטוב וועט זיך קאָנען אַרומדרייען אַ פרעמדע ווייב...״

מיין קעגן־אַרגומענטאַציע, אַז „מיטן מאָמענט ווען אַ ווייב דרייט זיך אַרום ביי דיר אין שטוב איז זי שוין במילא נישט קיין פרעמדע״, האָט אים עפּעס נישט אַזוי איינגאָנצן איבערצייגט. ער האָט אפשר אַ ביסעלע שוין געספקט איבער זיין נאַר־וואָס געזאָגטן, אָבער ער האָט נאָך אויך געספקט איבער מ יי ן געזאָגטן. ספק איז בכלל געווען איינע פון זיינע כאַראַקטער־שטריכן.

ווען איך האָב דערציילט קאָלעגן וועגן מיין שמועס מיט וואַגלערן, האָבן זיי געלאַכט גוטמוטיק. אומדירעקט האָט וואַגלער ביי זיי אַרויסגערופן געלעכטער. דירעקט האָט ער קיינמאָל קיין געלעכטער נישט אַרויסגערופן. איך דערמאָן זיך נישט, אַז איך זאָל אים האָבן ווען געהערט זאָגן אַ חכמה מאַכן אַ שפּאַס, אַ וויץ, דערציילן אַן אַנעקדאָט. איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען לאַכן. איך האָב אים זעלטן געזען שמייכלען. און אויב שוין אַמאָל יאָ — האָט זיך דער שמייכל גלייך פאַרלאָשן, ווי וואַגלער וואָלט זיך תיכף געכאַפּט, אַז ער טאָר זיך נישט פאַרגינען דעם דאָזיקן לוקסוס.

פּונקט ווי דער שמייכל האָט זיך זעלטן באַוויזן אויף זיין אַסקעטיש געזיכט, אַזוי איז ער אויך זעלטן געווען בנמצא אין זיינע פערזן. די באַטריבטקייט און מעלאַנכאָליע פון זיין לעבן זענען געווען דער גורם פון

דער באַטריבטקייט און מעלאַנכאָליע אין זיין ליד. אין דעם פאַל האָט געקאָנט זיין אַנגעמאָסטן אויף אים היינעס אַכט־שורהדיק ליד פונעם ציקל „לירישער אינטערמעצאָ״:

פאַרסמט זענען מיינע לידער —
ווי קאָן עס דען אַנדערש זיין?
דו האָסט דאָך דעם סם געגאָסן
אין מיין בליענדיק לעבן אַריין.

פאַרסמט זענען מיינע לידער —
ווי קאָן עס דען אַנדערש זיין?
איך טראָג אין מיין האַרצן פיל שלאַנגען
און דיך אויך, געליבטע מיין.

זייער פרי האָט אלחנן וואָגלער דערשפּירט דעם ביטערן טעם פון עלנטקייט און נע־ונדקייט. נאָך אַלס קינד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים די קללה פון פאַריתומטקייט. ער האָט זיך דערצויגן אין אַ קינדער־היים, וווּ ער האָט נישט געפילט אויף זיך די מוטערלעכע ליבשאַפט און צערטלעכקייט, און דאָס האָט אפשר אַרויפגעלייגט דעם חותם אויף זיין שפּעטערדיק לעבן און שאַפן. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק אַז ביז אין זיינע רייפע יאָרן איז ער שוין אַזוי פאַרבליבן דער ייִנגלשער יתום, פילנדיק זיך אַ פאַרלוירענער און איינזאַמער אויף אונדזער וועלט. זיינע חברים פון „יונג־ווילנע״ פלעגן אים רופן ביז צו זיינע לעצטע יאָרן מיט זיין פאַרצויגענעם פאַרנאָמען כאָנקע. ס׳איז געווען אין דעם נישט בלויז דער אויסדרוק פון צערטלעכקייט און ליבשאַפט, נאָר אפשר אויך טאָקע דאָס געפיל צום ייִנגלשן יתום, וואָס זיי האָבן אים געקענט אַלס אַזעלכן פון זיין פריער יוגנט אָן. אינעם ערשטן ליד פון זיין בוך „פרילינג אויפן טראַקט״ (פּאַריז, 1954) מיטן נאָמען „די טויערן פון מיין געמיט״ קאָן מען דערגיין צום שורש פון וואָגלערס מעלאַנכאָליע, פּעסימיזם און פאַר־ביטערטקייט:

ווייל קליינערהייט פאַרבליבן כ׳בין אַ יתום,
האָט ביים טייך די אַלכע אירע הענט פאַרבראָכן:
די יום־טובים מיינע און שבתים
זענען די טעג געוועזן פון אינדערוואָכן.

דער זעלבער מאָטיוו וואַריאירט אויף אַ צווייט אָרט אינעם ליד „מאַמע און זון״:

די לבנה־נאַכט האָט מיט אַ שטראַל
מיין מאַמעס אויגן אויסגעשטאָכן;
עס זינגט די נאַכט — די נאַכטיגאַל
דאָס ליד פון שבת — אינדערוואָכן.

דער גורל האָט אויף אַ גרויזאַמען אופן פאַרוואַנדלט דעם דיכטערס יום־טוב און שבת אין גרויער אומעטיקער וואָכיקייט. אָבער נישט בלויז איז ער מסכים געווען, שלום געמאַכט מיטן דאָזיקן גורל זיינעם, נאָר מיט דער צייט האָט ער אים אויך אָנגענומען באהבה, אים געטראָגן שטענדיק ווי אַ באַשערטן עול, וואָס מיט דער צייט האָט ער אפילו נישט געוואָלט זיך צעשיידן מיט אים און זיך אפילו אַרויסגעשטעלט מיט אים און נישט דערלאָזט, אַז אַנדערע זאָלן אים העלפן דעם שווערן עול אַראָפּנעמען, אָדער לייכטער מאַכן אים.

אויף די מענטשן, וואָס האָבן וואָגלערן באַוווּלט — אויב ער האָט באמת די עוולה אָפּגעפילט — האָט ער נישט געהאַט קיין תרעומות. ער האָט רעאַגירט קעגן זיי אויף אַ פּאַסיוון אופן — אַנטלויפנדיק פון זיי און אָפּשליסנדיק זיך נאָך מער אין זיין איינזאַמקייט. ווען אים איז שוין געווען גאָר ביטער אויפן האַרצן האָט ער געטראַכט וועגן פאַרלאָזן זיי גערנוויליק אויף שטענדיק. ער האָט דאָס אויסגעדריקט פאַר מענטשן, אפילו געשריבן וועגן דעם אין בריוו צו חברים.

איך דערמאָן זיך ווי וואָגלער איז איין מאָל צו מיר אַריינגעקומען ווען איך בין געלעגן קראַנק. ער האָט דעמאָלט אַ קורצע צייט געוווינט באַענט פון מיר און ער איז מיך אָפּט געקומען מבקר־חולה זיין. דאָס מאָל, ווען ער איז אַריינגעקומען, האָב איך באַמערקט אַ נישט־געוויינלעכן אומרו אויף זיין געזיכט און נישט זאָגנדיק אפילו קיין גוטמאָרגן האָט ער אויסגערופן צו מיר: „גיב מיר אַ סם“. דאָס האָט אויף מיר אויסטערליש געווירקט. איך גופא בין געלעגן אין מיינע אייגענע צרות און איך האָב געהאַלטן אַז אַזאַ מין מבקר־חולה־זיין מיך איז ווייט פון קאָנען מיך דערמוטיקן און שטאַרקן. אויף דעם נאַכט־שאַפקעלע ביי מיין בעט זענען געשטאַנען עטלעכע פלעשעלעך מיט מעדיקאַמענטן, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבן, אַז עס איז שטרענג פאַרבאָטן צו נעמען מער ווי די פאַרשריבענע דאָזע. איך האָב האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט דערלאַנגט וואָגלערן איינס פון די פלעשעלעך, זאָגנדיק אים בלויז איין וואָרט: „נאַ“. ער האָט מיך איבערגעפרעגט, קוקנדיק אויפן פלעשעלע: „וואָס איז דאָס?“ איך האָב אים געענטפערט: „ס׳איז דאָס וואָס דו ווילסט...“ ער האָט זיך נישט צוגערירט צו דעם, אָפּגעהאַקט וועגן דעם ענין און מיך גענומען אויספרעגן ווי איך פיל זיך.

פון זיין רעזיגנירן פונעם „סם“ בין איך געווען צופרידן. איך האָב דאָס אויך געהאַלטן פאַר נאַטירלעך. דער מענטש הערט זיך גיכער צו צום רוף פון לעבן, ווי פון טויט. אויפן געדאַנק איז מיר געקומען דער משל פון לאַ פאָנטען „דער מלאך המות און דער האָלצהעקער“, וואָס איך האָב גראָד געהאַט איבערגעזעצט:

א האָלצהעקער אַן אָרעמאַן, באַדעקט פון קאָפּ ביז פיס מיט סכך,
אונטער לאַסט פון האָלץ און יאָרן איינגעבויגן,
האָט געקרעכצט, געשפּאַנט פאַמעלעך, שוואַך,
צו זיין שטיבל נישט דערשלעפּט זיך, נישט דערצויגן.
ער קאָן נישט אויסהאַלטן שוין מער זיין יאָך דעם שווערן,
ער לאָזט אַראָפּ דעם בינט און נעמט פון זיינע צרות קלערן:
וואָסער נחת האָט ער אויף דער וועלט, מישטיינס גערזאָגט?
איז ווער נאָך אומגליקלעך אַזוי ווי ער? — האָט ער זיך שווער באַקלאָגט —
קיינמאָל נישט קיין ברויט צו זעט און קיין מנוחה,
עס מוטשען אים דאָס ווייב, די קינדער, די מלוכה,
די בעלי־חובות און דער צינדז, דער עיקר,
רייסן פון אים לעבעדיקע שטיקער.
אויס פאַרצווייפלונג רופט ער נאָכן מלאך־המות.
יענער ווייסט נישט פון קיין חכמות און קאַטאָוועס,
לאָזט לאַנג נישט בעטן זיך, באַווייזט זיך אין געאייל
און פרעגט וואָס ס׳איז דעם האָלצהעקערס פאַרלאַנגען.
דער בעט גאָר ס׳בינטל האָלץ פון הינטן אים צוריק אַרויפדערלאַנגען,
דער מלאך־המות קאָן נאָך אויף אים צוּוואַרטן דערווייל...

דער טויט היילט אויס אונדז, וואָס אַן אמת, יעדן ווי דעם הארבן,
נאָר גלייכער נישט צו איילן זיך צו אים בכלל;
בעסער איז צו ליידן איידער שטאַרבן —
דאָס איז פון לאַנג דעם מענטשס אַן אַלטער כלל.

פונקט ווי אין לעבן, האָט אויך וואָגלער גערן געהאַט צו אַנטרינען אין זיין ליד, צו שאַפן זיך אין זיין ליד אַ נישט־רעאַלע וועלט, אַ וועלט פון אימאַגינאַציע און אויסדאַכטעניש, פון חלום און חזיון. אים איז מער ניחא געווען צו זען דעם מענטש אינעם גלגול פון בעלי־חי, פון באַשע־פענישן, מער תמימותדיקע און אומשולדיקע ווי די מענטשן, און דער עיקר, אין פאַרשידענע קעגנשטאַנדן און נאַטור־עלעמענטן. די מענטש־

לעכע מעשים און האַנדלונגען האָט ער טראַנספּאַנירט אויף חיות, פייגל און פענאָמענען אין דער נאַטור, ווי אויף דעם ווינט, דעם בוים, דעם שליאַך. אַלע האַנדלען, טראַכטן און רעדן אויף אַ מענטשישן לשון, נישט זייענדיק קיין מענטשן. דער משלים־שרייבער נעמט צוהילף די בעלי־חי בכדי צו מוסרן די מענטשן; וואָגלער לייגט נישט אַריין דערין קיין באַזונדערע כוונה, ער איז נישט אויסן צו שטראָפן די מענטשן, נאָר בלויז אָפּצוזונדערן זיך פון זיי, אויף אַזאַ אופן. מען האָט דעם איינדרוק אַז ער געפינט אַן אַנטרינונג פון מענטשלעכן בייז אינעם גוטמוטיקן און צומאָל קינדישן פאַרוואַנדלען זיין וועלט אין דער וועלט פון דומם, חומר, צמחים און באַשעפענישן.

אין זיין איינזאַמקייט זעט דער דיכטער אינעם ווילנער שליאַך זיין ברודער, זיין חברטע איז די אַלכע, זיין חבר איז דער ווינט, זיין כלה איז דער ווייסער בליענדיקער סאָד און זיין ווייב איז נישט קיין אַנדערע ווי די ליטווישע הייסע ערד. דערביי טוען זיי אַלע מענטשלעכע, היימישע טואונגען. דער וועג, למשל, זאָגט תהילים, און דער מאַנדלבוים שרייבט תנאים מיט אַ שוואַלב. אַן אידיליע נישט בלויז צווישן באַשעפענישן, נאָר אויך צווישן באַשעפענישן און קעגנשטאַנדן, והראיה: דעם מאַנדלבוים שטייט אַן זיך משדך צו זיין מיט אַ שוואַלב. און פאַרוואָס דען נישט — אויב דעם דיכטער אַליין שטייט אַן זיך משדך צו זיין מיטן ווייסן סאָד און צו האָבן פאַר מחותנים דעם באַראַן און דעם באַק:

דאָס האַרץ מיינס — אַ ווונד, די ליבע איז יאַד,
כ׳האָב חתונה היינט מיט דער מלכה פון פרילינג;
מיין כלה, דער ווייסער דער בליענדער סאָד,
איז פון מיין געשאַכטענעם זיווג — דער צווילינג.

דעם ברויגעם באַראַן און דעם באַק וואָס איז בלינד,
אויף מיין חתונה האָב איך פאַרבעטן,
פונאַנדערגעשפרייט האָט מיין חבר, דער ווינט,
פאַסיעקעס פאַר זיי — מיינע גרינע בילעטן.

חתונה האָבן גייט וואָגלער אלחנן בן מאיר,
דער שווייגער, וואָס איז נע־ונד,
מיט דער יתומה הבתולה — דעם סאָד אינעם ווייסינקן שלייער,
חודש אייר, שנת תרצ״ד.

און דער חתן איז מבטיח זיין באַשערטער, דער יפת־תואר, דעם בליענדיקן סאָד אין ווייסן שלייער:

מירן שלאָפן אין דאָרף — אונדזער הילצערנער בעט,
צוקאָפּנס די שטרויענע דעכעלעך פון די כאַלופּעס,
כ'וועל צעברעכן דעם פּאַרקאַן — דיין ענגן גאָרסעט
און דיך קושן מיט זון — מיינע ברעניקע לופּעס.

אַזעלכע אָריגינעלע און פּאַרכאַפּנדיקע מעטאַפאָרן, ווי דאָס צעברעכן דעם פּאַרקאַן — דעם ענגן גאָרסעט פון דער באַשערטער פּאָרן לייגנפירן — האָט מען זייער אָפט געקאָנט טרעפן אין אלחנן וואָגלערס לידער פון זיין ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד, סוף צוואַנציקער, אָנהייב דרייסיקער יאָרן אין ווילנע, וועלכע זענען אַריין אין זיין ערשטער זאַמלונג „אַ בלעטל אין ווינט" (1935) און אויך אין זיין שפּעטערדיקער זאַמלונג „צוויי בע־ריאָזעס ביים טראַקט" (1939). פון די דאָזיקע שאַפונגען האָט זיך אויסגעשיילט וואָגלערס אָריגינעלע דיכטערישע געשטאַלט. ער איז געווען איינציק־אייגנאַרטיק אינעם באַנוצן זיך דורכאויס מיט דער אַלעגאָרישער פאָרעם אין זיינע לידער, נישט בלויז אין דער אויפגייענדיקער גרופּע „יונג־ווילנע", נאָר אויך צווישן אַלע יידישע דיכטער אין פּוילן, אַחוץ געצייל־טע משלים־שרייבער. זיינע איבערראַשנדיקע אָריגינעלע מעטאַפאָרן זע־נען געווען געדיכט אָנגעלייגט איינער אויפן אַנדערן, זיינע לידער זע־נען געווען מיט זיי באַלאָדן ווי סוף זומער גרעאָטענע פּרוכט־ביימער, וועלכע זענען אַזוי שפּעדיק אָפּגעשיט מיט פּירות, אַז זיי שיטן אַזש אונ־טער אָרום זיך און ווער עס וויל נאָר קאָן זיי קומען אויפקלויבן.

מיט דער צייט אָבער האָט זיך וואָגלער באַפרייט פון איבערלאָדן זיינע לידער מיט מעטאַפאָרן. זיינע פערזן זענען געוואָרן לופטיקער, זיינע אימאַזשן זענען געגעבן געוואָרן מיט מער מאָס, אָבער דאָס אייגנאַרטיקע וואָס האָט זיך אָנגענומען אין זיין דיכטערישן שאַפן, איז פאַרבליבן; זיין טיפער ליריזם איז געבליבן דער זעלבער און זיינע שאַפונגען האָבן שטענ־דיק, אין ווילנע צי אין קאַזאַכסטאַן, אין לאָדזש צי אין פּאַריז, געטראָגן אויף זיך דעם וואָגלערישן חותם. זיין ליד האָט אין אַלע זיינע בנע־ונד־עטאַפּן אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון ריינעם פּאָעטישן גינגאָלד, וואָס נישט דער גאָס־רעגן, נישט די זאַוויערוכע און נישט דער שטויב פון אַלע וואַנ־דערונגען האָבן געקאָנט פאַרטונקלען. דערביי האָט וואָגלער אפשר מער פון אַלע יונג־ווילנער, אפילו אין די ווייטסטע פרעמדע מקומות, אויפגע־האַלטן אין זיין דיכטונג דעם באַזונדערן ליטווישן פאָלקס־יידיש, דורכ־געפלאָכטן אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן מיט די לאָקאַלע סלאַוויזמען ווי „וועסנע", „טשערעשניע", „זאַווייע", „וואַראָנע", „אָסיען", „גאָסטיניעץ" און נאָך און נאָך, וועלכע האָבן צוגעגעבן זיין שפּראַך און זיין פּאָעזיע

דעם חותם פון אייגנאַרטיקייט, פון קאָלאָריט, פון קערנדיקייט און שורש־דיקייט, פון דורותדיק־אויסגעוועבטן פאָלקס־שטייגער, אויפן פאָן פון דער ליטווישער לאַנדשאַפט, אויף וועלכער וואָגלערס סילועט האָט זיך אָפּגע־שטעמפּלט. די דאָזיקע כאַראַקטער־שטריכן האָט ער געירשנט פון זיין רבין משה קולבאַק, וועמען ער האָט פאַרערט און וואָס נאָך זיין פאַר־לאָזן פוילן אין יאָר 1929, האָט דער עכאָ פון זיין „אַנטאָשאַ" און פון זיינע „בראָנזענע יונגען" אָפּגעקלונגען מער אָדער ווייניקער ביי כמעט אַלע יונג־ווילנער צו יענער צייט.

אלחנן וואָגלער איז געווען אַ קינד פון ווילנע און אַ קינד פון דער שרייבער־גרופּע „יונג־ווילנע", וואָס אירע לעבן־געבליבענע מיטגלידער זענען היינט, יעדער באַזונדער, ווייט פון ווילנע און אויך ווייט שוין פון יונגקייט. ביי מיר האָט זיך אויפגעהאַלטן אַן אָפּגעבליאַקעוועט פאָטאָ־גראַפיש בילדל, גענומען אין ווילנע אין 1935, בעת איך בין דאָרט געווען ביי דער געלעגנהייט פון אַ ייוואָ־קאָנפערענץ. אויף דעם בילדל געפינט זיך אַ גרויסע טייל מיטגלידער פון „יונג־ווילנע": א. וואָגלער, א. סוצ־קעווער, לייזער וואָלף, פּרץ מיראַנסקי, שמשון קאַהאַן, ש. קאַטשערגינסקי, מיכאַל נאַטיש און מיין ווינציקייט. אַלע זענען דעמאָלט געווען יונג, כמעט יוגנטלעך און דער נאָמען „יונג־ווילנע" איז, אגב, געווען פאַר דער גרופּע פולשטענדיק צוגעפּאַסט. קיינעם איז אָבער נישט איינגעפאַלן דעמאָלט אַז דאָס איז פון דעם מין נעמען וואָס מיטן גאַנג פון די יאָרן קאָרעגירט זיי די צייט, אָדער לייקנט זיי אָפּ.

מיט וואָגלערן איז מיר אין מיין קורצן דריי־טאָגיקן אויפנטהאַלט אין ווילנע אויסגעקומען מער זיך צו באַגעגענען ווי מיט די אַנדערע יונגע שרייבער. איך האָב געפילט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט צוטוליען צו מיר. איך בין געווען פאַר אים אַ נייַ פּנים, הגם, מיין נאָמען איז נישט געווען פאַר אים ניי, און ער האָט אפשר געוואָלט געפינען אין מיר נאָענט־קייט און פאַרשטענדעניש פאַר אים. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און געראַנגלען פון יענער צייט, מיט וועלכע עס האָבן זיך פאַראינטערעסירט, ווער מער, ווער ווייניקער, די יונג־ווילנער, זענען אים קנאַפּ אָנגעגאַנגען. ער האָט גיכער געזוכט אַן אָנהאַלט אין יחידיש־פּערזענלעכן. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך. דער „צו זיך" איז באַשטאַנען פון אַ צימערל ביי יענעם, וואָס איז געווען עפּעס אַ מין חצי חדרל און חצי קעמערל, אָט אַזעלכע ענלעכע ווו איך האָב אים מיט יאָרן שפּעטער געזען וווינען אין פּאַריז און ער האָט זיך באַגנוגנט מיט זיי, נישט געהאַט קיין גרעסערע השגות. אין זיינע ווילנער

ענגע ד׳אמות, ענג אין פּשוטן זין פון וואָרט, האָט וואָגלער זיך באמיט פאַר מיר אַראָפּצורעדן פון האַרץ, הגם, ער איז נישט געווען באַרעדעוו־דיק און מער ווי דאָס: ער איז געווען קאַרג אויף רייד, און ער אַליין באַצייכנט זיך אַלס שווייגער, ווי ער זאָגט עס וועגן זיך אין זיין ליד, וואָס איך האָב שוין פריער ציטירט: ״חתונה האָבן גייט וואָגלער אלחנן בן מאיר, דער שווייגער וואָס איז נע־ונד״.

וואָגלער האָט זיך אַליין געקענט פאַר אַ שווייגער און דאָס, אגב, נישט געהאַלטן פאַר קיין חסרון. איך האָב דאָס באַמערקט ווען ער איז אין יאָר 1948 געקומען קיין פראַנקרייך בכדי אויפצושטעלן זיין צע־ריסענעם און פון אַלע ווינטן צעטראָגענעם געצעלט אויפן האַרטן ברוק פון פּאַריז, וואָס איז פאַר וואָגלערן געווען נאָך האַרטער. איך פלעג אים דאָ זען זיצן צווישן מענטשן, אויף מסיבות, אויף שמחות, און אָפּשווייגן אומהיימלעך גאַנצע שעהען. דאָס איז געווען אַ שווייגן, אין ווּעלכן, אגב, איך זע איצטער די באַשטעטיקונג פון זיינע ווערטער, וואָס איך האָב געבראַנגט אין אַנהייב: ״אויף אַלע שמחות ברענג איך טרויער״. איז פאַר מיר דעריבער געווען אַן איבעראַשונג, ממש אַ רעטעניש ווען מיט אַ צייט שפּעטער האָט וואָגלער מיטאַמאָל איבערגעריסן זיין שווייגן. ס׳איז געווען דעמאָלט, ווען דער יידישער וועלט־קאָנגרעס אין פּאַריז האָט אים צוגעצויגן אַלס מיטגליד אין דער קולטור־קאָמיסיע און ער האָט גע־דאַרפט אַרויסטרעטן עפנטלעך, האַלטן רעדעס און רעפעראַטן און אַפּט אפילו זיין אויף קולטור־אימפּרעזעס דער פאַרזיצער. אַזוי אַרום איז ער דעמאָלט בעל־כרחו, צו אַלעמענס חידוש, געוואָרן אויס שווייגער. וואָגלערס פריינט זענען געווען זייער צופרידן וואָס ער איז געוואָרן אַן עסקן, וואָס ער האָט געפונען אַ זין און אַן אַנהאַלט אין לעבן. מען פלעגט אים הערן רעדן אויף אָוונטן מיט אַ שיינער געלייטערטער שפּראַך, מיט אַן אינטאָ־נאַציע פון אַן אַראָטאָר און מיט פּאַטאָס, אין ווּעלכן ס׳האָט זיך פונדעסט־וועגן געפילט אַ געוויסע קילקייט, ווייל דעם רעדנער האָט געפעלט דער די־רעקטער וואַרעמער קאָנטאַקט מיטן עולם, דער עקספּראָמפּט. מען האָט גע־קאָנט האָבן דעם איינדרוק אַז פונקט ווי וואָגלער האָט אויסגעלערנט צו לייענען פון אויסנווייניק זיינע לידער, אַזוי האָט ער אויך אויסגעלערנט פון אויסנווייניק צו האַלטן זיינע רעדעס. פונדעסטוועגן האָט ער געוויסע פון זיינע רעפעראַטן טיף איבערגעלעבט. און איך דערמאָן זיך ווי בעתן סוף פון זיין רעפעראַט וועגן משה קולבאַק האָט ער זיך צעוויינט אויפן קול אויף דער עסטראַדע אינעם זאַל ״אַנטרעפּאָ״ אין פּאַריז. ער פלעגט אין אַלגעמיין רעדן מיט אַ שטאַרקער שטימע, וואָס האָט מיר אויסגעזען צו זיין אין סתירה צו זיין פיזישן אויסזען. און הערנדיק אים, האָב איך

נישט איין מאָל זיך פאַרחידושט און זיך אַליין געפרעגט: פון וואַנען נעמט זיך אין אָט דעם קליין־ווּוקסיקן אָפּגעצערטן גוף אַזאַ כוח־הדיבור?

ערגעץ־ווּ אויף אַ זעקסטן גאָרן אויפן מאַנמאַרטר אין פאַריז, איז אין אַ מאַנסאַרדע־שטיבל יאָרן־לאַנג געווען די גאָלדענע שטייג פון דער נאַכטיגאַל פון ירושלים ד׳ליטא. ער האָט זיך דאָ באַמיט אויסצוזינגען פאַריזער מאָטיוון, פון וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעהערט דער ניגון פון ווילנע. לייענענדיק די דאָזיקע לידער, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז וואַגלער איז איינגעלעבט אין דער פראַנצויזישער אַטמאָספער, ווייל ער באַנוצט פראַנצויזישע ווערטער, נישט געבנדיק פון זיי קיין איבערזעצונג, ווי: „סילוּוּעטע, דע ווען רוזש״ (ביטע, צוויי גלעזער רויטן וויין), „ווינקט אַ האַר דעם גאַרסאָן״ (קעלנער). נאַטירלעכער אָבער פאַר אים איז דאָס, וואָס זיינע פאַריזער מאָטיוון זענען דורכגעפלאָכטן מיט אַסאָציאַציעס פון ווילנע.

אַ טייל פון אָט די לידער געפינט מען אין וואַגלערס בוך „פרילינג אויפן טראַקט״ און טאַקע אונטערן נאָמען „ערגעץ אויף אַ זעקסטן גאָרן״. דורך די שורות פון אָט דעם ציקל לירישע לידער רייסט זיך אַדורך נישט בלויז דער ווינט פון עלנטקייט, פון וואַגלערס ביישעם נע־ונד אין דער ביי־ער פרעמד, נאָר עס פילט זיך אויך די בענקשאַפט צו אַ פאַרגאַנגענעם ערגעץ, ווּ אויך דאָרטן איז וואַגלער נישט געווען אינגאַנצן איינגע־וואָרצלט, אָבער ווּ עס איז, פונדעסטוועגן, פאָרט געווען אַמאָל זיין היים, אפילו ווען דאָס זאָל האָבן געווען אַ היימלאָזע היים. אין אָט די כמעט אַלע זיינע פאַריזער מאָטיוון קלינגען אָפּ רעמיניסצענצן פון יענעם אַמאָליקן דאָרטן. אַזוי אין דעם ליד „זיבן טויבן״, וואָס דער דיכטער זעט זיי אין אַ סקווערל פונעם קלויסטער ביי גאַר דע ל׳עסט אין פאַריז, ווי אין דעם ציקל „לידער פון דער סען״, אין וועלכע עס הערט זיך דאָס פּליעסקען פון דער ווילִיע, פונעם ניעמאַן, ווען זיצנדיק ביי די ברעגן פון דער סען האָט וואַגלער די זיכערקייט, אַז די נאַכט —

זיין ליד וועט זי הערן
אין רויש פון ווילִיע
און איבער זיין שטערן
דער הימל רייסט קריעה.

יאָ, דער הימל האָט געריסן קריעה נאָך אַ פאַרשווּנדן לעבן. אין וואַג־לערס דמיון זענען אים דאָ אויף די פאַריזער בולוואַרן כסדר נאָכגעגאַנ־גען די ליטווישע טראַקטן, האָבן אים באַגלייט אין זיין איינזאַמקייט און

געוועקט אין אים אַ נאָגנדיקע נאָסטאַלגיע צו אַ וועלט און צו אַ לאַנד־שאַפט, צו וועלכע עס איז נישטאָ מער קיין צוריקקער.

צו וואַגלערס שטענדיקן יהידישן טרויער און צער איז איצטער, נאָך די חורבן־יאָרן, נאָך צוגעקומען דער אַלגעמיינער יידישער פאָלקס־טרויער און פאָלקס־צער. נייע פערסאָנאַזשן און נייע געאָגראַפישע נעמען פון דער ווילנער געגנט זענען צוגעקומען אין זיין ליד, ווי „פּאָנאַר", „פּאַרטיזאַן":

אויף פּאָנאַר צוויי קליאָנען בליען
צוקאָפּנס פון אַ פּאַרטיזאַן,
און צוויי רויטע רויזן בליען
פון זיין אָטעם — דעם טומאַן.

די ליטווישע בעריאָזע קניט
צום קבר, וועלכן ס׳היטן בערג,
און אַ שוואַלב זינגט איר דאָס ליד
פון שטעפּער איציק וויטענבערג.

און אויף אַ צווייט אָרט:

אונטערן באַרג פון פּאָנאַר
ליגט מיין האַרץ פאַרשאָטן.

דער באַרג פון פּאָנאַר האָט דערדריקט דעם דערדריקטן פּאָעט. ער איז איצטער נאָך אַמאָל געוואָרן אַ יתום, פאַריתומט פון זיין פאָלק. זיין צער האָט איצטער אָנגענומען אַ גאָר אַנדערע דימענסיע. די צע־טרייסלטע ערד האָט צעטרייסלט זיין געמיט און נישט אין לאַדזש און נישט שפּעטער אין פּאַריז האָט ער געקאָנט געפינען זיין גייסטיקע גלייכ־געוויכט. ער איז דאָ געווען זיין אייגענע אויסגעקלאָגטע עלעגיע, אַליין געווען די וויינענדיקע ליטווישע ווערבע, איבערגעפלאַנצט ביים ברעג פון דער סען. וואַגלער איז געווען כולו פּאָעזיע, בלויז פּאָעזיע, זיין ליד איז געווען הן זיינע דלד אמות און הן זיין וועלט. ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך דער באַקוועמלעכקייט און פאַרגעניגנס פון לעבן און זיך באַגנוגנט מיט גאָרנישט. ער האָט זיך מקריב געווען פאַר זיין שאַפן, זיך אַליין פאַר־ניינט צוליב זיין ליד. זיין וועלט איז געווען דאָס ליד, דאָס ליד איז געווען זיין וועלט.

אלחנן וואַגלער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך צו־פּאַסן צו די פאַרלאַנגען פון דער צייט, ער האָט איגנאָרירט די געזעצן

און פליכטן פונעם לעבן, וואָס זענען חל אויף יעדן בשר־ודם. במילא איז אים נישט לייכט אָנגעקומען אַריינצופּאַסן זיך אין סביבות און אין מענטשלעכע קאָלעקטיוון. דאָס לעבן האָט צו אים נישט געשמייכלט און אויך ער האָט נישט געשמייכלט צום לעבן. און וואָס מער ער האָט זיך אויסגעטאָן פונעם לעבן, אַלץ מער האָט דער לבוש פונעם טויט פאַר־וואָרפן אויף אים זיינע אומהיימלעכע פאַלעס. די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, בעת ער האָט געוואַנדערט פון איין שפּיטאָל אין אַנדערן, האָט ער שוין געוואָרט אויפן טויט ווי אויף אַ גואל. ער האָט אָבער נישט געוואָרט פּאַסיוו, אַז ער זאָל זיך דערגענטערן צו אים. ער האָט זיך ממש געשלאָגן מיט עקשנות קעגן זיין לעצטן רעשטל לעבן, צוריקגעוויזן יעדע מעדי־צינישע הילף, אָפּגעזאָגט יעדע דערנערונג, נישט וועלנדיק גאָרנישט טועם זיין, און אָפּגעשטויסן דעם אָרעם פון דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אים מיט אַן איינשפּריצונג. און ווען איך האָב איין מאָל געפרעגט איינעם פון זיינע דאָקטוירים פון וואָס וואָגלער איז גע־שטאָרבן, האָט ער מיר געענטפערט אַז דאָס איז געווען כמעט אַ געראַנגל־ליקער טויט. אָפּטמאָל, ווען וואָגלער פלעגט רעדן וועגן טויט האָט דער רוב מענטשן דאָס אָנגענומען פאַר שטימונגען. מען האָט אים נישט גע־הערט און נישט געגלייבט, ביז מען איז אים ענדלעך צום גלייבן גע־קומען. נאָך יאָרן פון איינזאַמקייט, פון מאַטערניש און נע־ונד, ווען ער האָט נישט געפילט די ערד אונטער זיך, האָט אים די ערד איינגעזאַמלט צו זיך אינגאַנצן, אים געגעבן, דאָס מאָל, אַ שטענדיקע און זיכערע היים, באַרואיקונג און מנוחה אינעם בשותפותדיקן קבר פון זיינע ווילנער בני־עיר אויפן בית־עולם באַניע — אַ קליין טיילעכל, אַ שטיקעלע ירושלים דליטא, איינגעפּאַסט אין דער וועלט־מעטראָפּאָליע פּאַריז.

1969

מיין יוגנט-חבר דער שרייבער הערץ בערגנער

עס ווערט שיטער אינעם וואַלד פון דער יידישער ליטעראַטור. עס וואַרפן אַן אַן אימה די לײדיקייט און די אָפּגעהאַקטע שטאַמען וואָס סטאַר־טשען אַרויס דאָ און דאָרטן. אין די פערציקער יאָרן און שפּעטער אין די פופציקער יאָרן האָט זיי די האַק פון רוצחים אומברחמנותדיק פאַר־שניטן. תפיסות, לאַגערן, גאַז־קאַמערן, פייניקונגען, פּראָצעסן, עקזע־קוציעס.

צו אָט דעם וויסטן חלל, צו אָט דער דראָענדיקער לײדיקייט, וואָס עס האָט אויסגעשפּרייט די רציחה, איז שפּעטער נאָך צוגעקומען די "אומ־שולדיקע" נאַטירלעכקייט, דער טויט אויפן אייגענעם בעט, בעת דער מלאך־המוות טוט דאָס זייניקע זעלבשטענדיק, פאַר־זיך, און ער קריגט נאָך צו פאַר דעם אַ "ברוך דיין אמת".

די יידישע שרייבער גייען אַוועק איינציקווייז, איינער נאָכן אַנ־דערן און ווער ווייסט צי די לײדיקייט, וואָס זיי לאָזן איבער נאָך זיך, וועט נאָך אַמאָל פאַרפולט ווערן. אזכרות, לוויות, שלושים, יאָרצייטן, אָנ־דענק־אָוונטן. טרויער־אויס, טרויער־איין.

און אָט געהערט שוין אויך מיין יוגנט־חבר, דער שרייבער הערץ בערגנער צו די, וואָס לעבן בלויז אין מיין זכרון. עס איז מיר זייער שווער משלים צו זיין מיטן געדאַנק, אַז מער וועל איך אים שוין אין ערגעץ נישט זען, מער וועל איך שוין נישט לייענען אין דער יידישער פּרעסע זיינע נייע דערציילונגען און מער וועל איך שוין נישט באַקומען פון אים פון אויסטראַליע, ווו ער האָט געלעבט די לעצטע צוויי צענדליק יאָר, זיינע וואַרעמע האַרציקע בריוו.

איך האָב זיך באַקענט מיט הערץ בערגנערן אין די אָנהייב דרייסי־קער יאָרן אין וואַרשע, קאָנקרעטער: אין וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־

פּאַראַיין, און גלייך דערפילט אין אים אַן אייגענעם, אַ נאָענטן. די דאָזיקע נאָענטקייט האָט אַנגעהאַלטן ביז אונדזערע וועגן זענען זיך צעגאַנגען, ווען מיינער האָט מיך געפירט קיין פראַנקרייך און זיינער אים, מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1938, קיין אויסטראַליע. מיר האָבן דערנאָך די חברשאַפט ממשיך געווען אין בריוו, מיט אַן איבעררייס, פאַרשטענדלעך, בעת די מלחמה־יאָרן, ווען עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אָנהאַלטן אַ קאָרעספּאָנדענץ.

בערגנערס גאַנצע געשטאַלט, זיין אידעלע באַנעמונג, זיין אויפריכטיקייט, זיין ערלעכקייט האָבן מיך צוגעצויגן צו אים. ער האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענע פאַרשטענדעניש פאַר די ווערטן און פאַר דער שעפערישקייט פון אַנדערע, באַזונדערס פון שרייבער פון זיין נאָענטן קרייז. ער האָט נישט באַטראַכט דאָס לעבן און אַלץ וואָס האָט אים אַרומגערינגלט פאַר אַ שפּיגל ווו מען זעט בלויז זיך אַליין. ער האָט באמת מקיים געווען דעם „ואהבת לרעך כמוך".

איך דערמאָן זיך ווי בערגנער פלעגט ליב האָבן אין די זייטיקע ווינקלען פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 פאַרצולייענען זיינע דערציילונגען פאַר אַ צוויי־דריי חברים, אָדער אין אַן אינטימען אויג־אויף־אויג ביי אים אין דער היים אויף די נאַלעווקעס, אין דעם צימער וואָס דער שווער האָט אים געגעבן אין נדן, ווו מען האָט זיך געטיילט מיט אַ מיינונג און מיטן ביסן. און ער האָט אויך גערן געהאָט צו הערן פאַרלייענען אַנדערע און דער עיקר, ער האָט זיך צוגעהערט מיט געדולד, און ער איז געווען עמפּינדלעך אויף דעם אַז בעת זיין אייגענעם פאַרלייענען האָט מען עס נישט אַרויסגעוויזן לגבי אים, אָדער אַז מען האָט גאָר פאַרלוירן דעם אינטערעס און דעם פאָדעם פון דער געלייענטער זאַך. ווען עס פלעגט זיך אים אַזוי אויסדאַכטן, פלעגט ער איבעררייסן דאָס לייענען, פרעגנדיק זיך: „דו הערסט, צי דו טראַכטסט וועגן עפּעס אַנדערש ?" אין אַזעלכע פאַלן בין איך אויך געווען עמפּינדלעך אויף זיין עמפּינדלעכקייט, און וועלנדיק אים איבערצייגן אין זיין טעות, פלעג איך אים איבערחזרן דעם לעצטן זאַץ, ביי וועלכן ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט זיך באַרואיקט. „באַרואיקט" איז אפשר נישט דאָ דאָס ריכטיקע וואָרט, ווייל ער איז נישט געווען פריער באַאומרואיקט, אָדער אויפגערעגט. בכלל האָב איך קיינמאָל נישט געזען בערגנערן זיך אויפרעגן, אָדער זיך שטאַרק אַמפּערן צוליב עפּעס. ער האָט געקאָנט אפשר אַמאָל איבערלעבן אַן אינערלעכן נשמה־פּיין און זיך מאַטערן, אָבער ער האָט זיך געמאַטערט אַליין און קיינמאָל נישט געמאַטערט אַנדערע.

צו יענער צייט אין וואַרשע האָט אונדז פֿאַרבונדן נישט בלויז אַ פּערזענלעכע נאָענטקייט, נאָר אויך אַן אידעאַל, וואָס מען האָט געגלייבט אַז ער וועט ברענגען די ישועה פֿאַר דער מענטשהייט, וואָס וועט אויך זיין דער באַלזאַם אויף אונדזערע יידישע ווונדן. קיינעם פֿון אונדזער קרייז שרייבער האָט דעמאָלט נישט געקאָנט קומען אויפֿן געדאַנק, אַז דער „באַלזאַם" וועט גאָר זיין דאָס זאַלץ אויף אונדזערע ווונדן.

בערגנער איז געקומען אַהער אין אַט דער סביבה מיט אויפֿריכטיקייט און די ערלעכסטע כוונות. נישט קיין טעאָריעס און טיפֿער אַנאַליז פֿון דער געזעלשאַפֿט האָבן אים געבראַנגט אויף אַט דעם וועג און צום געדאַנק אַז ער זאָל אַנדערש זען דאָס לעבן און די וועלט. עס האָט אים געפֿירט אַהער זיין טיף־איינגעוואָרצלט יושר־געפֿיל, פּונקט ווי זיין טיף־איינגעוואָרצלט יושר־געפֿיל האָט אים שפּעטער צוריק אָוועקגעפֿירט פֿון דאָרט.

איך געדענק די אומלעגאַלע צונויפֿקומען פֿון דער דעמאָלטיקער אַזוי אָנגערופֿענער רעוואָלוציאָנערער שרייבער־גרופּע, אויף וועלכע מען האָט באַהאַנדלט ליטעראַטור־פּראָבלעמען לויט אַ געוויסער ליניע און זייער אָפֿט אויך די שאַפֿונגען פֿון אירע מיטגלידער. יעדעס מאָל איז אַן אַנדערער שרייבער געקומען געוואָרן אויפֿן ציל מצד די פּאָליטישע אָנפֿירער פֿון דער גרופּע. מען האָט אַנאַליזירט זיינע שאַפֿונגען און זיי באַלויכטן, אַזוי צו זאָגן, פֿון רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט. הערץ בערגנער האָט אָפֿט געהאַט אויסצושטיין שאַרפֿע קריטיק מצד די טוער פֿון דער גרופּע צוליב דעם נאַטוראַליזם אין זיינע דערציילונגען. די טענות צו אים זענען געווען, אַז די געדיכטע אָנגעהויפֿטע דעטאַלן אין זיינע שילדערונגען זענען עלול צו פֿאַרשטעלן דעם סאַמע עיקר — דעם אמת. און זיך אָנהייבן מיטן „אמת" און שרייבן אויף אַזאַ אופֿן אַז מען זאָל אים, חלילה, נישט אַרויסזען — דאָס האָט פֿונדעסטוועגן זיך קיינעם נישט געגלוסט. דער אָפֿיציעלער צוגאַנג איז געווען אַן אַקסיאָמע, אַ הייליקער געבאָט, און מען האָט זיך געדאַרפֿט פֿאַרטראַכטן וועגן דעם און אַרויסציען די געהעריקע מסקנות, אָדער זיך אַליין אַרויסציען פֿון דער גרופּע.

איך דערמאָן זיך דעם פֿאַרוואָרף וואָס מ'האָט אויף איינער פֿון די זיצונגען געמאַכט בערגנערן אין שייכות מיט זיין איבעריקער, לויט דער מיינונג פֿון די פּאָליטישע קריטיקער, דעסקריפּציע פֿון זיינעם אַ פּערסאָנאַזש, הלמאי ער שילדערט אים מיט אַלע פּיטשעווקעס און קנייטשן. איינער פֿון זיי האָט געהאַלטן פֿאַר אַ באַלאַסט און אַ שטערונג אויפֿן וועג צום ציל בערגנערס אָפּשטעלן זיך אויף די הערעלעך אַרום דעם פּליך

פונעם רעוואָלוציאָנערן העלד בעת אַ וועלט ברענט און וואָרט מיט אומ־געדולד אויף זיינע מעשים. צווישן זיך, בעת אונדזערע שמועסן, אויף פּריוואַטע באַגעגענישן פלעגן מיר לאַכן פון דעם פּרימיטיוון אופן פון צוגיין צום ענין, און די „הערעלעך" זענען געוואָרן ביי אונדז אַ שם־דבר, דער סינאָנים פון נאַטוראַליזם. צוממערסטן פלעגט פון דעם לאַכן האַרציק בערגנער, דער בעל־נוגע אַליין. „די הערעלעך... די הערעלעך"... — פלעגט ער לאַכן, נעמענדיק לייכט די גאַנצע קריטיק.

פונדעסטוועגן האָט מען זיך בדרך־כלל צוגעהערט צו די אָנווייזונגען, אָדער בעסער געזאָגט, פאָדערונגען, פון די טוער פון דער גרופּע. זיי האָבן געוווסט וואָס פאַר אַ סאָרט ליטעראַטור עס דאַרף די מאַסע, צו וועלכער מיר האָבן געוואָלט צוקומען מיט אונדזערע שאַפונגען. עס איז זיי געגאַנגען, דער עיקר, אין דער עמאַנציפּאַציאָנעלער באַווירקונג פון די שרייבער אויפן לייענער, אין זייער רעוואָלוציאָנערן איינפלוס אויף די אַרבעטער, אין דעם וואָס זיי קאָנען אַריינברענגען מיט זייער שרייבן, אין דעם מאַקסימאַלן פּאָליטישן געווינס, וואָס מען קאָן האָבן פון זיי.

יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער מיטגליד פון דער גרופּע געדאַרפט שאַפן אַ „לאָקאַל" אויף אָפּצוהאַלטן די זיצונגען. בערגנערס צימער ביי זיין שווער איז אָפט אויסגענוצט געוואָרן צו דעם צוועק. בעת די זיצונגען האָט אונדז נאָך בערגנערס שטילע איידעלע פרוי מכבד געווען מיט אַ גלעזל טיי און כיבוד.

בכדי אַריינצוקומען צו בערגנערן האָט מען זיך געדאַרפט אַריינשאַרן, אַדורכגיין די גאַנצע דירה, אָפט זיך אַנטרעפן מיט זיין שווער, וועלכער האָט געקוקט אויף אונדז, געהיימע בונטאַוושטשיקעס און מורדי במלכות, ווי אויף מענטשן וואָס קאָנען ברענגען אַ צרה אויף זיין הויז און וואָס האָבן נאָך דערצו אויך אַריינגעצויגן זיין איידעם אין דער סכנה. בערגנער איז צו יענער צייט געווען פון די געציילטע אין אונדזער קרייז יונגע שרייבער, וועלכער איז שוין געווען אַ באַווייבטער און געהאַט אַן אייגענעם צימער (זאָל זיין אפילו אַז ביי זיין שווער) און ס'איז געווען ווו אַריינצוקומען.

פון די אָפטע אַריינגייערס צו בערגנערן און שטאַמגעסט איז געווען בנימין שלעווין. ער איז דעמאָלט ערשט, אַ יונג בחורל, געהאַט געקומען פון בריסק און איז געווען אין וואַרשע אַליין, אָן משפחה און אָן אַ היים. ווו ער האָט געטאָגט האָט ער נישט געגעבעטיקט און בערגנערס צימער איז געווען זיין היים, פּונקט ווי דער ליטעראַטן־פאַראיין, ווו מיט אַ לייַדיקן מאָגן און אַ פולן קאָפּ אידעען האָט ער געשריבן זיינע נאָוועלן אויף דער לינקער זייט פון אויסגענוצטע ביוראָ־פּאַפּירן.

בערגנער האָט שוין דעמאָלט, להיפּוך צו אַנדערע פון אונדזער קרייז, גע־פּירט אַן אייגענע באַלעבאַטישקייט. ער איז געווען עלעגאַנט, ממש אַ „פּאַצעט", גאַרנישט לויטן פּראָלעטאַרישן שטייגער. ער פלעגט שטענדיק אַכטונג געבן אויפן קנוּפּ פון זיין קראַוואַט אַז ער זאָל זיין אויפן געהעריקן אָרט און נישט פאַרקריכן אין אַ זייט, ווי דאָס וואָלט געווען דער מיטל־פּונקט פון זיינע זאָרגן. ער האָט אויך אָפּגעהיטן דעם זייטיקן שרונט אויף זיין גלאַט־פאַרקעמטן בלאָנדן קאָפּ האָר, וואָס האָט אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַ פּאָליאַק. ער האָט ליב געהאַט זיך צו פּוצן אין שיינע זאַכן, זיידענע העמדלעך, שאַלעכלעך, שמאַכטעס, וואָס דאָס האָט מיר אימפּאָ־נירט. זיין פרוי, אַ ברונעטקע מיט טיפע טונקעלע אויגן און מיט אַ יחוס־דיקן אויסזען, פלעגט מען אָפט טרעפן זיצן אין זייער אָפּגעזונדערטן צי־מער און נייען איידעלע זאַמשענע דאַמען־הענטשקעס. הערץ איז אויך געווען אַ ביסל אַריינגעטאָן אין דער מלאכה פון זיין פרוי. ער פלעגט דאַרפן מאַכן אַ שליחות, אַ גאַנג, אָפּטראָגן, אָדער ברענגען די אַרבעט. מען פלעגט אים טאַקע גאַנץ אָפט זען גיין אין גאַס מיט אַ קליין פּעקל אונטערן אָרעם. ער האָט אויסגעזען ווי נישט ער וואָלט דאָס פּעקל גע־האַלטן, נאָר ווי דאָס פּעקל וואָלט אים געהאַלטן, ווייל ער האָט עס נישט אין זינען געהאַט. ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס נישט מיטן פּעקל, נאָר מיט די העלדן פון זיינע דערציילונגען. און נישט וועגן דעם פּעקל האָט ער געטראַכט, נאָר וועגן זיין נאָר־וואָס פאַרענדיקטן מאַנוסקריפּט, וואָס איז געלעגן אַן אָפּגעציטערטער ביי אים אין דער קעשענע. און נישט איין מאָל האָט ער זיך פאַרגעסן און אַנשטאָט צו גיין מיטן פּעקל צום בעל־הבית, איז ער גאָר פאַרגאַנגען מיטן מאַנוסקריפּט אין ליטעראַטן־פאַריין. דאָ האָט ער זיך געפילט ביי זיך. ער האָט זיך געגייטיקט אין דעם, אַז אַ חבר זאָל אים אויסהערן און אים זאָגן אַ גוט וואָרט. אויף דעם איז ער געווען להוט דאָס גאַנצע לעבן זיינס. בערגנער האָט געהערט צו דעם מין שרייבער, וואָס איז קיינמאָל נישט זיכער מיט זיך. אפילו שוין אין זיינע רייפע יאָרן, ווען ער האָט שוין געהאַט באַקומען אין אויס־טראַליע אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר זיין ראָמאַן „צווישן הימל און וואַסער", איבערגעזעצט אויף ענגליש, האָט ער אַלץ געוואָרט אויף סמיכות און אָנערקענונג. ער איז שטענדיק געווען אַ צווייפלער אין זיין טאַלאַנט. דאָס קאָן אפשר זיין אַ פּועל־יוצא פון גרויסער אחריות צו זיך אַליין און דאָס קאָן אפשר זיין מער צום הארצן ווי איבערגעטריבענע זעלבסט־איינרעדעניש און זיין איינגעגלייבט אין זיך, אָבער בערגנערן האָט זיין צווייפלען פאַרשאַפט בחינם צרות. אויב ער האָט נאָך געקאָנט צווייפלען וועגן זיך אין דער צייט פון זיין רייפקייט, קאָן מען זיך משער זיין ווי

ער האָט געצווייפלט אין זיינע שרייבערישע אָנהייב־יאָרן אין וואַרשע, וואָס איך דערמאָן דאָ.

אין יענער צייט איז ביי בערגנערן אין שטוב געווען אַן אָרט ווו זיך צוצוטוליען און זיך אָנצווואַרעמען. ווינטער־צייט, ווען מען האָט גע־ליטן פון קעלט, האָבן די אָפּטע אַריינגייער ביי די בערגנערס נישט בלויז געגנאָסן פון זייער מענטשלעכער וואַרעמקייט, נאָר אויך פון דער קאַנ־קרעטער, ממשותדיקער וואַרעמקייט, פון דער באַהייצונג, וואָס איז, אגב, געווען ביי זיי אַ בחינמדיקע. היות אונטער זיי איז געווען אַ בעקעריי, איז די היץ פון אָנגעהייצטן אויוון אַרויפגעגאַנגען צו די בערגנערס אין צימער און מען האָט פון דער וואַרעמקייט געקאָנט געניסן אַן אַ גראָשן געלט. דערפאַר אָבער זומער־צייט איז דאָס געווען אַ צרה. היות ווי זומער דאַרפן אויך מענטשן עסן ברויט, און ברויט, ווי באַקאַנט, דאַרף מען באַקן און צו דעם צוועק דאַרף מען איינהייצן דעם אויוון, און דער אויוון, ער ווייסט נישט פון קיין חכמות, האָט ער אויך דעמאָלט אַרויפגעשיקט די היץ אין בערגנערס צימער. אַזוי איז צו די זומערדיקע היצן אויך צוגעקומען די היץ פון דער בעקעריי אונטן און עס איז דאָ אָפּגעצאָלט געוואָרן פאַר דער „טובה" אין די ווינטער־חדשים.

פאַר דער „גרופּע" האָט ווי אַ שאַפּונגס־מעטאָד און מוסטער געדאַרפט זיין גילטיק דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם, וואָס מאַקסים גאָרקי איז גע־ווען זיין שעפער און פּרעדיקער. לויט אָט דער שיטה האָט די סאָוויעטישע ליטעראַטור נישט געדאַרפט געבן דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז, נאָר אַזוי ווי מען וואָלט עס געוואָלט זען. ס׳הייסט באחרית הימים, שפּעטער. און טאָמער וועט עס שפּעטער נישט זיין אַזוי ווי מען האָט עס אַמאָל פאַרויס־געזען, וועט מען ווידער דעם „שפּעטער" זען שפּעטער. נישט געבן דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז — דער עיקר, דאָס לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד — דאָס האָט געקאָנט זיין זייער ניצלעך פאַר דער סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט געהאַט אַן אינטערעס אַז מען זאָל נישט אַלץ זען, בפרט אַז מען האָט דאָס געקאָנט אָנרופן מיט אַזעלכע שיינע נעמען ווי „ליטעראַ־רישע שיטה", „ריכטונג", „שעפערישער מעטאָד". עס האָט געהייסן, אַז די ליטעראַטור דאַרף נישט זיין קיין פאָטאָגראַפיע, ווו עס זעען זיך אַן אויפן פּנים אַלע מיואסקייטן, קאַרבן, וואַרצלען, בראָדאַוועס. ס׳איז שווער צו זאָגן צי גאָרקי האָט מיטן סאָציאַליסטישן רעאַליזם געהאַט בפירוש די אויסרעכענונג צו דינען דערמיט דעם סאָוויעטישן רעזשים. אַלנפאַלס, האָט זי געדינט פאַר שלעכטע כוונות. אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען זיך געגוויטיקט אין אַזאַ ליטעראַטור, וואָס זאָל נישט זיין קיין פּינקטלעכע

פאָטאָגראַפיע, ווייל מען האָט געדאַרפט אַז נישט אַלץ זאָל „אָפּגעפּאַר־טרעטלט" ווערן מיטן „פאָטאָ־אַפּאַראַט". אויפן פנים פון דער נייער גע־זעלשאַפט האָט מען נישט געדאַרפט אָנזען די מיאוסקייטן, די מינעס פון אומצופרידנקייט, די קנייטשן, די אָנגעוואָקסענע וואָרצלען און בראָדאַוו־קעס, וואָס האָבן געהייסן וואָרקוטאַ, אַרבעטס־לאַגערן, תפיסות, פראָצעסן, ליקווידאַציעס, דאָס פעלן פון פרייהייט פון וואָרט און געדאַנק און נאָך אַזעלכע באַחנטע „בראָדאַווקעס", וואָס האָבן דאָמינירט דאָס פנים און וואָס די טעאָריע פון „סאָציאַליסטישן רעאַליזם" האָט זיי געדאַרפט פאַר־דעקן און דעקן.

אין שייכות מיט דעם, דערמאָן איך זיך אָן עפּיזאָד פון דער צייט פון מיין חברשאַפט מיט הערץ בערגנערן אין וואַרשע. ביי אונדזער געמיינ־זאַמען עלטערן קאָלעגע אַלטער קאַציזנע ז"ל האָב איך זיך דעמאָלט אַ געוויסע צייט געלערנט דעם פאָטאָגראַפיר־באַרוף אין זיין פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט אין פראַגע, אויף דער ווילענסקע גאַס. איין מאָל האָט ער מיר געוויזן אַ קלישע צום רעטושירן. דאָס איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַן עלטערער פרוי, וועלכע האָט געהאַט אונטער דער גאָמבע אַ גרויסן אָנוווקס, וואָס איז איר נאָכגעהאָנגען. די פרוי האָט געבעטן, האָט מיר קאַציזנע געזאָגט, אַז ביים רעטושירן זאָל מען באַזייטיקן דעם אָנוווקס, ווייל זי האָט בדעה זיך צו אָפּעפערירן. ווען איך דערמאָן זיך אין דעם דאָזיקן עפּיזאָד האָב איך פאַר זיך די טעאָריע פון „סאָציאַליסטישן רעאַליזם". די פרוי האָט געוואָלט אַז איר בילד זאָל זיין אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט זיין אין לעבן. דערביי האָט זי, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט קיין שום אָנזונג וועגן גאָרקיס ליטעראַרישער שיטה. ליידער, איז מיר דעמאָלט נישט איינגעפאַלן צו מאַכן דעם פאַרגלייך און זען אַזוי דאָס בילד.

דער נאַטוראַליזם האָט נישט געשטערט עמיל זאָלאַ צו ווערן אַ קלאַסיקער פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און דערביי אַ שרייבער מיט אַ שאַרפן חוש פאַר די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון זיין צייט און אויך בערגנערן האָט ער, אין זיין ערשטן פעריאָד, נישט געשטערט אויסצו־וואַקסן איינער פון די באַדייטנדיקסטע יידישע פּראָזע־שרייבער פון זיין דור, צי ער האָט יאָ אָדער נישט געהערט אַמאָל די אָנווייזן פון די פאַ־ליטישע טוער, וואָס זענען צוגעשיקט געוואָרן צו „באַדינען" די יונגע שרייבער פון דער „גרופּע".

זיין שרייבערישע באַדייטפולקייט קאָן מען זען גלייך פון זיין ערשטן באַנד דערציילונגען „שטובן און גאַסן", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע

אין יאָר 1935. זיין טעמאַטיק איז נישט געווען קיין פיקציע, נאָר די ביי־טערע רעאַליטעט. זיינע פּערסאָנאַזשן, וואָס ער האָט זיי געזען פון דער נאָענט, זענען געווען אַרבעטסלאָזע, דעקלאַסירטע, גאַסן־הענדלער, מענטשן אויפן ראַנד פון לעבן און פון די פּעריפעריעס, אָן אַ באָדן אונטער די פיס און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, מיט זייערע מאַטערנדיקע דאגות און מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. געראַנגל פון יחיד אין זיינע ד' אמות (די שטוב) און געראַנגל פון כלל (די גאַס). מיטן בוך „שטובן און גאַסן" איז בערג־נער אַוועק פון פוילן און ער איז אַריין דערמיט אין דער יידישער ליטע־ראַטור און אין אויסטראַלישן קאָנטינענט. די שווערע וואָלקנס, וואָס האָבן געדאַרפט אין אַ יאָר אַרום אויסברעכן מיט אַ בלוט־מבול איבער פוילן, זענען שוין געהאַנגען אין דער לופט און מען האָט מיט אַנגסט פאַרגעפילט און פאַרגעאַנט וועגן דער גרויסער סכנה און אומגליק, וואָס רוקן זיך אָן.

מלך ראַוויטש, בערגנערס עלטערער ברודער, האָט אפשר מער פון אַנדערע פאַרויסגעזען די טראַגישע רעאַליטעט, וואָס דערנענטערט זיך און ער האָט אין יענער צייט אַרויסגעזאָגט צווישן קאַלעגן זיין מיינונג, וואָס איז אייגנטלעך געווען גיכער אַן אַנגסטפולע וואָרענונג, אַז יידישע שרייבער דאַרפן פאַרלאָזן פוילן. מען וואָלט זיך געקאָנט פרעגן: פאַרוואָס בלויז שרייבער און נישט אַלע יידן? זיכער איז דאָ נישט געווען קיין פראַגע פון עגאָצענטרישקייט און זאָרג בלויז פאַרן געשלאָסענעם צעך, נאָר גאַנץ פשוט, געבן דעמאָלט עצות הונדערטער טויזנטער יידן צו פאַרלאָזן פוילן, האָט נישט געקאָנט האָבן קיין שום זין און ממשות. אַנדערש האָט עס זיך געקאָנט פאַרשטעלן פאַר יחידים שריי־בער, אָבער אויך זיי האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט אויסצוואַנדערן. דאָס ענדערט אָבער נישט ראַוויטשעס עצם פאַרזען דעם נאָענטן קאַטאַ־קליזם, וואָס האָט זיך אָנגערוקט. שוין אין יאָר 1936 דריקט דאָס ראַוויטש אויס מיט אַנגסט אין זיין ליד „רעדים, מיין שטעטל":

דער ווינט פייפט אין קוימענס, די שטיבלעך זיי טוקן
זיך טיף אין דער בלאָטע, און ס'שאַרפט שוין די ציינער
דער וואָלף — דער וואָלף — ווי אַ לאָם זיי פאַרצוקן —
און אין מיר זענען טרערן — טרערן —

און ס'זענען אַליין מיטן טויט דאָרט פאַרבליבן
מיינע טאַטע־מאַמע אין די פוסטע שטובן.
כ'האָב אַ בריוו צו זיי היינט מיט טרערן געשריבן,
און אין מיר איז געוויין — געוויין.

הערץ בערגנער — צי זיין אויסוואַנדערונג איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער וואָרענונג פון זיין ברודער מלך ראַוויטש, צי ניַשט — האָט באַוויזן צו דער צייט אַרויסצורייסן זיך פונעם פייערריננג איידער ער האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ פּוילן, און שפּעטער אין די פּערציקער יאָרן, אין קלעם פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּאַריז, פּלעג איך ניַשט איין מאָל טראַכטן וועגן אים אַ באַרואיקטער, וואָס ער געפינט זיך ערגעץ ווייט, מחוץ דער סכנה. איך האָב נאָך דעם, ווי נאָר עס איז מעגלעך געווען, נאָכגעפאָלגט זיין שעפערישן המשך אויפן נייעם באָדן. אין משך פון יאָרן האָט זיך אויף מיין פּאָליצע פאַרגרעסערט די רייע פון זיינע צוגעשיקטע ביכער. פון כמעט אַלע פּילט מען אַרויס בערגנערס טיפן סענטימענט פאַרן שיינעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן און ווי אויף יעדן שרייבער־עמיגראַנט איז אויך אויף אים געלעגן דער חותם פון אינערלעכער צעשפּאָלטנקייט און צעריסנקייט, פון ניַשט קאָנען זיך איינגאַנצן אויסרייסן פונעם אַלטן און זיך איינפלאַנצן איינגאַנצן אין דעם נייעם.

פּוילן, וואַרשע, רעדים — זיין שטעטל אין גאַליציע — זענען אים נאָכגעגאַנגען אין וויטן העק פון אויסטראַליע. זיי קומען אים צו חלום און קומען קאַפּויער אין כמעט אַלע זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס ער שאַפט אין מעלבורן, שוין ניַשט רעדנדיק וועגן זיין ראָמאַן וואָס איז אינגאַנצן געווידמעט זיין אַמאָליקער היים און וואָס טראָגט טאַקע דעם נאָמען „אַ שטאָט אין פּוילן". משמעות, אַז בערגנער האָט דאָ גענומען רעדים פאַר זיין מאָדעל און געגעבן אין זיין ראָמאַן אַ תיקון זיין באַליבט היים־שטעטל. גלייכצייטיק איז, אגב, בערגנער געווען פון די גאָר געציילטע יידישע שרייבער, וואָס האָבן אַריינגעפירט אויסטראַליע אין דער יידישער ליטעראַטור.

ווילן מען זיך צוהערן צו געטעס רעקאָמענדאַציע, אַז אויב מען וויל דעם דיכטער קענען זאָל מען אַזוי גוט זיין און זיך מטריח זיין און אין זיין לאַנד אַריין גיין, דאַרף מען — אויב מען וויל בעסער קענען הערץ בערגנערן — אַוועקלאָזן זיך אין זיין לאַנד אַריין, וואָס הייסט גאַ־ליציע, גענויער: אין זיין שטעטל רעדים, ווו עס זענען אויפגעגאַנגען פאַר אים די ערשטע אינספּיראַציעס, די ערשטע שרייבערישע חלומות און וויזיעס, דאָס וואָס געטע האָט מסתמא באַטראַכט פאַרן לאַנד פונעם דיכטער. און קיין בעסערע מדריכים, וואָס זאָלן מיך פירן אַהין, קאָנען ניַשט זיין ווי ער, בערגנער אַליין, און זיין ברודער מלך ראַוויטש. זיי, און נאָר זיי, זענען ביכולת צו עפענען פאַר מיר די טויערן פון דאָזיקן לאַנד מיטן עפענען פאַר מיר דאָס בוך זכרונות פון זייער מוטער הינדע

בערגנער, וואָס די זין אירע האָבן עס אַרויסגעגעבן אין יאָר 1946 מיט פּיעטעט און גרויס ליבשאַפט. דאָס איז געווען זייערס אַ שיינע אידעע און אויפטו און גלייכצייטיק אַ מצבה וואָס די זין האָבן געשטעלט אויפן נישט־עקזיסטירנדיקן קבר פון זייער מאַמען (זי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידישע קרבנות).

דאָס בוך הייסט: „אין די לאַנגע ווינטערנעכט" און דער ערשטער זאַץ הייבט זיך טאַקע אָן מיט אָט די ווערטער:

„אין די לאַנגע ווינטערנעכט זיץ איך אָפט איינזאַםביים אויוון און מיינע געדאַנקען זענען ווייט ביי מיינע קינדער און איניקלעך, וואָס זע־נען צעשאָטן איבער דער ברייטער וועלט. ס׳ווילט זיך זיין נאָענט פון זיי, דערציילן זיי פון מיינע קינדער־יאָרן, וואָס שווימען אויף פאַר מיר אַזוי בולט, ווי כ׳וואָלט נאָך אַליין איצט אַ קינד געווען".

מיט אָט די ווערטער פירט אונדז הינדע בערגנער גלייך אַריין אין דעם עפּישן מעשה־נוסח און אין דער אַטמאָספער פון הערץ בערגנערס היים, וואָס בעסער ווי זיין אייגענע מאַמע וואָלט עס אונדז קיינער נישט געקאָנט איבערגעבן.

הינדע בערגנער איז געוואָרן דערמוטיקט פון אירע זין צו שרייבן איר משפחה־כראָניק. טיילמאָל האָט זי דאָס געטאָן אויך אין דער פאַרעם פון בריוו צו אירע זין, וועלכע האָבן זיך געפונען ערגעץ ווייט, ווייט, מעבר לים און וואָס אויך זיי גופא זענעןביידע געווען ווייט איינער פון אַנדערן. זיי שטרייכן אונטער אין זייער הקדמה דעם באַשיידענעם כאַ־ראַקטער און באַדייט פון דער מאַמעס פאַרצייכענונגען:

„דאָס ביגטל זכרונות פון אונדזער געליבטער מאַמען ה י נ ד ז י ע ב ע ר ג נ ע ר ב ת ב ל י מ ע און י ו ס ף ר אָ ז ע נ ב ל אַ ט וואָס מיר ברענגען דאָ אין עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן צו אַ באַ־גרענעצטן קרייז פון דער יידישער עפנטלעכקייט — פּרעטענדירט נישט צו זיין אַ ליטעראַריש ווערק. עס פּרעטענדירט אויך נישט צו זיין אַ שריפט, וואָס האָט אַ געזעלשאַפטלעכן אָדער וויסנשאַפטלעכן אינטערעס. אונד־זער טייערע מאַמע, וואָס האָט די זכרונות, אָט אַזוי ווי מיר ברענגען זיי דאָ, געשריבן, האָט בשעת פאַרצייכענען זיי געזען אַ פּובליקום פון עט־לעכע אירע, אויף די פינגער פון איין האַנט אויסצוציילן, פון איר סאַמע נאָענטסטער משפחה".

צום אַרויסגעבן די זכרונות פון זייער מאַמען האָבן די צוויי ברידער אויך מצרף געווען זייער עלטסטן ברודער משה, וועלכער לעבט שוין נישט זינט דעם יאָר 1921, ווען ער איז פון אייגענעם ווילן יונגערהייט אַוועק

פון דער וועלט. און אַזוי איז טאַקע אַנגעגעבן אויפֿן שער־בלאַט: „אַרויסגעגעבן פֿון די ברידער משה הררי, מלך ראַוויטש, הערץ בערגנער". דאָס פֿאַראייביקן דעם טויטן ברודער מיט די לעבעדיקע צום אַרויסגעבן דער מאַמעס זכרונות איז אין איינקלאַנג מיט ראַוויטשעס מיסטישע ווי־זיעס און שטימונגען און איז בכלל אין מהות פֿון דער יידישער מיסטיק. מען פֿלעגט דאָך אַמאָל ביי יידן פֿאַרבעטן צו אַ שמחה פֿאַרשטאָרבענע קרובים און זייער נישט־אַנוועזנדיקע אַנוועזנהייט האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ נאַטירלעכקייט און אַ רעאַליטעט.

צום סוף פֿון בוך איז צוגעגעבן אין קלאַמערן: „דאָ רייסן זיך איבער די משפּחה־זכרונות". און אַפֿילו דער לעצטער זאַץ גופֿא איז איבערגע־ריסן, נישט פֿאַרענדיקט און ער קלינגט אַזוי: „די סיבה איז געווען וואָס דער זייגער האָט — — — — —"

וואָס האָט אַזוינס דער זייגער געטאָן? ער האָט זיך אָפּגעשטעלט? גיכער פֿון אַלץ האָט ער דאָס געטאָן. דאָס איבערהאַקן זיך פֿונעם זאַץ איז סימבאָליש פֿאַר הינדע בערגנערס לעבן, וואָס האָט זיך בעת דער צוויי־טער וועלט־מלחמה אַזוי טראַגיש אָפּגעהאַקט.

ווען די זכרונות ענדיקן זיך האַלט ערשט הינדע בערגנער קוים נאָך איר חתונה און אירע קינדער זענען נאָך נישט געהאַט געקומען אויף דער וועלט. אָבער אַזוי ווי אירע קאַפּיטלען האָבן נישט קיין כראָנאָלאָגישן סדר, דערמאָנט זי אין דער העלפֿט פֿונעם בוך איר זון הערץ אינעם קאַפּיטעלע „מיין מאַמע קומט אויף הערצס ברית". מען הערט דאָ בפּירוש אַרויס אַ טאָן און נוסח פֿון צאינה־וראינה אין איר אָנהייבן דעם זאַץ: „ווען איך האָב געשוואַנגערט מיט הערצן איז די מאַמע שוין געווען זייער קראַנק". און הינדע בערגנער דערציילט ווי איר מאַמע איז געקומען אויפֿן ברית, ווי אַזוי זי איז געווען אָנגעטאָן און ווי זי האָט שפּעטער זייער ליב געהאַט הערצן.

מלך ראַוויטש אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק „דאָס מעשה־בוך פֿון מיין לעבן" (ביז איצטער זענען אַרויס צוויי בענדער) דערציילט אויך אַ סך וועגן רעדים (און ווי קאָן עס דען אַנדערש זיין?). ס'איז דאָך דאָס בשותּפֿותדיקע „לאַנד" (זיינס און הערץ בערגנערס), וווהין געטע האָט אונדז געהייסן גיין. ס'איז אויך נאַטירלעך, אַז ראַוויטש זאָל אונדז באַ־קענען מיט הערצן, זיין יינגערן ברודער. און ווען קומט דאָס פֿאַר? דע־מאָלט ווען הערץ איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען און דאָס קאַ־פּיטל הייסט טאַקע: „אַ ברודער ווערט מיר געבוירן". באַלד דער אָנ־הייב לייענט זיך ווי דער אָנהייב פֿון אַ פּרשה חומש:

„אין פֿריען פֿרילינג אין יאָר 1907 איז עס געווען, און מיין מאַמע

איז שוין דעמאָלט 37 יאָר אַלט געווען, און איך — דרייצן, און מיין על־טערער ברודער משה — פערצן".

דערנאָך גייט ראַוויטש איבער צו דער שילדערונג פון דער מאַמעס גיין צו קינד און צו איר שווערן „האבן". די דאָקטוירים זענען געווען אומבאַהאָלפן און מ'האָט געדאַרפט אָנקומען צו אַ לעצטן שאַנס און צו אַ זייער ראַדיקאַל מיטל: נאָך אַ ברכה פון בעלזער רבין. מען האָט צו אים הענדום־פענדום געשיקט אַ טעלעגראַמע אַז „הינדע בת בלימע בעט רחמים". און אַ טעלעגראַמע איז תיכף ומיד צוריקגעקומען פון בעלזער רבין מיט דער פאַרזיכערונג: „הינדע בת בלימע וועט זוכה זיין רחמים". גלייך נאָך דעם האָט די קימפּעטאָרין געבוירן. אַ ביסעלע איז מען געווען אַנטוישט, ווייל מען האָט זיך גערעכנט אויף אַ מיידל און ס'איז ווידער (צום דריטן מאָל) געקומען אַ יינגל. אָבער דאָס יינגל גופא, אגב, האָט נישט אַנטוישט און ער איז אויסגעוואַקסן אַן אָנגעזעענער פּראָזע־שרייבער.

„אזוי — פאַרענדיקט מלך ראַוויטש דאָס קאַפּיטל — איז מיר געבוירן געוואָרן מיין יינגערער ברודער, דרייצן און אַ האַלב יאָר יינגער פון מיר, דער דריטער און לעצטער פון מיין מאַמען — דער דערציילער הערץ בערגנער".

הערץ בערגנער האָט געשטרעבט צו קומען נאָך אַ מאָל אין לעבן אין זיין געליבט געבוירן־שטעטל רעדים, די רעזידענץ פון זיינע חלומות און בענקשאַפטן, און זיין חלום איז מקוים געוואָרן בערך צוויי און אַ האַלב יאָר פאַר זיין טויט. ער איז דאָרטן געווען נאָך אַ מאָל — און דאָס לעצטע מאָל. ער איז אַוועק אַהין פון פּאַריז, ווו ער איז געקומען נאָך אַ רייזע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און אייראָפּע. פון פוילן האָט ער נאָך געדאַרפט פאָרן קיין ישראל, ווו ער איז שפּעטער געווען עטלעכע חדשים.

אין פּאַריז האָט זיך בערגנער באַקלאָגט אויף זיין עלנטקייט אין אויסטראַליע. דאָ, אין פּאַריז, האָט ער אָפּגעפונען אַלטע חברים זיינע פון די אַמאָליקע שיינע וואַרשעווער יאָרן. ער האָט בכיוון זיך אַריינגעצויגן אין אַ האָטעל וואָס האָט זיך געפונען נאָענט פון ב. שלעווין, פון זיין לאַנדסמאַן מאַקס וואַלפּסהויט און פון מיר. דער האָטעל האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין איבעריקן לוקסוס און רייכקייט, דערפאַר האָט דאָ בערגנער אָפּגעפונען אוצרות גאַנצע אין אונדזער בשותפותדיקן אויפלעבן דעם עבר, אינעם אַרויסברענגען אונדזערע דערינערונגען פון דעם וואַרשעווער אַמאָל.

מ׳האָט געפילט ווי בערגנער האָט דאָ אויפגעלעבט אין אונדזער סביבה, זיך געפילט גוט צווישן אונדז. מיר זענען געווען פאַר אים דער שפּיגל, אין וועלכן ער האָט נאָך אַמאָל דערזען זיין יוגנט. ווען ער איז אַוועק פון פּאַריז קיין פּוילן, עולה־רגל צו זיין קיין רעדים, האָט ער אויפן אַעראָדראָם פון בורזשע, לעבן פּאַריז, זיך צעווײנט, זאָגנדיק צו אונדז, די עטלעכע באַגלייטער זיינע: „ווער ווייסט, צי מען וועט זיך נאָך אַמאָל זען".

פון די, וואָס האָבן אים באַגלייט, האָב איך אים נאָך שפּעטער געזען אין ישראל און אים דערמאָנט ווי נישט באַרעכטיקט עס זענען געווען אויפן פּאַריזער פליפעלד זיינע ספקות און זיין שוואַרצזעעריי. אָבער דאָס איז געווען חל בלויז פאַר מיר. די אַנדערע וואָס האָבן זיך מיט אים דעמאָלט געזעגנט אויפן פּאַריזער פליפלאַץ האָבן אים שוין מער נישט געזען. אין ישראל האָב איך געזען בערגנערן אַ גוט־אויפגעלייגטן און אַ גוט־געשטימטן. מסיבות, באַגעגענישן, צוזאַמענטרעפן, ליטעראַרישע אָוונטן, פון וועלכע ער איז געווען באַרוישט. ער האָט נישט איין מאָל געלאָזט פאַלן ווערטער וועגן באַזעצן זיך דאָ, אַז ער וואָלט זיך דאָ גוט געפילט צווישן אַזאַ גרויסער יידישער שרייבער־משפּחה. ער האָט געהאַט פאַר זיך פּלענער, האָפענונגען, חלומות, פּערספּעקטיוון, אָבער דער טויט האָט זיי אַלע צונישט געמאַכט, ווייל — ווי פלעגן זיך אויסדריקן אונדזערע מאַמעס — דער מענטש ווייסט קיינמאָל וואָס עס גייט הינטער אים.

אין זיין שטעטל רעדים האָט בערגנער אָפּגעפונען זיין שורש. ער איז אַריין אין דעם אַמאָליקן הויז פון זיינע טאַטע־מאַמע און פון זיין קינדהייט. ער האָט דאָרטן דערקענט זיין קינדער־בעטל, וווּ ער איז אַמאָל געלעגן. הייַנט ליגט דערין דעם פּוילישן לאַקאַטאָרס יינגל, מיט וועלכן ער שמועסט זיך אויס. בערגנער האָט איצטער בלויז איין באַגער: אַרייַנלייגן זיך נאָך אַ מאָל אין זיין קינדער־בעטל, דאָס, וואָס ער וועט טאַקע באַלד דערפילן. ער ווייזט נישט אַרויס קיין תרעומות צום יינגל פאַרן האָבן געירשנט זיין קינדער־בעטל. עס אַרט אים אויך נישט דאָס וואָס אין זיינע אויגן וועט ער זיך מאַכן לעכערלעך וואָס ער, דער דערוואַקסענער מענטש, וועט זיך אַריינלייגן אין ז יי ן, דעם יינגלס, בעטל, און ער וועט דאָס אָננעמען פאַר אַ שפּיל. פאַר בערגנערן אָבער וועט דאָס זיין אַ ביז גאָר פייַנלעכע שפּיל. איך האָב טאַקע געלייענט וועגן דעם אין אַ רירנדיקער נאָוועלע וואָס בערגנער האָט אָנגעשריבן נאָך זיין באַזוך אין רעדים און אין טאַטע־מאַמעס הויז אונטערן נאָמען „איך בין ווידער געלעגן אין מיין קינדער־בעטל". זיין אויסטערלישער באַגער איז דאָ

געוועזן מער ווי אַ קאַפּריז אָדער סענטימענט. ער האָט אפשר אין זיין אַריינלייגן זיך אין זיין אַמאָליקן קינדער־בעטל געוואָלט אַריינלייגן אַ טראַגישן זין: פּרוּוון דורך דעם, כאָטש אילוזאַריש, אויפלעבן דעם עבר, די אַמאָליקייט, וואָס געהערן שוין מער נישט צו אים, פּונקט ווי דאָס קינדער־בעטל זיינס, וואָס בעתן אַריינלייגן זיך דערין האָט ער זיכער נישט געטראַכט וועגן דעם ווי קורץ עס וועט זיין די צייט פונעם קינדער־בעטל ביז צום אָרון.

1970

פון גאליציִשן שטעטל גליניאני
ביזן מאָן-וואַלעריען

(דער גורלדיקער וועג פון מוניע נאַדלער)

אויפן עלטסטן און חשובסטן פאַריזער בית־עולם פּער־לאַשעז, אינעם סאַמע אָנגעזעענסטן און בכבודיקסטן אָרט, אַנטקעגן דער קאָמונאַרן־וואַנט, צווישן באַרימטע קברים פון יחידי סגולה און אין שאָטן פון דענק־מעלער לזכר די דעפּאָרטירטע אין די דייטשע לאַגערן, געפינט זיך אַ נישט־גרויסע באַשיידענע מצבה פון גרויען שטיין. דאָ איז דער קבר פון מוניע נאַדלער, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן אין פּאַריז, דעם 10־טן אויגוסט 1942.

מוניע (פאַרצויגן פון שמואל) נאַדלער האָט דורכגעמאַכט אַ מערק־ווירדיקן וועג פון אַ רעליגיעזן דיכטער און עסקן פון דער „אגודה"־פּאַרטיי אין פּוילן ביז צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פראַנקרייך, ביז צום ווערן אַ יידישער קאָמוניסטישער זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר, טוער, אָרגאַניזאַטאָר. דער דאָזיקער וועג האָט אים געפירט פון די פאַרבאָרגענישן פון דער געטלעכער מיסטיק ביז צו די פאַרבאָרגענישן פון דער אונטער־ערדישער רעזיסטאַנץ־באַוועגונג, פאַר וועלכער ער האָט מקריב געווען זיין יונג לעבן, בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך. דאָס איז געווען זיין וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פון די ענגע אָפּגעשלאָסענע ישיבה־ווענט ביז צו דער עקזעקוציע־וואַנט פון דער פעסטונג מאָן־וואַלעריען הינטער פּאַריז, ווו די דייטשן פלעגן דערשיסן זייערע קרבנות — די פראַנצויזישע ווידערשטעגדלער און פּאַטריאָטן.

גלייך נאָך דער באַפרייאונג זענען אַריבערגעפירט געוואָרן זיינע עצמות אויפן פּער־לאַשעז. פון דעמאָלט אָן געפינט זיך דאָ זיין קבר אין דער סאַמע אָנגעזעענסטער אַלייע, ווו פאַר דער מלחמה, אין די לעצטע דרייסיקער יאָרן, פלעגט ער יעדן סוף חודש מאַי פאַרביימאַרשירן, צווישן אַ גרויסן המון, בעת דער יאָרטאָג־פייערונג פון דער פּאַריזער קאָמונע, ווו אויף אַן אימפּראָוויזירטער טריבונע זענען געשטאַנען לעאָן בלום, סאַלענגראָ, טאָרעז, קאַשען, מאַרטי, צו וועלכע מ'האָט ארויפגעקוקט ווי צו

געטער. ער איז דאָ געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענער פויסט, מיט אַ פול מויל מיט געזאַנג און התלהבות און מיט אויגן פול האָפענונג און אמונה, מיט זיין נייער אמונה — נישט אין גאָט, נאָר אין מענטש, אָדער בעסער גע־זאָגט: אין רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

אַרום זיין קבר געפינען זיך די קברים פון באַוווּסטע פּאָליטישע פירער, ווידערשטאַנד־קעמפער, שרייבער. פראַנצויזן, שפּאַניער, פּאָליאַקן, טשעכאָסלאָוואַקן, אַרמענער, יידן. דאָ געפינען זיך פאַרשטאַרבענע, וואָס האָבן ביים לעבן געהאַט קעגנזעצלעכע טעאָריעס, אידעען, אָנשויאונגען. דאָ טרעפט מען קברים פון קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, סינדיקאַליסטן, אַנאַר־כיסטן, טראָצקיסטן. זיי האָבן אַמאָל געפירט צווישן זיך שטרייטן, ביטערע געראַנגלען, שאַרפע וויכוחים. איצטער זענען זיי אַלע פאַראייניקט אין אַ לעצטן און אייביקן פרידן.

לינקס פון מוניע נאַדלערס קבר, ביים ראַנד פון דער אַלייע, שטייט דער דענקמאָל לזכר דעם לאַגער מאַטהאַוזען, ווו אונטן, אַראָפּגעפּאַלן פון לאַנגע שמאָלע שטיגן, ליגט אַן אויסגעדאַרטער און אויסגעמאַטערטער קאַצעטלער, מיט אַ שווערן שטיין אויפן נאַקן, וואָס אונטער זיין לאַסט און עבודת־פרך איז ער דאָ געפאַלן פון אויסשעפונג, הונגער און פיין.

אין צווייטן עקסטרעם, פון רעכטס, געפינט זיך דער איינדרוקספולער דענקמאָל פון אוישוויץ, וועלכער דאָמינירט דעם אַרום און ווירקט אויף אונדזער פּסיכיק מיט זיין דערדריקנדיקן שטיין־בלאָק, פון וועלכן עס וואַקסט אַרויס די מטושטשע געשטאַלט פונעם דעפאָרטירטן פון אומ־באַשטימטן געשלעכט און עלטער, וועלכער איז צוגעהאַפטן צום שטיין ווי ישו צום קרייץ. די קליינע לאַגער־געשטאַלט מיטן אויסגעצערטן שמאָלן גוף און גרויסן קאָפּ פון אַ „מוסולמאַן" קאָן גריילעך אין דער זעלבער צייט זיין מאַן, פרוי, קינד און זקן. די אומבאַשטימטקייט איז מרמז אויף דעם אַז די געשטאַלט איז כולל אין זיך אַלע לאַגער־גע־שטאַלטן, אַלע פאַרגאַנגענע שאַטנס אינעם תהום פון אומקום. אין דעם מטושטשן אַנפּנימדיקן פּנים דאַרפן זיך אָפּגעפינען אַלע פאַרלוירענע פּנימער פון דעם גרויסן אַנאָנים, פון דעם גאַנצן קאַצעטנטום.

ביידע דענקמעלער אַנטקעגן דער קאָמונאַרן־וואַנט, ווו שטענדיק הענגט אויף איר אַ פאַרוועלקטער קראַנץ מיט אַ רויטן אָפּגעבליאַקעוועטן באַנד, זענען די ראַם פון מוניע נאַדלערס קבר. זיי בילדן דעם טויער, וואָס פירט אַריין דעם גייער, וואָס זוכט דעם וועג צו אים.

פון אַלע דעפּאָרטירטע און אומגעקומענע פּאַריזער יידישע שריי־בער, וואָס אויך זייערע פּנימער זענען פאַרקריצט אין דעם איינציקן

און דאָך פּיל־מיליאָניקן פּנים פונעם אױשװיץ־דענקמאָל, איז נאַדלער דער אײנציקער, װאָס האָט זוכה געװען צו אַ קבר און צו אַ מצבה. זײערע נשמות, װעלכע האָבן נישט קײן רו און קײן תיקון, קומען דאָ אַהער, װי זײ װאָלטן געװאָלט טײלן מיט אים זײן קבר און אַז לעבן די אותיות פון זײן נאָמען זאָלן זיך געפינען זײערע נעמען, װאָס זענען נישט פאַרקריצט אין ערגעץ אין קײן שום שטײן. זײ פלאַטערן, קרײזן אַרום, פאַלן צו און טוליען זיך צום גרױען קאַלטן שטײן, װי עס טוליען זיך צו אים די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער אין אומעטיקן האַרבסט, װאָס איז דאָ, אױפן בית־עולם פאַר־לאָשעז, נאָך אומעטיקער.

יעדע מצבה דערמאָנט אין דעם לעבן, צו װעמענס אָנדענק זי איז געשטעלט געװאָרן.װעלכע װיכטיקע געשעענישן און פּאַסירונגען זענען געװען אין דעם לעבן, װאָס אָט די מצבה דערמאָנט דאָ ?

אין דעם לעבן פון מוניע נאַדלער האָבן זיך קודם־כל צוזאַמענגע־שטױסן צװײ װעלטן, װאָס דער מעכטיקער קלאַפּ און דער ברוטאַלער ריס צװישן זײ האָבן שװער געטראָפן דער סביבה, װו ער האָט זיך דער־צױגן און איז דורכגעגאַנגען זײן יוגנט. זײן געװאָגט און פּלוצעמדיק אָפּרײסן זיך פון איר האָט איר פאַרשאַפט ביטערן צער און טרױער, און דער סביבה, צו װעלכער ער איז געקומען, האָט ער פאַרשאַפט נצחון־פרײד, סאַטיספאַקציע און מונטערקײט צוליב זײן עצם קומען צו איר.

זײן פאַל פון איבערגײן פון אײן עק װעלט צום אַנדערן, פון אײן עקסטרעם צום צװײטן איז געװען אין די אָנהײב דרײסיקער יאָרן אין פּױלן אַן אױסערגעװײנלעכער און זעלטענער. דער נאָמען שמואל נאַדלער איז דעמאָלט געװען אַ דערשײנונג און פענאָמען און בײ אַנדערע אַפילו אַ פּסיכאָלאָגיש רעטעניש. אמת, אַ גרױסע טײל שאַפער פון דער ײדישער ליטעראַטור איז געקומען פון דער ישיבה־באַנק, פון חיים נחמן ביאַליק ביז חיים גראַדע, צװישן װעלכע מען קאָן דערמאָנען: ה. ד. נאָמבערג, י. י. זינגער, י. באַשעװיס, י. י. טרונק און אַ סך, אַ סך אַנדערע. זײ אַלע האָבן שפּעטער פאַרלאָזט די ישיבה־באַנק, טײל אַפילו איבערגעריסן מיט די רעליגיעזע טראַדיציעס, איבערגעגאַנגען צו אַ װעלטלעכן לעבנס־שטײגער, אָבער דער איבערגאַנג איז נישט געװען אַזאַ ברוטאַלער. טײל האָבן נאָך אַפילו באַטראַכט די ישיבה און די רעליגיעזע דערציאונג זײערע פאַרן יסוד פון זײער לעבן און זײ האָבן געצױגן פון איר זײער גײסטיקע און ליטעראַרישע יניקה. אַלנפאַלס, האָבן זײ דעם דאָזיקן יסוד נישט אומ־געשלײדערט און צעשמעטערט, בכדי אױפצושטעלן פאַר זיך אױף זײן אָרט אַן אַנדערן, אײנגאַנצן אַ היפּוכדיקן יסוד.

נאַדלערס פאַל האָט זיך דאָ אונטערשײדט פון זײ אַלע. אַחוץ דעם

וואָס ער האָט געהאַט אונטער זיך דעם ישיבה־יסוד און איז געוואָרן שטרענג דערצויגן אין רעליגיעזן גייסט, האָט ער נאָך אויך געהערט צו דער אָרטאָדאָקסישער „אגודה"־פּאַרטיי. ס'איז נישט געווען ביי אים בלויז דאָס איבערגיין פון רעליגיעזע דאָגמעס צו אַ ראַציאָנעלן דענקען, אַפילו נישט בלויז דאָס איבערגיין פון אמונה צו אַפּיקורסות, צו אַטעאיזם, נאָר אויך דאָס איבערגיין פון דער „אגודה"־פּאַרטיי צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דאָס ווערן פון אַ סעקרעטאַר ביים גרינדער און ראש־ישיבה פון „חכמי לובלין", הרב שאַפּיראָ, אַ סעקרעטאַר פון אַ צייטונג, וואָס איר באַזע איז געווען דער מאַרקסיזם־לעניניזם. אין דעם איז אפשר באַשטאַנען די אויסטערלישקייט און פענאָמענאַלקייט פון שמואל נאַדלער.

ווען האָט נאַדלער אָנגעהויבן צו שרייבן לידער? און וועלכער איז געווען דער ערשטער דראַנג צו דעם און וועלכע דיכטער האָבן אויף אים משפּיע געווען? אויף די לעצטע צוויי פראַגן איז נישט לייכט צו געבן אַן ענטפער. וואָס שייך דער ערשטער פראַגע, איז מיר בלויז באַקאַנט, אַז אין אַ ספר היובל לכבוד הרב שאַפּיראָ פון לובלין, וואָס נאַדלער אַליין האָט רעדאַגירט אין יאָר 1930, האָט ער געדרוקט זיינע רעליגיעזע לידער אין העברעאיש. מיר גופא איז נישט אויסגעקומען די דאָזיקע לידער צו זען. דאָס בוך איז דערשינען אין לאָדזש אין פאַרלאַג „מסורה" אין יאָר 1930.

ווי אַזוי האָט דער נייער געדאַנקען־גאַנג מיט דריי יאָר שפּעטער זיך אַנטוויקלט ביים פרומען יונגנמאַן פון גאַליצישן שטעטל גליניאַני, דעם רעליגיעזן דיכטער און „אגודה"־עסקן? ווי אַזוי איז ער געקומען צו זיינע ספיקות און וועלכע זענען געווען די סיבות, וואָס האָבן זיי גורם געווען? וואָס אַזוינס האָט אים געטריבן און געשטויסן צו זיי? וועלכע זענען געווען זיינע ערשטע קוועלענישן און זוכענישן? נאַדלער האָט דאָס נישט אַרויסגעבראַכט אין אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, אָדער אין אַן אַנדערער שאַפונג זיינער, ווי ער וואָלט זיך נישט געוואָלט צורירן צו אָט דעם פּעריאָד פון זיין לעבן, מיט וועלכן ער האָט ראַדיקאַל אָפּגע־שניטן, און ער האָט נישט געהאַלטן, זעט אויס, פון פּסיכאָלאָגיש גריבלען זיך אין זיין עבר, וואָס ער האָט געהאַט פאַר אים בלויז נעגאַציע. עס האָט דעריבער געקאָנט אויבנאויפיק אויסדוכטן, אַז דער געדאַנק וועגן זיין איבעררייס און איבערגיין פון איין עקסטרעם צום אַנדערן איז ביי אים געבוירן געוואָרן כמעט ווי איבער נאַכט.

אין יאָר 1933 איז אין פאַרלאַג „גאָלדער" אין וואַרשע דערשינען די זאַמלונג פּאָעטישע שאַפונגען פון שמואל נאַדלער אונטערן נאָמען „בעש"ט־סימפאָניע". אַ פריערדיקע זאַמלונג לידער זיינע, וואָס איז ווינציקער באַ־

קאַנט: „דער וועג צו זון", איז דערשינען אין קאַלאָמיי, תרצ"א, פאַרלאַג „יהדות". די „בעש"ט־סימפאָניע" טראָגט נאָך אויף זיך דעם הותם פון זיין רעליגיעזער וועלט און מען האָט די אויסגאַבע באַטראַכט נישט אַנ־דערש ווי דאָס ווערק פון שמואל נאַדלערן דעם רעליגיעזן דיכטער; און בסך־הכל מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1934, דרוקט ער שוין אָפּ אין פּאַריז אַ ליד אונטערן נאָמען „כ'האָב היינט מיין צייטונג נישט באַקומען", וואָס דאָס מיינט זיין רעוואָלוציאָנערע צייטונג פון פּוילן, וואָס דער בריוו־טרעגער האָט זי אים נישט געבראַכט, ווייל זי איז מסתמא קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. דער מונטערער דיכטער איז איבערצייגט, אַז איר קול וועט נישט פאַרשטומט ווערן, ער גלויבט אין דעם כוח, וואָס וועט ממשיך זיין איר עקזיסטענץ און זי אומלעגאַלערהייט דרוקן —

אין קאַמערס, קעלערס, בוידעמס, וועלדער, סטאַדאָלעס און העקן —
און מאָרגן, אונד'זער צייטונג, וועט מען ווידער דיך באַקומען!

נישט אין דעם ליד, און אויך נישט אין קיין אַנדערער שאַפונג פון נאַדלערן, איז נישט פאַראַן דער מינדסטער רמז אויף זיין ערשט נאָר־וואָס פאַרגעקומענעם איבערברוך, אויף זיינע ספיקות און זיינע נשמה־ראַנגלענישן מיט זיך, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. מען זעט דאָ אויך נישט, פּונקט ווי אין קיין אַנדער ליד זיינס, אַז ער זאָל דאַרפן גובר זיין נאָך נישט דערשטיקטע סענטימענטן פאַר זיין פריערדיקער סביבה, פון וועל־כער ער איז אַוועק, ווי דאָס איז געווען ביי אַנדערע דיכטער, וואָס זענען געקומען פון רעליגיעזע און טראַדיציאָנעלע היימען. אין דעם דערמאָנטן ליד זעט מען שוין נאַדלערן ווי אַ רייפן, קאָנסעקווענטן רעוואָלוציאָנער, ווי ער וואָלט קיינמאָל פריער צו אַן אַנדערער, אַ גאָר פאַרקערטער וועלט נישט אָנגעהערט. סיידן מען זאָל אפשר אָננעמען פאַרן ערשטן שפּראָצנ־דיקן סימן פון דיסקרעטן פערמענטירנדיקן רעוואָלט אַזעלכע שורות אין זיין „בעש"ט־סימפאָניע":

איך האָב אַ זון אין דער נשמה,
איז שטייט זי מיט ליידיקע הענט —
ליגט מיין נשמה אין שטויב און דאָרט און קוואָרט
און אויסגעטרוקנט ביזן לעצטן איז איר קוואַל.

אָדער זיין פילאָזאָפיש־קהלתדיק מעדיטירן אין אַזעלכע שורות:

און וועלטן ווערן געבוירן אין מלכות פון זון —
און וועלטן ווערן פאַרלוירן — און וואָס איז דער זין דאָפון.

אין אַ יאָר אַרום, אין 1935, שאַפט נאַדלער אין פּאַריז זיין ליד „אַ בריוו פון ביראָבידזשאַן", וואָס איז אַ ווייטערדיקער שריט אין זיין פּאָלי־טישער און אידעאָלאָגישער אַנגאַזשירטקייט. דער בריוו, וואָס „מען שרייבט" אים פון דאָרטן, פאַרענדיקט זיך מיט אַ פּאַראַפראַזירטן היימיש־לעכן נוסח:

„מיר בויען דעם סאָציאַליזם..." דאָס זעלבע פון דיר, ליבער חבר,
צו הערן...

פריער קומען באַגייסטערטע שורות וועגן דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, וועגן דעם אידעאַליזם ביים באַזיגן די טייגע דורך אייזנבייסן אירע שטיינער מיט „ציינער פון אַקער און טראַקטאָר" און פון „זומפּ און פון אורוואַלד" אַרויסרייסן „די סאָוויעטישע ווייצענע פעלדער".

די דאָזיקע זעאונג קומט אויך צום אויסדרוק אין אַנדערע שורות ביי נאַדלערן און זי איז דאָ אַ מין אַקטואַליזירן ישעיהס נבואה פון „באחרית הימים", וואָס וועט, דער עיקר, באַקומען אַ תיקון אין סאָוויעטישן סיביר:

אַ לויב דיר, פינפפינגערדיקע האַנט,
וואָס בויסט הייזער, דרייסט מאַשינען און שפּילסט קלאַוויר,
מדבר סאַהאַראַ וועט ווערן אַ בליענדיק לאַנד,
און ווייץ וועט וואַקסן אויף די טייגעס פון סיביר.

נאַדלער האָט דאָ געזען פאַר זיך די דאָזיקע וויזיע טראַנספאָרמירן זיך אין רעאַליטעט און ער האָט, ווי אַ סך אַנדערע, אויפריכטיק און ערלעך געגלויבט, אַז זי ווערט מקוים אין סיביר, געגלויבט ווי אַלע, פון אויסנ־ווייניק, נישט האָבנדיק געקענט די פאַקטישע ווירקלעכקייט. ער האָט אויך אָן שום ספק, געמיינט ערנסט מיט זיין שאַרפן ריס אין זיין לעבן און מיט זיין אַנשליסן זיך אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ער האָט אַ סך מקריב געווען פאַר דעם. ער האָט איבערגעריסן זיין שטודירן אין פראַנקרייך, בכדי זיך צו קאָנען ווידמענען אינגאַנצן דעם קאַמף, ער האָט כמעט אינגאַנצן אויפגעגעבן זיין שרייבן לידער, צום שאַדן פאַר אים, אגב, און פאַר דער יידישער פּאָעזיע. ער האָט זיך אָפּגעגעבן, דער עיקר מיט זשורנאַליסטיק, מיט דער פּאַרטיי־פּובליציסטיק, מיט שרייבן רעפּאָרטאַזשן, אָפּהאַנדלונגען, רעצענזיעס, אינטערוויוען מיט פּערזענלעכקייטן, אַרטיקלען אויף כלערליי טעמעס, וואָס האָבן אים פאַרשלונגען אינגאַנצן. אָבער ער האָט דאָס אָנגענומען באהבה, גלויבנדיק מסתמא, אַז אַזוי אַרום וועט ער בעסער און דירעקטער קאָנען דינען מיט דער פען זיין נייעם אידעאַל.

און דער בעסטער באַווייז, אַז ער האָט געמיינט ערנסט מיטן מאַכן

דעם חשבון־הנפש אין זיין לעבן, איז געווען דאָס, וואָס נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך, האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיין „אני מאמין", נאָר פאַרקערט, ביי געענדערטע שווערע באַדינגונגען און געפערלעכע נסיונות האָט ער זיך איינגעשטעלט פאַר אים מיט מוט און דרייסטקייט, הגם ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט אפשר דאַרפן פאַר דעם באַצאָלן אַ זייער טייערן פּרייז. און ער האָט טאַקע דעם דאָזיקן פּרייז באַצאָלט.

איך דערמאָן זיך ווי איין מאָל, אין יאָר 1933, ווען אַרויפ־קומענדיק אין אַ נאָכמיטאָג אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, האָב איך באַמערקט זיצן ביי אַ טיש עטלעכע שרייבער פון דער לינקער גרופּע און צווישן זיי — אַ ברונעטן יונגן מענטש, וואָס איז געווען פאַר מיר אינגאַנצן אומבאַקאַנט. אַ ניי פּנים אויף טלאָמאַצקע 13 צווישן מיינע חברים און דערצו אַ פּנים, וואָס רופט אַרויס ביי מיר נייגעריקייט און מאַכט אויף מיר אַ גוטן איינדרוק. מען האָט דעם אומ־באַקאַנטן פאָרגעשטעלט פאַר מיר:

— דאָס איז דער דיכטער שמואל נאַדלער.

מיר האָבן זיך באַקענט, אויסגעטוישט צווישן זיך עטלעכע ווערטער, וואָס מען זוכט אויס געוויינלעך ביי אַזאַ געלעגנהייט.

איך האָב דעמאָלט פון נאַדלערן אַלס רעליגיעזן דיכטער קוים געהאָט געהערט, אָדער געהערט אויף אַ מטושטשן אופן, ווייל עס איז מיר נישט אויסגעקומען צו לייענען די אגודהשע אויסגאַבעס און אָנצוטרעפן זיך אויף זיין נאָמען. אַלנפאַלס, איז מיר נישט קלאָר געווען די סיבה און דער שייכות פון זיין געפינען זיך דאָ ביים טיש אין קרייז פון די לינקע שרייבער. איך האָב דאָס, נאַטירלעך, צוליב טאַקטישע טעמים נישט גע־קאָנט איבערפרעגן אויפן אָרט. ערשט שפּעטער, ווען נאַדלער האָט זיך שוין נישט געפונען ביים טיש, האָט מען מיר אויפגעקלערט דעם שייכות פון דער באַגעגעניש מיט אים, דאָס הייסט, מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אַז שמואל נאַדלער האָט איבערגעריסן מיט דער „אגודה", צו וועלכער ער האָט ביז איצטער געהערט, און ער שליסט זיך אָן אין דער לינקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס דאָס איז געווען פאַר מיר נישט קיין קליינע איבערראַשונג און פאַרוווּנדערונג.

הגם מען האָט געקאָנט זיין צופרידן ביי דעם טיש, ווו מען האָט נאַדלערס קומען צו די לינקע שרייבער „געפייערט" מיט אַ גלעזל טיי,

האָט עס אויך ביי געוויסע אַרויסגערופן געפּלעפּטקייט און שטוינונג. באַדלערס פּאַרלאָזן די „אגודה״ און זיין קומען דאָ אַהער איז טאַקע געווען פאַר דער לינקער באַוועגונג אַ מאָראַלישער נצחון, אָבער פונדעסטוועגן האָט מען זיך צום גאַנצן ענין באַצויגן מיט אַ געוויסער דיסקרעטקייט און מען האָט דעם פּאַל נישט אויפגענומען מיט פויקן און טאַצן. ביי טייל האָט ער אַפילו געשאַפן אַ געוויסע זשענירטקייט און קוועלעניש.

ביי דעם טישל איז מען געווען איבערצייגט, אַז שמואל באַדלערס פּאַל, הגם ער איז געווען אַ זעלטענער און אויסנאַמלעכער, איז ער געווען דער העכסטער אויסדרוק פון אַ שאַרפן ראַדיקאַליזירונגס־פּראָצעס צווישן די יידן אין פּוילן, אַ פּראָצעס וואָס איז אַפילו אַריינגעדרונגען אין אַ סך בירגערלעכע יידישע היימען און זיי צעטרייסלט ביז די פונדאַמענטן. פאַר דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע איז דאָס געווען אַ „סקאַנדאַל מיטן יונגן אגודהשן דיכטער.״ פאַר אַנדערע איז דאָס געווען אַ געשעעניש און אַפילו אַ סענסאַציע, און פאַר געוויסע גאַנץ פּרימיטיווע און אויבערפלעכלעכע מענטשן איז דאָס געווען איינפאַך אַן ענין פון אַן „אגודהניק וואָס האָט זיך איבערגעדרייט״. פאַר דער לינקער שרייבער־גרופּע איז באַדלערס איבעררייס און זיין אָנשליסן זיך צו איר געווען נאָך אַ באַווייז פאַר דעם, אַז יעדער געזונט־דענקענדיקער מענטש, וואָס קאָן זיך נישט אויסלעבן אין דער „אַלטער פאַרשימלטער וועלט״, מוז פריער אָדער שפּעטער קומען אין די רייען פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, וואָס טראָגט מיט זיך די צוקונפט. פונדעסטוועגן האָט באַדלערס קומען אַהער פון דער „אגודה״ פאַרשאַפט אַ געוויסע פאַרלעגנהייט. ווייל די גאַס האָט עס אויפגענומען מאָדנע, מיט אַ קלוגעטשקן שמייכעלע און איבערוווּנק און די לינקע האָבן געקאָנט אויסקוקן אין אירע אויגן ווי „נשמה־כאַפּערס״. מ׳איז געווען געוווינט, אַז מען זאָל פון אַנדערע ריכטונגען איבערגיין צו די לינקע, דער עיקר פון די אַרבעטער־פּאַרטייען, אָבער נישט פון די רעלי־גיעזע קרייזן. די „אגודה״ איז נישט געווען קיין קאָנקורענץ־פּאַרטיי צו די לינקע און זי האָט זיי נישט דירעקט באַדראָט. די נעצן פאַר אַריינבאַ־קומען השפּעות זענען נישט געווען אָנגעשטעלט אַהין. די לינקע באַוועגונג האָט געוווּסט, אַז זי האָט דאָ גאָרנישט וואָס צו דערוואַרטן. דאָס איז אַן אָפּגעשלאָסענע פעסטונג פאַר זיך, נישט צודרינגלעך פאַר איר און זי איז פאַר איר, אגב, נישט געווען אַזוי געפערלעך. די גאַנצע געפאַר איז געקומען פון די אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס מיט זייערע „פאַלשע טעאָריעס״ וועגן סאָציאַליזם האָבן זיי געקאָנט בלויז פאַרפירן דעם אַרבעטער, אים אָפּ־ציען פון זיין אמתדיקן קאַמף. און דערמיט האָבן זיי פּאַקטיש געדינט דער בורזשואַזיע. דער געדאַנקען־גאַנג איז געווען מער־ווייניק אַזאַ: דער

בירגערלעכער לאַגער איז נישט אַזוי געפערלעך ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. יענער זאָגט גאָרנישט צו דעם אַרבעטער, ער באַהאַלט גאָרנישט אויס וועגן זיינע צילן און מען ווייסט מיט וועמען מען האָט צו טאָן; בעת די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אין דער אמתן סאָציאַל־פאַשיסטן, באַהאַלטן אויס קונציק זייערע צילן מיט פראַזן וועגן סאָציאַליזם און זענען פאַקטיש אויסן בלויז אויסצוליפערן דעם אַרבעטער־קלאַס צום פאַשיזם.

ווען אַ יונגער דיכטער, נאָך קוים אַן אָנפאַנגער, האָט געמאַכט עפנטלעך אַ דערקלערונג, אַז ער וועט מער נישט דרוקן זיינע לידער אין דער און דער אויסגאַבע פון דער באַוועגונג וואָס דינט נישט די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן און דעריבער רייסט ער מיט איר פולשטענדיק איבער, האָט דאָס געדאַרפט זיין אַ פּסיכאָלאָגישע אויסווירקונג און ס'האָט געקאָנט האָבן אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן באַדייט. אין דעם פאַל שמואל גאַדלער איז אַזאַ עפנטלעכע דערקלערונג נישט נויטיק געווען. מען האָט זי נישט פון אים פאַרלאַנגט, ווייל זי וואָלט מער געשאַדט און זשעניִרט ווי געבראַכט נוצן.

קורץ נאָך יענער באַגעגעניש אויף טלאָמאַצקע 13 האָט דער ליטעראַטן־פאַראיין, אויף דער איניציאַטיוו פון דער לינקער שרייבער־גרופּע, איינגעאָרדנט אַ רעפעראַט פון שמואל גאַדלער. די טעמע איז געווען: „רעליגיע און איר געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג". דער רעפעראַט האָט אומדירעקט געדאַרפט זיין אַ מין באַגרינדונג פאַר גאַדלערס אַרויפגיין אויף זיין נייעם וועג; דאָס אַרויסברענגען זיין איצטיקן קרעדאָ און זיין רעכטפאַרטיקן דאָס איבעררייסן מיט זיין פריערדיקער סביבה און באַקערן זיך צו דער נייער.

דער רעפעראַט און דער רעפערענט האָבן אַרויסגערופן אַ סך אינטערעס און נייגער. געקומען איז אַ גאַר אייגנאַרטיקער עולם, אַן עולם, וואָס טלאָמאַצקע 13 האָט קיינמאָל נישט געזען. ביי פינף און זיינציק פּראָצענט פון די פאַרזאַמלטע זענען באַשטאַנען פון חסידישע יונגעלייט אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, מיט גאַרטלען און יידישע היטעלעך. דער זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין האָט אויסגעזען ווי אַ געדיכט־אָנגעפּראָפּטער בית־מדרש. ס'איז געווען קלאָר, אַז די פרומע יונגעלייט זענען נישט געקומען אַהער בכדי אויסצודריקן זייער איינשטימיקייט מיט זייער ביז איצטיקן חבר שמואל גאַדלער. אין זאַל איז געווען אַ טומל און אַ סומאַטאָכע. מען האָט געשטערט דעם רעפערענט צו רעדן. מען האָט אים כסדר איבערגעריסן מיט צווישנרופן.

איך נעם זיך נישט אונטער איצטער צו רעזומירן דעם רעפעראַט, אָדער איבערגעבן זיין אינהאַלט. איך געדענק אָבער גענוי, ווי אויפן כסדר־דיקן שטערן אים צו רעדן האָט שמואל נאַדלער איין מאָל זיך אָפּגע־שטעלט, איבערגעריסן זיין געדאַנקען־גאַנג און אָפּגעענטפערט זיינע אָפּאָ־נענטן בזה הלשון: „איך האָב געמיינט, אַז איר האָט צוגעגרייט בעסערע צווישנרופן”. דאָס איז טאַקע געווען געזאָגט נישט צו דער זאַך, אָבער עס האָט פונדעסטוועגן אַנטוואָפנט די קעגנער, וועלכע האָבן נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. דער עולם האָט אַלץ געטומלט, דער זאַל איז געווען שוואַרץ פון היטעלעך און כאַלאַטלעך. דאָס קליינע ביסל „אַפּיקורסים”, וואָס זענען געקומען צום רעפעראַט אויס נייגעריקייט, זענען דאָ געוואָרן בטל בשישים.

דער פאָרזיצער פון יענעם אָוונט, דוד ספאַרד, איז אַליין געווען צע־טומלט פונעם טומל אויפן זאַל און ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די שטערער. בטבע אַ רואיקער און איידעלער מענטש, וועלכער איז אַליין געקומען פון אַ רעליגיעזער, אַ רבנישער היים, האָט ער נישט געקאָנט אַרויסזאָגן קיין הויך וואָרט אויף עמעצן, בפרט איצטער, ווען קיינער האָט אים נישט געהערט. ער איז געווען אומבאַהאָלפן און נישט צוגעפּאַסט צום פירן אַזאַ שווערן פאָרזיץ. ער האָט נישט געקאָנט באַהערשן דעם עולם און זיך אַליין אויך נישט.

פּלוצלונג איז פינצטער געוואָרן אין זאַל. די עלעקטריע איז קאַליע געוואָרן. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ סאַבאָטאַזש־אַקט. דער רעפערענט האָט ממשיך געווען צו רעדן אין דער פינצטער, צו להכעיס דער פינצ־טערניש. ס'האָבן זיך גענומען דאָ און דאָרטן אָנצינדן שוועבעלעך און אויך ליכט. שוואַרצע שאָטנס פון די שוואַרצע קאַפּאָטעס האָבן זיך גענומען באַוועגן אויף די ווענט און געשאַפן אַ בילד פון מיסטעריע.

דאָס ליכט האָט זיך צוריק אָנגעצונדן. אָבער דער טומל האָט זיך נישט איינגעשטילט. דאָ און דאָרט האָבן זיך געשאַפן רעדלעך, גרופּקעס, וואָס האָבן געפירט הייסע וויכוחים. איך האָב זיך אַרומגעשלייכט פון איין רעדל צום אַנדערן, אָבער איך האָב נישט רעאַגירט קעגן די פרומע יונגעלייט. די לינקע שרייבער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן זאַל, האָבן זיך גאַנץ קנאַפּ באַטייליקט אין די דיסקוסיעס. דער גאַנצער געראַנגל האָט זיך געלייגט שווער אויפן געמיט. אין אונטערבאַוווסטזיין האָב איך געפילט דעם צער פון די יונגעלייט צוליב דעם וואָס זייער חבר פאַרלאָזט זיי, געפילט דעם צער וואָס איך האָב נישט געטאָרט פילן...

איך האָב שפּעטער געהערט, אַז בעתן געטומל האָט עמעצער פון

עולם, אַ ברודער אָדער אַ קרוב פון שמואל נאַדלער, געריסן קריעה. איך גופא האָב דאָס נישט געזען, ווייל איך האָב זיך מסתמא געפונען אין אַן אַנדער אָרט און נישט דאָרטן, וווּ דאָס איז געשען. אַלנפאַלס האָט דאָס געמאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק און עס האָט באַוויזן ווי שווער עס האָט געטראָפן די רעליגיעזע קרייזן שמואל נאַדלערס הילכיקער קלאַפּ מיט דער טיר און זיין אָפּקערן זיך פון זייער מחנה.

און צי איז דען נישט געווען אַן אויסדרוק פון זיין אָפּשניידן מיט זיי אויף שטענדיק און דעפיניטיוו זיינע שפּעטערדיקע שורות, וווּ מען טרעפט זיך אָן אויף אַט דעם פּאַרזאַג:

> דו זאָלסט קיין קדיש זאָגן אויף מיין קבר,
> קיין ליכט נישט צינדן פאַר מיין נשמה...

דאָס קאָן דערמאָנען אַ ביסל אין די פּערזן פון היינען, וועלכער האָט געוווּסט, אַז נאָך זיין טויט —

> נישט קיין מעסע וועט מען זינגען,
> נישט קיין קדיש וועט מען זאָגן.

אמת, ביי היינען איז דאָס געווען אַ ביטערע איראָנישע השערה, אָדער אַן אָפּגעבן זיך אַ דין־וחשבון פון דעם נישט־ייד און דעם נישט־קריסט, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָך זיין טויט וועלן די קריסטן נישט האַלטן פון זיין קריסטלעכקייט און די יידן וועלן נישט האַלטן פון זיין יידישקייט. ביי נאַדלערן איז עס געווען, נאַטירלעך, אַ פראַגע בלויז פונעם „קדיש" און זיינע ווערטער זענען געווען אַן אימפּעראַטיוו און זיי קלינגען ווי אַ צוואה.

נישט לאַנג נאָך יענעם אָוונט אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין איז שמואל נאַדלער אַוועקגעפאָרן קיין פראַנקרייך שטודירן. ביי די שרייבערישע טישלעך האָט מען נאָך אין די ערשטע טעג גערעדט וועגן דער נישט־געוויינלעכער געשעעניש, וואָס האָט אַ ביסל צערודערט די טאָג־טעגלעכע סטאַטישע אַטמאָספער פון טלאָמאַצקע 13. אָבער דאָס, וואָס מיך האָט אינטערעסירט, איז געווען נאַדלערס פּאָעזיע. דאָ גע־פינט מען דאָך, אייגנטלעך, זיין אינדיווידואַליטעט און זיין תמצית. איך האָב זיך גענומען לייענען זיין בוך „בעש"ט־סימפאָניע". דער טיטל, וואָס אַן אמת, האָט נישט גערעדט אַזוי צו מיין געמיט. איך האָב גע־האַלטן, אַז „בעל שם טוב" און „סימפאָניע" האַרמאָניזירן נישט אַזוי

שטאַרק און אַז עס איז פֿאַראַן צווישן זיי אַ דיסאַציאַציע. אָבער איך האָב זיך פֿונדעסטוועגן געהאַלטן ביים פּסוק: אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו (קוק נישט אויף דער קרוג נאָר אויף דעם וואָס געפֿינט זיך אין איר). דער עיקר איז דאָך סוף־כל־סוף נישט אַזוי דער טיטל, ווי דאָס וואָס קומט נאָכן טיטל, דאָס וואָס געפֿינט זיך אין דער קרוג. און פֿון אָט דער קרוג האָב איך געטרונקען און געשטילט דעם דאָרשט פֿון מיין ליטעראַ־רישער נייגעריקייט. איך האָב געליינט מיט אָביעקטיוויקייט, אָן אַ פֿון פֿריער באַשטימטער באַציאונג צו נאַדלערס פּאָעזיע אַלס אַזאַ, וואָס ער האָט געשריבן בשעת ער האָט זיך נאָך געפֿונען אין „יענעם לאַגער". איך האָב קודם־כל געזוכט ביי אים פּאָעזיע, ס'הייסט „ריינע פּאָעזיע" און דאָס, וואָס איז דורך די לינקע שרייבער באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַ זינד: פּאָע־זיע לשם פּאָעזיע. און איך האָב זי געפֿונען.

אַ שטאַרקע ווירקונג, געדענק איך, האָט געהאַט אויף מיר נאַדלערס פּאָעמע „די חתונה אין קרעטשמע", וואָס פֿאַרמאָגט אַן עפּיש־לירישן פֿאַר־נעם און איז איינגעטיילט אין פֿיר געזאַנגען, וואָס זענען ווי פֿיר עטאַפּן אָדער מדרגות.

די שאַפֿונג איז אַ סובלימירטע חסידישע פֿאָלקס־לעגענדע מיט אַ מוסר־השכל וועגן מעשים־טובים, אַ שבח פֿאַר גוטע מידות, אַ לויב־געזאַנג און ברכה פֿאַר דער מצווה, מצווה לשם מצווה. דער דעוויז איז טאַקע: „די פֿרייד איז אַ מצווה, די מצווה — אַ פֿרייד".ביידע זענען אידענטיש, איינס איז געגליכן צום אַנדערן. עס קלינגט אין דעם די חסידישע התלהבות, דער ברען און דער עקסטאַז. פֿון דער גאַנצער שאַפֿונג טראָגט זיך דער אָטעם פֿון אַ מעשה, וואָס עס דערציילן זיך יידן מדינה־גייער, ווינטער־צייט הינטערן אויוון פֿון בית־מדרש, בעת עס ווייעט פֿון זייערע בערד און פֿון זייערע פּאָלעס מיט ווינט און מרחקים און זיי הערן נישט אויף אָפּצולויבן זיך פֿון די מופֿתים פֿון רביים און „גוטע יידן".

„די חתונה אין קרעטשמע" האָט אין זיך בולטע באַלאַדע־עלעמענטן און איז באַהויכט מיט שיינער מעשהדיקער פֿאָלקסטימלעכקייט און חסידי־שער מיסטיק. און ער אַליין, דער בעל שם טוב, איז דאָ דער באַוועגער, דער אָנרעגער און דער גורם פֿון דער שיינקייט און דערהויבנקייט פֿון דער גוטער מענטשלעכער מידה — פֿון דער מצווה, און פֿונעם שכר און דער באַלוינונג פֿאַר דער מצווה, וואָס דאָס איז, אייגנטלעך, די גרונט־אידעע פֿון דער פּאָעמע.

דאָס ערשטע געזאַנג הייבט זיך אָן מיט דעם אָרענדאַר פֿון דער קרעטשמע פֿון די קרעמעניצער גיטער, וועלכער איז שולדיק דעם פּריץ

שכר פאַר זיבן חדשים. דער אַרענדאַר האָט גישט צו באַצאָלן, זעצט אים אַריין דער פּריץ מיט ווייב און קינדער אין תפיסה, ער פּייניקט אים, טוט אים אָן עבוים, אָבער ער זעט אין גיכן איין, אַז פון שלאָגן דעם ייד „וועט ער גישט האָבן אפילו קיין רייניש". פירט ער אַוועק דעם אַרענדאַר מיט זיין משפחה קיין קרעמעניץ אויפן מאַרק, בכדי צו פאַר־קויפן אים, פאַרלאַנגענדיק פאַר אים ק"ן רייניש.

אַן עולם יידן איז פאַרזאַמלט אויפן מאַרק, אָבער קיינער רירט זיך גישט, בכדי אויסצולייזן דעם אַרענדאַר, כאָטש די מצווה פון פדיון שבויים איז גרויס. אָבער ביי דער אָרעמקייט איז פונדעסטוועגן פאַראַן מער יושר־געפיל, האַרץ און רחמנות, און אַ דינסט און אַ משרת לייזן אויס מיט זייערע בידנע אָפּגעשפּאָרטע פּרוטות די אַרענדאַר־משפחה:

„אוי, ראַטעוועט, יידן! אוי, העלפט, בני רחמנים!"
און ס'רינען די טרערן פון איטלעכן פּנים,
נאָר אייגע ווייגט שטאַרקער פון אַלע אין ראָד —
אַ יתומה, אַ דינסט ביי דעם גביר פון דער שטאָט,
באַדאַרפט קויפן פיש, נאָר זי גייט אַוועק שטיל
צום יתום וואָס איז אַ משרת אין מיל.

די צוויי יתומים, די דינסט און דער משרת, וואָס האָבן אין זייער לעבן קיין מצווה גישט געטאָן, לייגן זיך צונויף מיט זייער גאַנצן פאַר־מעגן, מישטיינס געזאָגט, און לייזן אויס דעם אָרעמען אַרענדאַר מיט זיין משפחה, בכדי צו האָבן די מצווה פון פדיון שבויים. זייערע בעלי־בתים האָבן מורא, אַז די צוויי משרתים וועלן זיי איצטער באַגנבענען — „און ביידע מען טרייבט זיי אַרויס אויף דער גאַס".

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז שרייבנדיק די דאָזיקע פּאָעמע, נאָך זייענדיק דער רעליגיעזער דיכטער און „אגודה"־זשורנאַליסט, האָט שוין שמואל גאָדלער געהאַט דעם צוזאַגג, אַז די סאָציאַלע עוולות קומען פון די פּריצים און גבירים און אַז דער יושר וועט קומען בלויז פון די באַעוולטע, פון די משרתים און די דינסטן.

אין צווייטן געזאַנג פאָרט דער בעל־שם־טוב מיט זיינע מקורבים אין אַ שניי־זאַווערוכע אויף אַ חתונה קיין קרעמעניץ. זיי טרעפן אָן אין וועג זיך וואַלגערן אין שניי צוויי מענטשן. דאָס זענען די צוויי פאַרטריבענע יתומים, האַלב־פאַרפרוירענע, אַרום וועלכע עס פאַרען זיך וועלף; זיי דערשרעקן זיך אָבער פאַרן אָנפאַרנדיקן שליטן און אַנטלויפן. דער בעל־שם־טוב מיט זיינע מקורבים דערמינטערן די צוויי עלנטע

משרתים, וואָס קומען אָפּ פאַר זייער גוט האַרץ, פאַר זייערע מעשים־טובים און דער עיקר — פאַר זייער מצווה. מען פירט זיי אַריין אין דער קרעטשמע, ווו עס וואַרעמען זיך קלעזמאָרים, וועלכע האָבן געדאַרפט פאָרן אויף דער חתונה אין קרעמעניץ, אָבער אין דרויסן איז סכנת־נפשות און זיי מוזן דאָ בלייבן.

מיט פּלאַסטישקייט מאָלט שמואל נאַדלער די נסיעה פונעם בעל־שם־טוב און זיינע מקורבים אינעם שליטן און מיט באַגייסטערונג זינגט ער וועגן דער שיינקייט פון דער פּאָדאָליער ווינטער־לאַנדשאַפט, וואָס דער שליטן פאָרט פאַרביי:

פּאָדאָלישע פעלדער אין שניי־ווייסער נאַכט!
העי, ווער קאָן דען אויסזינגען גאַנץ אייער פּראַכט!
איר בלאַנקט ווי געשליפענע פון פּאָרצעלאַן
און איבער אייך גיסט זיך לבנהקע שיין
און ס׳פינקלען די שטערן אין לופטן צעבלאָטע...
כ׳האָב ליב אייער רחבות און כ׳קוש אייער אָטעם,
וואָס שלאָגט אין מיין פּנים מיט פראָסטיקער כוואַליע
און ברענט אויף די ליפּן און שמעקט מיט קאַנוואַליע
און גיסט אין מיין בלוט זיך ווי אייזיקער וויין...

און דערביי קומט אַ לירישע דיגרעסיע:

פּאָדאָלישע פעלדער אין שניי־ווייסער נאַכט!
איר האָט מיך פאַר אַ דיכטער געמאַכט.

טשיקאַווע, אַז זינט דעמאָלט, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל, אין יאָר 1933, געלייענט די פּאָעמע „די חתונה אין קרעטשמע", האָט זיך מיר פאַרגעדענקט די ביז גאָר אייגנאַרטיקע מעטאַפאָריק, אין דעם זעלבן צווייטן געזאַנג, וואָס נאַדלער האָט אַרויסגעבראַכט לויט די נקודות פון יידישן אלף־בית:

ס׳פליען דורך דערפלעך מיט הייזלעך און טומאות
און וועלדער, ווי מחנות פון ריזן הויך־שטומע
אין שנייענע פעלצן... און ס׳הערט זיך אַ ברומען
פון הונגעריקע חיות און ס׳זעט זיך אין טונקל
אַ צירה פון וועלפישע אויגן וואָס פינקלען.
ס׳לויפט דורך אַ מאַרדער און שמעקט נאָך דעם סגל
פון שפורן אין שנייען פון די פוקסענע נעגל

און סודותדיק לייכט אויף אַ סאָסנענעם גולם
דער לבנהס זילבערנער חולם.

ס'איז כדאי, אגב, צו באַמערקן, אַז לייענדיק די פּאָעמע זעט מען ווי נאַדלער האָט זיך זייער אָפּט באַנוצט אויף אַ געשיקטן אופן מיט אַסאָנאַנצן, וואָס זענען געווען דעמאָלט, אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן, שטאַרק אין דער מאָדע ביי יידישע פּאָעטן. דאָס באַווייזט, אַז נאַדלער האָט שטאַרק נאָכגעפאָלגט דאָס שאַפן פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע.

אין דריטן געזאַנג איז דער בעל־שם־טוב מבטל די חתונה אין קרע־מעניץ, אָבער ער הייסט, פונדעסטוועגן, די קלעזמאָרים סטראָיען זייערע כלים און אין דער קרעטשמע ווערט געפּראַוועט אַ צווייטע חתונה, די חתונה פון די צוויי פאַרטריבענע יתומים. דער בעל־שם־טוב אַליין איז זיי מסדר קידושין און דאָ דערגרייכט די פּאָעמע איר קלימאַקס מיט דער חתונה־שמחה און התלהבות דורך פּאַטעטישע שורות:

מזל־טוב! מזל־טוב! — שאַלט די חבריא —
לחיים דעם רבין! תלמידים, לחיים!
מחותנים, לחיים דעם זיווג דעם נייעם!

צעשפּילן זיך פידלען און ס'ציט זיך די פליט,
עס קלינגען די צימבלען מיט טאַצן באַגלייט, —
די פרייד איז אַ מצווה, די מצווה — אַ פרייד!

נאָך די טענץ און דער הדווה איז געקומען די ריי אויפן מנהג פון דרשה־געשאַנק, מיט וועלכן יעדער איינער פון די מחותנים האָט זיך געוואָלט שטעלן שיין. מען זעט באַלד, אַז זיי האָבן זיך דאָס געקאָנט פאַרגינען, ווייל זיי האָבן נישט געגעבן זייערס, אַזוי, אַלנפאַלס, האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן אויבנאויפיק:

איצט גיט דער בעל שם טוב דאָס דרשה־געשאַנק:
— „דעם פריצעס קאָטש מיט די פערד זאָל אייך פירן!"
— „איך, וואָלף, גיב דער פריציטעס קעסטל מיט צירונג!"
— „די דאָזיקע קרעטשמע גיב איך — זאָגט ר' דוד —
צו האָבן פרנסה בכבוד!"

דאָס שענקען יענעמס פאַרמעגן קומט דאָ פאָר ווי אַ לייכטער שפּאַס און אַזוי האָט דאָס טאַקע פאַרשטאַנען דער קרעטשמער, ווען ער

האָט געהערט, אַז מען גיט גאָר אַוועק זיין קרעטשמע אַלס „דרשה־געשאַנק" פאַר די צוויי „שלעפּערס" און ער האָט זיך דערלויבט אויך צוצוגעבן עפּעס, לאַכנדיק פון זיין חכמה:

> צעלאַכט זיך דער קרעטשמער: — „דער שפּאַס מיר געפעלט!
> און איך גיב דעם פּריצעס טייסטער מיט געלט!"

אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַ ווונק פון אויבן, אַן אצבע אלהים, וואָס דער בעל שם טוב האָט געזען אין זיינע געטלעכע חזיונות. ווען אין פערטן געזאַנג, האָט דאָס פּאָרפאָלק זיך אַוועקגעלאָזט אַליין מיטן שיינעם אויסגערופענעם „דרשה־געשאַנק", אָבער מיט ליידיקע הענט, האָבן זיי געטראָפן ערגעץ אויף זייער וואַנדערונג ליגן אַ פאַרפרוירענעם מענטש. דאָס איז געווען דעם פּריצעס זון, וועלכער האָט, גייענדיק אויף יאָגד, פאַרבלאָנדזשעט. זיינע טאַטע־מאַמע זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט, ווייל זיי האָבן אים נישט געקאָנט אָפּגעפינען. דאָס פּאָרפאָלק האָט דעם פּריצעס זון דערמינטערט און אים געברענגט אין פּאַלאַץ אַריין אַ געזונטן, צו דער גרויסער פרייד פון זיינע עלטערן. דאָס פּאָרפאָלק ווערט דערפאַר באַלוינט מיט אַ פאַרמעגן, וואָס שטימט מיטן אויסגערעכנטן דרשה־געשאַנק אין דער קרעטשמע: מיטן פּריצעס קאַטש (דערצו נאָך מיט אַ משרת צום פירן זיי), מיט דער פּריציטעס קעסטל מיט צירונג; דער געראָטעוועטער זון שענקט זיי אויך די קרעטשמע, זיי זאָלן ווינען דערנעבן, און אויפן זונס בקשה גיט זיי דער פּריץ זיין טייסטער מיט געלט.

און אַזוי:

> דאָס נייע פּאָרפאָלק איז מיט גאָטס הילף געוואָרן
> אין אויגנבליק אויפגערעכט קיין עין־הרע
> מיט צירונג, מיט געלט, מיט פּרנסה בכבוד,
> כברכת בעל שם טוב, ר' זאב ור' דוד׳
> ואפילו די רייד וואָס דער קרעטשמער גערעדט האָט,
> כאָטש ס'איז זיין כוונה געווען נאָר צו שפּעטן,
> דערפון זאָל זיך אָפּלערנען יעדער אַ מוסר
> אַ מצווה ווי גרויס און ווי הייליק איר זכות איז.

אַזוי איז דער גאַנצער סוף פון דער פּאָעמע אַ מוסר־השכלדיקער און אין גייסט פון פאָלקסטימלעכקייט און אין נוסח פון אַלטע יידישע תפילות און תחינות:

ואשרי המאמין, און וויל דעם וואָס גלויבט
אין הייליקן צדיק און אין זיין הבטחה,
און האָפט צו דעם אויבערשטן, דאַנקט אים און לויבט,
ווען ס'איז אים מקוים געוואָרן די ברכה.
און קיינמאָל עס ווערט נישט געשטרויכלט דער מאַן
וואָס ווייסט אַז דער יושר וועט ברעכן זיין עלנט;
אַזוי זאָלן מיר אַלע נאָך זוכה זיין
צו דער גאולה שלימה, אמן סלה.

✶

ווי איך האָב שוין אין אָנהייב דערמאָנט, האָט נאָדלער אין פּאַריז קיין סך נישט געשאַפן אויפן פּאָעטישן געביט. צי האָט זיך די פּאָעטישע שכינה פון אים אָפּגעקערט נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגעקערט פון־נעם גייסט פון בעל שם טוב? אָדער צי דאַרף מען אָננעמען, אַז פּונקט ווי פילאַדעלפיע האָט אים געמאַכט פאַר אַ דיכטער, האָט אים פּאַריז געמאַכט פאַר אויס דיכטער? אין דער אמתן, איז ער אין האַרצן געבליבן אַ פּאָעט, הגם ער האָט נישט געשריבן קיין לידער, אָבער פּאַריז האָט אים אַרויסגעשלאָגן פון זיינע אינספּיראַציעס און נישט אַזוי פּאַריז, ווי זיינע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אָנגאַזשירונגען און אַקטיוויטעטן אין פּאַריז, אין די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דער פּאָעטישער שאַפונג־פּראָצעס נייטיקט זיך אין אַ געוויסער שלווה און סטאַטישקייט, שטימונג און באַזאַכטקייט, און דאָ איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם מעכאַניזם פון פּאָליטישן לעבן, אינעם דינאַמיזם פון דער צאַפּלדיקער טאָג־טעגלעכקייט, און נישט ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן, נאָר ער האָט זיך אַליין אַריינגעצויגן און מיט גערנווילִיקייט, איבערגעגעבנקייט, מיט לייב און לעבן.

די פּאָעזיע האָט ער אפשר איצטער באַטראַכט פאַר יוגנט־זינד פון דער צייט ווען זיינע אינספּיראַציעס האָט ער געשעפּט פונעם תורה־ברונעם, און ווען דער דאַזיקער ברונעם האָט פאַר אים אויסגעטריקנט, צי האָבן אויך זיינע אינספּיראַציעס אויסגעטריקנט? אפשר האָט ער איצטער באַטראַכט דאָס שרייבן פּאָעזיע פאַר אַ בטלנות, אָדער פאַר אַזאַ זשאַנער, וואָס דינט נישט גענוג דעם קאַמף, וואָס ווירקט נישט אַזוי דירעקט אויפן לייענער, ווי למשל אַן אַרטיקל אָדער אַ רעפּאָרטאַזש? און כאָטש ער האָט געוווּסט פונעם רעוואָלוציאָנערן צוגאַנג, אַז אַ ליד קאָן אויך זיין אַ קאַמפּס־מיטל, האָט ער עס פונדעסטוועגן איבערגע־

לאָזט פאַר אַנדערע. און ער האָט זיך טאַקע פאַרנומען בלויז מיט די לידער פון אַנדערע, זייענדיק דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון פאַרשידענע פּאָליטישע אויסגאַבעס.

ווען נאַדלער איז געקומען קיין פּאַריז אין יאָר 1933 האָט ער אין אָנהייב שטודירט אויפן אוניווערסיטעט פון קאַן אַלס אינזשיניער־עלעקטריקער, אָבער אין גיכן האָט ער איבערגעריסן זיין שטודירן, סיי צוליב מאַטעריעלע סיבות און סיי צוליב נישט וועלן זיין איזאָלירט פון די יידישע אַרבעטער־קרייזן און אָרגאַניזאַציעס אין פּאַריז, צו וועלכע עס האָט אים אַזוי געצויגן. צווישן די אינטעלעקטועלע, וואָס זענען געקומען פון די בירגערלעכע סביבות אין די פּראָלעטאַרישע רייען, איז דעמאָלט געווען אין פּאַריז די מאָדע אָדער שטרעמונג פון „אוווריעריזם" (אַרבעטעריזם), אַ מין „גיין אין פאָלק", אַ חנדלען זיך צו די פאָלקסמאַסן. מען האָט זיך געוואָלט אידענטיפיצירן מיטן אַרבעטער, מיטן פּראָלעטאַריער, זיין אַזוי ווי ער, מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט זיין שטייגער־לעבן, מנהגים, געוווינהייטן, לשון.

דאָס דערמאָנט מיך אין די אַסימילירטע אָדער האַלב־אַסימילירטע יידישע מיידלעך פון די בירגערלעכע היימען אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, וועלכע האָבן געהערט צו דער קאָמוניסטישער יוגנט און וואָס זיי האָבן זיך נאָר געיחוסט מיט דער „פּוילישער גאַס" און האָבן ליב געהאַט צו רעדן נאָר פּראָסטע, אויב נישט גראָבע רייד, בכדי אַזוי אַרום צו פילן זיך נאָענט צום „ראַבאָטשאַזש" און זיין זיכער, אַז זיי האָבן זיך אַנגענומען מיטן פּראָלעטאַרישן גייסט...

ביי נאַדלערן איז דאָס, פאַרשטייט זיך, געווען אַ סך ערנסטער און טיפער ווען ער האָט געהאַט דעם באַגער אין פראַנקרייך צו דערנענטערן זיך צו די יידישע אַרבעטס־מענטשן און צו זייערע אָרגאַניזאַציעס. ווען נאַדלער איז געקומען קיין פּאַריז אין יענעם פּעריאָד האָט ער זיך גלייך געמאָלדן צו די פאַרשטייער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס און אָנגעבאָטן זיין מיטבאַטייליקונג. ער האָט מיטגעאַרבעט אין אַלע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס זיי האָבן פאַרעפנטלעכט צו יענער צייט (קיין טעגלעכע צייטונג איז נאָך דעמאָלט נישט אַרויסגעגאַנגען). ווען אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען די טאָג־צייטונג „נייע פּרעסע" איז ער איבערגעגאַנגען אַהין אַלס מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר און איז געוואָרן דער ממונה איבער דער ליטעראַרישער זייט. אָבער ער האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו ליטעראַטור־ענינים. זיין פּען האָט געקאָנט צושטעלן „שורות" אויף אַלע

געביטן. פאַר דער צייטונג איז ער געווען אַ ברכה און פאַרן לינאָטיפּ איז ער געווען אַ נישט־אויסשעפּלעכער קוואַל.

ווען איך בין אין יאָר 1937 געקומען קיין פראַנקרייך איז שוין נאַדלער געווען שטאַרק פאַרוואָרצלט אין פאַריזער יידישן ישוב און ער איז געווען אָנגעזען אין די לינקע פּראָגרעסיווע קרייזן. ער האָט איצ־טער פולשטענדיק האַרמאָניזירט מיט זיינע אידעען־חברים, געווען אַן אייגענער צווישן אייגענע. קיינער האָט מער נישט געדענקט וועגן זיין אָנגעהעריקייט צו דער אָרטאָדאָקסישער „אגודה"־פּאַרטיי אין פּוילן מיט עטלעכע יאָר צוריק. פאַריז איז געווען אַ גינסטיקער באָדן פאַר דעם אַז מען זאָל דאָס פאַרגעסן. סיי אין זיין אויסערלעכקייט און סיי אין זיין באַנעמונג איז מער נישט געווען קיין שפּור פון זיין רעליגיעזער פאַר־גאַנגענהייט. נאַדלער האָט זיך איצטער גערופן בלויז מיט זיין פאַרצווי־גענעם פאַרנאָמען מוניע (שמואל האָט געהערט צו זיין אַמאָל), אַחוץ מיט עטלעכע פּסעוודאָנימען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט, אָפּהענ־גיק פונעם זשאַנער און געביט. צווישן זיינע חברים האָט מען אים גע־רופן בלויז ביים פאַרנאָמען מוניע, וואָס דאָס האָט אויסגעדריקט נאָענט־שאַפט און אינטימקייט.

מוניע נאַדלער איז געווען אין פאַריזער יידישן ישוב אַ פּאָפּולערע געשטאַלט, וואָס האָט אַרויסגערופן צו זיך באַציאונג און דרך־ארץ. זיי־נע שליחותן פאַר דער צייטונג, ווו ער האָט געאַרבעט(אויסער זיין פּראָ־דוקטיוון און זייער בשפעדיקן „צושטעלן שורות" פאַר דער מאַשין), זענען געווען זייער וויכטיקע. ער האָט געקאָנט אָנקומען צו אָפיציעלע פּערזענלעכקייטן, דעפּוטאַטן, סענאַטאָרן, אפילו מיניסטאָרן, בכדי דורכ־צופירן מיט זיי שמועסן, מאַכן מיט זיי אינטערוויוען, אַנקעטעס. ער האָט דאָס געקאָנט דערגרייכן מיט זיין האַלטונג און באַנעמונג, מיט זיין צו־גאַנג און פּערזענלעכע מעלות, מיט וועלכע ער איז געווען באַשאָנקען.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט מוניע נאַד־לער זיך געפונען אין זיין פולער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, אויפן וועג צו זיין שטייגנדיקער זשורנאַליסטיש־פּאָליטישער קאַריערע און ס'איז נישט לייכט צו זאָגן אויף וואָס פאַר אַ ווייטערדיקן גאַנג זיין לעבן וואָלט זיך פאַרנומען אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווען עס וואָלט נישט אַזוי טראַגיש איבערגעריסן געוואָרן. איינס איז אָבער זיכער, אַז ווען די שווערע טעג זענען אָנגעקומען איז מוניע נאַדלער נישט אַוועק פון שלאַכטפעלד, הגם דאָס שלאַכטפעלד איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער ריזי־קאַליש און סכנותדיק, באַזונדערס נאָכן אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויפן ראַטנפאַרבאַנד.

דאָס לעבן איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַלץ שווערער און שווע־רער. די באַגעגענישן זענען געוואָרן זעלטענער. מען האָט זיך מערער פאַרגראָבן און פאַרשאַנצט ווי איינער האָט נאָר געקאָנט. די ווידער־שטאַנד־באַוועגונג האָט אָנגענומען שטרענגע פאַרזיכטיקייט־מיטלען, ווי אויסמיידן פריוואַטע באַגעגענישן, נישט גיין צו געסט, נישט אָפּשטעלן זיך אין שטאָט מיט באַקאַנטע סתם אַזוי. צוויי חברים האָבן זיך געקאָנט צופעליק אָנטרעפן אין גאַס און מען האָט זיך נישט באַגריסט, מען האָט זיך געמאַכט ווי מען קען זיך נישט, מ׳איז ברוגז.

דער קרייז פון די יידישע שרייבער, וואָס האָט זיך געפונען אין פאַריז, האָט דעמאָלט, צעשפּאָלטן אויף צוויי קליינע גרופּעס, געהאַט פונדעסטוועגן זייערע אָפּטע צונויפטרעפן. די גרופּע, צו וועלכער איך האָב געהערט, איז זיך צונויפגעקומען ביים שרייבער אהרן בעקערמאַן אויף רי פּיקסערעקור אין צוואַנציקסטן אַראָנדיסמאַן. פון צייט צו צייט איז אויך צוגעקומען מוניע נאַדלער צו די זיצונגען, ווי דער פאַרשטייער פון דער אָנפירונג פון אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פון אינטע־לעקטועלע פאַר ווידערשטאַנד. ווען מיר האָבן געוווּסט, אַז ער דאַרף קו־מען איז דאָס געווען פאַר אונדז אַ געשעעניש. בעקערמאַן, וועלכער האָט אין די שווערסטע מאָמענטן אַרויסגעוויזן אַ נישט־געוויינלעכן אָפּטי־מיזם, האָט זיך געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט פאַר האַפערדיקייט: „מוניע קומט...״

זיין זשורנאַליסטישע פונקציע און באַרוף האָט נאַדלער אויך אין יענער צייט אויסגעפירט מיט אַ סך געוויסנהאַפטיקייט און איבערגעגעבנ־קייט. כמעט אַלע אומלעגאַלע יידישע אויסגאַבעס האָט ער רעדאַגירט, זאָרגנדיק פאַר אַלץ. איך דערמאָן זיך ווי איין מאָל האָט ער זיך אַליין מטריח געווען און געקומען צו מיר נאָך אַ ליד פאַר אַן אומלעגאַלער אויסגאַבע. ווי פאַר דער מלחמה, האָט ער אויך דאָס מאָל ממשיך געווען זיין ראָל פון פאַרנעמען זיך מיט די לידער פון אַנדערע. אַליין האָט ער איצטער אוודאי און אוודאי נישט געשריבן קיין לידער. זיין קומען צו מיר נאָך אַ ליד איז געווען פאַר מיר אַ זכיה. דאָס ליד האָט געדאַרפט זיין געדרוקט, נאַטירלעך, אָן דעם נאָמען פון מחבר און אפילו אָן אַ פּסעוו־דאָנים. ס׳איז נישט געווען צו דערוואַרטן נישט קיין כבוד און נישט קיין האָנאָראַר. און דאָך איז די סאַטיספאַקציע געווען אַ גרויסע, די סאַטיס־פאַקציע צו זיין באַטייליקט מיט אַ ליד אין אַן אויסגאַבע, פאַר וועלכער מ׳איז זיך מוסר־נפש ביים אַרויסגעבן און אפילו אויך ביים לייענען.

עס דערמאָנט זיך אַ גאָר באַזונדערער עפּיזאָד פון מוניע נאַדלערס אומלעגאַלער זשורנאַליסטישער טעטיקייט בעת דער אָקופּאַציע־צייט. ער

איז איין מאָל געזעסן אין אַ פּאַרקאַנספּירירטער דירה און ער האָט גע־שריבן אַן אַרטיקל. מיטאַמאָל האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אַרום אין דעם קוואַרטאַל קומט פאָר אַן אַבלאַווע, אַז מען גייט פון טיר צו טיר. נאַד־לער האָט פונדעסטוועגן נישט איבערגעריסן זיין שרייבן. צו יעדער מינוט האָט מען געקאָנט קלאַפּן אין זיין טיר און ער איז געזעסן און ווייטער געשריבן. מען וואָלט זיך געקאָנט פרעגן, ווי עס איז מעגלעך געווען אין אַזאַ מאָמענט ווייטער צו ציען דעם געדאַנקען־גאַנג, צו פאָרמולירן זאַצן ? פון וואַנען האָט זיך גענומען דעמאָלט צו נאַדלערן אַזאַ קאַלטבלוטיקייט, אַזאַ ניכטערקייט און סטאָאישקייט ? איז אים דען נישט אָנגעגאַנגען דאָס אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אַרום אים ? און אפשר טאָקע דערפאַר ווייל עס איז אים יאָ אָנגעגאַנגען האָט ער נישט איבערגעריסן זיין שרייבן ? אפשר איז דאָס געווען ביי אים אַ רעאַקציע פון עקשנות, פון דווקאדיי־קייט, פון געוואָגטער צולהכעיסדיקייט, ווי דעמאָלט, בעת ער האָט גע־רעדט אויף טלאָמאַצקע 13 אין דער פינצטער, צו להכעיס דער פינצטער־ניש ? ער האָט מסתמא געוווּסט, אַז צי מען וועט אים דאָ טרעפן שרייבנ־דיק זיין אַרטיקל, אָדער נישט, וועט דאָס שוין זיין אַלצאיינס. איז ער געזעסן און ווייטער געשריבן, געשריבן — קעגן די, וואָס האָבן זיך גע־יאָגט נאָך אים. און ווען זיי וואָלטן אויפגעבראָכן די טיר, וואָלטן זיי אים געטראָפן אַ קעמפנדיקן קעגן זיי.

און אַזוי האָט ער דעם אַרטיקל פאַרענדיקט.

✶

פרילינג־צייט פון יאָר 1942 האָט מען זיך אין די באַהעלטענישן צווישן יידן אין פּאַריז איבערגעגעבן פון מויל צו מויל די פּיינלעכע ידיעה, אַז מוניע נאַדלער איז אַריינגעפאַלן. „אַריינגעפאַלן" איז געווען צו יענער צייט אַ שרעקלעך וואָרט, בפרט נאָך אַז מען האָט זיך אָנגע־הויבן דערוויסן ביי וואָס פאַר אַן אומשטענדן מוניע נאַדלער איז אַריינ־געפאַלן.

נאַדלער האָט געהאַט אין שטאָט אַ ראַנדעוווּ מיט אַן אַקטיוון טוער פון דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע פון די אינטעלעקטועלע, דעם יונגן ד"ר יאַסעק בורשטין, אַ לובלינער ייד. ד"ר בורשטין איז נישט געקומען אויף דער ראַנדעוווּ. דאָס האָט באַאומרויקט נאַדלערן. ער האָט גע־וווּסט פון אַן אַדרעס ווו מען קאָן בורשטינען טרעפן. ער איז אים גע־גאַנגען דאָרט זוכן. און דאָס איז פאַר נאַדלערן געווען פאַטאַל.

אין יענער דירה האָבן צוויי פאַרטיזאַנער זיך פאַרנומען מיט צו־

נויפשטעלן אַ באַמבע.ביים מאַניפּולירן מיט איר האָט די באַמבע אויפ־געריסן און די צוויי פּאַרטיזאַנער זענען אומגעקומען. נאָך דעם אויפרייס איז געקומען די פּאָליציי. די געשטאַפּאָ האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער דירה און ווער עס איז נאָר דאָרט אַריינגעקומען איז אַריינגעפאַלן אין איר אויפגעשטעלטער נעץ, וואָס האָט געלויערט לאַנגע מעת־לעתן. דאָס צימער, וואָס איז געווען שטאַרק באַשעדיקט פונעם אויפרייס, איז געווען פול מיט בראָכווארג, שפּליטערווארג און מיט די געשטאַפּאָ־געשפּענסטער, וואָס האָבן געוואַרט גערולדיק אויף זייערע קרבנות. לערך זיבעצן מענטשן זענען אויף אַזאַ אופן אַריינגעפאַלן און שפּעטער דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן אויפן מאָן־וואַלעריען.

צווישן זיי האָט זיך געפונען מוניע נאַדלער. דאָס זענען געווען ס׳רוב אַקטיווע ווידערשטאַנד־קעמפער. אָבער יעדער איינער, אפילו אַ זייטיקער מענטש, האָט דאָ אויך געקאָנט צופעליק אַריינפאַלן, אפילו עמע־צער וואָס וואָלט דאָ אין הויז געזוכט אַן אַדרעס און וואָלט זיך טועה געווען מיט דער טיר. מען האָט זיך איבערגעגעבן אין יענע טעג, אַז אַ ייד, וואָס איז אַריינגעקומען דאָרט פאַרקויפן אַ שטיקל פּוטער און אַ פּאָר אייער (ווייל דער מענטש לעבט דאָך נישט בלויז מיט באַמבעס), איז אויך אויף אַ טראַגיש־צופעליקן אופן אַריינגעפאַלן אין דער געש־טאַפּאָ־נעץ, פאַר וועלכער קיין שום פאַרענטפער אָדער אַליבי זענען נישט געווען גילטיק. פאַר דעם, צי דאָס האָט געשטימט מיטן אמת, קאָן איך נישט ערוב זיין. אַלנפאַלס, האָט עס אַזוי געקאָנט געשען.

נאָך דעם ווי מען האָט זיך דערוווּסט ווי אַזוי מוניע נאַדלער איז אַריינגעפאַלן האָט יעדער פאַרשטאַנען, אַז זיין גורל איז געחתמעט.

אַ זעלטענע גייסטיקע גבורה האָט נאַדלערן צוגעגרייט אויפצונעמען זיין גורל און אין זיין לידער־זאַמלונג „דער וועג צו זון" לייענען מיר אַזעלכע נביאישע שורות וועגן זיין שפּעטערדיקן סוף:

אונדז גערופן האָט דער בונט פון שוואַרצע נעכט,
דער אויסלייז־שטערן האָט געלאָקערט אונדזער בליק,
און מאַמעס ווייסע הענט און שבת־קודש־לעכט
געבעטן האָבן אונדז, געבעטן אונדז צוריק —
און אונדז גערופן האָט דער בונט פון רויטע נעכט,
ס׳האָט נישט קיין יוגנט־פרייד באַפליגלט אונדזער פלי,
אַ תפיסה צי אַ תליה האָט אויף אונדז געוואַרט!

✶

אין די יאָרן נאָך דער מלחמה איז מיר שוין נישט איין מאָל אויס־געקומען צו באַטייליקן זיך אין דער אזכרה פאַר די אַכט און פערציק יידישע ערובניקעס פון לאַגער דראַנסי, דערשאָסן דעם 15־טן דעצעמבער 1941 אויפן מאָן־וואַלעריען.

די אזכרה, וואָס עס אָרגאַניזירן יאָר־יערלעך יידישע אָרגאַניזאַציעס, קומט פאָר אויפן מאָן־וואַלעריען גופא, אויפן אָרט ווו די עקזעקוציעס זענען פאָרגעקומען. מיר גייען אויפן אינעווייניקסטן וועג פון דער פעס־טונג, וואָס פירט צום עקזעקוציע־פּלאַץ. מיר גייען שווייגנדיקע, פאַר־זונקען יעדער אין זיינע געדאַנקען און מעדיטאַציעס, באַלאָדן מיט שווערע געמיטער. צווישן עולם דערקען איך פרויען, אלמנות פון די דער־שאָסענע מענער, וואָס איך האָב געקענט אין דראַנסי. איך טראַכט דאָ קודם־כל פון די דערשאָסענע, וואָס איך האָב געקענט פּערזענלעך. דע־מאָלט טראַכט איך אויך וועגן מוניע נאַדלער, הגם ער האָט נישט גע־הערט צו די דערשאָסענע ערובניקעס פון דראַנסי. אָבער פּונקט ווי זיי, איז ער שפּעטער אויך דאָ, אויף אָט דעם וועג, געגאַנגען זיין לעצטן גאַנג אויף דער ערד.

נאָך דעם טראָג איך זיך איבער אין מיינע מחשבות צום בית־עולם פּער־לאַשעז. איך בלאָנקע דאָרטן אַרום אַליין אין די אַלייען, ווו זיין קבר געפינט זיך דיסקרעט פאַרשטעלט פון די גרויסע מאָנומענטן. פּלוצלונג דערהער איך אַן אויסטערלישן געשאַרך און גערויש. איך דערזע אַן עולם, אַ שוואַרץ־געקליידטע מחנה טראָגט זיך אַן פון דער זייט. איז דאָס אַ לוויה, וואָס ציט אַהער ? ווו־זשע איז דער אָרון ? אָבער עפּעס זענען מיר די מלווים קענטלעך. ווען און ווו, אייגנטלעך, האָב איך זיי געזען ?... שאַ, איך האָב זיך דערמאָנט ! דאָס איז דאָך דער עולם פון די פרומע יונגעלייט פון טלאָמאַצקע 13, וואָס זענען אַמאָל געקומען צום רעפּעראַט פון שמואל נאַדלער. דער גאַנצער אָנגעפּראָפּטער זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין איז דאָ אַהערגעקומען. איך זע זיי אַדורכשלייכן זיך דורך דער אַלייע. שאָטנס פון געשטאַלטן. געשטאַלטן פון שאָטנס. דער שוואַרצער קאַרטעזש אין קאָפּאָטעס און יידישע היטעלעך, וואָס דער פּער־לאַשעז האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכן נישט געזען, פּאַרקערעוועט זיך אַהער צום קבר. פון די יונגעלייט טראָגט זיך אַ געמורמל, ווי זיי וואָלטן גע־זאָגט בציבור תהילים. זייער געמורמל ווערט העכער, נענטער, און אויך זיי אַליין ווערן נענטער. און פאַרויס פון דעם גאַנצן עולם גייט ער אַליין, דער בעל שם טוב.

די יונגעלייט רוקן זיך צונויף אַרום דעם קבר פון שמואל נאַדלער, מאַכנדיק אַרום אים אַ שוואַרצן עיגול. איבערן קבר לאָזט זיך הערן דאָס קול פון בעל שם טוב:

„זיי, דיינע אָמאָליקע חברים, זענען איצטער נאָך אַ מאָל געקומען צו דיר, תלמיד מיינער און באַזינגער. דו, זייער פאַרוואָגלטער ברודער אין כרך פּאַריז און אויף די שיידוועגן פון דער וועלט. זיי האָבן דיך געזוכט און דיך אָפּגעפונען.

זיי זענען געקומען דיר אָפּגעבן כבוד און בענטשן דיין גאַנג צו קידוש־השם. זייערע קריעה־געריסענע קליידער האָבן שוין פון לאַנג די ערדישע גיהנום־פלאַמען פאַרברענט צוזאַמען מיט זייערע לייבער. אין און די זעלבע האַנט האָט אַלעמען פאַרלענדט און פאַרטיליקט — דיך, זיי, און מיין פאָלק ישראל.

אין דיינע שירים האָסטו אַמאָל פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל נישט זאָגן נאָך דיר קיין קדיש. דאָס אָפּהיטן אַ צוואה איז הייליק. דאָך, באַוויליק מיר, תלמיד מיינער און משורר, מיר, ר׳ ישראל בעל שם טוב, מותּר צו זיין אויף דעם״.

דער געמורמל פון די יונגעלייט ווערט העכער, שטאַרקער, פאַר־דביקהטער. אַ ווינט־געזויש טראָגט זיך אַדורך דורך די צווייגן פון די אַלטעביימער פון פּער־לאַשעז. פון די שטומע שטיינערנע מאָנומענטן לזכר די פאַרטיליקונגס־לאַגערן גייט־אויף אַ יאָמער־געשריי. עס כאַפּן זיך אויף טענער פון דער „מאַרסעליעזע״ און פון „אינטערנאַציאָנאַל״ פון באַגייסטערטע מאַניפעסטאַנטן, וואָס דעפילירן פאַרביי פאַר די פייער־לעכע טריבונעס. אַקעגנאיבער, ביי דער קאָמונאַרן־וואַנט הילכט אָפּ אַן עכאָ פון מאַשין־געוועער און פון מענטשלעכע געשרייען; עס שטעפּן די מיטראַליעזן פון גענעראַל גאַליפעט און עס פאַלן די קאָמונאַרן אַ גוף איבער אַ גוף. און איבער דעם אַלעם פלעכט זיך אַדורך דער שטילער געשעפּטש פון בעל שם טוב: יתגדל ויתקדש...

1970

אלטער קאַציזנע —
ווי איך געדענק אים

אין 1971 ווערט דרייסיק יאָר ווי אַלטער קאַציזנע איז אויפֿן יידישן בית־עולם פֿון טאַרנאָפּאָל, אין שאָטן פֿון אַלטע מצבֿות און קבֿרים פֿון גייס־טיקע יידישע מנהיגים, דערשלאָגן געוואָרן צום טויט מיט שטעקנס און ציגל. די טויטן־שלעגער זענען געווען אוקראַיִנישע יידן־מערדער, באַנדעראָוו־צעס, יורשים פֿון כמעלניצקין און פֿון פּעטליורען.

מיט פּעטליורען האָט קאַציזנע מיט עטלעכע יאָר פֿריער געהאַט אַ חשבון אין זיין דראַמע „שלום שוואַרצבאָרד" („וועלט־געוויסן"); איצטער האָבן פּעטליורעס יורשים אים פֿאַרשלעפּט אַהער אויפֿן יידישן בית־עולם און פֿאַרן שוידער־בילד פֿון אַ זעלבסט־אויסגעגראָבענעם קבֿר האָט ער זיך דאָ געפֿונען מיט זיי און אויך מיט אים, פּעטליורען, אין אַ לעצטן פּנים־אל־פּנים.

פֿון לעמבערג זענען אָפּגעטראָטן די סאָוויעטן און צו לעמבערג האָבן זיך דערנענטערט די דייטשן. די לעצטע סאָוויעטישע אַריערגאַרדן האָבן זיך געאיילט אויף מזרח און די ערשטע דייטשע אַוואַנגאַרדן האָבן זיך אַנגערוקט פֿון מערבֿ. אַלטער קאַציזנע האָט נישט באַוויזן זיך צו עוואַקויִרן מיט זיין פֿרוי חנה און זייער טאָכטער שולמית. לויט געוויסע מקורות זאָל מען אים נישט האָבן אַריינגעלאָזט אינעם עוואַקואַציע־צוג דערפֿאַר ווייל ער האָט נישט געהאַט צו באַווייזן קיין פּאַרטיי־ביכל. אַזוי צי אַזוי, איז ער דאָ פֿאַרבליבן אויפֿן באַראָט פֿונעם הפֿקר און פֿון זיין טראַגישן גורל. נישטאָ מער פֿאַר אים קיין שום לאָקאָמאָציע־מיטל, וואָס זאָל אים ראַטעווען. ניש־טאָ מער קיין צוג, נישט קיין אויטאָמאָביל, נישט קיין פֿערד־און־וואָגן. פֿאַר זיינע אויגן האָט זיך יעדעס ראָד פֿון אים אָוועקגעדרייט און אַוועקגעקאָ־לערט. עס בלייבט אים בלויז איבער צו לויפֿן מיט די אייגענע לעצטע כּוחות אויף מזרח. פֿון הינטן יאָגט אים נאָך און פֿאַרלויפֿט אים דעם וועג דאָס מאָטאָריזירטע דייטשע רייך מיט זיין ציוויליזאַציע, מיט זיינע וויסנ־שאַפֿטלער, פֿאַרשער, פֿילאָזאָפֿן, דענקער, מוזיקער, מיט וועלכע ער, קאַציזנע,

האָט זיך מסתמא געיחוסט, פונקט ווי מיר אַלע. אָבער פריער נאָך, איידער די ערשטע ווערמאַכט־אָפּטיילונגען וועלן אָנקומען, וועלן אים פאַרכאַפּן זייערע אוקראַינישע שטעלפאַרטרעטער און פאַרשפּאָרן זיי — דערווייל — אַ טירחה פון פאַרנעמען זיך מיט יידן, בעת זיי, די דייטשן, וועלן זיך איילן און נישט האָבן קיין צייט, ווייל זיי וועלן זיין שטאַרק באַשעפטיקט מיט זייער אָוואַנסירן ווייטער אויף מזרח.

אויפן גוטן אָרט פון טאַרנאָפּאָל האָבן די פאַרקוואַרטע יידישע בית־עולם־ביימער פאַרנומען קאַציזנעס לעצטע פאַרצווייפלטע רופן נאָך הילף, וואָס האָט פון ערגעץ נישט געקאָנט קומען און ס'איז געבליבן הענגען אויף זיי די אייביקע יידישע קשיא: „מאין תבוא עזרה?"

נעמיראָוו, טולטשין, קישיניעוו, פּראָסקוראָוו, האַראַדיטש זענען זיך דאָ נאָך אַ מאָל צונויפגעלאָפן, בכדי צו פּראַוועון זייער אָרגיע פון בלוט און רציחה. פון זייערע לעכער זענען אַרויס די פינצטערע שאָטנס פון קריוואָנאָס, באָהון, גאָנטע, מאַזעפּע, זשעלעזניאַק, בכדי אַרויפצופאַלן אויף אים צוזאַמען מיט דעם האָגל פון ציגל און שטעקנס. איך זע אים אונטער זיי, ווי אונטער דער אוראַלטער מיתה־עקזעקוציע פון סקילה — פאַרשטיינט צו ווערן. פאַר די אויגן פון אַ גאָלדענעם טאָג פון יולי און אַ ליכטיקער זומער־זון ווערט ער אויך איצטער פאַרשטיינט, פאַרציגלט, פאַרשטעקנט. די קלעפּ שיטן זיך און פאַרשיטן אים אינגאַנצן ביז ער גייט אויס און גייט פאַר־לוירן אונטער זיי.

זינט עטלעכע יאָר האָט פון אונטער דער קופּע שטעקנס און ציגל אָפּער אויפגעטויכט פאַר אונדז אין אַ גייסטיקן תחית־המתים דאָס מאַרטירער־געזיכט פון אַלטער קאַציזנע. פונעם צעבראָכענעם און צעהאַקטן גוף זיינעם האָט זיך אויפגעהויבן און געשטעלט פאַר אונדזערע אויגן זיין גאַנצע שריי־בערישע געשטאַלט. ער האָט אויפגעוועקט אין אונדז אַ באַנייטן אינטערעס צו אים און צו זיין ווערק. און דאָס איז אַ דאַנק זיין על־פּי־נס לעבן־געבליבענער איינציקער טאָכטער שולמית, וועלכע האָט גענומען אויף זיך די איידעלע שליחות אַרויסצוגעבן די ליטעראַרישע ירושה פון איר פאָטער אין אַ פולער אויסגאַבע. דאָס איז געוואָרן די לעצטע יאָרן איר לעבנס־זין און איר הייליקער חוב. ביז איצטער זענען שוין דערשינען אין תל־אביב צוויי בענד פון קאַציזנעס געזאַמלטע שריפטן און טאַקע אַ דאַנק איר אי־ניציאַטיוו, איר מי און ענערגיע און פאַר אַלעם — איר טיף פּיעטעט־געפיל צו איר פאָטער דעם קדוש.

זעט אויס, אַז דער גורל, אָדער, אויב איר ווילט, די השגחה עליונה,

האָט זיך געמיט בעת דער תקופה פון יידישער פאַרלעגדונג אין אייראָפּע צו שוינען און שומר ומציל זיין שולמית קאַציזנע, בכדי זי זאָל שפּעטער שומר ומציל זיין איר פאָטערס גייסטיקע ירושה, זי באַנייען און באַלעבן פאַר אונדז אַלעמען. ווייל ווער וואָלט עס נאָך אַזוי געקאָנט טאָן ווי זי, אָדער ווער וואָלט עס בכלל געטאָן, ווען ניט זי.

די השגחה עליונה אַליין קאָן זיך ניט פאַרנעמען מיטן אַרומגיין מיט אַ פּלעדערוויש און אָפּווישן דעם שטויב פון פאַרגעסנקייט פון יידישע שרייבער (זי האָט בילכערע עסקים און קלאָפּאָטן), פאַרהיט זי אַמאָל פאַר דער דאָזיקער שליחות אַ געטרייען יורש, אייגן בלוט־און־פלייש, אויף וועמען זי קאָן זיך פאַרלאָזן, און וואָס וועט דאָס טאָן מיט איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט.

אין דעם ניט־נאָרמאַלן יידישן לעבן זענען אָפט די פאַרלאַגן פון יידישע ביכער אויך ניט נאָרמאַלע. אָפטמאָל זענען די נעמען פון די פאַרלאַגן פיקטיווע, אָדער ווי וועקסלען אָן דעקונג. אַמאָל זענען די דאָזיקע פאַרלאַג־נעמען גאָנץ פּשוט פּסעוודאָנימען פון די מחברים. הינטער יעדן פאַרלאַג, אַפילו שוין דעם אמתדיקן (פּריוואַטן אָדער געזעלשאַפטלעכן) מוז שטיין דער מחבר, שטיין און אויסשטיין אַלע שווערקייטן. ער דאַרף נעמען אויף זיך ניט בלויז דעם געזעלשאַפטלעכן חוב, נאָר בכלל אַלע חובות. ער דאַרף אַלץ אויסטראָגן, שוין ניט רעדנדיק פון אויסטראָגן דאָס ווערק, וואָס דאָס וועט שוין זיכער קיינער ניט טאָן פאַר אים.

אין דער יידישער ביכער־פּראָדוקציע האָט די פּריוואַט־איניציאַטיוו די אויבערהאַנט. עס איז ניט קיין נייעס, אַז משפחה־מיטגלידער פון פאַרשטאָרבענע אָדער אומגעבראַכטע יידישע שרייבער פאַרנעמען זיך מיטן צונויפזאַמלען, צוגרייטן און אַרויסגעבן די ליטעראַרישע ירושה פון זייערע נאָענטע. די פאַרשטאָרבענע צי אומגעקומענע שרייבער ווערן דורך זיי מיט דעם צוריק אַריינגעפירט אין לעבן אַריין. זייערע יורשים זענען דאָ אויף אַ ממשותדיקן אופן מקיים דעם יידישן טראַדיציאָנעלן ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳ (זאָלן זייערע נשמות זיין פאַרבונדן מיטן בונד פון לעבן).

פון דער סעריע פּריוואַט־איניציאַטיוון טיילט זיך אויס דער פאַל פון שולמית קאַציזנע־רעאַלע, וואָס לעבט אין רוים זינט זי האָט חתונה געהאַט מיטן געוועזענעם ערשטן איטאַליענישן אַמבאַסאַדאָר אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן, עוגעניאָ רעאַלע. אין דער שטאָט פון אַלטערטימלעכן חותם און גלחישע סוטאַנעס, ווו זייענדיק איזאָלירט פון אַ יידישער סביבה, איז זי פונדעסטוועגן ניט איזאָלירט, ווייל זי איז פאַרבונדן מיט דער גאַנצער יידישער שרייבערישער וועלט, וואָס שאַצט אָפּ טיף איר שיינע שליחות.

אַלע יידישע שרייבער גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז דורכן אַרויסגעבן די פולע אויסגאַבע פון איר פּאָטערס ווערק גיט זי נישט בלויז אָפּ כבוד זיין אָנדענק, נאָר זי פאַרשאַפט אויך כבוד דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, הגם אירע כוונות זענען געווען און זענען ווייטער יחידישע, משפחהדיק־אינטימע און אין זינען געהאַט האָט זי אפשר דערביי די אָנהייב־פּערזן פון קאַציזנעס באַלאַדע „דאָס ליד פון שבעלע הדסהס״:

דאָס לעבן שפּראָצט, דאָס לעבן בליט, פאַרבליט,
אַ וועלט פאַרגייט, אַ וועלט באַנייט די כוחות,
און צאַנקט אַ מענטש, פאַרבלייבט נאָך אים זיין ליד,
אַ שפּליטער גאָלד אין שטויביקן פּרוכת.

אַ שפּליטער גאָלד אין אייביקן געוועב,
וואָס בליצט אַליין פאַר זיך געהיים־בשתיקה.
שוין לאַנג צו שטויב איז דער, וואָס האָט געלעבט,
און נאָר דאָס ליד — זיין ליד געפינט אַ תיקון.

דער דאָזיקער שפּליטער גאָלד איז געווען פאַר שולמיתן דער עמוד־האש אין דער שטאָק־פינצטערער היטלער־נאַכט, זי האָט אים געהיטן ווי דעם טייערסטן אבן־טוב, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זי האָט אים דורכגעטראָגן צו אונדז און פאַר אונדז און איצטער איז אויך פאַר איר דער דאָזיקער שפּליטער גאָלד אַ הייליק נר־תמיד־פלעמל לזכרון איר פאָטער, וואָס זי לאָזט נישט אויסגיין. זי האָט פאַרנומען ווי אַ צוואה זיינע פילאָזאָפיש־וויזיאָנערישע מחשבות, פון וועלכע עס הערט זיך אַרויס אַ קהלת־טאָן, און וועלכע זענען קודם־כל חל פאַר אים אַליין: „שוין לאַנג צו שטויב איז דער, וואָס האָט געלעבט, און נאָר דאָס ליד — זיין ליד געפינט אַ תיקון״.

דורכן צונויפנעמען און אַרויסגעבן איר פאָטערס ווערק באַשטעטיקט שולמית און גרונטפעסטיקט זיינע מחשבות — זי גיט זיין ליד אַ תיקון און אויך איר טרויער און נישט־געשטילטער צער אַליין באַקומען אין דעם אַ תיקון.

די שאַפונגען, וואָס קומען אַריין אין די צוויי בענד פון קאַציזנעס „געזאַמלטע שריפטן״, זענען נישט גרופירט לויט זשאַנער. מען געפינט אין זיי בשכנות פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע. מעגלעך, אַז דאָס איז בלויז צוליב טעכנישע טעמים. דאָס ווייזט אָבער אָן גלייך אויף קאַציזנען דעם פילזשאַנער־דיקן שרייבער, הגם נישט אַלע זיינע זשאַנערן, אין וועלכע ער האָט געשאַפן, קומען דאָ אַריין. קאַציזנע איז געווען אַ דיכטער, דראַמאַטורג, נאָוועליסט, ראָמאַניסט, עסייאיסט, פּובליציסט, פעליעטאָניסט און מען קאָן צוגעבן נאָך

אַן „איסט": פאָטאָגראַפיסט, און נישט לגנאַי, ווייל אויך אין זיין באַרוף אַלס פאָטאָגראַף האָט זיך געפונען קאַציזנעס עסטעטישער געשמאַק (און עסטע־טישער געשמאַק איז דאָך נישט עפּעס אַנדערש ווי אַן עלעמענט פון קונסט).

אַ מלאכה פאַר אַ שרייבער, וואָס ער דאַרף טאָן צוליב חיונה, איז דאָך זיכער ביי אים אַן אַפּקומעניש, אַ מוז. אַ שרייבער קאָן שאַפן פון לעבן, אָבער זעלטן לעבן פון שאַפן. אויך פרץ, קאַציזנעס רבי און מורה־דרך, האָט געמוזט יאָרן־לאַנג זיצן אַ האַלבן טאָג אַלס באַאַמטער אין דער יידישער געמינע אין וואַרשע, אין דער אָפּטיילונג פאַר קרקעס, פון וואָס ער האָט געדאַרפט ציען זיין חיונה. און ווער ווייסט וויפל ס'האָט היזק גע־האָט די יידישע ליטעראַטור פון פרצעס זיין באַשעפטיקט מיט די קרקעס. צי האָט דען פרץ געקאָנט האָבן אַ באַציאונג צו זיין „פאַך" ?

קאַציזנע, האָב איך דעם איינדרוק, האָט יאָ ליב געהאַט זיין פאָטאָ־גראַפיר־באַרוף, אויב ער האָט שוין געמוזט זיין פאַרקנסט צו אים, ווייל אויך אין אים האָט ער זיך אין אַ געוויסער מאָס אויסגעלעבט קינסטלעריש. דאָס האָט באַוויזן זיין אויפכאַפּן מיט זיין פאָטאָ־אַפּאַראַט יידישע כאַראַק־טער־טיפּן פון די שטעטלעך, פון די וואַרשטאַטן, ישיבות, חדרים, חסידים־שטיבלעך. ער האָט פאַראייביקט מיט זיין אַפּאַראַט דעם יידישן בעל־מלאכה ביי זיין אַרבעט, דעם גאַסן־הענדלער ביי זיין וועגעלע מיט „סחורה", דעם טרעגער מיט זיינע שטריק, דעם שטאָט־נאַר אויפן מאַרק, דעם מלמד ביים קנעלן מיט זיינע תלמידים. די דאָזיקע בילדער זענען פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אַמאָל אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" און שפּעטער אַרויס אין אַן אַלבום. אין דעם איז אויך געווען קאַציזנעס טאַלאַנט, אַחוץ זיין הייסע ליב־שאַפט צום יידישן פאָלקס־מענטש. איצטער, ווען די אַלע געשטאַלטן זענען מער אין פוילן נישטאָ, ווען די יידישע שטעטלעך דאָרטן זענען מער נישטאָ און איבער זייער מוראדיקער לייִדיקייט טראָגט זיך אַרום איין גרויסער „אל מלא רחמים", האָבן קאַציזנעס איבערגעבליבענע בילדער אַ גאָר באַזונדערן געשיכטלעכן באַדייט.

מיטן דערמאָנען דאָס האָב איך געוואָלט אָנווייזן אויף נאָך אַ טאָן פון קאַציזנעס פילקאַליריקן שימערירנדיקן טאַלאַנט, וואָס געפינט זיך מחוץ זיינע צוויי בענד „געזאַמלטע שריפטן", וועלכע פינקלען און בלישטשען ווי צוויי שאַכטלען מיט אוצרות, כלערליי שטיקער צירונג, וואָס עס איז שווער זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון וועלכע פון זיי פאַרכאַפּט מער דאָס אויג. זאָלן דאָס זיין זיינע דראַמאַטישע פּאָעמעס „פּראָמעטעאוס" און „הורדוס", וואָס זענען געשריבן אין קלאַסישן סטיל און פאַרעם, צי זיין דראַמע „דער דוכוס",

געבויט אויף דער לעגענדע פון ווילנער גר־צדק, זיין לעצטע דראַמאַטישע שאַפונג, „דעם יידנס אָפּערע" פון דער עפּאָכע פון די מאַראַנען אין פּאָר־טוגאַל, אָדער זיינע „באַלאַדן און גראַטעסקן", וואָס ער האָט געשעפּט פון די לויטערע קוואַלן פון יידישן פאָלקלאָר און כעלעמער מאָטיוון; צי גאָר זיינע נאָוועלן פון דער אָפּטיילונג „אַראַבעסקן", אײדעלע, לייכטנדיקע „שפּליטערס גאָלד אין שטויביקן פּרוכת", וואָס עס איז נישטאָ קיין ספק אין זייער פּראָבע. איבערלייענענדיק די ערשטע נאָוועלע „קראַנקע פּערל" איז מען גלייך פאַרזיכערט אין דעם. קאַציזנע פירט אונדז דאָ אַוועק אין אור־אַלטן ירושלים, ער באַקענט אונדז מיט דער מלכּה שבֿא, וואָס דאַרף גיין אָפּשטאַטן אַ באַזוך דעם מלך שלמה. אָבער דאָ דערזעט זי, אַז די פּערל, וואָס זי טראָגט, זענען בלאַס און קראַנק, און ווי וועט זי זיך קאָנען ווייזן מיט זיי פאַרן מלך? איין עצה איז פאַראַן, וואָס עס גיט איר דער אַלטער דינער אירער, אבנר, בכדי זיי צוריק געזונט צו מאַכן: אַריינוואַרפן זיי אין ים אַריין אָדער אָנטאָן זיי אויף אַ וואַרעם האַרץ. דער שׂכל־הישר זאָגט אונטער, אַז ס'איז גלייכער אויסצוקלויבן די צווייטע עצה און דאָס וואַרעמע האַרץ געפינט זי ביי דער פּשוטער היטערין שולמית. דער מוסר־השׂכל איז דאָ לויטער, ווי די תמימות און ערלעכקייט פון דער יונגפרוי. „קראַנקע פּערל" איז אַ מוסטערהאַפטע און מייסטערהאַפטע שאַפונג, ממש אַליין אַ פּערל און טאַקע אַ געזונטע פּערל.

הגם אין יעדן זשאַנער זיינעם געפינט מען אָפּ קאַציזנעס אייגנאַרטיקן און אָריגינעלן טאַלאַנט און ס'איז שווער צו זאָגן אין וועלכן געביט זיינעם איז ער שטאַרקער, האָט ער פונדעסטוועגן דערגרייכט זיין וויכטיקסטע פּאָזי־ציע אין דער דראַמאַטורגיע. דאָס איז קודם־כּל דערפאַר ווייל זיינע דראַ־מעס זענען אַמאָל געשפּילט געוואָרן אין די ערנסטע יידישע טעאַטערס פון פּוילן. דאָס שרייבן דראַמעס איז אָפּט פאַר אַ מחבר אַ לאָטעריע, ווו מען דאַרף קודם־כּל אַריינלייגן די סטאַווקע — דאָס הייסט, האַרעוואַניע. אויב ווערט נישט די דראַמע געשפּילט און זי בלייבט בלויז אַ לייען־שטאָף (און אַ לייען־שטאָף וואָס מען לייענט נישט) איז עס אַ סך ערגער ווי מיט אַ גוטער פּראָזע־שאַפונג. דער מחבר פאַרשפּילט דאָ אַלץ און אַפילו די סטאַווקע.

קאַציזנע האָט אַרויסגעצויגן נישט בלויז די סטאַווקע, נאָר אויך דאָס גרויסע געווינס. זיינע דראַמעס זענען געשפּילט געוואָרן מיט דערפאָלג און אים פאַרשאַפט אַ גוטן נאָמען פון אַ דראַמאַטורג אין דער יידישער טע־אַטער־וועלט און אין דער ליטעראַטור. דאָס, וואָס אַלעקסאַנדער גראַנאַך האָט זיך אין די דרייסיקער יאָרן געוואָנדן צו אים, און נישט צו עמעצן

אַנדערש, מיטן געדאַנק און פּראָיעקט אָנצושרייבן די דראַמע „שלום שוואַרצבאַרד“, זאָגט אויך אַ סך.

מיר איז נישט אויסגעקומען צו זען אויפפירן אויף דער בינע קאַציזנעס דראַמעס. ווייל ווען זיי זענען געשפּילט געוואָרן אין די פריע צוואַנציקער יאָרן אין פּוילן בין איך נאָך געווען צו יונג אויף צו זיין אַ טעאַטער־באַזוכער, אַחוץ דעם האָבן מיר אויך געפעלט פאַר דעם די געלט־מיטלען; דאַקעגן האָב איך געהאַט די געלעגנהייט בייצוווינען די פייערלעכע פּרעמיערע פון זיין דראַמע „שלום שוואַרצבאַרד“ אין לאָדזש אין דער אויפפירונג און מיט דער באַטייליקונג פון א. גראַנאַך. די פּרעמיערע איז געווען אַ יידישער קולטור־יום־טוב אין לאָדזש. דאָס איז געווען דאָס אייג־ציקע מאָל ווען איך האָב געזען אויפפירן קאַציזנעס אַ דראַמע אויף דער בינע. דער טעאַטער־זאַל איז געווען אויסגעפּילט ביזן לעצטן בענקל און אין יידישן לאָדזש אין די דרייסיקער יאָרן איז געווען מיט וועמען אויסצופילן אַ זאַל. די פּיעסע „שלום שוואַרצבאַרד“ האָט, אגב, שפּעטער די פּוילישע צענזור פאַרווערט צו שפּילן. דורך דעם וואָס די פּיעסע האָט באַהאַנדלט די טעמע וועגן פּאָגראָמען אויף יידן האָט זיך די פּוילישע מלוכה געפילט געטראָפן.

אויב דורך דראַמעס, וואָס ווערן געשפּילט מיט דערפאָלג, באַקומט דער מחבר זיין מאַראַלישן שכר (און אַמאָל אויך נישט בלויז מאַראַלישן) מער ווי פאַר אַן אַנדערן זשאַנער, הייסט דאָס נאָך נישט אַז אין דער פּאָעזיע, וואָס דערגייט טאָקע ווינציקער צום לייענער, זענען זיינע קינסטלערישע קוואַלי־טעטן קלענערע ווי אין זיין דראַמאַטורגיע. נישט מער, דאָס מזל פון דער פּאָעזיע איז שוין אַזוי. דאָס איז נישט געזאָגט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר קאָנקרעט, פאַרשטייט זיך, אין שייכות מיטן שאַפן פון אַלטער קאַציזנע

קאַציזנע האָט נישט איבערגעלאָזט קיין גרויסע, אין כמות, פּאָעטישע ירושה (איך האָב דאָ נישט אין זינען, פאַרשטענדלעך, זיינע דראַמאַטישע פּאָעמעס). אין יאָר 1936 איז דערשינען אין וואַרשע זיין איינציקע זאַמלונג „באַלאַדן און גראָטעסקן“. זיי זענען באַשטאַנען פון דרייצן גרעסערע שאַ־פונגען, וואָס זענען איצטער אַריין אין דעם ערשטן באַנד פון זיינע „גע־זאַמלטע שריפטן“. איך האָב קאַציזנעס פּאָעטישע שאַפונגען געלייענט ווען זיי זענען אַמאָל אַרויס אין וואַרשע און זייער פיינער אַראָמאַט האָט זיך פאַר מיר נישט אויסגעוועפּט נאָך אַזוי פיל יאָרן (און וואָס פאַר אַ יאָרן!). ווען איך האָב זיי לעצטנס נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט זענען מיינע עמאָ־ציעס נישט געווען קיין קלענערע, הגם דאָס טרעפט זיך זייער זעלטן ווען

מען לייענט אין די רייפע יאָרן נאָך אַ מאָל אַ ווערק וואָס מען האָט עס גע־האַט געלייענט אין דער יוגנט.

קאַציזנעס באַלאַדעס און גראַטעסקן זענען ווי די דינע איידעלע אָר־זאַרן, געשטיקט מיט גאָלד־פעדעם דורך צאַרטע פינגער אויף דער קאָנווע פונעם „שטויביקן פרוכת". הגם קאַציזנע האָט אונטערגעשטעלט אין טיטל „באַלאַדע" און „גראַטעסק" ווי צוויי באַזונדערע זשאַנערן, איז דאָ נישט אַזוי לייכט אָפּצוטיילן דאָס באַלאַדישע פונעם גראַטעסקן און דאָס גראַטעסקע פו־נעם באַלאַדישן. אין ביידע איז דער עיקר דער פאָלקסטימלעכער עלעמענט. קאַציזנעס באַלאַדעס זענען עפּיש־דערציילעריש, עס איז נישט פאַראַן אין זיי, ווי געוויינלעך אין דער קלאַסישער באַלאַדע, אַ שטרענגע פייערלעכ־קייט און צימצומדיקע קאָנדענסירטקייט, הגם זיי פאַרמאָגן אַ באַשטימטע אויסגעהאַלטענע אַרכיטעקטאָניק און זיי פאַרענדיקן זיך מיט דער געהע־ריקער אויפלייזונג און פּוענטע, ווי קאַציזנע וואָלט דאָ אַריינגעטאָן אַ טראָפּן פון זיין טעאַטער־בלוט. באַלד אין אָנהייב פון זיין באַלאַדע פירט קאַציזנע אַריין דעם לייענער אין דעם תוך פון דער דראַמאַטישער געשעעניש, וואָס וועט זיך אָפּשפּילן אין דער באַלאַדע, אָדער ער גיט בלויז אַ רמז וועגן דעם, ווי מען האָט דאָס געקאָנט זען אין די ערשטע פערזן פון „דאָס ליד פון שבעלע הדסהס", וואָס איך האָב פריער געברענגט. זיין ערשטע באַלאַ־דע, „אַ יידישע חתונה", הייבט אָן קאַציזנע בכיוון מיטן נוסח פון די „מאַראַ־לישע" לידער, וואָס פלעגן געזונגען ווערן אויף די הייף און גאַסן, אין דער באַגלייטונג פון דער היימישער קאַטערינקע:

נישט פון בלוטיקן גערענגל מיטן אשמדאי, —
איך וועל זינגען, ווי אַ ייד איז פון דער וועלט אַוועק
מיט אַ קללה אויף די ליפּן אַ פאַרחתמעטע — —
נישט פון אַלטע גוטע צייטן, נסים זעלטענע,

און דאָ קומט די מעשה וועגן דעם ייד, וואָס איז פון דער וועלט אַוועק. דאָס איז „אַ יידישע חתונה", אַ יידישע שמחה, אין וועלכער עס ווערט אַריינגעפלאָכטן אַ טראַגישער עפּיזאָד פון דער יידישער גלות־גע־שיכטע אין מזרח־אייראָפּע, אַ קלאַסישער בלוט־בלבול אויף יידן, אַז זיי האָבן דערמאָרדעט אַ קריסטלעך קינד. ווען דער קריסטלעכער המון פאָדערט פון די יידן אַרויסצוגעבן דעם שולדיקן, אויב נישט וועט מען אַלעמען אויסשעכטן, גיט זיך דעמאָלט אָן דער יידישער נגיד און שתדלן ר' מאָטעלע אָפּאַטאָווער פאַרן כלומרשט־שולדיקן און קומט אום אויף קידוש־השם און פאַרן כלל ישראל. דאָס איז די יידישע חתונה, די יידישע „שמחה".

„דאָס ליד פון שבעלע הדסהס", אין זעלבן פאָלקסטימלעכן נוסח, ווי

פון „אַ יידישע חתונה", איז אַ באַלאַדע מיט פאַרנעם סיי אין זין פון אָנ־געלאָדענעם אינהאַלט און סיי אין זין פון קאָנסטרוקציע און סיי אין כמות. דאָס איז די באַלאַדע פון טראַגישן מענטשלעכן גורל, דערביי איז דער הינטערגרונט אַ שטייגערישער און אַלט־יידישער און אויך די פּערסאָ־נאַזשן זענען טראַדיציאָנעל־יידישע.

הדסה די נגידה און מיחוסדיקע אלמנה שיקט איר פּופּצן־יאָריקע טאָכטער שבעלע מיט אַ בריוועלע צום „גוטן ייד", וואָס איז אָראָפּגעקומען אין שטעטל. אינעם בריוול שדכנט זי זיך צום רבין דעם אלמן. אָבער דער רבי גיט אַ תשובה, אַז ער וויל גאָר נעמען די טאָכטער. הדסה, אַ געטרייע יידישע מאַמע, גייט זי איין אויפן גרויסן גליק פון איר טאָכטער. שבעלע איז אַ גוט קינד, טוט זי צוליב דער מאַמען און דעם צדיק, טראָץ דעם וואָס עס שרעקן זי דעם רבינס שטעכעדיקע ברעמען, זיין שיווע באָרד און ביס־טרע אויגן. דער רבי האָט זיך פון ערשטן אויגנבליק פאַרקוקט אויף שבעלען, אָבער אין הויז, ווו ער שטייט איין, איז פאַראַן אַ יונג בחורל, אברהמעלע, אַ לערנער, וואָס אויך ער האָט זיך פאַרקוקט אויף שבעלען און ער ליידט פון דעם געשלאָסענעם זיווג מן השמים צווישן רבין און שבעלען. דאָס לער־נען גייט אים מער נישט איין, ער אַנטלויפט פון שטוב, בלאָנקעט אַרום און ס'לעבן איז אים נימאס. שבעלע גייט איין אויפן שידוך מיטן רבין מיט איין תנאי: זי וויל פון אים אַ וואָרט, אַז זי וועט ביי אים נישט בלייבן „ווי אַ בוים אָן פּירות..." דער רבי זאָגט עס איר צו מיט גאָטס הילף. צום יאָר ברענגט שבעלע אויף דער וועלט אַ בן־זכר. זי וויל אָבער נישט אָפּגעבן דאָס קינד צום ברית, אויב דער רבי וועט איר נישט צוזאָגן, אַז ער וועט דער־לעבן מיט איר צוזאַמען פירן זייער זון צו דער חופּה. דער רבי קאָן דאָס איר נישט צוזאָגן, ווייל דאָס איז אין רשות פון אַ העכערער מאַכט. שבעלע שטאַרבט גלייך אויפן אָרט פון עגמת־נפש. אָבער דער רבי דערלעבט צו פירן זייער זון צו דער חופּה.

פול מיט חנעוודיקייט און שפּילעוודיקייט זענען קאַציזנעס געליי־טערטע און סטיליזירטע מאָטיוון לויט כעלעמער מעשיות, מעשיות וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אין פאָלק, ווי למשל, די מעשה מיטן קעניגס גאָלדענע שיך און אַנדערע. פון אָט די מעשיות טיילט זיך אויס באַזונדער מיט אייגנ־אַרט און חכמה „דאָקטאָר פאַוסט קאָן", מיטן אונטערטיטל: „כעלעמער נוסח". דער דאָקטאָר פאַוסט קאָן, הגם ער איז שוין פון לאַנג אַ געענדיק־טער אין זיין לערע, האַלט ער נאָך אין איין שטודירן, וואָס דאָס פאַרחידושט זייער די כעלעמער יידן. זיי ווילן וויסן וואָס דאָס באַדייט. דער דאָקטאָר פאַוסט קאָן קלערט זיי אויף, אַז דער ספר, אין וועלכן ער קוקט אַריין, לערנט אים ווי אַזוי „צו קאָנען מאַכן לעבעדיק באַגראָבענע אין דר'ערד". און דאָ

הייבט זיך אָן די גאַנצע מחלוקת אין כעלעם איבער דעם, ווען מען זאָל אויסגראָבן און לעבעדיק מאַכן. ווייל פאַר דעם ערשטן מת־קאַנדידאַט ווי נאָר ער וועט לעבעדיק ווערן, וועט עס זיין אַ צרה מיט פּרנסה. איז צו וואָס דאַרף מען אים אויפוועקן? דעם צווייטן קאָן מען אויך נישט לעבעדיק מאַכן, ווייל זיין ווייב האָט ״געשטעלט אַ שטילע חופּה און אַ סברה, אַז זי טראָגט״. אויסגראָבן דעם דריטן איז אויך נישט קיין ענין, ווייל מען וועט אים דאַרפן געבן אַ שטעלע. ביז כעלעם איז געקומען צו דער מסקנה, אַז מען קאָן אויף קיינעם נישט אויספּרובירן דעם תחית־המתים. דער סוף איז געווען:

אוּן קהל האָט באַשלאָסן: נאָכן קריזיס, בלי נדר,
ווען כעלעמער רווחים וועלן שטייגן פון מעת־לעת,
די וועלט וועט ווערן רייך און אַ מיליאָן וועט האָבן יעדער —
אַרויס צום גוטן אָרט און טאַקע אויפוועקן אַ מת.

★

איך געדענק קאַציזנען פון דער שטורמישער תקופה פון די דרייסיקער יאָרן אין פּוילן.

קאַציזנע איז דעמאָלט געשטאַנען נאָענט צו די יידישע קאָמוניסטישע קרייזן אין וואַרשע. וועלכע סיבות האָבן אים צו דעם געשטויסן? וואָס אַזוינס האָט אים באַוויגן צו דעם? וואָס אַזוינס האָט אויף אים משפּיע געווען, אַז ער זאָל גיין אויף אָט דעם וועג? מסתמא ווי ביי אַ סך אַנדערע יידישע אינטעליגענטן, מענטשן פון גייסט און אינטעלעקט — דאָס הייסע געפיל און די וויזיע פון אַבסאָלוטן יושר און צדק, וואָס ער האָט געזען מקוים ווערן נאָר דורך אָט דעם וועג. אפשר האָט ער אויך דאָ געהערט דעם עכאָ פון פּרצעס רוף: ״לאָמיר פּירער און נביאים ווערן!״, וואָס אויב פּירער און נביאים האָבן זיי דאָך נישט געקאָנט זיין קיין אַנדערע ווי קאָנסעקווענטע יושר־מאַנער און גאולה־רופער.

זעענדיק פאַר זיך דעם פאַרבלענדנדיקן מיראַזש פון דעם ״זיך בויענדיקן סאָציאַליזם״ אין שכנותדיקן ראַטנפאַרבאַנד — וואָס אין זיינע פּירער האָט ער אפשר געזען נישט אַנדערש, נאָר די פאַרקערפּערונג פון פּרצעס אמתדיקע פּירער און נביאים — און זעענדיק אויך פאַר זיך דעם רעאַלן ראַדיקאַליזירונגס־פּראָצעס פון די יידישע מאַסן אין פּוילן, האָט זיך זיין אייגענער ראַדיקאַליזירונגס־פּראָצעס בולטער אויסקריסטאַליזירט און אין די דרייסיקער יאָרן דערגרייכט זיין קלימאַקס.

קאַציזנע האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט פון דער אָרגאַניזירטער פּראָ־לעטאַרישער שרייבער־גרופּע, אָדער מען האָט אים מיט אַ כוונה געהאַלטן אין אַ זייט. דאָס האָט געקאָנט געטאָן ווערן באַוווסטזיניק און צוליב פּאַר־שידענע טעמים, דער עיקר טאַקטישע. עס האָט בעסער געלוינט פּאַר דער „זאַך", אַז מען זאָל קאַציזנען נישט „צוציען" צו דער גרופּע. און אפשר איז דאָס אים אַליין אויך נישט אָנגעשטאַנען. עס איז דאָך געווען אַ דיס־טאַנץ צווישן אים און די מיטגלידער פון דער גרופּע. קודם־כל צוליב די יאָרן. ער איז געווען עלטער פון זיי. זיי זענען געווען יונגע שרייבער מיט נישט אַזעלכע שטאַרקע פּאָזיציעס ווי זיינע; זייערע פּאָזיציעס זענען גע־ווען באַגרענעצטע, איינזייטיקע, ווייל זייער אָנזען איז געווען נאָר ביי די פּראָלעטאַרישע לייענער צוליב דער רעוואָלוציאָנערער קעמפערישקייט אין זייער שרייבן; בשעת ער, קאַציזנע, האָט געהאַט אַלגעמיינע פּאָזיציעס און אָנזען אויך אין דער סביבה פון די „בורזשואזע" יידישע שרייבער. אַחוץ דעם איז ער געווען אַ צענטראַלע ליטעראַרישע געשטאַלט, אַ פּערזענלעכ־קייט, און ער האָט געטראָגן אויף זיך דעם אָפּשיין פון פּרצעס אָרעאָל און דעם דיאַדעם פון זיין גלאָריע.

פּאַר די יידישע טוער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט בעסער געטויגט, אַז קאַציזנע זאָל נישט אָנגיין אין די אויגן פון די בירגערלעכע שרייבער און לייענער פּאַר אָן אויסגעשפּראָכענעם קאָמוניסט, נאָר בלויז פּאַר אַ ראַדיקאַלן שרייבער, אַ סימפּאַטיקער, אַ מיטלויפער, וואָס מיט דעם אַליין זאָל ער ווירקן אַז אַנדערע, אינדיפערענטע, וואַקלדיקע, זאָלן אויך באַקומען חשק מיטצולויפן מיט די מיטלויפער, און די דאָזיקע מיט־לויפער־קאַנדידאַטן האָט מען געזען צווישן די יידישע אינטעליגענטן. וואָס עס איז זיי, האָט עס געהייסן, ענג און פּוסט געוואָרן אין דער אייגענער קליינבירגערלעכער סביבה און זיי ווילן זיך אַרויסרייסן פון איר, זיי גראַ־וויטירן און זוכן אַ וועג צו די געזונטע כוחות פון רעוואָלוציאָנערן פּראָ־לעטאַריאַט.

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין יאָר 1933, בעת דער דייטשער אַרבעטער־קלאַס איז געווען צעשפּאָלטן פון קעגנזייטיקער שנאה, און סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געהייסן „סאָציאַל־פאַשיסטן", איז געקומען ווי אַ רעאַקציע מיט צוויי יאָר שפּעטער אַ נייע ווענדונג. אויפן זעקסטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן האָט דימיטראָוו פּראָקלאַמירט דעם איינהייטס־פראָנט פון אַרבעטער־קלאַס. שפּעטער איז ווי אַ ווייטערדיקער עטאַפּ געקומען דער „פאָלקס־פראָנט". אויך אין יידישן לעבן האָבן זיך גענומען מערן די אַלער־ליי „פראָנטן". אינגיכן איז אויך צוגעקומען דער „קולטור־פראָנט" אויף דער „יידישער גאַס". אַ „פראָנט" האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געדאַרפט

זיין צוזאַמענגעשטעלט פון צדדים, פון קאָלעקטיוון אָדער יחידים, מענטשן מיט פאַרשידענע אָנשויאונגען און טענדענצן. אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 האָט מען צו יענער צייט אָנגעהויבן צו זען אַרייַנשלייכן זיך מענטשן, וואָס זענען נישט געווען קיין שטאַמגעסט אין פאַראיין און זענען זעלטן דאָרטן געקומען. דאָס זענען געווען יידישע קאָמוניסטישע טוער, טוער פון די לינקע פועלי־ציון ווי ד״ר עמנואל רינגעלבלום, אַדאָלף בער־מאַן, רפאל מאהלער, ווי אויך נחמן מייזיל און אַלטער קאַציזנע. זיי האָבן דאָ געהאַט דיסקרעטע באַגעגענישן אין שייכות מיטן געשאַפענעם ״קולטור־פראָנט״.

הגם קאַציזנע האָט נישט געהאַט קיין דירעקטן אָרגאַניזאַציאָנעלן שייכות מיט דער פּראָלעטאַרישער שרייבער־גרופּע פלעגט ער פון צייט צו צייט אַמאָל איינאָרדענען ביי זיך אין הויז אויף נאַוואָליפּיע 14 אַ ״ביבקע״, אויף וועלכער ער האָט פאַרבעטן אַלע מיטגלידער פון דער גרופּע. גשמיות און רוחניות זענען דאָ געווען אויסגעמישט. עס האָבן דאָ איבערגעלייענט זייערע נייעסטע שאַפונגען די יונגע דיכטער וואָס האָבן געוואַרט אויף אַן אַרויסגע־זאָגטער מיינונג און דער עיקר, אויף קאַציזנעס אַ וואָרט. דערביי האָט אויך נישט געפעלט קיין כיבוד, וואָס עס האָט צוגעגרייט חנה קאַציזנע.

קאַציזנע איז געווען אַ וועגעטאַריער. איך ווייס, אַז ביי אַ סך מענטשן רופט אַרויס דאָס וואָרט ״וועגעטאַריער״ אַ דיסקרעטן ביטול. דאָס איז אויך געווען קענטיק ביי די, וואָס זענען געקומען צו דער ביבקע ביי קאַציזנען, הגם צווישן זיי האָבן זיך געקאָנט געפינען אַזעלכע, וואָס צוליב קבצנות האָבן זיי זעלטן אָנגעקוקט אַ שטיקל פלייש און זיי האָבן גריילעך געקאָנט זיך פאַרגינען צו זיין וועגעטאַריער... אין אונטערבאַוווסטזיין האָב איך גע־האַט אַ טיף געפיל פון דרך־ארץ פאַרן וועגעטאַריער, כאָטש איך אַליין האָב נישט געטראַכט דאָס צו ווערן. עפּעס האָב איך געזען אין דעם נישט בלויז אַ רחמנות צום בעל־חי און אַ ווילן אים צו שוינען, נאָר אויך אַ ווילן צו שוינען דעם אייגענעם מענטשלעכן איך. וואָס שייך קאַציזנען, בין איך גע־ווען איבערצייגט, אַז זיין וועגעטאַריזם איז געקומען ביי אים פון אַן עטיש געפיל, פונקט ווי זיין ראַדיקאַליזם.

ביי קאַציזנען אויף דער ״ביבקע״ האָבן די פלייש־עסערס פאַרשטאַנען, אַז דאָ וועלן זיי דאַרפן לייגן די ציין אין בייטל. צום שווערסטן איז געווען געטראָפן דער דיכטער שמואל וואָלמאַן, אַ מענטש אַ גרויס־וווקסיקער און מגשומדיקער, מיט פולע פליישיקע ליפּן, וואָס האָבן אַליין אויך געהאַלטן פון פלייש און אויף די סילוועסטער־אָוונטן פון דער לינקער שרייבער־גרו־פּע האָט ער געהאַט אַ טבע אָנצושטעכן אויפן גאָפל אַ פינף־זעקס שטיקלעך

גאלארעטע מיטאמאל... אמת, איז, אז חנה, די בעל־הביתטע פון הויז, האט דא צוגעגרייט א כיבוד כיד המלך, וואס האט געקאנט פארטרעטן פלייש, אבער ס'איז נישט געווען דאס... קאציזנע איז געווען טאלעראנט און קיינעם נישט געשטערט, אויב עמעצער האט זיך נישט געוואלט האלטן ביים וועגעטארישן שולחן ערוך, אבער אויס רעספעקט צום בעל־הבית האט זיך קיינער נישט געוואלט פליישיק מאכן.

לויט קאציזנעס פיזישן אויסזען האב איך נישט געזען, אז דאס פראווען וועגעטארישקייט זאל אים שאטן. איך געדענק אים א געזונט־אויסזעענדיקן, פאררונדיקטן און פולבלעכן, מיט א פולבלעכקייט און ווייכקייט פון א מיטליאריקער ווייבלעכקייט. בלויז זיינע ליפן זענען געווען דינע, דינע אבער נישט קיין פארביסענע. און ווען זיי האבן זיך צעשמייכלט האבן זיי געזוכט עקספאנסיע און זיי האבן אויסגעגראבן אין זיינע באקן חן־גריבעלעך — נעסטן פון חכמה און גוטמוטיקייט.

אין יענער צייט איז אנטשטאנען אין ווארשע די פארשטעלטע יידישע קאמוניסטישע טאג־צייטונג דער „פריינד", וואס קאציזנע איז געווען איינער פון זיינע גרינדער און דער הויפט־רעדאקטאר. קאציזנע און די דיכטערין קאדיע מאלאדאווסקי האבן געהערט צו די „מיטלויפער" צווישן די רעדאקטארן. זיי האבן געשריבן אונטער זייערע אייגענע נעמען, מיט וועלכע זיי האבן געדארפט א סך דעקן. די אנדערע מיטרעדאקטארן, וואס זענען געווען קאמפראמיטירט אלס קאמוניסטן, האבן געשריבן מיט פעסטע פסעוודאנימען, פאפולערע יידישע פאמיליע־נעמען ווי יאקובאוויטש און אראנאוויטש און עגלעכע, עס זאל אפנעמען דעם חשק צו ברעכן זיך די קעפ און צו וועלן טרעפן ווער עס באהאלט זיך אויס אונטער זיי. הינטער דער צייטונג זענען געשטאנען די מיטגלידער פון דער יידישער ביורא פון דער אומלעגאלער פוילישער קאמוניסטישער פארטיי. זיי פלעגן נישט זיצן אין רעדאקציע־לאקאל, וואס האט זיך געפונען אויף ארלע 5, נאר פלעגן צושיקן זייערע ארטיקלען, אדער פלעגן זיך בלויז אמאל ארייַנכאפן זען וואס עס הערט זיך און געבן אינסטרוקציעס. קאציזנע האט געהאט אויסצושטיין פון זיי, ווייל נישט מיט אלץ, וואס ער האט געשריבן, זענען זיי מסכים געווען. הגם ער איז געווען דער הויפט־רעדאקטאר האט ער נישט געהאט צו זאגן דאס לעצטע ווארט אין דער צייטונג... אין דער אמתן האט ער געהאט איבער זיך צוויי צענזורן, די צענזור פון דער גרופע פון „י. ב." און די צענזור פון דער פאליציי. ער האט זיך פאקטיש געפונען אין זייערעביידנס הענט...

די צייטונג האט געמאכט אן ערנסטן איינדרוק. צוליב דעם וואס די

טענדענץ און די שטעלונג פון דער פארטיי האָבן געמוזט צוליב צענזור־טעמים זיין פאַרהילט אין זיבן שלייערן און צו אַלע קאַרדינאַלע פּראָבלעמען האָט מען געדאַרפט צוגיין פון דער זייט, כלומרשט, ממש „נייטראַל" און „אָביעקטיוו", האָט מען קוים־קוים אַרויסגעזען דעם „שטאַנדפּונקט". צוליב דעם האָט זיך אין דער צייטונג אויסגעאַרבעט אַ געוויסער נוסח פון דיס־קרעטקייט און ערנסטקייט.

קאַציזנע האָט געהאַט אין דער צייטונג זיין וועכנטלעכן פעליעטאָן אין דעם פּריייטיק־נומער אונטערן שטענדיקן „קאָפּ": „מיין רעדנדיקער פילם". ס'איז געווען בסך־הכל עטלעכע יאָר זינט דער אַנטשטייאונג פונעם רעדנ־דיקן פילם און דער שטענדיקער „קאָפּ" פון קאַציזנעס פעליעטאָנען האָט אפשר געדאַרפט מרמז זיין אויפן מאָדערניזם און פּראָגרעס פון דער צייט. און אפשר איז עס אויך געווען אַ מין פּראָפעסיאָנעלע דעפאָרמאַציע צוליב קאַציזנעס באַרוף אַלס פאָטאָגראַף... קאַציזנעס פעליעטאָנען האָט מען גע־לייענט געשמאַק. יעדן פריייטיק אינדערפרי האָבן די לייענער געוואַרט אויף זיין פעליעטאָן. ער האָט געהערט צו דעם מין מיטאַרבעטער פון אַ צײ־טונג, וואָס דער לייענער וואַרט אויף זיין וואָרט און וואָס ער וועט נישט דורכלאָזן זיינעם אַ מאמר.

מען האָט וועגן קאַציזנעס שרייבן דיסקוטירט אין די אַרבעטער־קרייזן און אַרויסגעזאָגט מיינונגען. קאַציזנע האָט דאָס געוווּסט און ער האָט געהאַט פון דעם נחת. אָבער נישט בלויז נחת האָט ער געהאַט פון זיין טע־טיקייט אין „פריינד", נאָר אויך צרות. צווישן דעם „פריינד" און דער בונ־דישער „פאָלקס־צייטונג" זענען פאָרגעקומען קריגערייען און רייסעניש. היות ווי אַ סך יידישע קאָמוניסטן האָבן געלייענט די „פאָלקס־צייטונג" האָט דאָס אַנטשטיין פונעם „פריינד" געקאָנט אָפּציען פון איר לייענער און ס'האָט געדראָאַט די געפאַר פון אַ קאָנקורענץ. דאָס, און אויך די פּאָליטישע קאָנ־פליקטן און שטרייטן האָבן גורם געווען די רייסערייען. מצד דער „פאָלקס־צייטונג" איז אויך קאַציזנע נישט געשוינט געוואָרן.

ווען דער „פריינד" איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דער פּאָליציי האָט שוין קאַציזנען עפּעס ווי געפעלט די טעטיקייט פון אַ רעדאַקטאָר. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַליין אַן אייגענעם קליינעם צוויי־וואָכן־זשורנאַל און טאָקע אונטערן נאָמען „מיין רעדנדיקער פילם". הגם דאָס איז געווען ווי אַ המשך פונעם „פריינד", איז עס פאַרט געווען זיין אייגנס, אָן אויסגאַבע אָן דער פאַרטיי־קאָנטראָל. דער נאָמען „מיין רעדנדיקער פילם", מיטן טראָפּ אויף מ י י ן איז דאָ פולשטענדיק געווען באַרעכטיקט, ווייל קאַציזנע איז דאָ געווען דער איינציקער רעדאַקטאָר און דער איינציקער מיטאַרבעטער.

פון די שורות האָט זיך אַרויסגעהערט בלויז זיין קול, נאָר מיט אַלערליי טע־נער פון זיין פילזשאַנערדיקן שאַפן, ווי ליד, גאַוועלע, פעליעטאָן, רעצענזיע, עסיי, דראַמאַטישע שאַפונג. „מיין רעדנדיקער פילם" איז געווען קאַציזנעס אַן אָפּגעשלאָסן יחידיש פעסטונגל און די פיילן, וואָס ער האָט פון דאָרט אַרויסגעשליידערט, זענען אויך געווען יחידישע, כאָטש זייער ציל איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער, אַ כללדיקער. און אַזוי האָט זיך זיין קול פונעם „רעדנ־דיקן פילם" געלאָזט הערן ביז די דייטשע אַנפליענדיקע וואַיענדיקע „שטו־קאַס" און „מעסערשמידטס" האָבן עס אין סעפטעמבער 1939 פאַרשטומט אין וואַרשע און די מיט שטורעם אַגיאַנגדיקע פאַנצערס און טאַנקן האָבן אונטער זיך צעריבן אַלע חלומות און האָפענונגען.

אַ געוויסע צייט איז מיר אויסגעקומען אין די דרייסיקער יאָרן צו אָב־סערווירן אַלטער קאַציזנען פון דער נאָענט. קאַציזנע האָט מיר געטאָן דעם חסד און אויף מיין בקשה איז ער באַשטאַנען מיך אַריינצונעמען אין זיין אַטעליע, בכדי כ'זאָל זיך ביי אים לערנען די פאָטאָגראַפיר־פּראָפעסיע. זיי־ענדיק דאָרטן טאָג־טעגלעך, האָב איך זיך זייער געוווּנדערט פון וואַנען קאַ־ציזנע נעמט אַזוי פיל צייט: אויף צו זיין אַ שעפערישער שרייבער, אַ רע־דאַקטאָר, אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש און נאָך דעם אַלעם צו זיין באַשעפ־טיקט אין זיין פאָטאָגראַפישער אַטעליע. אמת, דאָס געשעפט האָט געפירט זיין ווייב חנה, אָבער אים, קאַציזנען, האָב איך דאָך פאַרט געזען דאָרטן שעהן גאַנצע ביי דער אַרבעט. מיר האָט זיך אויך געוווּנדערט, פון וואַנען נעמט זיך צו קאַציזנען אַזוי פיל געדולד. און אַז צו אָט דער מלאכה, דער עיקר ביים רעטושירן, דאַרף מען האָבן אַ סך געדולד, האָב איך באַמערקט אין דער צייט ווען איך בין געווען ביי קאַציזנען אויף דער לער.

קאַציזנעס קליענטעל איז בעיקר געווען אַ פּוילישע. די ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט פאָטאָגראַפישע בילדער פון פאַרשידענעם פאַר־מאַט. מען האָט געזען אויף אַ סך בילדער חתן־כלה מיט צוגעבויגענע קעפּ, זי אין אַ ווייסן וועלאָן און ער אין אַ שוואַרצן ראָק מיט אַ ווייסער רויז אין לאַץ, ביידע מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף די ליפּן, וואָס קאַ־ציזנע האָט אים נישט געדאַרפט אַרויסכישופן פון זיי. ער פלעגט אַליין פאָטאָגראַפירן מיטן גרויסן שטייענדיקן דריי־פיסיקן פאָטאָ־אַפּאַראַט, צו וועלכן ער פלעגט מיך צורופן צום אַסיסטירן, מיך אַרונטערנעמען אין זאַמען מיט אים אונטערן שוואַרצן טוך ווי אין אַ „כל־הנערים" און דורכן גלאָז פונעם אַפּאַראַט מיר ווייזן די פאָזע פון דעם פאָר נחת שיי־

נענדיקן פאַרל, וואָס דאָס קיילעכדיקע גלאָז איז געווען די ראָם פון זייער גליקלעכער וועלט.

איך האָב איין מאָל געזען וואָס פאַר אַ שווערע אַרבעט קאַציזנע האָט געהאַט ביים איינשטעלן צום פאָטאָגראַפירן צוויי קינדער, אַ צוויי־לינג פון אַן אַנדערטהאַלבן יאָר. ווען ס'האָט זיך געדאַכט אַז ביידע חברה־לייט זענען שוין ענדלעך איינגעשטעלט, האָט זיך גראָד איינער פון זיי אויפגעכאַפּט, געוואָרן זייער רירעוודיק און ווען דער איינער האָט זיך שוין ענדלעך איינגעשטילט, האָט זיך דער אַנדערער גענומען באַוועגן, און אַזוי אַן אויפהער און קאַציזנע האָט בשום־אופן נישט געקאָנט מאַכן די אויפנאַמע. איך האָב געזען עפּעס קאָמישס, אויב נישט טראַגי־קאָמישס אין קאַציזנעס אַקציע פון באַמיען זיך צו באַרואיקן דעם צווילינג, זיין וועלן זיי פאַרשפּילן, איינגעמען, טשמאָקען צו זיי מיט די ליפּן, פאַרלאָקן זיי מיט שפּילעכלעך, מאַניען, פאַרכישופן, אַרויס־ציען פון זיי אַ שמייכעלע און דורך דעם — אַרויסציען זיין חיונה.

איין מאָל האָט מיר קאַציזנע געגעבן צו רעטושירן אַ קלישע. ס'איז געווען פון אַן עלטערער פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן אַנוווקס, וואָס איז איר נאָכגעהאָנגען אונטער דער גאָמבע. איך האָב דאָס שוין אַרויס־געברענגט אין מיינע דערמאָנונגען וועגן הערץ בערגנער אין אַ געוויסן צוזאַמענהאַנג. קאַציזנע האָט, אַנווייזנדיק אויף דער קלישע, מיר גע־זאָגט, אַז די פרוי האָט געבעטן מען זאָל ביים רעטושירן באַזייטיקן דעם אַנוווקס, ווייל סיי ווי ווערט זי זיך בקרוב אָפּערירן. דערווייל האָב איך — מיט דער דינינקער שטיפט — געדאַרפט זיין דער „כירורג" און די „אָפּע־ראַציע" איז אַדורכגעגאַנגען לייכט, אַן בלוט־פאַרגיסונג...

דער פאַל האָט אונדז אַנגערעגט צו שמועסן וועגן דער אייביקער נאַטירלעכער שטרעבונג פון מענטש צו עסטעטיש אויסזען, צו זיין וואָס שענער און פּערפעקטער און ער איז גרייט פאַר דעם אפילו זיך צו נאַרן און נערן מיט אילוזיעס און חלומות. איך האָב פאַרזיכטיק און מיט אַ סך געדולד געפירט מיט דער דינער שטיפט איבער דעם איבעריקן שטיק פלייש פון דער פרוי, אונטערן פאַטערלעכן בליק פון קאַציזנען, און מיר האָבן זיך צוגעקוקט מיט סאַטיספאַקציע ווי דער דעפעקט אירער ווערט קלענער און קלענער.

קאַציזנע האָט אויך דערביי געהאַט סאַטיספאַקציע פון דעם ווי איך האָב זיך מער־ווייניק אַן עצה געגעבן מיט דער „אָפּעראַציע" פון פּראָפעסיאָנעלן שטאַנדפּונקט, אַז איך אַוואַנסיר אין דער מלאכה פון רעטושירן, הגם נאָך עטלעכע וואָכן געפינען זיך אויף דער לער האָב איך ביי קאַציזנען געלערנט מער אַלס דיכטער ווי אַלס פאָטאָגראַף...

קאַציזנע האָט באמת געוואָלט, אַז איך זאָל זיך אויסלערנען דאָס פאַך און ער האָט זיך באַצויגן צו מיר פּאָטערלעך. אָבער זיין אמתע פּאָטערלעכקייט האָב איך ערשט געקאָנט ביי אים אָבסערווירן, געפינענדיק זיך לעבן אים. זייער אָפט האָב איך געזען אַריינקומען אין דער אַטעליע אַ זייער רירעוודיק און קוועקזילבערדיק מיידעלע מיט ראָזע בעקעלעך אין צעפּלויגענע צעפּעלעך, אַ באַלאַדענע מיט אַ סך העפטן און שולביכער. דאָס איז געווען די בת־יחידה פון די קאַציזנעס, שולמית. און איך האָב געקאָנט זען מיט וואָס פאַר אַ צאַרטער ליבשאַפט קאַציזנע האָט זיך מיט איר באַנומען. געוויס, האָט קאַציזנע איינגעפּלאַנצט אין איר אויך אַ הייסע ליבע צו אים, איר פּאָטער, מיט וועלכן זי איז געווען שטאָלץ און געבליבן שטאָלץ ביזן היינטיקן טאָג, וואָס דאָס קומט טאַקע אויך צום אויסדרוק אין איר באַציאונג צו זיין ליטעראַרישער ירושה.

אין דער אַטעליע פלעגט אָפט קאַציזנע רעדן מיט מיר וועגן ליטעראַטור, ער פלעגט זיך אַריינלאָזן אין לאַנגע שמועסן, נישט טראַכטנדיק דערביי, אַז די אַרבעט קאָן פון דעם ליידן. ער האָט מיר איין מאָל געזאָגט מיט ערפורכט, אַז ביי אים אין זיין פאָטאָגראַפישן אַרכיוו איז פאַראַן אַ קלישע פון פּרצעס אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס ער האָט אַמאָל געמאַכט. ער האָט מיר אַלע מאָל צוגעזאָגט צו ווייזן די קלישע, אָבער עפּעס איז דאָס נישט אויסגעקומען. ווען ער פלעגט דערמאָנען וועגן פּרצן, פלעג איך אים קיינמאָל נישט איבעררייסן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף אים דאָ לאָזן אויסרעדן זיך איינגאַנצן. איך האָב געפילט אַז ער לעבט עפּעס איבער טיף ווען ער רעדט וועגן פּרצן. קאַציזנע איז דאָך געווען דער אמתער פּרציאַנער און דאָס דאַרף באַזונדערס דאָ דערמאָנט ווערן.

וואָס הייסט אַן אמתער פּרציאַנער? אַרום פּרצן איז געווען אַ קרייז פון מקורבים, אַריינגייער אין זיין הויז. אָבער נישט אַלע, וואָס האָבן איבערגעטרעטן זיין שוועל זענען דורך דעם געוואָרן פּרציאַנער. אפרים קאַגאַנאָווסקי, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1958 און מיט אים, דאַכט זיך, האָט זיך פאַרענדיקט דער קרייז פון די לעבעדיקע פון פּרצעס מקורבים, איז אויך געווען אַ בן־בית אויף צעגלאַנע 1, אָבער מען האָט אים פונדעסטוועגן צוליב דעם נישט פאַררעכנט פאַר אַ פּרציאַנער. און אוודאי איז דער פאָלקס־דיכטער הערשעלע, וועלכער האָט איין מאָל אָנגעקלאַפּט אין פּרצעס טיר מיט דער בשורה: „יאַ מאָם לידער", נאָך נישט געוואָרן דורך דעם קיין פּרציאַנער. אַ פּרציאַנער האָט

מען געדאַרפט זיין אויך מיטן מהות, מיטן הומאַניסטישן און עטישן צו־גאַנג צום לעבן און נישט בלויז מיטן זיין אַן אַריינגייער ביי פּרצן. קאַציזנע האָט אין זיך פאַראייניקט ביידע. ער איז געווען פון די געציילטע, וואָס האָבן פאַרמאָגט די קוואַליטעטן און ווערטן צו זיין אַן עכטער פּרצ־יאַנער.

פינף יאָר האָט קאַציזנע, זייענדיק אין וואַרשע, זיך געפונען אין קרייז פון פּרצעס גייסטיקער אויסשטראַלונג. אַ געטרייער תלמיד פון פּרצן איז ער געווען, אָבער נישט אַזאַ וואָס איז אים שטענדיק נאָכגע־גאַנגען מיט פאַרמאַכטע אויגן. אין זיין פאָרוואָרט צו זיין זאַמלונג „באַ־לאַדן און גראָטעסקן" דערקלערט ער זיך טאַקע סיי אין טריישאַפט צו פּרצן און סיי אין זיין וואָגן אָפּצווייכן פון זיין שיטה. פּרץ האָט אים טאַקע געעפנט די אויגן, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געטאָרט די אויגן אָפּווענדן פון אים.

אין זיין דערמאָנטן פאָרוואָרט וואַרפט ער פאָר פּרצעס תלמידים, וועלכע „האָבן אין זייערע פאַלקסטימלעכע לייסטונגען געמאַכט איין און דעם זעלבן פעלער: זיי זענען נאָכגעגאַנגען זייער מייסטער פוסטריט, אָן דער מינדסטער קריטישער אָפּווייכונג". און דאָס דערקלערט קאַ־ציזנע גראָד אין דעם פאָרוואָרט, ווו ער אָנערקענט זיך פאַרן קאָנסע־קווענטן תלמיד פּרצעס. דערביי רעכנט ער אויס וואָס ער פערזענלעך האָט צו פאַרדאַנקען פּרצן און וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אים צו פאַרדאַנקען:

„מיט פּרצן בין איך געווען אויפגעטראָגן ביי זיין לעבן. און ער האָט פיל צייט אָפּגעגעבן פאַר מיין ליטעראַרישער אויסבילדונג. אָבער ערשט שפּעטער, נאָך זיין טויט, האָב איך געוואָגט זיך צו פאַרמעסטן ליטעראַריש אויף פּרצעס דרכים, און ערשט איצט וואָג איך דאָס אָפן אַרויסצוזאָגן. ווייזט אויס, אַז דער לאַנגזאַמער וועג פון קינסטלערישער רייפונג רעכנט זיך נישט מיט די בליץ־שנעלע טעמפּן און דיקטאַטאָ־רישע קאַפּריזן פון דער צייט."

און ווייטער:

„עס פעלן נישט ביי פּרצן קיין תלמידים אין אונדזער ליטעראַטור. אָן פּרצן אַלס מייסטער זענען נישט דענקבאַר נישט אָנוכיס „ר' אבא", נישט אַשס „קידוש השם", נישט לייוויקס „גולם" און נישט קולבאַקס „משיח בן יוסף". און קאַציזנע גיט צו: „מען וואָלט געקאָנט אויס־רעכענען נאָך אַ גאַנצע ריי ווערק אין אונדזער ליטעראַטור, וועלכע נע־מען זייער שורש פון פּרצעס פאַלקסטימלעכער שולע".

און איך וויל דאָ טאַקע צוגעבן אויך אַלטער קאַציזנעס „באַלאַדן און גראָטעסקן". אין זיי איז קאַציזנע צום נאָענטסטן צו פּרצעס גייסט און צו זיין פאַלקסטימלעכען מהות. אין זיי איז, ווי ביי פּרצן, פאַראַן דער סינטעז פון פאַלקסטימלעכן און פון סאָציאַלן. בכדי דאָס צו באַ־שטעטיקן וועט זיין גענוג בלויז אומצוקערן זיך נאָך אַ מאָל צו קאַציזנעס כעלעמער מאָטיוו „דאָקטאָר פאַוסט קאַן", ווו דער דורותדיקער מענטש־לעכער חלום פון אייביק לעבן איז פאַרבונדן מיט סאָציאַלער גאולה, מיט מאַטעריעלער אויפריכטונג, ווי דאָס קומט בולט צום אויסדרוק אין די לעצטע פּאָר שורות פון קאַציזנעס שאַפונג, וואָס איך דערלויב מיר צו ברענגען נאָך אַ מאָל:

אין קהל האָט באַשלאָסן: נאָכן קריזיס, בלי נדר,
ווען כעלעמער רווחים וועלן שטייגן פון מעת־לעת,
די וועלט וועט ווערן רייך און אַ מיליאָן וועט האָבן יעדער —
אַרויס צום גוטן אָרט און טאַקע אויפוועקן אַ מת.

ווען פּרץ איז געשטאָרבן האָט קאַציזנע נאָך שטאַרקער זיך דער־נענטערט צו ש. אַנסקין, וועלכער האָט געהערט צו פּרצעס אינטימסטע פריינט. נאָך פּרצעס אַוועקגיין האָבן זיי ביידע זיך געניייטיקט אין זייער קעגנזייטיקער נאָענטקייט. די גרויסע אבידה, וואָס עס האָט זיי גע־טראָפן, האָט זיי ביידע ענגער באַהאָפטן. ס'איז זיי גוט געווען צוצוטוליען זיך צו איינאַנדער אין דער ליכטיקער שיין, וואָס איז געבליבן נאָך פּרצן.

דעם העכסטן אויסדרוק פון דער דאָזיקער נאָענטקייט צווישן די צוויי שרייבער האָב איך געזען אין קאַציזנעס צושרייבן אַן אַקט צו אַנסקיס דראַמע „טאָג און נאַכט", וואָס דער מחבר פון „דיבוק" האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן פאַר זיין טויט, אין יאָר 1920. עפּעס אַ מיסטיש געפיל האָט מיך אַלע מאָל באַהערשט ווען איך האָב געטראַכט וועגן קאַציזנעס חסד פאַר זיין פאַרשטאָרבענעם פריינט דורכן פאַרענדיקן זיין דראַמע, וואָס דער טויט האָט אַנסקין דאָס געשטערט צו טאָן. וואָס פאַר אַ שיינער און הייליקער בונד צווישן צוויי חברים שרייבער, וואָס איינער איז אַוועק פון לעבן און דער צווייטער איז געבליבן ביים לעבן. עפּעס ווי די מחיצה אַליין צווישן לעבן און טויט וואָלט דאָ אָפּגעווישט געוואָרן.

קאַציזנע איז מאָראַליש און פאַקטיש געווען דער יורש פון אַנסקין. ער האָט פאַרוואַלטעט מיטן אַרויסגעבן זיין ליטעראַרישע ירושה און

ער איז אויך געווען צווישן די, וואָס האָבן צוגעגרייט אין וואַרשע די פּרעמיערע פון אַנסקיס „דיבוק" צו די שלושים נאָך זיין טויט.

אין דער דרוקעריי, ווו דאָס דאָזיקע בוך ווערט אַרויסגעגעבן, באַמערקט דער מעטראַנפּאַזש נפתלי מילנער ביים ברעכן די זייטן, אַז איך שרייב וועגן קאַציזנען און זיינע אויגן לייכטן אויף מיטאַמאָל. זיין בליק פאַרזינקט אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין דער צייט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל. ער רופט אויס צו מיר מיט אַ שטים, אין וועלכער עס קלינגט אַפּ אי עקזאַלטאַציע און אי טיפער באַדויער פאַר דעם פאַרגאַנגענעם:

— אוי, וועגן קאַציזנען שרייבט איר, זע איך! הערט־זשע מיך אויס. איך וועל אייך דערציילן וועגן אים אַזוינס, וואָס וועט זיין פאַר אייך זייער אינטערעסאַנט. איר וועט עס מעגן פאַרשרייבן. איך וועל אייך דערמאָנען עפּעס וועגן אים, וועט איר זען וואָס פאַר אַ גאָלדענער מענטש קאַציזנע איז געווען.

און מילנער דערציילט מיר ווי מיט איבער פופציק יאָר צוריק, אין 1920, האָט ער נישט איין מאָל געזען אַריינקומען קאַציזנען אין דער דרוקעריי אויף נאַוואָליפּקי 6 אין וואַרשע, ווו ער, נפתלי, איז דעמאָלט געווען אַ לערניינגל. דאָרטן האָבן זיך צו יענער צייט געדרוקט אַלע ווערק פון אַנסקין, וואָס קאַציזנע האָט פאַרוואַלטעט מיטן אַרויסגעבן זיי. ער געדענקט עס אַזוי ווי היינט, זאָגט נפתלי מילנער: ווען אין דרוק איז אַריין דער ערשטער בויגן פונעם ערשטן באַנד פון אַנסקיס „געזאַמלטע שריפטן": „פון אייביקן קוואַל", האָט זיך קאַציזנע צעוויינט. ער האָט געשטעלט פאַר אַלעמען לעקעך מיט בראָנפן. ווען אַלע האָבן געטרונקען און געגעסן האָט זיך קאַציזנע נאָר געזאָרגט צי מען האָט נישט פאַרזען דאָס יינגעלע, ס'הייסט אים, נפתלין, און אַלע האָבן געזען ווי קאַציזנע אַליין האָט אים דערלאַנגט דעם כיבוד. דאָס האָט אויסערגעוויינלעך געווירקט אויף נפתלין. און וואָס פאַראַ דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפט ער האָט געפילט צו קאַציזנען!

ערשט נעכטן, האָט ער זיך דערמאָנט דערביי, האָבן די אַרבעטער אין דער דרוקעריי זיך געמאַכט אַ „פונדע", מ'האָט געשטעלט ביר מיט געזאַטענע אַרבעס און געזאַלצענע מצהלעך. אָבער אים, דעם קליינעם נפתלי, האָט מען גאַרנישט געגעבן און מ'האָט אים אַזוי פאַרשעמט... און איצטער האָט אים קאַציזנע באַפרייט פון דער פאַרשעמונג, געוויזן אַלע

אַרבעטער, אַז דאָס לערנייִנגל נפתלי איז אויך אַ מענטש און ער איז געווען אַזוי שטאָלץ מיט דעם!

אין דער זעלבער צייט האָט די „ווילנער טרופּע", אונטער דער אָנפירונג פון דוד הערמאַן, געגרייט די פּרעמיערע פון אַנסקיס „דיבוק", וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ געשעעניש אין גאַנץ וואַרשע. קינד און קייט האָט גערעדט וועגן „דיבוק". ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען דער טראַמוויי פלעגט זיך אָפּשטעלן אין אָוונט פאַרן טעאַטער „עלי־זעאום", ווו די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען, האָט דער פּוילישער קאָנדוק־טאָר אויסגערופן: „סטאַציאַ דיבוק"...

פאַרנאַכט ערב דער פּרעמיערע איז קאַציזנע אַריינגעקומען אין דער דרוקעריי און ער האָט אַלע אַרבעטער געגעבן בילעטן אויף דער פאָר־שטעלונג. אין דרויסן, פאַר דער דרוקעריי, זענען געשטאַנען צוויי דראָזש־קעס אָנגעצופירן אַלעמען אין טעאַטער. ווען די דראָזשקעס זענען שוין געווען אָנגעפולט מיט די פּאַסאַזשירן, גרייט אָפּצופאָרן, האָט זיך קאַ־ציזנע געכאַפּט אַז דאָס לערנייִנגל פעלט און ער האָט אויסגערופן אַ באַ־זאָרגטער: ווו איז דאָס ייִנגעלע? מען טאָר נישט פאַרשעמען דאָס ייִנגעלע!

אויף קיין איינער פון די צוויי אָנגעפּאַקטע דראָזשקעס איז שוין נישט געווען קיין אָרט פאַר גאָר עמעצן. האָט קאַציזנע געכאַפּט דעם קליינעם נפתלי און אים אַרויפגעזעצט אויף זיינע קני און אַזוי איז ער פאָרפאָרן אין טעאַטער „עליזעאום" און געהאַט די זכיה צו זיין אויף דער פּרעמיערע פון „דיבוק".

בכדי צו באַווייזן מיר, אַז ער געדענקט אַלץ גענוי, „אַזוי ווי עס וואָלט הייַנט געווען", שטעלט אָפּ מילנער אַן אַנדערש מאָל זיין גרויסע דרוק־מאַשין, נישט רעכענענדיק זיך דערביי וואָס די אַרבעט וועט ליידן, און ער נעמט זאָגן פון אויסנווייניק שטיקער פונעם טעקסט פון „דיבוק". ער זאָגט פאַר מיר גאַנצע רעפּליקעס פון סענדערן, פון חנאַן און פון לאהן אין גע־טומל פון פראַנצויזישע זעצערס און טיפּאָגראַפן. און צווישן הויכע שטויסן פּאַפּיר, אין גערויש פון מאַשינען און געקלונגעריי פון ליניאַטיפּן לעבט ער דאָ אויף אין עקסטאַז און אין פאַרכטיקייט סיי דעם זכר פון אַנסקין און סיי דעם זכר פון קאַציזנען.

ווי אַזוי די גאָלדענע המשך־קייט פּרץ־אַנסקי־קאַציזנע האָט זיך גע־צויגן אַ רינג אין אַ רינג, וועל איך דאָ דערמאָנען אַ באַזונדערן פּרט.

אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 האָט נאָכן ערשטן זאַל און נאָכן צימער ווו ס'איז געווען די גאַרדעראָבע זיך געפונען

אַ קליין צימערל, וואָס האָט געפירט צו דער עסטראַדע פון גרויסן זאַל. אַקטיאָרן, רעציטאַטאָרן, זינגער, שרייבער, רעפערענטן האָבן דאָ געוואַרט פאַרן אַרויסטרעטן, ווער מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט און ווער מיט אַ טרעמע אין האַרצן. ווען בעת אַן אונטערנעמונג איז דער זאַל געווען איבערגעפולט (דאָס פלעגט זיך גאַנץ אָפט טרעפן) פלעגן דאָ אַריינקומען פּאַראיינס־מיט־גלידער, אייגענע מענטשן, בכדי צו געפינען דאָ אַ פּלאַץ נאָענט פון דער עסטראַדע.

דאָס צימערל האָט אויך געדינט פאַר אַ מין מיניאַטור־מוזעאומל. דאָ האָט זיך געפונען די טויטן־מאַסקע פון אַנסקין און אין אַ זייט, הינטער אַ גלאָז — פּרצעס אַ כתב־יד און זיין שטעקן.

מען האָט זיך דערציילט אין ליטעראַטן־פּאַראיין, אַז ווען פּרץ איז געשטאָרבן האָט אַנסקי איבערגענומען זיין שטעקן און אים געטראָגן. נאָך דעם ווי אַנסקי איז געשטאָרבן האָט קאַציזנע געדאַרפט איבערנעמען דעם שטעקן און אים טראָגן. אָבער קאַציזנע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טראָגן ווייטער דעם שטעקן. ס'האָט געדאַרפט הייסן, אַז קאַציזנע האָט זיך דערשראָקן, ווייל ער האָט געזען אינעם טראָגן דעם שטעקן אַ מין פאַטאַליזם, אַז ווער עס טראָגט אים, דער שטאַרבט...

איך ווייס נישט אויף וויפל עס שטימט מיטן אמת, אַז קאַציזנע האָט אַזוי געהאַלטן, און צי דאָס איז נישט געווען אַ פּראָדוקט פון דער גוט־מוטיקער קיבעצאַרניע אויף טלאָמאַצקע 13.

ווי עס זאָל נישט זיין, איז קאַציזנע געווען דער יורש פון פּרצן און פון אַנסקין און נאָך אַנסקיס טויט איז ער געווען באַרעכטיקט צו ירשענען פון אים פּרצעס שטעקן.

אין די טעג ווען די שורות ווערן געשריבן זע איך ווי דער יחוסדיקער שטעקן שטייט אויף תחית המתים פון זיין פאַרשרפהטקייט און פון זיין אַש, און ווי ביי יחזקאלען די ביינער אין טאָל האָבן אַרויפגענומען אויף זיך הויט און פלייש, אַזוי נעמט ער אַרויף אויף זיך האַלץ און זילבער־באַשלאַג און ער נעמט שפּאַנען, בכדי צו זוכן די האַנט פון זיין גייער־יורש. ער לאָזט זיך אַוועק איבער מרחקים, איבער וועגן און שליאַכן, דורך שטעט און דער־פער ביז ער קומט אָן אין לעמבערג.

אויפן וואָקזאַל איז אַ בהלה־באַוועגונג. אַן עוואַקואַציע־צוג סאַפּעט, וואַרט מיט אומגעדולד צו רירן פון אָרט. וואַכן, קאָנטראָלעס, און ווייטער קאָן ער נישט גיין. ער בלייבט שטיין פון דער ווייטנס פונעם צוג. אויך קאַציזנע מוז בלייבן שטיין, ער קאָן ווייטער נישט גיין, ער האָט נישט קיין

רעכט זיך צו ראַטעווען. ער איז געווען בלויז אַ סימפּאַטיקער, אַ נאָכלויפער, און איצטער לויפט ער נאָך דעם צוג, אָבער דער צוג לאָזט אים פון הינטן.

פּרצעס שטעקן פון דער ווייטן באַוועגט זיך אין אומרו, וואָרנט, מוסרט, הייבט זיך אויף אין אַ צאָרנדיקן „היתכן ?"

קאַציזנע לאָזט זיך גיין צופוס מיט די לעצטע כוחות. ער וויל אַוועק פון דער סכנה. פּרצעס שטעקן שפּאַנט אים נאָך. די האַנט פונעם גרויסמייסטער, וואָס האָט אים אַמאָל געטראָגן, פיבערט אַרום אים און גיט אים צו כוח און אמונה צו שפּאַנען ווייטער. קאַציזנע קומט אָן אין טאַרנאָפּאָל. ער ווערט פאַרכאַפּט פון רוצחישע הענט און פאַרשלעפּט ביז צום יידישן בית־עולם.

פּרצעס שטעקן ראַנגלט זיך מיט די היידאַמאַקישע פאַלקעס און דרעגגער, וואָס פאַלן אויף קאַציזנעס גוף. ער איז אָבער אָנמעכטיק, שוואַך און איידל און ער פאַלט צוזאַמען מיט זיין יורש.

שפּעטער קומט ער צו זיך, פּרצעס שטעקן, און ער שטעלט זיך אַוועק איבער אַן אָקערשט־פאַרשאָטענעם קבר און נעמט אַרויף אויף זיך די ראשי־תיבות: פּ״נ און ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳.

1970

דוד האָפּשטיין

(צו זיינע נישט־דערלעבטע 75 יאָר)

איך האָב געזען, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען אָפּגעמערקט (און זיכער נישט אָן אַן אָפיציעלער דערלויבעניש) דעם פינף און זיבעציקסטן געבוירן־טאָג פון דוד האָפשטיין.

וואָס פאַר אַ טרויעריקע שמחה! וואָס פאַר אַ פינצטערע יובילייען האָבן באַוויליקט צו לאָזן פּראַווען פאַר יידישע שרייבער און דיכטער די, וואָס זענען דירעקט אָדער אומדירעקט שולדיק אין דעם, וואָס די שרייבער האָבן זייערע יובילייען נישט דערלעבט. דאָס דערלויבן אָפּצומערקן די געבוירן־דאַטע פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער, און נישט די יאָר־צייט, איז אויף דער האַנט פון די, וואָס האָבן די האַנט צוגעלייגט צו זייער אומברענג; דאָס דערמאָנען די געבוירן־דאַטע שטערט דאָך נישט קיינעם, דאָס רופט דאָך נישט אַרויס קיין באַלאַסטנדיקע אַסאָציאַציעס, דער רעזשים וועט פון דעם נישט ליידן, געבוירן געוואָרן איז דאָך קיינער נישט אין רעזולטאַט פון פערזאָנען־קולט...

ביי דער געלעגנהייט קאָן מען זיך אַריינלאָזן אין מאַכן אָפּשאַצונגען וועגן דעם „בעל־יובל", אַנאַליזירן זיין שאַפן, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געשען מיט אים און ווי ער וואָלט נאָך איצטער געווען ביים לעבן און מען וואָלט אים צו זיין יובליי געקאָנט צושיקן באַגריסונגען און בלומען.

עס איז פאַראַן עפּעס מאַקאַברישס אין אָט די יובליי־שמחות, אויף וועלכע דער טויט גייט אַ טאַנץ מיט אַ בעכער סם אין האַנט...

צי וויל מען מיטן דערמאָנען די דאַטע פון געבוירן מאַכן פאַרגעסן די דאַטע פון טויט, פונעם טויט, וואָס ליגט ווי אַ שטיין אויפן געוויסן, וואָס אפילו הערקולעס וועט נישט זיין בכוח אים אַראָפּצונעמען...

און דאָ הער איך ווי אַ שטימע אין מיר פרעגט מיך: און דו אַליין, צי מעגסטו יאָ שרייבן וועגן דוד האָפשטיינען צו דער געלעגנהייט פון זיין געבוירן־טאָג? און מיין ענטפער איז: יאָ. מיינע כוונות זענען נישט צו

מאכן פאַרגעסן זיין טויט דורכן דערמאָנען זיין געבורט. און אויב וועל איך מער נישט קאָנען צוטראָגן קיין בלומען האַפּשטיינען צום יום־טוב־דיקן טיש לכבוד זיין יובילײ, טראָג איך זיי צו אין מיין דמיון צו זיין קבר. איך זאָג: אין מיין דמיון, ווייל איך ווייס דאָך נישט, פּונקט ווי קיינער ווייסט נישט מסתמא, וווּ זיין קבר געפינט זיך.

דוד האָפּשטיין אַליין האָט נאָך אין יאָר 1936 געספקט אין שוואַרצ־זעערישע שורות, צי אויף זיין קבר וועט זיך אַמאָל געפינען אַ שטיין. איצטער ווייסן מיר שוין, אַז נישט בלויז קיין שטיין געפינט זיך נישט אויף זיין קבר, נאָר אַז אויך קיין קבר געפינט זיך נישט, וווּ צו שטעלן דעם שטיין. אָבער לאָמיר איבערלייענען די שורות פון האָפּשטיינען, וואָס קלינגען ווי אַ צוואה, אין וועלכער דער דיכטער פאַרלאַנגט דעם שטיין — הגם ער ספקט, צי ער וועט זיך געפינען אויף זיין קבר — און אויך דאָס, וואָס עס זאָל זיין אויף אים אָנגעשריבן:

און אויב אַמאָל וועט אויף מיין קבר זיין אַ שטיין,
(זאָל בעסער יאָ זיין, איידער ניין),
איז זאָל דאָס זיין אַ שטיין אַן עכטער,
פון טרייע הענט
געטעסעט.
און זאָל אין אויפשריפט זיין פאַרפלאָכטן
אַ וואָרט אַן אַלטס,
אויף עכטן שטיין
פון טרייע הענט
געטעסעט,
אַ וואָרט,
וואָס קלינגט פאַר פיל שוין פרעמד:
ח ס ד .

דאָס אַלטע עכט־יידישע און עכט־מענטשלעכע וואָרט חסד, וואָס האָפּשטיין האָט זיך געמאָנט און ער האָט געוווּסט, אַז עס קלינגט פאַר פיל שוין פרעמד, וועט זיך שוין קיינמאָל אויף זיין קבר נישט געפינען, פּונקט ווי עס האָט זיך נישט געפונען אין דעם פּסק־דין, וואָס עס האָבן אַרויסגעטראָגן קעגן אים זיינע ריכטער אין יאָר 1952.

איך געהער צו דעם דור, פאַר וועלכן האָפּשטיינס ליד האָט זיך אַנטפּלעקט אויף דער שול־באַנק, בעת דער לערער פון דער יידישער שול

אין פוילן האָט געקנעלט מיט זיינע תלמידים אַ בלאַט יידישע ליטעראַטור. ער האָט פאַר אונדז האַפשטיינס פערז פאַנאַנדערגענומען און צעגלידערט, אָנגעוויזן אונדז אויף די מעלות און שיינקייטן פון יעדער שורה באַזונדער, אויף איר קלאַנג און ווילקלאַנג. מיר האָבן זיך צוגעהערט פאַרגאַפטע, ווי זייענדיק אַריינגעצויגן אין אַ ווייטער וועלט פון כּישוף און חלום.

דער לערער האָט גענומען פאַר אַ מוסטער האַפשטיינס ליד „פּראָצעסיע". „הערט נאָר, חברה, ווי שיין דאָס קלינגט", האָט ער זיך געוואָנדן צו אונדז, תלמידים און גלייך גענומען דעקלאַמירן:

מיר גייען אין דיינע פאַרנטיקע רייען,
שפּאַנענדיקע מענטשהייט.
מיט שטאָלצע, דרייסטע, זודיקע און קאַלטע —
טראָט נאָך טראָט!
אויף שאָנדן־שטאַנגען וואַקלט זיך און וואַקלט
דער אַלטער גאָט.
מיט לופט געלאָטעט, פלאַטערט אַלץ און פלאַטערט
די אַלטע רויטע פאָן —
צוריק קיין טראָט!

„באַמערקט נאָר, חברה — האָט נאָכן פאַרענדיקן דער לערער געזאָגט צו אונדז — די צאָל למדן, וואָס דער דיכטער ווענדעט אָן מיט אַ כּוונה אין די שורות: „מיט לופט געלאָטעט, פלאַטערט אַלץ און פלאַטערט די אַלטע רויטע פאָן". מען פילט דאָך דאָ ממש ווי די פאָן וואָלט באמת געפלאַטערט".

די תלמידים האָבן באַקומען אָן „אויפגאַבע" אויסצולערנען פון אויסנווייניק דאָס ליד „פּראָצעסיע". איך האָב עס געדאַרפט איינחזרן אין דער היים און איך האָב געמאַטערט מיין עלטערע שוועסטער, אַז זי זאָל מיך פאַרהערן. „מיט לופט געלאָטעט, פלאַטערט אַלץ און פלאַטערט", האָב איך כּסדר געחזרט הויך אויפן קול און געפילט דערביי, אַז איך האָב אַ פול מויל מיט „למדן".

דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך צוגעהערט מיט אַ גוטמוטיקן ביטול אין זייערע אויגן, זיי האָבן זיך איבערגעוווּנקען און איבערגעפרעגט, ווייזנדיק אויף מיר מיטן בליק: „וואָס באַלאַקעט ער דאָרטן? אָסור אויב איך פאַרשטיי, וואָס מען וויל פון אים האָבן דאָרטן אין דער שקאָלע", האָט די מאַמע געזאָגט.

דער טאַטע, וועלכער איז גראָד געזעסן און געשטשאָבעט מיט דער נאָדל ביים פאַרלאַטען אַ מלבוש, האָט זיך אָנגערופן:

„וואָס הייסט דאָס, מיט לופט געלאַטעט, משהלע? אדרבא, גיב עס מיר צו פאַרשטיין. ווען איך זאָל אַזוי דאַרפן לאַטען מיט לופט — האָט דער טאַטע אָנגעוויזן אויף דער לאַטע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין צונייען — וואָלט איך דאָך גענדאַרפט לעבן פון לופט. איך וואָלט דאָך פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע...״

„אין פּאָעזיע איז אַלץ מעגלעך. מען מיינט דאָך דאָס נישט אויפן רעכטן אמת. ס׳איז דאָך נאָר בלויז אַזאַ משל״ — האָב איך פּרובירט געבן צו פאַרשטיין דעם טאַטן און איך האָב ווייטער געחזרט האָפשטיינס ליד.

יעדן יוגנטלעכן דיכטער איז אין דער צייט פון זיין צוויט נאָענט אַ קליינע צאָל דיכטער, אין וועמענס ליכטקרייז ער פאַלט אַריין און ער איז אין אים געפאַנגען ווי אין אַ זילבערנער כישוף־נעץ, און ער נעמט, אגב, אָן די געפאַנגענשאַפט באהבה.

צווישן אָט די געציילטע דיכטער האָט זיך אין מיין פריער יוגנט אויך געפונען דוד האָפשטיין. נאָך מער איז ער מיר אַריין אין מיין יוגנט־לעכן געמיט, ווען איך האָב אָנגעהויבן זייער אָפט צו הערן רעציטירן זיינע לידער אויף די אָוונטן פון די האַלב־לעגאַלע קלובן פון דער יידישער אַרבעטנדיקער און שטודירנדיקער יוגנט אין וואַרשע. די אַמאַטאָרן פון די דראַמקרייזן האָבן ליב געהאַט צו רעציטירן האָפשטיינען. ער האָט זיך געפונען אין זייער שטענדיקן רעפּערטואַר. עס האָט זיי שטאַרק אימפּאָנירט האָפשטיינס דערהויבענער טאָן און זיין פּאַטעטיק („מיר שטאַמען פון פעלדזן״, „פּראָצעסיע״, „ווען ס׳קריצן ציין״). דאַקעגן האָבן זיי זיך קיינ־מאָל נישט צוגעהערט צו זיינע לירישע מאָטיוון ווי: „אוועק דער שבת שוין״, „אין ווינטער־פאַרנאַכטן״ און אַנדערע. עס האָט זיי בדרך־כלל גיכער פאַרלאָקט און צוגעצויגן דאָס רעטאָרישע ווי דאָס לירישע ביי האָפשטיינען. האָפשטיין אַליין זאָגט ערגעץ וועגן זיין ליד „אין ווינטער־פאַרנאַכטן״, אַז ער האָט עס שטיל איינגערוימט דער וועלט אין אויער. אַ וווּנדערלעכע דעפיניציע וועגן זיין אייגענעם ליריזם:

כ׳בין אַרויס פון האַלדזשנור פון טרויער
אויף ווייסע רוסישע פעלדער,
דער וועלט פאַררוימט אין אויער:
— ווו קאָן מען זיין עלנטער.

אָבער זיין ליריש ליד, וואָס מען האָט עס געקאָנט שטיל איינרוימען, ווי אַ סוד אין אויער, האָט קיינער נישט געהערט, קיינער האָט עס נישט

געדאַרפט. אויך מיינע חברים, די יונגע רעציטאַטאָרן, האָבן זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם.

איך געדענק, ווי האָפשטיין האָט זייער אָפט אָפּגעקלונגען פון זייערע מיילער. דאָס איז געווען אין אַ יוגנט־קלוב אין וואַרשע סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן. די אָרגאַניזאַציע איז אָנגעגאַנגען פאַר דער מאַכט אַלס אַ ספּאָרט־קלוב, אָבער דאָרטן האָט מען זיך מיט אַלץ אין דער וועלט פאַרנומען, נאָר ניט מיט קיין ספּאָרט. דאָרטן, אין דעם פול־געפּאַקטן קליינעם לאָקאַל, האָט זיך האָפשטיינס ליד געטראָגן איבער די יוגנטלעכע קעפּ:

אין הויך פאַרוואָרפט זיין רוף
דער שיינענדער טרומייט...
היינט בין איך אויך אַ שטיקל קלינגענדיקער קופּער —
איך היפּער
שטילע סאַמעטענע ערטער,
איך וועק די מידע,
כ׳באַדעק דעם זיפץ פון אָפּגעשוואַכטע
מיט הילכיקן געלעכטער —
צוריק קיין טראָט!

מיט זיין פאַרהויבענעם שטאָלצן קאָפּ און קלינגענדיקער שטימע האָט האָפשטיינס יונגער אינטערפּרעטאַטאָר געפילט, אַז ער אַליין איז היינט אַ שיינענדער טרומייט, וועלכער דאַרף וועקן און מונטערן די מידע, אַרויס־רופן ביי זיי ענטוזיאַזם און התלהבות און אויך ער היפּערט אַריבער די שטי־לע סאַמעטענע ערטער, וועלכע זענען פאַר אים לגמרי איבעריק. דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט און סביבה: אַריבערגיין דאָס שטילע, דאָס דינע און סאַמעטענע, וואָס האָט געמעגט זיין די כפרה פאַרן עיקר, פאַר דעם גיין פאָרויס — פאַר דעם „צוריק קיין טראָט!"

ניט איין מאָל האָט האָפשטיין גופא אין די שפּעטערדיקע יאָרן געמוזט אַריבערהיפּערן זיך אַליין און אָנגעמען אַ טאָן פון הילכיקן „צוריק קיין טראָט!", וואָס האָט אפשר געגרילצט אין זיין אייגענעם געהער, בעת ער האָט געמוזט פאַרטויבן די שטילע סאַמעטענע ערטער.

ווי וויל האָפשטיין האָט געוווּסט, אַז

אונדזער גרויסער אמת
איז אין אונדז אַליין,

איז אים פונדעסטוועגן זייער שווער אָנגעקומען צו לעבן בלויז מיט אים

און צו זיין אים געטריי. נישט איין מאָל האָט ער אים געמוזט פאַרלייקענען, שרייבן אויף אַזאַ אופן, וואָס איז געווען אין סתירה צו זיין אמת און מען האָט געפילט, אַז די עכטקייט און די איבערלעבונג זענען דאָ בכלל אַפּוועזנדיק.

מער ווי ביי אַנדערע יידיש־סאָוויעטישע דיכטער איז ביי האָפּשטיינען געווען בולט דער קינסטלערישער קאָנטראַסט צווישן די לידער, וואָס ער האָט געשריבן מיטן אמת „אין אונדז אַליין" און די לידער, וואָס זענען בכלל מיט קיין אמת נישט געשריבן געוואָרן, נאָר געווען אַ פּועל־יוצא פון אַ חוב און אַן עול, וואָס האָבן געדריקט אויף אים. ער האָט געדאַרפט אָפּצאָלן אַ צינדז, און צינדזן, ווי באַקאַנט, לויפט נישט קיינער צאָלן מיט ענטוזיאַזם. דערפאַר איז אויף אָט די לידער פון האָפּשטיינען געלעגן דער סימן פון בעל־כרחודיקייט, די קאַלטע אָפּצאָל־חתימה. צומאָל האָט מען געקאָנט האָבן דעם איינדרוק, לייענענדיק די דאָזיקע לידער, אַז אַ שילער פון די ערשטע קלאַסן האָט זיי געשריבן פאַר אַ וואַנט־צייטונג פון שול, צום נחת פון טאַטע־מאַמע, לידער, פאַר וועלכע מען קריגט אַ פּלוס און אַ גלעט אין בעקל פונעם שול־דירעקטאָר. איך האָב דאָ אין זינען שורות פון אַזאַ ליד ווי „אונדזערע רויטאַרמייער":

איבער ברייטן, איבער וויטן
רויטאַרמייער שפּאַנען, רייטן,
רויטאַרמייער וואַכן, היטן
אויף דער גאַנצער וועלט דעם פרידן.

אָדער שורות פון אַן אַנדער ליד:

אַ נייע מענטשהייט שאַפט און גאַרט,
דער אַרבעטער — איר אַוואַנגאַרד.

אין אַוואַנגאַרד — אין ערשטער ריי
די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

מיט דער פּאַרטיי — די וועלט דאָס ווייסט —
פירט אַן אַ מענטש, וואָס סטאַלין הייסט.

איך זע דאָ האָפּשטיינען טראַגיש־גראַטעסק פאַרשטעלט אין אַ מאַסקע פון אַ קינד, הינטער וועלכער עס געפינט זיך דער רייפער דערוואַקסענער מענטש און עכטער, טיף־אינטעלעקטועלער דיכטער. ביים לייענען די דאָזיקע לידער דאַרף זיין פאַר אונדז קלאָר, אַז דאָס איז נישט האָפּשטיין. זיי, אָט די לידער, דאַרפן זיין פאַר אונדז דאָס, וואָס פונעם זעמלמעל זעצט

זיך אָפּ אויפֿן דנאָ פֿון דער זיפּ נאָך איר אויסגעפּירטער שליחות פֿון זיפּן. אויב מען וויל, האָט דאָס אַ געוויסע שייכות צום זעמלמעל, אָבער ס'איז אינגאַנצן אָפּגעשיידט פֿון דעם. צוליב די לידער פֿון דעם מין איז, וואָס אַן אמת, פֿון האָפּשטיינען אַלס דיכטער גאָרנישט געמינערט געוואָרן און ס'איז פֿון אים גאָרנישט אָפּגעקומען. ביים שרייבן די דאָזיקע לידער האָט זיך די פּאָעטישע שכינה אָפּגעטאָן פֿון האָפּשטיינען, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעזאָגט אים צו דינען. און נישט בלויז די פּאָעטישע שכינה, נאָר אויך האָפּשטיין אַליין האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון האָפּשטיינען.

פֿאַרוואָס איז דער קינסטלערישער קאָנטראַסט צווישן אָט די לידער און אַלע איבעריקע האָפּשטייניש לידער אַ מער בולטער ביי אים, ווי ביי די אַנדערע יידיש־סאָוויעטישע דיכטער?

האָפּשטיין האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אָפּשטיין פֿונעם גאַנצן כאָר פֿון יידיש־סאָוויעטישע דיכטער און פֿון זייער נוסח אין דער פּאָעזיע, ער האָט געוואָלט זיין און זיך באַמיט צו זיין מיט לייטן גלייך. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער טאָר נישט בלייבן הינטערשטעליק לגבי אַנדערע און ער דאַרף מיטגיין מיט דער „בייער מענטשהייט וואָס שאַפֿט און גאַרט". צופֿיל חטאים האָבן אויף אים געשווערט, וואָס ער האָט זיי געדאַרפֿט אויסקויפֿן, און קודם־כל דעם חטא, וואָס ער האָט אין יאָר 1925 געלעבט אין ארץ־ישראל, זיך געדרוקט אין דער דאָרטיקער פּרעסע, געשריבן אויף העברעאיש. דעם דאָזיקן באַלאַסטנדיקן „עפּיזאָד" האָט מען געדאַרפֿט פֿאַרהילכן, פֿאַרטושן, צונישט מאַכן, מיט איין וואָרט: מאַכן אים פֿאַרגעסן. האָפּשטיין האָט געדאַרפֿט זיך לאָזן הערן, ברענגען צום אויסדרוק די אויפֿריכטיקע און באַגלייבטע טריישאַפֿט און צוגעבונדנקייט צום „אַוואַנ־גאַרד — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי" און אויך אַ היפּער־פּאַטריאָטיזם, וואָס זאָל אינגאַנצן אַראָפּנעמען פֿון אים דעם חשד, אַז ער האָט נישט פֿאַרגעסן אין זיין ליבע צו ארץ־ישראל. און מיט יאָרן שפּעטער איז אים נאָך אַלץ נייטיק געווען אויסצורופֿן בקול־רם, בכדי מען זאָל ערגעץ־ווו זיין זיכער אין דעם:

ס'איז אוקראַינע מיין היים,
אוקראַינע מיין לאַנד.

אויך אַנדערע סיבות קאָנען זיין פֿאַר דעם דערמאָנטן „קאָנטראַסט". דוד האָפּשטיין איז כמעט דער איינציקער יידיש־סאָוויעטישער דיכטער (נישט רעכענענדיק אָשר שוואַרצמאַנען, וועלכער האָט געלעבט בלויז ביז צום יאָר 1919), וואָס זיין שאַפֿונגס־שורש האָט נאָך געשטעקט אין דער תקופֿה פֿון פֿאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע (זיינע ערשטע לידער זענען

דאַטירט מיטן יאָר 1912), בעת כמעט אַלע אַנדערע זענען אויפגעקומען אַלס דיכטער מער־ווייניק מיטן אויפקום פון דער ראַטנמאַכט. דאָס אַפשטיינען האָט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע געטראָפן אונטערוועגנס, אָדער „ביי וועגן" (ווי עס קלינגט דער טיטל פון זיין ערשטער לידער־זאַמלונג, דערשינען אין קיעוו, 1919)); ער איז אפשר נישט געווען גרייט פּסיכיש אויפצונעמען די נייע ענדערונג. ער האָט זיך ערשט אַליין געדאַרפט ענדערן פאַרן אויפנעמען די דאָזיקע ענדערונג, ער האָט געדאַרפט איבערשאַצן זיין עבר, זיך אידעאָלאָגיש איבערבאַוואָפענען, לויט דער ניי־געשאַפענער טערמינאָלאָגיע.

ווען מען לייענט האָפשטיינס לידער, וואָס נעמען אַרום דאָס יאָר 1917, זעט מען ווי דער דיכטער איז דעמאָלט געווען אָפּגעשלאָסן אין זיין יחידישער וועלט, ווי ער האָט אויסגעדריקט זיין פריידן פאַר פשוטע טאָג־טעגלעכע זאַכן פון מאַטעריעלן און גייסטיקן באַדייט, וואָס האָבן אויס־געפילט זיינע פערזענלעכע ד׳אמות און מיט וועלכע ער האָט זיך געפילט אַ באַגליקטער:

אוועק דער טאָג. פאַרגאַנגען שוין די לעצטע בייטש פון נויט,
אַראָפּגעוואָרפן שוין דעם שווערן שפּאַן פון זאָרגן.
ס׳איז דאָ אַ דאַך, אַ טיש, פּאַפּיר און ברויט,
און פריי, אַ פריי בין איך אַ גאַנצן מאָרגן!

אָדער ווי ער קוקט זיך צו מיט פאָטערלעכער ליבשאַפט צום שפּילן זיך פון זיינע צוויי קינדער און ער מעדיטירט וועגן דעם אָפּשטאַם פון זייערע יידישע נעמען, מיט וועלכע ער איז שטאָלץ:

ווי קליינע וועלפּעלעך זיך שפּילן מיינע קינדער,
ווי קליינע וועלפּעלעך נאָך ביידע:
דער עלטסטער שמאי הייסט —
אַזוי געהייסן האָט מיין זיידע,
אין טויבן שטעטעלע אַ זקן האַלב אַ בלינדער, —
און הלל הייסט דער צווייטער...
אַן אַנדער נאָמען האָט געוואָרט
אויף שטאָפּל נאָענטן פון שאָטנדיקן לייטער,
נאָר איך פון מיט פון וועלט פון ברייטער
פון זודיקן געווימל
האָב פלוצעם דאָרט דערזען,
ווי ס׳שוועבט דער הויך פון צאַרטע יאָרן מיינע
דאָרט איבער אַלטן נעסטן־שימל —

און שמאי איינער הייסט,
און הלל הייסט דער צווייטער...

האָפּשטײנען איז אין „מיט פון וועלט פון ברייטער", וועלכע האָט זיך דעמאָלט געפונען אין סאַמע „זודיקן געווימל", בענטער זיין אינטים משפּחה־ווינקל, ווו פאָטערלעך־נחתדיק זעט ער שפּילן זיך זיינע צוויי „קליינע וועלפעלעך". אין מיט פונעם ברויזנדיקן, פון זודיקן, פונעם נייעם, איז אים ליבער צו זיין נאָענט פונעם „אַלטן געסטן־שימל", וואָס דאָס מיינט דורותדיקע יידישע טראַדיציע, אין וועלכער ער איז געווען פאַרוואָרצלט און פון וועלכער עס זענען אַרויסגעקומען די גענמען שמאי און הלל...

דערפאַר רייסט זיך אויך דעמאָלט אַרויס פון זיין האַרצן די התלהבות־דיקע באַשטעטיקונג:

און גרינג איז צו וויסן —
עס האָט זיך מיין ליכטיקער פאָדעם
נישט איבערגעריסן...

די דאָזיקע טיף־גלויביקע שורות זענען אָפּגעדרוקט ווי אַ מאָטאָ און מיט דער פאַקסימיליע פון זיין האַנטשריפט און אונטערשריפט סיי אין האָפּשטיינס ערשטן באַנד „ליריק" (דערשינען אין קיעוו, 1923) און סיי אין זיין בוך „ביי וועגן" (אַרויסגעגעבן אין קלעצקין־פאַרלאַג, ווילנע, 1924). האָפּשטיינס אמונה אין אָט די ווערטער זיינע האָט דאָס אים אפשר אין יאָר 1925 געפירט אויף די וועגן קיין ארץ־ישראל, ווי ער וואָלט געהאָט דעם באַוווסטזיין און דאָס פאַרגעפיל, אַז נאָר דאָרטן וועט דער ליכטיקער פאָדעם נישט איבערגעריסן ווערן און וועט זיך שפּינען ווייטער. עס עקבערט דערביי אַ פראַגע: פאַרוואָס האָט זיך האָפּשטיין אומגעקערט קיין רוסלאַנד? וועלכע איז געווען די סיבה, וואָס האָט אים באַוויגן דערצו? עס זענען פאַראַן מיינונגען, אַז האָפּשטיין האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן און אַז ער האָט שטאַרק געבענקט צו זיינע צוויי זין, וועלכע זענען געווען פאַריתומט פון זייער מוטער.

דוד האָפּשטיין איז נישט געווען דער איינציקער יידיש־סאָוויעטישער שרייבער, וואָס האָט זיך דעמאָלט אומגעקערט קיין רוסלאַנד. אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן זיך אין אויסלאַנד געפונען בערגעלסאָן, דער נסתר, מאַרקיש, קוויטקאָ, קולבאַק. עס האָט זיי אַלעמען צוריקגעצויגן אין דעם געענגדערטן, נייעם לעבן אַריין, פונקט ווי אָוונט־פלאַטערלעך ציט עס אַריין אינעם קרייז אַרום אַ ליכט, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, אַז די שיין פונעם פאַרבלענדנדיקן פלאַם וועט זיי אַלע פאַרצערן.

דריי יאָר פאַר זיין פאַרלאָזן ראַטנפאַרבאַנד פּרובירט האָפּשטיין צו געבן אַ תיקון אין זיינער אַ שאַפונג דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע (זיין ליד „אָקטאָבער"). איך זאָג „פּרובירט", ווייל אַזאַ איינדרוק קאָן מען האָבן, לייענענדיק זיין ליד. מען פילט, ווי האָפּשטיין האָט זיך געוואָלט געבן די מי, געפּרוווט, געזוכט די פאַרעם און די אַדעקוואַטע אויסדרוק־מיטלען פאַר זיין שבח צו דער רעוואָלוציע, וואָס דאָס איז קענטיק אים נישט אַנגעקומען לייכט. ווי דירעקט און קאָנקרעט דער טיטל פונעם ליד זאָל נישט זיין, איז דאָס ליד גופא דער היפּוך פון דעם. דאָס ליד, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַן אָדע צום אָקטאָבער, איז אַ געמיש פון פּאַטעטיק און רעטאָריק, און ערטער־ווייז פון אַבסטראַקציע און סימבאָליק. דאָס באַווייזט, אַז האָפּשטיינען איז שווער געווען אַריינצוגיין אין תוך און אַריינלעבן זיך אין דער טעמע:

אָקטאָבער!\
אַן אַנהויב, אַן „אַ",\
אַ ברען פון אומענדלעכן רונד.\
אַ זוים פון אַ זונראַד...\
און אותיות אַלע\
פון האַנט פון דער גרויסער\
און גראָבער:\
„אָקטאָבער".

עס וועלן\
חדשים זיך צוועלפן,\
זיך קייטלען אין יאָרן, —\
דיין נאָמען וועט העלן,\
דיין נאָמען וועט קלאָרן!

צי האָט דעמאָלט האָפּשטיין, ביים שרייבן אָט די שורות, געקאָנט כאַטש אויף אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע אָנען, אַז די חדשים וועלן זיך אַזוי צוועלפן און די יאָרן וועלן זיך אַזוי קייטלען, אַז ער אַליין וועט שפּעטער זיין אַ קרבן פון דער „האַנט פון דער גראָבער", וואָס ער האָט איר, צי מיטן גאַנצן האַרצן, צי נישט, געגעבן זיין ברכה?

ווען מען שרייבט וועגן דוד האָפּשטיינען, איז נישט מעגלעך נישט צו דערמאָנען אַשר שוואַרצמאַנען. ביידע ווערן זיי פאַררעכנט פאַר די אָנהייבער פון דער יידיש־סאָוויעטישער פּאָעזיע. זיי זענען, אַלנפאַלס, געווען די צוויי עלטסטע יידיש־סאָוויעטישע דיכטער, נישט בלויז אין זין פון יאָרן,

נאָר אויך אין זין פון שעפערישן אָנהייב (האָפּשטיינס ערשטע לידער דאַטירן. ווי דערמאָנט, פון יאָר 1912, און שוואַרצמאַנס פון 1908). אָנגעהויבן צו שאַפן האָבן זיי גאַנץ פשוט ווי יידישע דיכטער און נישט ווי יידיש־סאָוויעטישע דיכטער, ווייל ביי זייער אָנהייב האָט נאָך קיין סאָוויעטישער רעזשים נישט עקזיסטירט, און אַ חוץ דעם זענען זיי אַפילו נישט געווען קיין סאָציאַלע דיכטער אָדער רעוואָלוציאָנערע דיכטער און במילא האָבן זיי אין זייערע לידער נישט געקעמפט פאַר דער אַנטשטייאונג פונעם קומענדיקן סאָוויעטישן רעזשים.

האָפּשטיין און שוואַרצמאַן זענען געווען נאָענטע חברים, עס האָט זיי געבונדן זייער אַ סך בשותפותדיקס און זייערע גורלות זענען געווען ענלעכע. זיי זענען ביידע געבוירן געוואָרן אין זעלבן יאָר (1889) און זיי זענען שפּעטער ביידע אומגעקומען דורך די הענט פון שונאים. דוד האָפּשטיין אין יאָר 1952 און אַשר שוואַרצמאַן אין יאָר 1919 אַלס קאַוואַ־לעריסט פון דער רויטער אַרמיי אין שלאַכט מיט די פּאַליאַקן לעבן דעם שטעטל סאַרנע אין וואָלין. אויב ווייסט מען נישט וווּ האָפּשטיינס געביין איז אַהינגעקומען און קיינער אין זיין הײמלאַנד וואַגט אַפילו נישט צו פרעגן וועגן דעם, האָט מען, דאַקעגן, זיך געגעבן די מי אויסצוזוכן אַשר שוואַרצמאַנס קבר, וואָס געפינט זיך אויף דער אייזנבאַן־סטאַציע פון ראַפּאַ־לאָווקע און מען האָט דעם קבר פאַרזען מיט אַ צוים און מיט גרינס. דאָס איז מסתמא דערפאַר ווייל אַנדערש קוקט מען אויף די שונאים, פון וועמענס הענט ס׳איז געפאַלן אַשר שוואַרצמאַן און אַנדערש אויף די שונאים, פון וועלכע ס׳איז געפאַלן דוד האָפּשטיין.

די נאָענטקייט און חברישקייט, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרקניפּט צווישן די צוויי דעמאָלט נאָך יונגע יידישע דיכטער פון אוקראַינע, איז אַ זעלטנקייט. מען קאָן דאָס זען אויך לויט דער גרויסער צאָל לידער וואָס האָפּשטיין האָט געווידמעט אַשר שוואַרצמאַנען און אויך לידער, וואָס ער האָט געשריבן וועגן אים. טיפע פאַרערונג און ליבשאַפט האָט האָפּשטיין זיין גאַנץ לעבן געטראָגן אין זיין האַרצן צו זיין יונג־פאַרשניטענעם חבר. אָט מיט וואָס פאַר אַ ווערטער ער דריקט זיך אויס צו אים און וועגן אים:

דיין טייערן נאָמען —
די ווערטער די צאַרטסטע
פון האַרצן פון מיינעם.

דיין טייערן נאָמען —
פון תמיד, אויף תמיד...

און אין זעלבן ליד ווענדעט ער זיך צו אים: „מיין באַצויבערטער ברודער, מיין ליכטיקער מענטש!"

פון די בריוו, וואָס אַשר שוואַרצמאַן האָט געשריבן צו האַפּשטיינען, קאָן מען אויך זען, אומגעקערט, די פאַרערונג און ליבשאַפט זיינע צו זיין חבר. דאָס זענען בריוו פון דער צייט פון שוואַרצמאַנס מיליטער־דינסט (אין די יאָרן 1914—16) אין קאַליש און שפּעטער פון פראָנט. אַשר שוואַרצמאַן האָט דאָרטן געדינט אַלס קאַוואַלעריסט פון יאָר 1912 אָן, ווי ס'איז, אגב, אויך צו זען פון זיינע לידער, וואָס ער האָט אין קאַליש אָנגעשריבן. אין דער פּוילישער שטאָט קאַליש, ביים ראַנד צווישן אַמאָליקן צאַרישן רוס־לאַנד און דייטשלאַנד, אין דער קאַזאַרמע און פערד־שטאַל האָט דער פיינפילנדיקער דיכטער געדאַרפט דורכמאַכן זיינע יונגע יאָרן. אין די פרייע שעהען זיינע פלעגט ער פאַרברענגען צווישן אַ קרייז אינטעלי־גענטע יידישע יונגעלייט און מיידלעך פון שטאָט, וואָס האָבן אים גע־שעצט און ליב געהאַט. זיי האָבן אים נישט געלאָזט פאַרפרעמדט ווערן צווישן די צאַרישע סאָלדאַטן, אָפּיצירן און פערד. זיי פלעגן אים פאַר־בעטן אין זייערע היימען, ווו מ'האָט געזונגען צוזאַמען יידישע לידער, מ'האָט געטרוימט און געבענקט.

די פּאָעטישע ירושה, וואָס איז געבליבן נאָך אַשר שוואַרצמאַנען, איז נישט קיין גרויסע, בסך־הכל אַ בענדל פון זעכציק לידער. ווי האָט זי דען געקאָנט זיין אַ גרעסערע, אַז אין דעם יאָרצענדליק פון זיין שאַפן איז שוואַרצמאַנען אויסגעקומען מערסטנס צו געפינען זיך אין קאַזאַרמע און אין פערד־שטאַל? פון זיינעם אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן פון קאַליש צו האַפּשטיינען זומער 1914, ערב מלחמה, קאָן מען זען אין וואָס פאַר אַ „פּאָעטישער אַטמאָספער" אים איז אויסגעקומען צו „פאַרברענגען":

„טייערער ברודער מיינער! דעם אמת געזאָגט האַלט איך נישט פאַר נייטיק צו בעטן ביי דיר אַנטשולדיקונג פאַר מיין שווייגן. דו ווייסט, אין דערוואַרטונג אויף מאָביליזאַציע קומען פאַר פאַרשטאַרקטע איבונ־גען אויף פערד און צופוס, מיט ביקסן, שאַשקעס און פּיקעס. ביי טאָג איז אַבסאָלוט נישטאָ קיין צייט עפּעס אָנצושרייבן. אין חשבון פון דעם נאָכ־מיטאָגדיקן אָפּרו גייט אַריין: אָנטרינקען די פערד און קלענערע אַר־בעטן אין פערד־שטאַל, ווי אויך שיילן קאַרטאָפל..."

מען באַנעמט דאָ גאַנץ לייכט, אַז צווישן די ביקסן, שאַשקעס און פּיקעס איז שוין נישט געבליבן פאַר אַשר שוואַרצמאַנען קיין פּיצל אָרט ווו אַריינצושטעקן זיין דיכטערישע פּען.

אויך אינעם שאַפן פון האַפּשטיינען און שוואַרצמאַנען איז טייל־מאָל פאַראַן בשותפותדיקס. פון זייערע שורות הערט זיך אָפט אַרויס דער

געפּליעסק פון די לויטערע תנכישע קוואַלן. עס טראָגט זיך פון זיי אַ פייערלעכער טאָן און אַ גביאישער פּאַטאָס. אויך אין זייערע מאָטיוון פון אומרו און בונט זעענען פאַראַן קרובישע שטריכן. שוואַרצמאַנס לידער „אין אויפשטאַנד", „דער שונא ביי די טויערן" און האָפשטיינס „מיר שטאַמען פון פעלדזן", „פּראָצעסיע", „ווען ט'קריצן ציין" זענען אָפט ציטירט און רעציטירט געוואָרן צוזאַמען. אָבער דאָס, וואָס האָט זיי אפשר צוממערסטן געבונדן צוזאַמען, איז זייער אָפּשטאַם. זיי קומען ביידע אַרויס פון דער זעלבער געגנט אויף דער ערד פון אוקראַינע, ווו זיי זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן — אָט די ערד פון אוקראַינע, אויף וועלכער ס'איז אויפגעקומען אַזויפיל שפּרודלדיק יידיש לעבן און וואָס זי האָט אויך צוגענומען אַזויפיל שפּרודלדיק יידיש לעבן. נישט לאַנג פאַר האָפשטיינס און שוואַרצמאַנס דיכטערישן אויפגאַנג האָבן זיך נאָך אַרומגעטראָגן דאָרטן די גאָענטע טענער פון ווייטיק און צאָרן פון ביאַליקס „שחיטה־שטאָט". וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אָנגענומען די דימענסיע פון אַ „שחיטה־לאַנד". און טאַקע אין אַזאַ פאַרנעם האָט דאָך האָפשטיין גופא געזען „זיין היים", „זיין לאַנד":

ביסט דורות לאַנג
געווען אַ מקלט־פּלאַץ
פאַר אויסוווּרפן
פון גרויסן, גרויען לאַנד,
אויף אַלע — אַלע
שטרעקעס זיינע
שאַטנט זיך זיין שאַנד,
אוקראַינע!

און פון אָט די שטרעקעס, פון אָט דעם גרויסן, גרויען לאַנד זענען אויך אויפגעגאַנגען האָפשטיינס ערשטע דיכטערישע אינספּיראַציעס און וויזיעס. דאָרטן, ווו די קלאָגנדיקע ווינטן און שניי־זאַווערוכעס האָבן פאַרשאָטן די שפּורן פון זיינע יוגנטלעכע טריט, אין אַ דאָרף, ווו ער האָט ייִנגלווייז געלעבט, האָט ער גאָר פרי איינגעזאַפּט אין זיך די אָרעמע לאַנדשאַפט, די שלווה פון פעלדער — און אפשר אויך דעם אומרו און די אימה פאַר „אויסוווּרפן פון גרויסן, גרויען לאַנד" — בכדי זיי זאָלן זיך מיט ערשטע עמפּינדונגען אָנבעמען אין זיין יוגנטלעך געמיט און שפּעטער אַרויסקנאַספּן און אַרויסצווויטן פון זיין האַרצן.

פון דאַנען שטאַמען זיינע ערשטע ציקלען לידער „ביי וועגן", „פעלדער", „אין ווינטער־פאַרנאַכטן", לידער וואָס האָבן פאַרכאַפּט מיט זייער

טיפן ליריזם און מיט זייער מאַגישער קראַפט, און וואָס זיי זענען שפּעטער געוואָרן קלאַסישע לידער אין דער יידישער פּאָעזיע. אין אָט די לידער שיינט דער מאָרגנשטערן פון האָפּשטיינס ליריק, וואָס זאָגט אָן אַ נייעם אויפגייענדיקן טאָג, וואָס פאַר דעם האָט ער זיך איינגעהערט ווי:

דאָרט איבער שטעט האָט שוין געקלונגען
פון שפּיץ פון טורעם אי איינס, אי צוויי...
אין תהום פון נאַכט, אין לאַנד פון שניי
איז איינס אַ דערפעלע פאַרזונקען...

ווי אינדזעלעך פון מענטשן־רו
אין שטרוי פאַרהילט, אויף נאַכט פאַרוואָרעמט,
מיט שטאָל און פלויט אין שלאָף געאָרעמט
פאַר הייזעלע אַ הייזל האַלט זיך צו.

די שטערנדיקע שטילקייט הערט זיך איין
אין שטילן אָטעם פונעם לעבן —
אין הייזל איינעם איז פאַרבליבן
אַ שטילע ראָד פון לאָמפּן־שיין...

נישט געשטילט האָבן יענע נעכט דעם אומרו און די לעכצונג פון דעם יונגן האָפּשטיין:

די שלעפּערדיקע ווינקלען הערן קוים
פון טיש אַ שאָרך פון בלעטער,
נאָר יונגע אויגן ווערן אַלץ ניט זעטער...

אָבער אַ חותם האָבן די דאָזיקע נעכט געלייגט אויף זיין לעבן, ווי מען וועט דאָס זען פון די פיר פינאַל־שורות פונעם ליד:

עס שטאַמט מיין מוט פון יענער נאַכט,
פון יענער נאַכט — מיין שטאָלצער טרויער,
כ'האָב איינזאַם־פריי שוין דאָן געוואַכט
ביי לעבנס־טיר, ביי וועלטנס־טויער.

אין דער זעלבער צייט רייסן זיך אַרויס ביי האָפּשטיינען, ווי אַ פאַר־שטיקטער וויי־געשריי פון אַ פאַרצווייפלטע נשמה, די שורות וואָס זענען שוין פון לאַנג געוואָרן אַ שם־דבר אין דער יידישער ליטעראַטור:

אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער!
ווו קאָן מען זיין עלנטער, ווו קאָן מען זיין עלנטער...

פון דעם ליד „אין ווינטער־פאַרנאַכטן" טראָגט זיך אַ שטימונג פון בענקשאַפט און מעלאַנכאָליע פון עגדלאָזן סטעפּ און אויך אַנגסט און אומרו, וואָס עס האָט געקאָנט אויסדריקן נאָר אַ יידישער דיכטער אין רוסלאַנד, ווייל אָט דער אַנגסט און אומרו האָבן זיך געקאָנט געפינען נאָר אין האַרצן פון אַ רוסישן ייד אין זיין פאַרלוירנקייט און איינזאַמ־קייט. האָפשטיינס ליד „אוועק דער שבת שוין", וואָס קומט גלייך נאָך דעם ליד „אין ווינטער־פאַרנאַכטן", איז דער אויסדרוק פונעם ווילן נישט פאַרלוירן צו גיין אין אָט דער פאַרלוירנקייט, זיך אָנהאַלטן און קלאַמערן אין יידישער דערקענטעניש און יידישער אידענטיפיציזירונג, וואָס עס סימ־באַליזירט דער באַדויער פאַר דעם אַוועקגייענדיקן שבת, דעם שבת אין יידישן קלייטעלע פון אוקראַיִנישן דאָרף, אין דער אָרומיקער פרעמדקייט און וואַכיקייט:

אוועק דער שבת שוין...
אויף ווייטע שנייען
אַ גרויסער עמעצער
שיט גראָוון אַש...
אין קליינעם קלייטעלע
שוין וואַרטן צווייען:
אַ טונקל שיקסעלע,
אַ שוואַרצע פלאַש.

די בייטש איז אויסגערוט,
דאָרט צווישן אויוון
איז זי מיט פינצטערניש
געדיכט פאַרשטעקט.
אַ נעפּל־טישטעכל
האָט דאָרטן אויבן
דאָס לעצטע קוילעטשל
שוין שטיל פאַרדעקט...

דער טאַטע האָט אָפּגעריכט
די דריטע סעודה
און ווערט מיט טונקלקייט
מיט טיש פאַרוועבט,
און צווישן שוועסטערלעך
און שאָטנס מידע

אַ מורמל־פּעדעמל
זיך וועבט און וועבט..

די מאַמע זוכט אין שויב
אַ ווייטן שטערן —
און ניט געפונען אים
און זיצט פאַרטראַכט...
איך זינק אין אומעטקייט
און וויל ניט קלערן,
אַז ס'וואַרט די קו אויף מיר,
אויף היי, אויף נאַכט...

נישט ווילנדיק, בעט זיך צו מאַכן אַן אַנאַלאָגיע צווישן האַפּשטיינס ליד „אַוועק דער שבת שוין" און פּרצעס „די גאָלדענע קייט", ווו ר'שלמה איז גוזר, אַז „שבת זאָל זיין!" אמת, די מיליע און די אַטמאָספער זענען נישט ביי זיי די זעלבע, מען קאָן אפילו זאָגן: היפּוכדיקע. ביי פּרצן איז די אַטמאָספער אַ למדניש־רוחניותדיקע און ביי האַפּשטיינען אַ קליטל־דיק־גשמיותדיקע, ווו דעם אויבנאָן פאַרנעמט די פּראָסטע בייטש און נישט די אײדעלע פילקאָליריקע הבדלה, הגם ביידע ווילן זיי דאָס זעלבע: אַריינפירן די וואָך. אָבער דער באַדויער פאַרן אַוועקגיין פונעם שבת איז ביי ביידע מחברים אידענטיש, כאָטש ביי פּרצן דריקט ער זיך אויס די־רעקט („שבת זאָל זיין!") און ביי האַפּשטיינען איז ער אומדירעקט־רמזימדיק, דורך זיין נישט וועלן קלערן אַז עס וואַרט אויף אים די קו אין שטאַל אויף צו געבן איר היי, וואָס דאָס איז עלול איבערצורייסן דעם שבת. און נישט בלויז די קו, וואָס וואַרט אויף דער אכילה, נאָר אויך דאָס „טונקלע שיקסעלע" מיט דער „שוואַרעצער פלאַש", וואָס וואַרטן שוין אין קליינעם קליטעלע אָנצוהייבן דעם האַנדל און מסחר, ווילן — ווי דער סימבאָל פון וואָך — אַריינרייסן זיך אין שבת אַריין, צעשטערן די שבתדיקע נשמה־יתירהדיקייט און די שבת־בענקשאַפט.

ווען איך האָב צום פינף און זיבעציקסטן געבוירן־טאָג פון דוד האַפּשטיין אויפגעמישט זיינע לידער־זאַמלונגען, בכדי זיך מתיחד צו זיין מיט זיין אָנדענק, האָב איך אויך אויפגעמישט מיינע ווייטע יינגל־יאָרן, ווען אויף דער שול־באַנק האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דוד האַפּשטיין. דעמאָלט האָב איך אים צום ערשטן מאָל געהערט — הן זיין נאָמען און הן זיין ליד.

אויך איצטער הער איך אים... איך הער די נישט־באַרואיקטע טע־נער פון זיין ליד, טענער פון זיין איינזאַמקייט און עלנטקייט, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זיין יונג־עמפּינדלעך האַרץ בעת זיין דיכטערישן בראשית, ווען ער איז געווען פאַרזונקען ערגעץ־ווו אין די פאַרשנייעטע רוסישע פעלדער. דאָרטן האָבן שוין פון לאַנג די טיפע שנייען נישט בלויז פאַרשאָטן די שפּורן פון זיין יוגנט, נאָר אויך די שפּורן פון זיין געביין.

איצטער טראָגט דאָרטן אַרום דער ווינט די נישט־געשטילטע טענער פון זיין ליד. זיי בלאָנקען אַרום אָן אַ תּיקון אין די אומבאַקאַנטע ווייטע שטחים און ווי אַ קדיש און אָן אל מלא רחמים זוכן זיי אַרום זיינע פאַרוואָרפענע און פאַרשאָטענע ביינער.

און פּונקט ווי אויף האָפּשטיינען ביים לעבן, אַזוי זענען אויך איצ־טער חל אויף האָפּשטיינען נאָכן טויט זיינע שורות:

אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער!
ווו קאָן מען זיין עלנטער, ווו קאָן מען זיין עלנטער...

1964

איזי כאַריק —

דער דיכטער פון די מינסקער בלאָטעס

(דרייסיק יאָר נאָכן אָפּמעקן יעדע שפּור פון זיין לעבן)

איך איינעם אַ טאָג פון זומער 1937 האָב איך אין אַ צייטונגס־קיאָסק אויף פּלאַץ רעפּובליק אין פּאַריז געקויפט אַ מאָסקווער „עמעס" און דערזען די ידיעה אַז דער באַרימטער יידיש־סאָוויעטישער דיכטער איזי כאַריק איז אַרעסטירט געוואָרן. אין דער קליינער נאָטיץ, פאַררוקט ערגעץ אין אַ זייט, איז כאַריק באַצייכנט געוואָרן אַלס שעדלעכער יידישער נאַציאָנאַליסט און פאַרמאַסקירטער שונא פון פאָלק.

איך האָב אויפגענומען די דאָזיקע ידיעה מיט פיינלעכער געפּלעפּטקייט און מיט אַ געפיל פון טיפן אומרו. קענענדיק כאַריקס פּראָלעטאַרישן שאַפן, זיין איבערגעגעבנקייט מיט לייב און לעבן צו דער סאָוויעטן־מאַכט, איז מיר שווער געווען צו גלייבן אין דעם וואָס דער „עמעס" גיט איבער. צו אויפריכטיק־רעוואָלוציאָנער און עכט, צו ליריש־האַרציק און דורכגעוויטיקט איז כאַריק געווען אין דעם רוב שאַפונגען זיינע, אַז מען זאָל צולאָזן דעם געדאַנק אַז ער האָט געקאָנט זיין דאָס וואָס מען וואָרפט אים פאָר. ער, כאַריק, האָט דאָס געקאָנט אַזוי מיט איין מאָל ווערן נישט בלויז אַ שונא פון דער ראַטנמאַכט, נאָר אויך אַ שונא פון גאַנצן פאָלק, ס׳הייסט פון יעדן אומבאַקאַנטן דורכגייער אויף דער גאַס? ער, וואָס האָט אַליין אַזוי באַזונגען דאָס פאָלק? און טראָץ מיינע ספקות, בעסער געזאָגט, זיכערקייט אין כאַריקס ערלעכקייט און אומשולדיקייט, האָב איך פונדעסטוועגן אָנגעהויבן מורא צו קריגן פאַרן גורל פונעם צאַרט־לירישן יידיש־סאָוויעטישן דיכטער פון ווייסרוסלאַנד. איזי כאַריק האָט זיך דאָ געוויס אויף אַ נישט־פּאַרזיכטיקן אופן פאַרפּלאָנטערט און זיך געלאָזט אַריינציען אין אַ נעץ פון געהיימע קאָנטררעוואָלוציאָנערע שעדיקער, סאַבאָטאַזשניקעס און דיווערסאַנטן — בין איך געווען איבערצייגט — און נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז אומשולדיק, קאָן ער דאָ טייער באַצאָלן פאַר זיין לייכטגלויביקייט און מאַנגל אין רעוואָלוציאָנערער וואַכזאַמקייט...

אַזוי איז געווען דעמאָלט, אין די דרייסיקער יאָרן, דער געדאַנקען־גאַנג פון די, וואָס האָבן געגלייבט אין דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט פון ראַטנפאַרבאַנד.

איזי כאַריק, זייענדיק אַ מינסקער, איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון דער ווייסרוסישער רעגירונג. דאָס האָט מען אים צוגעטיילט דעם דאָזיקן כבוד אין יאָר 1935, אין דער זעלבער צייט ווען עס איז אויף אַ פּייערלעכן אופן אָפּגעמערקט געוואָרן זיין פופצן־יאָריקער שאַפונגס־יובי־ליי. דאָס איז געווען ביי אונדז זייער אָנגעלייגט און מיר זענען געווען שטאָלץ מיט דעם. איך האָב געזען אין דעם נישט בלויז דאָס אָפּגעבן כבוד מצד דער ראַטנמאַכט אַ יידישן פּאָעט, נאָר דאָס אָפּגעבן כבוד דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט מען באַנו־מען אַז כאַריק איז געווען אין דער ווייסרוסישער רעגירונג נישט מער ווי אַ שבת־שיינדל און אַז אויך די ווייסרוסישע רעגירונג אַליין איז געווען נישט מער ווי אַ שבת־שיינדל. נישט זי האָט געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן און אוודאי נישט דער מיניסטער, צי פאָלקס־קאָמיסאַר איזי כאַריק האָט דאָ געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן. אָבער פאַרן שטיקל כבוד וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן, זיכער מיט אויסרעכענונג און כוונה, האָט ער גע-דאַרפט זייער טייער באַצאָלן. דאָס הייסט נישט, אַז ווען ער וואָלט נישט געווען קיין מיטגליד פון דער ווייסרוסישער רעגירונג וואָלט ער נישט געקאָנט אויך אויף אַן אַנדערן אופן פאַלן אַ קרבן, ווי זיינע חברים פּאָעטן אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

ל. אָסטראָווסקי (יוסף בערגער־ברזילי), וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַ טוער אינעם אָפּטייל פאַרן נאָענטן מזרח ביים קאָמינטערן, זייענדיק פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קאָמוניסטישער טעטיקייט אין יע־נעם ראַיאָן, איינשליסנדיק ארץ־ישראל, דערציילט אין איינעם פון די נומערן פון זשורנאַל „די גאָלדענע קייט" (תל־אביב) ווי איזי כאַריק איז איין מאָל געקומען צו אים אין זיין אַמט אין מאָסקווע וועגן אַן אינטער־ווענץ פאַר אים, אַז ער, כאַריק, זאָל באַקומען אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ נסיעה קיין ארץ־ישראל. כאַריק האָט געמאַכט די בקשה אין שייכות מיט דעם וואָס ער האָט זיך געגרייט אָנצושרייבן אַ פּאָעמע וועגן יידישן לעבן ווו ער האָט אויך גערדאַרפט אָפּשפּיגלען דעם ציוניזם און ער האָט זיך צו־ליב דעם צוועק געוואָלט באַקענען מיט דעם ענין אויפן אָרט, פון דער נאָענט. דאָס איז, אגב אורחא, געווען פאַר מיר זייער טשיקאַווע, איבער־ראַשנדיק, ממש רעוועלאַטאַריש. פון כאַריקס באַמיאונג איז סוף־כל־סוף גאָרנישט געוואָרן, אָבער נישט אין דעם גייט מיר דאָ. אין זיין קאַפּיטל זכרונות גיט איבער ל. אָסטראָווסקי, אַז אין יאָר 1935 זאָל שוין כאַריק האָבן

געוועָן „אויפן אויג". דאָס הייסט, אַז אין דער זעלבער צייט ווען מען האָט אים געפּראַוועט אָפּיציעל זיין גלאַנצפולן יובילי, ווען מען האָט אים צוגעטיילט שבחים און כיבודים; אין דער זעלבער צייט ווען מען האָט אין די מלוכה-פאַרלאַגן אַרויסגעלאָזט זיינע ביכער, האָט מען אויך אַרויס־געלאָזט קעגן אים די נעצן פון פּראָוואָקאַציע. און עס האָט אים אפילו גאָרנישט געהאָלפן און עס איז אים נישט בייגעשטאַנען דער זכות וואָס ער האָט אַליין באַזונגען זיינע נעצן־פאַרשפּרייטער און שטריק־פאַרוואַרפער, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק ביי אים אין אַזעלכע פערזן:

ווער גייט, ווער קומט אין מיטן דער נאַכט?
ווער האָט די טירן און פענצטער באַוואַכט?
ווער האָט צעטרייסלט די נאַכטיקע רו?
ג.פּ.או.! ג.פּ.או.!! ג.פּ.או.!!!

עס קאָן מאַכן דעם איינדרוק ווי כאַריק וואָלט דאָ אַליין הנאה געהאַט און אַנגעקוואָלן פון אָט די דריי אַזוי שווער־וואָגיקע אותיות און ער חזרט זיי איבער אַזש דריי מאָל; ווי ער וואָלט זיך געשפּילט מיט זיי, ווי עמעץ שפּילט זיך מיטן קלינגל פון אַ גזלניש מעסער, און ער שטעלט זיי אויס, די דריי „ג.פּ.או׳ס" טיפּאָגראַפיש אויף אַזאַ אופן אַז דער ערשטער „ג.פּ.או." איז געזעצט מיט געוויינלעכער שריפט פון טעקסט, דער צווייטער מיט גרעסערער שריפט און דער דריטער מיט נאָך גרעסערער, ווי ס׳וואָלט אַנגעוואַקסן אינעם שאַפונגס־פּראָצעס פונעם דיכטער אַ מין גראַדאַציע פון באַגייסטערונג. נאָכן ערשטן „ג.פּ.או." שטעלט ער אַוועק איין אויסרוף-צייכן, נאָכן צווייטן — צוויי און נאָכן דריטן — אַזש גאַנצע דריי אויסרוף־צייכנס. ווי ער וואָלט דאָ געוואָלט אונטערשטרייכן אַז וואָס מער און וואָס גרעסער דער „ג.פּ.או.", אַלץ גרעסער די גדולה און דער נחת.

איך גרויס זיך איצט מיט דעם וואָס אויף מיין ערד
שטייט און וואַכט אַ שטאָלצע ג.פּ.או.
אין יעדן בלענד פון שאַרפן שווערד —
די אַפּגלאַנצן פון קומענדיקער רו...

נישט געאַנט האָט דעמאָלט איזי כאַריק, ווען ער האָט געשריבן די דאָזיקע שורות, אַז דאָס וועט גאָר אין גיכן די שטאָלצע ג.פּ.או., מיט וועל־כער ער האָט אַזוי שטאָלצירט, קומען צעטרייסלען זיין אייגענע נאַכטיקע רו, און די קומענדיקע רו, וואָס זי וועט אים ברענגען, וועט זיין זיין איי־געגע בית־עולם־רו.

צי האָט באמת דעמאָלט כאַריק פון גאַרנישט געאַנט וואָס עס לויערט הינטער אים? ווייל וואָס באַדייטן דען די שורות פון אַן אַנדער ליד ביי אים ערגעץ פון גאָר אַ היפּוכדיקן קלימאַט און שטימונג, ווו מען שפּירט ווי מען ווערט ממש אַנגערירט פונעם קאַלטן שפּיץ פון יענעם שווערד:

גאָרנישט און ליידיקייט, פּוסטקע און ווינטן,
עס הענגט דאָ אַ שטילע פאַרלאָשענע שעה...
איך גיי, און מיר דאַכט זיך — מען גייט נאָך פון הינטן,
קוק איך זיך אום — איז דאָ קיינער נישטאָ...

עס איז מיר נישט פרעמד יענער מצב און יענע פּסיכישע געשפּאַנטקייט ווען אין יעדן געשאַרך פון ווינט און אין יעדן באַוועג פון אַ שאָטן הערט מען און מען זעט אַ נאָכשלייכער. אָבער וואָס פאַר אַ טראַגישע סתירה איז פאַראַן צווישן די נאָר־וואָס ציטירטע שורות און די פריערדיקע, אין וועלכע כאַריק לויבט גאָר אין העכסטער באַגייסטערונג יענע טריט וואָס גייען אים נאָך. צי האָט ער זיי דעמאָלט נישט געשפּירט און נישט געזען, אָדער נישט געמאַכט זיך זען, און ער האָט זיי באַגלייט מיט שבחים בכדי זיך איינצוקויפן אין יחוס, פאַרשאַפן זיך אַנערקענונג און אַ פּאָזיציע אַלס דיכטער? קומט אָבער אַמאָל אַ שעה פון ליידיקייט און פּוסטקע, ווען ער דערפילט זיך אַליין, מיט זיין אייגענעם נאַקעטן, נישט־פאַרשטעלטן איך און עס שפּאַרט אַרויס פון אים, קעגן זיין ווילן אפשר, אַן אַנדער געפיל, וואָס פרעגט אָפּ דאָס פריערדיקע. מען דאַרף פּרובירן זיך אַריינלעבן אין דער אַטמאָספער, אין וועלכער כאַריקן איז דעמאָלט אויסגעקומען צו שאַפן, בכדי צו באַנעמען זיין מצב, אָט דעם מצב, ווען טראַגנדיק זיין ליד ווי אַ משא, האָט ער געדאַרפט גיין דערמיט ווי אויף אַ דראָט איבער אַ תהום, בעת יעדער מינדסטער וואַקל און אַראָפּגליטש האָט געדראָט צו פאַרוואַנדלען די דראָט אין אַ לאַגערדראָט. אַריינפילנדיק זיך אין יענער אַטמאָספער וואָלט מען געדאַרפט זיין אַ קאַלטער גזלן בכדי אַרויסצוטראָגן פאַרטיקע מסקנות, צי אורטיילן, און נישט וועלן געפינען קיין זכות אויף דעם שעפער, ווען אפילו אַ שאַפונג זיינע, אָדער אפילו דער נוסח פון זיין גאַנצן שאַפן, האָט ווען געקאָנט זיין נישט צום הארצן. נישט צוליבן אחרי מות קדושים, צוליב דעם טויט פון דיכטער, נאָר צוליב זיין לעבן, איבער וועלכן ער איז נישט געווען דער בעל־הבית, פּונקט ווי איבער זיין ליד — דאָס לעבן וואָס האָט אָפּט געדאַרפט זיין אַ פאַרשטעלטס, אַ פאַרמאַכטס, פאַרשלאָסן פון זיך אַליין אויף אייגענע זיבן שלעסער.

אין כאַריקס שאַפן האָבן זיך אַרויסגעהערט געגוג דיסקרעטע יידיש־נאַציאָנאַלע טענער, טענער פון אומעט, פון ווייטיק, פון צעבראָכנקייט, פון יידישער צעבראָכנקייט. מען האָט, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט אויך אָנגעמען זייער אָפּט אַ טאָן פון אָפיציעלער האָפערדיקייט און ענטוזיאַזם, בכדי נישט שלעכט געזען צו ווערן, הגם אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. עס האָט אויך איזי כאַריקן נישט געהאָלפן און נישט בייגעשטאַנען איז אים דער זכות פון זיין הונדערט־פּראָצענטיקער פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג. זיין טאַטע איז געווען אַ שוסטער, אַ יחוס וואָס איז געווען מיט גאָלד צוגלייך.

נאָך זיין אַרעסט איז איזי כאַריק פאַרשווונדן אָן אַ שפּור, ווי אין אַ תהום אַריין. קיינמאָל האָט מען נישט געהערט אפילו וועגן אַ פאַרגעקומע־נעם פּראָצעס קעגן אים, ווי דאָס איז געווען בעת דעם אומברענג פון זיינע חברים דיכטער אין יאָר 1952. צווישן די שרייבער־קרבנות פונעם גרויזאַמען זיבן און דרייסיקסטן יאָר איז כאַריק געווען דער אָנגעזעעגסטער. אין יענער צייט זענען אויך פאַרפאַלן געוואָרן אַזעלכע שרייבער ווי מאַקס עריק, חיים גילדין, זיסקינד לעוו, א. אַבטשוק און מסתמא נאָך אַנדערע. עס וועט זיין כדאי צו ווידמענען עטלעכע ווערטער דעם פאַל פונעם אָנגעזעענעם פּראָזע־שרייבער א. אַבטשוק. אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אַבטשוק קונה שם געווען מיט זיין בוך "הערשל שאַמאַי", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פאָלקסטימלעכן הומאָר. די אָפיציעלע קריטיק אָבער האָט אויסגעפונען אין זיין דערציילונג טראָצקיזם. דאָס בוך האָט געהאַט אַ שלעכטע רעצענזיע און גלייך נאָך דעם איז אויך געוואָרן שלעכט מיט אַבטשוקן. נאָכן דערשיינען פונעם פּסק־דין פון דער קריטיק איז געקומען ווי אַ פּועל־יוצא אַן אַנדערער פּסק־דין, אַ מער קאָנקרעטער און בימזערער. דאָס בוך "הערשל שאַמאַי" איז צוריקגעצויגן געוואָרן פון פאַרקויף, עס איז פאַרשווונדן און נאָך דעם איז אויך פאַרשווונדן דער מחבר.

איזי כאַריק פאַרנעמט איינעם פון די ערשטע ערטער אויפן בית־עולם פון "פּערזאָנען־קולט", פונקט ווי ער האָט ביים לעבן פאַרנומען איינעם פון די ערשטע ערטער אין דער אויפגייענדיקער יידיש־סאָוויעטישער ליי־טעראַטור. ער איז געווען פון די ראשונים, פון די ראשונים דיכטער און פון די ראשונים קרבנות. צוזאַמען מיט פּרץ מאַרקיש און איציק פעפער איז כאַריק געווען נישט בלויז פון די אָנגעזעעגסטע יידיש־סאָוויעטישע דיכטער, נאָר אויך פון די דריי סאַמע אויסגעשפּראָכנסטע אויסדריקער פון דער סאָ־וויעטישער אידעאָלאָגיע אין דער יידישער דיכטונג. זיי זענען, ווי דיכטער, אויפגעקומען אַלע דריי כמעט אין דער זעלבער צייט — אויפגעקומען צו־זאַמען מיט דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג, פון וועלכע זיי האָבן גע־

שעפּט ווי פון אַ פליצנדיקן שפּרודלדיקן קוואַל. זיי זענען שפּעטער אויך אַלע דריי געווען פאַרשטייערס פון דריי ליטעראַרישע צענטערס. איציק פעפער איז דער פאַרשטייער פון כאַרקאָוו, איזי כאַריק פון מינסק און פּרץ מאַרקיש פון מאָסקווע. ווי רבּיים האָט יעדער געהאַט זיין שטאָט און זיין דינאַסטיע. זיי זענען אָבער יעדער באַזונדער אַריבערגעוואַקסן די ראַמען פון רעגיאָנאַלקייט און זיי זענען אַלע דריי באַטראַכט געוואָרן ווי יידיש־סאָ־וויעטישע דיכטער בכלל, נאָך מער: ווי אַלפאַרבאַנדישע פּאָעטן, ווי עס איז געווען דעמאָלט דער אָנגענומענער נוסח. און דאָס איז געווען אַ העכערע מדרגה.

כאַריק, וועלכער איז עלטער געווען פון פעפערן מיט צוויי יאָר און יינגער פון מאַרקישן מיט דריי יאָר, האָט זיך אונטערשיידט פון זייביידן מיט זיין שטילן געמאָסטענעם און געצוימטן גאַנג אין זיין דיכטערישן שאַפן, מיט זיין טיפן לירישן טאָן, מיט זיין ראַנגלען זיך צווישן דעם היינט און דעם נעכטן, צווישן דעם נייעם און דעם אַלטן, וואָס ער האָט זיך באַמיט בייצוקומען, גובר צו זיין. ער האָט טאַקע פאַרניינט און צומאָל פאַרשאַלטן דאָס פאַרגאַנגענע, אָדער דאָס וואָס קלאַמערט זיך און וויל נישט פאַרגיין, אָבער שטיל אין האַרצן, האָט מען געקאָנט האָבן דעם איינדרוק, האָט ער געטראָגן פאַר דעם אַ פאַרבאָרגענעם ציטער, אַ טיפן סענטימענט און אפשר אויך אַ בענקשאַפט. דאָס איז געווען אַ טראַגישער דואַליזם, אַ ריס אינעם האַרצן פון פּאָעט, וואָס האָט וויברירט ווי אַ לירע מיט צעפּליקטע סטרונעס, וואָס אירע וויינענדיקע קלאַנגען האָט מען קוים־קוים געקאָנט אַרויסהערן פון צווישן זיינע שורות. ער איז, אַלנפאַלס, אין דעם טריאָ כאַריק־פעפער־מאַרקיש געווען דאָס דינע פידעלע.

כאַריקס וויכטיקע זאַמלונג לידער און פּאָעמעס א. ב. „אויף דער ערד" דערשיינט אין יאָר 1926. איך געדענק ווי מיט אַ פערציק יאָר צוריק האָט מיר, אַ יוגנטלעכן פלייסיקן לייענער, דער פאַרוואַלטער פון דער ביבליאָטעק „הזמיר" אויף די נאַלעווקעס אין וואַרשע געגעבן דאָס ביכל מיט דער סודותדיקער באַמערקונג, אַז „עס איז געקומען איבערן קאָפּ", ס'הייסט כמעט אומלעגאַל. דער ביבליאָטעקאַר האָט שוין געקענט מיין געשמאַק און געוווסט וואָס אַזוינס איך זוך צו לייענען און דאָס ביכל מיר אונטערגערוקט און כמעט רעקאָמענדירט. איך האָב עס גענומען אין האַנט אַריין מיט גלויביקייט און פאַרכטיקייט, ווי אַלץ וואָס איז געקומען פון „דאָרטן".

„אויף דער ערד" האָט געמיינט: גיין מיט דער נייער רעאַליטעט, זיך געפינען מיט ביידע פיס אויף דער ערד און נישט פליען סתם אין די

הימלען, אַנטלויפֿן פֿון דער ווירקלעכקייט און פֿון אירע קאַרדינאַלע פּראָבלעמען, מיט איין וואָרט, קעמפֿן אויף דער ערד און פֿאַר אירע ערדישע צילן. און די ערד איז טאַקע ביי כאַריקן דער סימבאָל פֿון מענטשלעכער עקזיסטענץ און מענטשלעכער פּראָוואָרצלטקייט און ער באַזינגט זי מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט אין זיין יוגנטלעך געזאַנג.

אין דער זאַמלונג „אויף דער ערד" געפֿינט מען קודם־כל די אָפּקלאַנגען פֿון דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג, ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין דער גאַנצער יידיש־סאָוויעטישער דיכטונג פֿון די צוואַנציקער יאָרן און אויך שפּעטער. מאַרקישעס פּאָעטישע עפּאָפּייע „ברידער", פּעפֿערס לידער פֿון די פֿראָנטן, פֿינינבערגס פּאָעמע „ביים דניעפּער", קושניראָווס „ראָסייאַ" און אַ סך אַנדערע האָבן געגעבן דעם טאָן. כאַריקס צושטייער אויף אָט דער טעמאַטיק איז די פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס", איינע פֿון די וויכטיקסטע שאַפֿונגען אין דער זאַמלונג „אויף דער ערד". יעדער פּאָעט האָט געדאַרפֿט דערפֿילן זיין חוב לגבי דער רעוואָלוציע, געבן איר זיין אָפּצאָל פֿון ליבע און פֿאַרהערלעכונג, פֿון אידעאַליזירונג. דאָס האָט געדאַרפֿט זיין זיין פּאַסיר־שיין אין דער ליטעראַטור אַריין. מען האָט זיך אַנדערש נישט געקאָנט פֿאַרשאַפֿן קיין פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור; מיטן טאַלאַנט אַליין, ווי גרויס ער זאָל נישט האָבן געווען, האָט מען זי נישט געקאָנט דערגרייכן אויב מען האָט נישט געברענגט צום אויסדרוק אין איר אויף אַ קינסטלערישן אופֿן די רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיע. און וועלכער פּאָעט וויל דען דאָס זיין פֿאַרזען און פֿאַרשוויגן ? קיין אַנדערע ליטעראַטור האָט דאָך נישט געקאָנט האָבן קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. די רעוואָלוציע איז דעמאָלט געווען די צענטראַלע טעמע פֿון דער ליטעראַטור. זי האָט געהאַט די בכורה פֿאַר אַלעמען און זי איז געווען אַ שטראָם וואָס האָט מיטגעצויגן אַלעמען.

פֿון דער צווייטער זייט איז די רעוואָלוציע אויך געווען אַזאַ געשעעניש, וואָס האָט די דיכטער נישט געקאָנט נישט אינספּירירן און עס זענען זיכער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געקאָנט און אויך נישט געוואָלט די טעמע אויסמיידן. זיי האָבן זיך געצויגן צו איר, פּונקט ווי זי האָט זיך געצויגן צו זיי.

אַ יידישער דיכטער האָט, נאַטירלעך, געדאַרפֿט אַרויסהייבן יידישן אַנטייל אין דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג און דאָס איז אויך געווען די כוונה און ציל פֿון כאַריקן, פּלוס געבן לאָקאַלן און רעגיאָנאַלן קאָלאָריט, אויף וואָס עס זאָגט שוין עדות דער טיטל אַליין פֿון זיין פּאָעמע : „מינסקער בלאָטעס". כאַריק בכלל האָט אויף אַ מער־וויינ׳ק ברייטערן אופֿן אַריינגעפֿירט מינסק אין דער יידישער דיכטונג. מינסק, וואָס איז געווען אַ וויכ־

טיקער יידישער צענטער, וואָס צוגלייך מיט ווילנע איז זי געווען דאָס וויגעלע פון סאָציאַלע באַוועגונגען און געראַנגלען ביי יידן, האָט ניט באַקומען דעם געהעריקן תיקון אין יידישן ליטעראַרישן שאַפן. ערשט איזי כאַריק האָט אָפּגעגעבן מינסק אַ בכבודיק אָרט אין זיין דיכטונג און במילא אין דער יידישער ליטעראַטור.

פון די מינסקער בלאָטעס, פון די פאַרזשושכטע הינטערגעסלעך איז אויפגעגאַנגען אַ יונגער יידישער בלעכער, פּיניע, וואָס די נויט האָט אים אַרויסגעפּירט אַנצושליסן זיך אין דעם „צוג פון הייסע יונגען", וואָס מינסק האָט אַרויסגעשיקט צוהילף דער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך ערגעץ־ווו געראַנגלט אויף לעבן און אויף טויט. דער אימפּולס איז געווען די דורות־דיקע אָרעמקייט, די אָנגעזאַמלטע פאַרביטערטקייט קעגן אַ סיסטעם פון שאַרפע סאָציאַלע אונטערשיידן, וואָס כאַריק ברענגט דאָס אַרויס מיט שטילע טענער, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און פאַרפּרעסטע ליפּן:

מינסק — ווייסרוסישער פאַרקלערטער טרויער
מיט בעטלערישער אויסגעקרימטער האַנט,
פאַרוואָס איז דאָ ביי דיר אויף יעדן שטאָלצן מויער
אַזוי פיל קעלערן פאַראַן?

די טענה האָט פּיניע געלאָזט אויסשרייען זיין ביקס, וואָס ער איז גרייט געווען ערגעץ־ווו שוין צו בלייבן אונטער איר. די טענה האָט אויך אַ פּריאָרי באַשטימט די גרייס פון זיין מסירת־נפש און זיין קרבנות־גרייטקייט:

צו גרויס, צו גרויס איז אויפן פּראַנט דער אומרו,
און ס'קען דער הימל פּלאַצן איבער מינסק, —
און אויב מען דאַרף — וועט מען צוריק ניט קומען
און שטילערהייט שוין בלייבן אונטער ביקס.

אין דעם אָפּטן דערמאָנען די שטאָט מינסק, אגב אורחא, ווי מען זעט פון די ציטירטע שורות, באַנעמט מען די ענגע צוגעבונדנקייט און הייסע ליבשאַפט פונעם דיכטער צו זיין היימשטאָט, אויף וואָס עס זאָגן אויך עדות די פינאַל־שורות פון דער פּאָעמע:

אין וועלדער געדיכטע, אין וועלדער ווייסרוסישע,
ווער וועט היינט האַלטן די וואַך?
ס'וועלן היינט הערצער מיט פייער צעקושן זיך —
היינט אין אַ בלוילעכער נאַכט...

שטילער, פאַרמאַטערטע, רואיקע, טייערע,
ווער וועט פאַרהיטן די רו ?
ס'וועלן הייגט ווינטן און רואיקע פייערן
שטיל מיט אייך ריידן אויף דו...

און ווער עס וועט פאַלן — וועט מוזן פאַרגעסן
אַ פאַרלאָשענעם קאָפּ אויף דער ביקס...
— זאַמדיקע, שטילע, פאַרוואָרפענע געסלעך,
היים, אונדזער בלוטיקער מינסק...

אין די ווייטערדיקע יאָרן האָט די דיכטונג, ווי די ליטעראַטור בכלל, געדאַרפט זיין דער באַגלייט־אינסטרומענט פון פּאָליטישן לעבן, ברענגען צום אויסדרוק יעדע נייע שטעלונג פון דער פּאַרטיי, נעמען אפילו די פּאַרטיי פאַר אַ מוסטער אין שאַפן. און פעפער האָט טאַקע דעמאָלט פּראָקלאַמירט נישט בלויז זיינע באַרימטע פּראָסטע רייד, נאָר ער האָט אויך געהאַלטן פאַר אַ דעוויז זיינעם, אַז דער דיכטער דאַרף בויען זיין ליד אַזוי ווי די פּאַרטיי אירע טעזיסן. דאָס הייסט, אַז פאַרן פּאָעט האָט די פּאַרטיי געדאַרפט זיין נישט בלויז דער הויפּט־מקור פון אינספּיראַציע, נאָר אויך דער באַרופנסטער אויטאָריטעט און העכסטער פּוסק אחרון.

דער פּאָעט האָט געדאַרפט מיטגיין מיט אַלע עטאַפּן פונעם סאָציאַלן איבערבוי פון לאַנד, מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע, אינדוסטריאַליזאַציע, פּיאַטילעטקעס, דניעפּראָסטראָי, ער איז געווען מחויב צו באַלייכטן זיי מיט דער שיין פון זיין טאַלאַנט, ווי אויך יעדע נייע דערשיינונג אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט. ער האָט באַדאַרפט נישט אָפּשטיין אין וועג און נישט פאַרזען יעדע נייע ענדערונג, באַשטימונג און באַשלוס, וואָס די פּאַרטיי האָט אַרויסגערוקט און אַרויסגעהויבן אין פאָדערגרונט פון אַלגעמיינעם לעבן.

פּונקט ווי דער יידישער דיכטער האָט ביים געבן אַ תיקון אין זיין שאַפן דער תקופה פון רעוואָלוציע און בירגער־קריג געדאַרפט אַריינפירן דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן העלד, אַזוי האָט ער איצטער, ביים געשטאַלטיקן דעם פּעריאָד פון סאָציאַלן איבערבוי, געדאַרפט אַרויסברענגען די יידישע ספּעציפיק. ווי אַן אַלגעמיינעם פּאַן האָט ער דעמאָלט גענומען פאַר זיך דאָס שטעטל, וואָס איז געלעגן צעקוועטשט אונטער די רעדער פון דער רעוואָלוציע און אויף וועלכן עס האָבן זיך, ווי אויף אַ ליכט־עקראַן, געצאַפּלט אירע אַלטע טראַדיציאָנעלע פאַרשוינען, אויסגע־

וואַרצלטע און אויסגעריסענע פונעם אַלטן דורותדיקן באָדן און וואָס זענען געבליבן אויסזיכּטלאָז און הפקר אין דער נייער רעאַליטעט.

די מאָטיוון פון דער נייער טעמאַטיק זענען געווען דער אונטערגאַנג פונעם שטעטל, דאָס אַריינציען יידן אין דער אינדוסטריע, דאָס איבער־וואַנדערן אויף ערד, דער קאַמף מיט דער רעליגיע און מיטן אַלטן דור. כאָטש דער גרונט־ציל איז דאָ געווען אַן אַלגעמיינער, האָט יעדער פּאָעט באַנוצט זיין יחידישן צוגאַנג און טאָן. אין באַצוג צום שטעטל און צום אַלטן דור האָט איינער געקאָנט זיין ברוטאַלער, שאַרפער און אַ צווייטער ווייכער, געצוימטער, ביי אַ דריטן האָט זיך אפילו געקאָנט פילן אַ גע־וויסער דערשטיקטער ווייטיק און געראַנגל מיט זיך אַליין. דער לעצטער איז געווען איזי כאַריק. אין דעם טאַטן און זיידן, דעם פשוטן פאָלקס־ייד, וואָס איז נישט מיטגעגאַנגען מיטן נייעם לעבנס־דרך, האָט מען געזען דעם גרעסטן שונא און מען האָט אים פאַרניינט און פאַרשאָלטן, פאַרגעסנדיק דערביי אינגאַנצן אין דער יידישער מידה פון כיבוד־אָב ואם. אין זיין פּאָעמע „אין רויטן שטורעם" רופט אויס לייב קוויטקאָ מיט אַ טאָן פון האָפערדיקייט:

מיר, צעקריגטע שוין מיט טאַטעס,
מיר פאַרברענען אַלטע שמאַטעס
און פאַרניכטן ווילדע גראָז.

דער דאָזיקער אָנזאָג פון דער גוטער בשורה, אַז מ'איז שוין צעקריגט מיט די טאַטעס, זעט דאָ אויס ווי איינע פון די וויכטיקסטע דערגרייכונגען און נצחונות פון דער רעוואָלוציע. אין די דרייסיקער יאָרן האָט מען צווישן דער לינקער יידישער אַרבעטער־יוגנט אין פּוילן געהערט זינגען אַ ליד פון איציק פעפער, וועלכער האָט צו יענער צייט געגעבן דעם יידישן יוגנטלעכן אַזעלכע עצות:

זאָלסט דיין טאַטן
פאַרראַטן,
זייער גוט,
זייער גוט.

עס איז מיר איצטער שווער צו באַגרייפן ווי אַזוי מען האָט געקאָנט גראַמען טאַטעס מיט שמאַטעס און טאַטן מיט פאַרראַטן און עס איז מיר אויך שווער צו באַגרייפן פאַרוואָס מיר האָבן דאָס אַמאָל נישט באַגריפן. פאַרוואָס מיר זענען נישט געווען עמפּינדלעך צו דעם, פאַרוואָס עס האָט אונדז נישט שאָקירט, אונדז נישט אויפגערודערט פסיכיש. איך זאָל זאָגן,

אַז אונדזער בליק אויף דעם און אונדזער געדאַנקען־גאַנג און עמפּינד־לעכקייט האָבן זיך געענדערט דערפֿאַר ווייל מיט דער צייט האָבן מיר זיך אויך געענדערט, ווייל מיט דער צייט זענען מיר אַליין אויך געוואָרן טאַ־טעס און אויך זיידעס און נעמען זיך דאָ פּשוט אָן אונדזער אייגענע קריוו־דע און פאַרטיידיקן אונדזערע אייגענע „אינטערעסן״? מיר האָבן פונדעסט־וועגן אונדזערע טאַטעס און מאַמעס אין אַמאָליקן פּוילן צי אַנדערע לענ־דער פון מזרח־איירופּע נישט פאַרמשפט צום אונטערגאַנג. עס איז טאַקע געווען אַ ריס צווישן אונדז, אונדזערע וועגן זענען זיך צעגאַנגען און עס האָט אונדז בלויז ווי געטאָן פאַרוואָס זיי באַנעמען נישט, אַז זיי דאַרפן גיין מיט אונדזער וועג און מיר האָבן זיך באַמיט זיי צו געבן צו פאַרשטיין און זיך באַמיט זיי אויפצוקלערן — נישט ווי די יידיש־סאָוויעטישע פּאָעטן פון יענער צייט, וועלכע זענען געווען ברוטאַל און קריגעריש אַנגע־שטעלט קעגן די טאַטעס, גלייך ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט נישט אין אַ קאַמף צווישן קלאַסן, נאָר אין אַ קאַמף און אַנטאַגאַניזם צווישן דורות.

כאַריק האָט אויך מיטגעמאַכט די דאָזיקע טענדענץ, וואָס איז אַנגע־גאַנגען אין דער יידיש־סאָוויעטישער דיכטונג נאָך די רעוואָלוציע־יאָרן, אָבער ניואַנסירטער, מער מיט רחמים, הגם ער האָט אויך געוווסט און געווען זיכער, אַז דאָס שטעטל איז פאַרמשפט צום אונטערגיין און דער עלטערער דור, פּונקט ווי דאָס שטעטל, וואָס ביידע צוזאַמען שטעלן זיי פאַר דעם אָבסקוראַנטיזם און רעאַקציע, אויב נישט קאָנטררעוואָלוציע, דאַרפן פאַרשווינדן, ווייל זיי זענען פאַרמשפט דורך דער נייער ווירקלעכ־קייט. דערפֿאַר האָט ווי אַ קאָנסעקווענץ געקאָנט קומען כאַריקס אויסרוף צו די זיידעס, אַז זיי זאָלן פאַרגיין, וואָס מען פילט אַרויס, אַז ער האָט דאָס פונדעסטוועגן, נישט געטאָן מיט אַזאַ לייכט האַרץ:

פאַרגייט, פאַרגייט איר אומעטיקע זיידעס,
מיט בערד צעשראָקענע, פאַרלאָפענע מיט שניי!
אין לעצטן בראָך, אין לעצטן ווי
זייט איר פאַרבליבן לעצטע עדות —
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס.

און דער דאָזיקער אויסרוף צום אַלטן דור צו פאַרשווינדן גייט פּאַראַלעל מיטן זעלבן פאַרלאַנג בנוגע דעם שטעטל, אָט דאָס יידישע שטעטל, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ טראַגישן מצב פון עלנט און דערשלאָגנקייט צוליב דעם וואָס די אויפטרייסלונג פון דער רעוואָלוציע האָט עס אַרויסגעשטויסן פון די אַלטע פּרנסות און עקזיסטענצן:

אַז ווינד, אַז ווי צו אייער גאַנצן שטעטל,
צעטראַטענעם אין ווייטיק און אין נויט...
צו יעדן הונגעריקן ביסן ברויט
האָט איר פון לאַנג געשמייכלט און געבעטלט —
אַז ווינד, אַז ווי צו אייער גאַנצן שטעטל.

און וואָס אַזוינס האָט צעווייטיקט די הערצער פון די ציידעס, די שטעטל־דיקע פאָלקס־יידן? וואָס איז געווען די סיבה פון זייער טיפער זאָרג? — די צוקונפט און דער קיום פון יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, וועגן וועלכע זיי האָבן שוין דעמאָלט, אין די צוואַנציקער יאָרן, אַנגעהויבן צו צווייפלען און מורא צו קריגן:

און קוקט איר איצט צעשראָקענע און מידע,
און ס'ציטערן און טרייסלען אייך די קני.
— ווער ווייס, ווער ווייס, אויב ס'וועלן די,
אויב ס'וועלן אָט די זין נאָך בלייבן יידן?
און ס'ציטערן און טרייסלען אייך די קני.

און דאָס אָפּפרעמדן זיך פון אַלטן דור דערגייט ממש ביז אַ וועלן זיך אָפּרייסן פון אים פיזיאָלאָגיש:

און מיר, אָט די, וואָס רופן אייך נאָך ציידעס,
און וויסן, אַז דאָס דאַרף מען שוין נישט לאַנג,
מיר גייען אויף ווי ערשטער קלאַנג,
ווי ערשטער קלאַנג פון קומענדיקע פריידן.
מיר, אָט די וואָס רופן אייך נאָך ציידעס.

איז גוט אַריינקוקן אין אומעטיקע אויגן,
ווען פרעמד איז אייער ווייטיק פון די בערד.
מיר — אָט די און די — ס'איז אונדז באַשערט,
ס'איז אונדז באַשערט שוין קיינמאָל זיך נישט בייגן...
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע אויגן!

אין אָט דעם ליד, וואָס איך האָב עס געברענגט אינגאַנצן, איז פאַראַן נישט בלויז די דעמאָלטיקע און אויך שפּעטערדיקע טראַגיק פון די סאָוויעטישע יידן, נאָר אויך די פּערזענלעכע טראַגיק פון איזי כאַריק גופא.

אין ראַטנפאַרבאַנד זענען נישט געווען קיין אַבסטראַקטע לאָזונגען און ווונטשן. אויב האָט אויסגעדריקט דער דיכטער אַ ווונטש צו די

יידישע זיידעס, אַז זיי זאָלן אונטערגיין, איז עס געווען אַ סימן אַז ערגעץ־ווו מיינט מען דאָס קאָנקרעט און מען קאָן דאָס רעאַליזירן מיט מער ממשותדיקע מיטלען, ווי מיט אַ ליד... צי האָט דאָס באמת כאַריק געוואָלט? האָט ער דאָס באַגערט? ס'איז שווער צו גלייבן אין דעם. עס איז פאַראַן אין דעם ליד נישט בלויז דער ווייטיק פון די אַלטע יידן, נאָר אויך כאַריקס אייגענער פאַרשטעלטער ווייטיק. אין דעם אויסרוף: „זיידעס" איז שוין פאַראַן די ליבשאַפט צו זיי. אין דער ווענדונג: „שטעטעלע" (הגם כאַריק רופט ערגעץ אויס: „שטעטעלע, פאַרשווינד!") איז שוין פאַראַן די ליבשאַפט און אפילו בענקשאַפט צום שטעטעלע, צי כאַריק האָט זיך יאָ אָדער נישט אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון. צומאָל קאָן מען אויך אַרויסהערן פון זיינע שורות אַ מין געוויסן־פּלאָגעניש און חרטה־געפילן, אַ באַדויער פאַר די פאַרשווונדענע שטעטלעך, וואָס ער אַליין האָט זיי געהאָלפן צעשטערן:

איך קוק זיך איין דורך דאָרשט פון מיינע אויגן
און לעגער, לענגער צי איך אויס מיין האַלדז:
געוועזן זענען שטעטעלעך פאַרלייגט דאָ
אין שטילער רו מיט שטילן ברויט און זאַלץ.

ווי אָבער ער זאָל זיך נישט זעלבסט באַשולדיקן ווייסט ער אַז עס איז פאַרפאַלן, אַז דורך דעם וואָס ער האָט פאַרשאָלטן דאָט שטעטל איז ער אַליין פאַרשאָלטן געוואָרן מיט אַ מין פאַטאַליזם און אַנדערש קאָן עס מער נישט זיין:

נאָר ווער עס האָט געשאָלטן דיך אַמאָל
וועט שוין מוזן דיך פאַרשעלטן קענען.

כאַריק איז געווען אין קלעם צווישן זיין ערלעכן דיכטערישן געוויסן און די אָפיציעלע פאַרטיי־אָנשטעלן און פאָדערונגען, וואָס זענען געוואָרן אויף אים אַרויפגעצוווּנגען און וואָס ער אַליין האָט אויף זיך אַרויפגעצוווּנגען. און עס איז פאַראַן אויך פאַר דעם אַ גאָר קאָנקרעטער באַווייז:

אין יאָר 1925 האָט ה. לייוויק באַזוכט מינסק און ער האָט געהאַט באַגעגענישן מיט די דאָרטיקע יונגע יידישע שרייבער (אַלע זענען דעמאָלט נאָך געווען יונג) און קודם־כל מיט א'זי כאַריק, וועלכער איז געווען דער אָנגעזעענסטער צווישן זיי. ער איז טאַקע אויך געווען באַשטימט צו זיין דער ראש־המדברים פון דער שרייבער־דעלעגאַציע, וועלכע האָט געדאַרפט אָפּוואַרטן דעם חשובן גאַסט פון אַמעריקע.

דערציילט לייוויק ווי אַזוי איזי כאַריק איז איין מאָל געקומען צו אים אין האָטעל, האָפערדיק און אַ ביסל בגילופין, און ער האָט פאַר אים פאָרגעלייענט זיינע לידער וועגן שטעטל, וועלכע לייוויק באַצייכנט, אגב: „לידער קעגן דעם יידישן שטעטל״. לייוויק האָט געפילט אַ ווייטיקדיקע אויפרעגונג און ער האָט געטאַדלט כאַריקן פאַר זיין פאַרשעלטן און פאַר־ניינען דאָס שטעטל, וואָס איז אין תוך — האָט לייוויק געזאָגט — גע־ווענדט קעגן אונדזערע ערלעכע טאַטע־מאַמע, אַרעמע פאָלקס־מענטשן.

כאַריק, דערציילט ווייטער לייוויק, האָט זיך געעקשנט. מיטאַמאָל איז ער צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום טישל און זיך אויפן קול פאַנאַנדערגעוויינט. כאַריק, זעט אויס, איז געווען אויפגעטרייסלט פונעם פסיכישן שאָק, עס האָט אים פאַרקלעמט דער צוגעטראָפּענער אמת, ער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן פּנים אל פּנים מיט לייוויקן. זיינע טרערן, וואָס מען האָט זיי נישט געקאָנט באַשטעלן ווי לידער, זענען אויך געווען די טרערן פון די אומעטיקע אויגן פון די זיידעס, וועמענס אונטערגאַנג דער דיכטער האָט פאַרלאַנגט מיט אַ נישט־אויפריכטיקער פּאַטעטיק און גיכער אפשר מיט אַן אינערלעכן ווייטיק.

שפּעטער איז כאַריק געקומען צו זיך און אַרויסגעוויזן אַ האָפער־דיקייט. און כאָטש לייוויק זאָגט, אַז ער האָט כאַריקן געגלייבט, אַז זיין האָפערדיקייט איז אַן אמתדיקע, בין איך איצטער מער גענייגט צו גלייבן אין יענע טרערן כאַריקס, ווי אין זיין דעמאָלטיקער האָפערדיקייט. זיינע לעצטע ווערטער צו לייוויקן זענען געווען: „מיר זענען אַ גרויסער אַנהויב. אירט נאָך זען וווהין מיר וועלן פאַרגיין.״

דאָס וואָרט „פאַרגיין״ האָט אין יידיש אַ טאָפּלטן זין. פאַרגיין קאָן הייסן דערגרייכן, דאָס וואָס כאַריק האָט געמיינט, און פאַרגיין קאָן אויך באַדייטן — אונטערגיין. ליידער האָט דער צווייטער טייטש זיך אַרויס־געוויזן פאַרן ריכטיקן.

די באַגעגעניש צווישן לייוויקן און כאַריקן איז פון פון די זעלטענע, פון וועלכע מיר ווייסן און פון וועלכער מיר דערוויסן זיך אַ סך. פון נאָך באַגעגענישן ווייסן מיר: דאָס איז מיט ל. אָסטראָווסקי, אין יאָר 1935, וואָס איך האָב פריער שוין דערמאָנט, און אַ באַגעגעניש און אַ פאַרבינ־דונג צווישן כאַריקן און דעם שרייבער אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ, וועלכער האָט געהערט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה צו די לינקע קרייזן אין אַמעריקע און ער האָט ווי אַן אַמעריקאַנער בירגער שטודירט דריי יאָר צייט אין דעם קיעווער יידישן וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט. ער האָט נאָכן אומברענגען די יידיש־סאָוויעטישע שרייבער אין יאָר 1952 אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן נאָמען „די סאָוויעטישע הרוגי מלכות״.

סיי פון אָסטראָווסקיס זכרונות וועגן כאַריקן און סיי פון אַ בריוו, וואָס כאַריק האָט געשריבן צו א. פּאָמעראַנצן אין יאָר 1936, קאָן מען זיך משער זיין, אַז כאַריק האָט געהאַט אַ באַגער אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. מיר דערמאָנען זיך ווי כאַריק איז געקומען צו ל. אָסטראָווסקין וועגן אַ באַמיאונג ביי אים צו קאָנען אַרויספאָרן אויף אַ שטודיר־רייזע קיין ארץ־ישראל און כאַריק האָט פאַרשטאַנען מיט וואָס צו ווירקן אויף אַ טוער פון קאָמינטערן פאַר זיין ציל, צוגעבנדיק אַז זיין רייזע וועט זיין נוצלעך פאַרן קאָמוניזם. אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן און פון כאַריקס באַמיאונג איז גאָרנישט געוואָרן, ווי מיר ווייסן שוין פון פריער. אין זיין בריוו צו פּאָמעראַנצן, ווו כאַריק בעט אים צו שיקן אים די ביכער פון משה־לייב האַלפּערן, גיט ער צו:

„איך גלייב, אַז די ביכער פון מ. ל. האַלפּערן וועל איך באַקומען פריער איידער איך וועל אַליין זיין אין אייערע לענדער". ס'איז, אַלזאָ, צו זען סיי פון דאָזיקן בריוו און סיי פון דער וויזיט ביי אָסטראָווסקין, אַז כאַריק האָט געגלייבט, אָדער לכל הפּחות געחלומט, צו קאָנען מאַכן אַ באַזוך אין דער אויסערלעכער וועלט.

ווער עס וועט וועלן פאַרשן דאָס לעבן פון די סאָוויעטישע יידן אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן און זיך שאַפן אַ באַגריף דערוועגן וועט מוזן אָנקומען צו דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור פון יענער צייט. כאָטש אַ סך, אַ סך איז געוועזן פאַרשטעלט צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, וועט מען פונדעסטוועגן נאָך קאָנען גענוג אַרויסזען פון דער פאַר־שטעלטקייט ווען מען וועט לייענען אירע שאַפונגען אויפמערקזאַם. ספּע־ציעל איצטער, נאָך אַזוי פיל נייע דערפאַרונגען, וועט מען זיך קאָנען שאַפן אַ באַגריף וועגן די שטימונגען, וועגן דעם טראַכטן און פילן פון די סאָוויעטישע יידן, וועגן דער באַציאונג פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע צום נייעם רעזשים, וועגן דעם יידישן עלנט און צעבראָכנקייט. און צומ־מערסטן וועט מען דאָס קאָנען אַרויספילן ביי איזי כאַריק. ס'איז גענוג איבערצולייענען דעם אַריינפיר צו זיין פּאָעמע „ברויט", געווידמעט דער יידישער קאָלאָניזאַציע. אַ גאַנץ שטעטל מיט יידן טראַקטירט אים, כאַריקן, אַלס אַנטיסעמיט ווען ער קומט אַראָפּ זיי צורעדן צו פאָרן אויף ערד, באַ־טראַכטנדיק אים פאַר אַן אָפיציעלן מענטש, אַ צוגעשיקטן פון אויבן:

אויף געסלעך לײדיקע און מידע
לײגן זיך נאָך שטײפער מײנע טריט...
הײנט בײטאָג האָט מ'יך אַ שטעטעלע מיט יידן
אָנגערופן: אַנטיסעמיט!

אַלע זיי אין קנייטשן און אין שמאַטעס
האָבן אַלץ געוויזן מיט די הענט:
— אַט דער, — מיר קענען אים, אי אים, אי טאַטע־מאַמע,
האָט ער זיך פון אונדז אַזוי פאַרפרעמדט!

ווילט זיך צוגיין, צוגיין און אים זאָגן:
הערסטו, חבר, ס׳איז אַזוי אונדז שלעכט,
אויב מען קען אונדז אַלעמען דערשלאָגן
וואָלט ביי אונדז זיין רעכט.

וואָס זעט מען דאָ לויט כאַריקס שורות? אַז די גאַנצע שטעטלדיקע יידישע פאָלקס־מאַסע האָט אים, כאַריקן, דעם אָפיציעלן מענטש, דעם פאָרשטייער פונעם איבערוואַנדערונגס־אַמט, באַטראַכט נישט פאַר קיין רעטער און גואל, נאָר פאַר אַ פרעמדן און נאָך מער: פאַר אַן אַנטיסעמיט.

אין אַן אַנדער ליד פון דער זעלבער פּאָעמע פילט מען בולט אַרויס דעם קלאָגעדיקן יידישן מצב, דעם ווייטיק פון די זיידעס ביים דאַווענען אין שול, זייער עלנטקייט און פאַרלוירנקייט. די שטימונג און אַטמאָספער פון יענער שול דרינגען אַריין אין אונדזער געמיט ווי אַן עסעדיקע קעלט אין די ביינער.

מיט געשטרויכלטע קני און מיט שווערן געמיט
זענען זיידעס געשטאַנען געבויגן,
איז אַ טרויער אַראָפּ פון די ווענט, פון סופיט
און פאַרדעקט און פאַרטרונקען די אויגן.

אין דאָ ליידיק און שטיל, איז דאָ ליידיק און הויל,
ס׳קאָן די שול שוין קיין רו נישט געפינען.
האָבן זיידעס געריכט, געוואַרט און געציילט
און דערוואַרט צו פאַרנאַכט צו אַ מנין.

ווערט די שול שוין אַ שול, און גאָט ווערט אַ גאָט.
און דער קנויט קאָן שוין ציען און ציען.
איז די תפילה געגאַנגען מיט רואיקן טראָט
— — — „עינינו בשובך לציון״ — — —
ביז — — —

— האָט זיך פּלוצלונג ביים חזן די תפילה פאַרמאַכט
האָט שוין קיינער ביז סוף נישט פאַרענדיקט.

ס'האָבן זיידעס געשוויגן פֿאַרשטילט און פֿאַרטראַכט,
און געוויינט אויף צעבראָכענע שטענדערס...

די צעבראָכענע שטענדערס זענען דאָ אפשר געגעבן אין מעטאַ־פֿאָרישן זין. אַ שטענדער איז נישט מער ווי אַ שטיק האָלץ. מען קאָן דאָ גרייזלעך דאָס צעבראָכענע זען סימבאָליש. דאָס זענען נישט בלויז קיין צעבראָכענע שטענדערס, גאָר צעבראָכענע יידישע געמיטער, צעבראָכן יידיש לעבן, איבער וועלכן עס וויינען די זיידעס, פּונקט ווי ער, כאַריק אַליין, האָט געוויינט ביי דעם טישל אין לייוויקס האָטעל־צימער אין מינסק. מען דאַרף נאָר דאָ בלויז איבערשטעלן און ענדערן דעם דעקאָר און פּערסאָנאַזש. פֿון דער שול קאָן דאָ זייער לייכט ווערן אַ האָטעל, פֿונעם שטענדער אַ טישל און פֿונעם אַלטן צעוויינטיקטן בעל־תּפֿילה — דער יונגער איזי כאַריק.

אָפט מאָל טרעפֿט מען אָן ביי יידיש־סאָוויעטישע דיכטער פֿון יענער צייט, און אויך שפּעטער, שורות, אין וועלכע זיי זאָגן, נישט־ווילנדיק, נביאות וועגן זייער צוקונפֿטיקער טרויעריקער דאָליע. אָדער דאָס, וואָס זיי זאָגן וועגן זיך, און אַז מען לייענט עס איצטער, קלינגט עס ווי די סאַמע ביטערסטע איראָניע פֿון זייער אייגענעם שפּעטערדיקן גורל. און ווי טרויעריק נעמט מען אויף זייער האָפֿערדיקייט וועגן דעם גליק וואָס דער־וואַרט זיי אין דער צוקונפֿט. אויך ביי כאַריקן געפֿינט מען אַזעלכע שורות און נאָך מער: שורות ווו מען טרעפֿט זיך אָן אויף פֿאַראָנונגען און שטי־מונגען פֿון טויט, וואָס אַלץ איז מקוים געוואָרן. איך וועל דעריבער ברענגען ווי אַן אילוסטראַציע כאַריקס אַ ליד, ווו אָט די אַלע עלעמענטן קומען זיך צונויף:

איך האָב פֿלוצלינג היינט דעם טויט דערפֿילט
און אָפּגעשפּרונגען צען טריט אויף הינטער —
איך קאָן דאָך נישט פֿאַרבלייבן שטיל,
ווי דערפֿעלע פֿאַרשאָטענעס מיט ווינטער.

איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געפֿרייט זיך און געקוויקט
מיט לעצטער רו פֿון צוגעמאַכטע אויגן,
און כ'האָב זיך קיינמאָל נישט געצויגן צו אַ שטריק
ווי ס'ציט זיך הונגעריק אַן עופֿהלע צום זויגן.

זינט איך האָב אַ ביסל זיך דערקענט,
רוישט אין מיר ווי פּרילינג אויף די הרעבליעס,
און ס׳דאַכט זיך מיר — איך טראָג אין מיינע הענט
דעם אָנהייב און די ענדע פון מיין לעבן.

אוי, לעבן מיינס, מיין אומרואיקער פּריינט,
איך וועל מיט דיר נאָך לאַנג זיך נישט צעשיידן —
און כ׳וועל געוויס נאָך לעבן זייער לאַנג
און אפשר לענגער נאָך אפילו פון מיין זיידן.

און ווען אַ קויל מיך טרעפן שטילערהייט,
וועט מיך די קויל געוויס נישט קענען נעמען.
איך האָב עפּעס היינט דערפילט דעם טויט
און הייב זיך אָן פאַר זיך אַליין צו שעמען.

איך האָב בכיוון געברענגט דאָס גאַנצע ליד בכדי דער לייענער זאָל בעסער דערפילן און באַנעמען כאַריקס געמיט־צושטאַנד פון יענער צייט. עס איז צו שטוינען פון וואַנען עס נעמען זיך צום דעמאָלטיקן אַכט און צוואַנציק יאָריקן איזי כאַריק אַזעלכע שטימונגען און שפּירונגען פון טויט אין סאַמע אויפקום פון נייעם ברויזנדיקן לעבן. און דערנאָך קומט אונדזער ביטערע אַנטוישונג אין זיין זיכערקייט אַז ער וועט לאַנג לעבן, אפילו נאָך לענגער פון זיין זיידן. ווי טראַגיש קלינגט איצטער פאַר אונדז כאַריקס נישט מקוים געוואָרענע נבואה בשעת מיר ווייסן, אַז ער האָט נישט דער־לעבט אפילו די עלטער פון זיין אַ זיידע. און וואָס שייך דער קויל, וואָס כאַריק האָט אַזוי טיף געגלייבט אַז זי וועט אים נישט נעמען, ווייסן מיר דאָך פון לאַנג אַז זי האָט אים, ליידער, יאָ גענומען.

איינע פון כאַריקס וויכטיקסטע שאַפונגען איז די פּאָעמע „מיט לייב און לעבן", געווידמעט אַ יידישער לערערין, אַן אידעאַליסטקע, וואָס קלייבט אויס אַליין די שליחות און דעם שווערן עול צו פאָרן לערנען יידיש מיט קינדער ערגעץ אין אַ ווייסרוסיש שטעטל, אין אַ העק, וו אַלץ איז נאָך „מיט ווילדפלייש פאַרדעקט". זי קומט זיך דאָ מקריב זיין ווייל זי גלייבט, אַז עס איז נאָך פאַראַן וואָס אויפצוטאָן כל־זמן דאָס שטעטל זשיפּעט נאָך און לעבט.

און גוט איז צו פילן — זי קען זיך פאַרמעסטן
מיט לייב און מיט לעבן אַריין אין דער אַרבעט.

שטעטעלעך, שטעטלעך, פֿאַרלאָזענע נעסטן,
איז אמת, אַז אַלע איר מוזט שוין צעשטאַרבן?

די שווערקייטן זענען גרויסע ביים גרינדן און איינאָרדענען די שול. מען דאַרף צונויפֿנעמען קינדער פֿון די דריי שטעטלדיקע חדרים. דער מלמד ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ שומר פֿון דער שול. ער באַקומט אַ נייע פֿונקציע און אַ מין „פֿאַרגיטיקונג" פֿאַר זיין פֿאַרלוירענער פּאָזיציע. פֿאַראַן אַ טאַטע און אַ מאַמע וואָס טענהן: „אַ ייִנגעלע דאַרף זיין מיט חכמה פֿול", ס'הייסט מיט אַלגעמיינעם וויסן. איז דער פּועל־יוצא: „דאַרפֿן מיר נישט האָבן אָט דעם ייִדיש". און ביי אַנדערע עלטערן איז גאָר די ייִדישע שול נישט געגנוג ייִדיש און זיי זענען פֿול מיט זאָרג און זייער סקעפּטיציזם באַוועגט זיי צו ווענדן זיך צו די קינדער:

וואָס וועט זיין, אַז איר וועט ווערן גרויסע,
וועט איר וויסן וואָס עס איז אַ ייִד?

בכלל באַציט זיך דאָס שטעטל מיט ביטול און מיט אומצוטרוי צו דער לערערין, וואָס ייִדן רופֿן זי „די שוואַרץ־חנעוודיקע גויע". מען לאַכט געשמאַק פֿון איר אויסגעקלעפּטער ייִדישער מודעה:

— איר זעט?
— אָט די שוואַרץ־חנעוודיקע גויע
וויל אויסלערנען די קינדערלעך תנ"ך.

דאָס שטעטל האָט נישט קיין צוטרוי צו דער לערערין. זיכער דערפֿאַר ווייל זי ווערט באַטראַכט ווי אַ צוגעשיקטע פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט. מען איז איר חושד, אַז זי איז געקומען מיט אַנדערע כוונות ווי לערנען מיט די קינדער ייִדיש. געוויס איז דער ענטוזיאַזם און דער אידעאַליזם פֿון דער לערערין נישט בלויז צוליבן ענין ייִדיש, ייִדיש לשם ייִדיש, נאָר דער ענין פֿון זיך מקריב זיין דאָ אין דעם אָפּגעשטאַנענעם שטעטל דרינגט ביי איר אַרויס פֿון אַנדערע סיבות און איז ביי איר אַן אידעאַלאָגישע שליחות, ווייל ע ר אַליין, דער בילדונגס־קאָמיסאַר לונאַטשאַרסקי, האָט געוואָרפֿן דעם לאָזונג צו גיין אויפֿן דריטן און וויכטיקן פֿראָנט, וואָס דאָס מיינט, פֿאַרשפּרייטן בילדונג און ער האָט געשיקט אַ גרוס צו דער לערער־אַרמיי אין די סאַמע פֿאַרוואָרפֿנסטע דערפֿלעך. אָבער דער אידעאַליזם, די התלהבות, דער ברען און איבערגעגעבנקייט פֿון דער לערערין זענען דאָ דורכאויס ייִדישע אייגנשאַפֿטן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש נאָר פֿאַר

אַ יידישער לערערין. דאָס האָט משמעות אויך כאַריק געפּילט און דאָס רייסט זיך אַדורך אין זיין פּאָעמע, טראָץ דעם וואָס זיין כוונה און טענדענץ זענען געווען פאַרצושטעלן די יידישע לערערין ווי אַן אָפּיציעלע געשטאַלט און איר קומען לערנען אין שטעטל — ווי אַן אָפּיציעלע שליחות.

ווינטער־צייט, אין טיפע שנייען, פאַרגדיק אויף אַ קאָנפערענץ פון קרייז ווערט די לערערין קראַנק און זי שטאַרבט. זי האָט מקריב געווען פאַרן יידישן וואָרט איר לייב און לעבן. אַ צווייטע לערערין קומט אַראָפּ אין שטעטל און פאַרנעמט איר אָרט.

אין דער פּאָעמע איז פאַראַן אַזוי פיל אומעט און דערדריקטקייט. עלנט און פאַרלוירן פילט זיך די לערערין אין אַנבליק פון די דורותדיק־טראַדיציאָנעלע שטעטלדיקע יידן, וואָס האָבן זיך ביי וואָס צו קלאַמערן: ביי זייערע יום־טובים, שמחות און שטייגער־מנהגים. מען האָט דעם איינדרוק, אַז אַ קנאה־געפיל צו זיי באַהערשט זי שטילערהייט ווען זי זעט זיי גיין אַזעלכע פייערלעכע און פאַרכטיקע צו כל־נדרי. זי האָט, דאַכט זיך, אפילו מורא אַליין גיישט אַריינצופאַלן אין דער כל־נדרי־שטימונג און אין דער רעליגיעזער מיסטיק. און בכדי זיך זעלבסט צו שטאַרקן און דערמוטיקן, הייסט זי דער יוגנט איינאַרדענען אַן „אָוונט".
מען פילט דערביי, אַז כאַריק אַליין איז נישט מחוץ דער פאַרכטיקער שטימונג און אַז עס איז פאַראַן ביי אים אַ געוויסע דיסקרעטע אידעאַליזירונג פון די כל־נדרי־יידן:

דורכזיכטיק. אומעטיק. אין שיין
דערברענען שוין די אָוונטיקע ליפּעס.
וואָס וועט זיין? — עס וועט באַלד יום־טוב זיין.
די הייזלעך גיסן אַן זיך מיט יום־כפור.

אין גרויע הייזלעך ברענען ווייסע ליכט
און ווייסע יידן גייען צו „כל־נדרי".
און ס'האָט די לערערין דערפילט זיך אומגעריכט
אַזוי אַליין. עס יום־טובן נאָך יידן. —

באַלד וועט ביי זיי ווערן העל אין שול
און אויף דער גאַס — איז אויסגערוט און ליידיק.
זי האָט זיך הייס אַ ריס געטאָן פון שטול,
ווי ס'וואָלט איר עמעץ ווייטיקדיק באַליידיקט...

אין אויסגערוטער בלויקייט פון דער נאַכט
שטייען קאָמיוגיסטן אין איין בינטל.
— פאַרוואָס האָט מען קיין אָוונט נישט געמאַכט ?
— וווהין זאָל מען זיך, חברטע, אַהין טאָן ?

— אַזוי, אַזוי און עפּעס מוז מען טאָן,
אָך, חברים־ברידער, מיינע יאָטן !
זי איז אַוועק.
געבראַכט מיט זיך אַ פאָן
און ס׳האָט די פאָן, ווי זי אַליין, געפלאַטערט.
און איינס נאָך איינס,
און איינס נאָך איינס —
פאַרזינגען זיך שוין אַלע...

און ס׳האָט דער הימל הויך אַ בלוילעכער געבענקט,
און שטערן זענען בלוילעכע געפאַלן...

דערנאָך, ווען יידן זענען זיך פון שול צעגאַנגען,
האָט זיך יעדערן געדאַכט :
אין גרויסער שטילקייט פון דער נאַכט
גייט אויף אַ ליכטיקע פאַלאַנגע,
גייט אויף אַ ליכטיקע פאַלאַנגע
אין ווייסן וווגדער פון דער נאַכט.

און ס׳האָבן יידן זיך פאַרטראַכט...

מען פילט דאָ בפירוש אַז אינעם אָקעגנשטעלן דעם יונגן דור, די קאָמיוגיסטן, דעם עלטערן דור יידן, וואָס גייען צו כל־נדרי, געפינט נישט כאַריק די קינסטלערישע גלייכמעטיקייט, די איינגעשטעלטע גלייכגעוויכט. אין דער זאָרג און אין אַרומזען זיך פון די קאָמיוגיסטן, אַז מען דאַרף זען עפּעס צו טאָן אין דער כל־נדרי־נאַכט, איז נישטאָ די זעלבע עכטקייט ווי אינעם פאַרכטיקן גאַנג פון די ווייסע יידן אין שול אַריין. דער קינסטלערישער קאָנטראַסט איז אַ בולטער. דאָס רופן די „חברים־ברידער", „מיינע יאָטן" אויסצושטעלן זיך איינס נאָך איינס זענען דאָ נישט מער ווי רעטאָרישע ווענדונגען. עס איז דאָ נישטאָ ביי כאַריקן די זעלבע איבערלעבונג, די זעלבע עמאָציאָנעלקייט, דער טיפער לירישער

טאָן ווי ביים באַגלייטן די ווייסע יידן צו כל־נדרי, אויף וועלכע דער דיכטער לאָזט נידערן אַזאַ שטילע און געדעמפּטע פּייערלעכקייט.

די איבערוואַנדערונג פון יידן אויף ערד איז אין יענע יאָרן געווען אַ צענטראַלע טעמע אין דער יידיש־סאָוויעטישער דיכטונג. עס האָט זי באַהאַנדלט מאַרקיש, פעפער און אַנדערע. זי איז, נאַטירלעך, געווען געבונדן מיטן אונטערגאַנג פון שטעטל. די אויפגייענדיקע יידישע קאָלאָניע איז געוואָרן אַקעגנגעשטעלט דעם אונטערגייענדיקן שטעטל. כאַריק, אין זיין פּאָעמע „ברויט", וואָס איך האָב שוין דערמאָנט, גייט צו צו אָט דער טעמע מיט מער מילדקייט און ווייכקייט ווי אַנדערע דיכטער. דער קאָנ־פליקט צווישן שטעטל און קאָלאָניע איז ביי אים נישט אַזוי שאַרף און ברוטאַל אַרויסגעבראַכט ווי ביי מאַרקישן אין זיין פּאָעמע „ניט געדאגהט". נישט דער צוזאַמענשטויס צווישן שטעטל און דאָרף איז ביי כאַריקן אין פאָדערגרונט, נאָר די שלווה פון פעלדער, די פרייד פון די ישובניקעס וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן פון קרעמער אין קאָלאָניסטן, כאָטש געווען זענען זיי געגנוג צעטומלט און אומבאַהאָלפן ביים אָנקומען אַהער:

האָבן זיך עלטערע יידן פאַרקלערט:
וואָס טוט מען ? ווי טוט מען ? גיי שפּיל זיך מיט ערד.

אָבער דער ענין איז שוין געווען אַ באַשערטע זאַך פאַר די אויסגע־וואָרצלטע קרעמער און מען האָט די נייע ענדערונג געמוזט אָננעמען באָן־ברירה:

אַז קיינמאָל וואָלט אַהין נישט געגאַנגען
אונדזער פלינקע און איילקע פוס —
איז דאָס לעבן געקומען אין ראַנגל,
אין ראַנגל, אין וויי און אין אַנגסטן,
געגומען ביים נאַקן: מען מוז!

מען פילט ווי כאַריקן וואָלט אַ שווערער שטיין אַראָפּ פון האַרצן מיט דער נייער ענדערונג, צוליב וועלכער דאָס אונטערגייענדיקע שטעטל, וואָס ער האָט פאַראורטיילט, האָט באַקומען, לויט אים, אַ תיקון און וואָס אויפן אָרט פונעם שטעטלדיקן אומעט איז געקומען די פרייד פון דער קאָלאָניע, די התלהבות פאַר דער אַרבעט, דאָס זען אויפגיין דאָס ברויט אַ דאַנק דער מי און פּראַצע פון די אייגענע צען פינגער. די קאָלאָניע האָט, אַלנפאַלס, געמוזט אַזוי געזען ווערן און באַזונגען ווערן אויב מען האָט

זי פֿאַרגעשטעלט ווי די סאָציאַלע ישועה פֿאַרן יידישן לעבן און מען האָט זי אַקעגנגעשטעלט דעם צוריקגעשטאַנענעם קרעמערישן שטעטל. אָבער צי איז כאַריק מיט זיין גאַנצן דיכטערישן האַרץ געווען דערביי? צי איז די פֿרייד זיינע געווען אינגאַנצן אָן אויפֿריכטיקע און צי האָט מען אים נישט, און צי האָט ער אַליין זיך נישט, אַנגעכאַפּט ביי דער פּען, ווי דעם קרעמער ביים נאַקן: מען מוז!

דעם זעלבסט־אַרויפֿצווינג פֿילט מען נישט איין מאָל אין זיין שאַפֿן און דאָס איז אפשר איינע פֿון די סימנים פֿון כאַריקס פּערזענלעכער דיכטערישער טראַגעדיע.

אַזוי צי אַזוי איז יענע אויפֿגייענדיקע פֿרייד פֿון כאַריקס פּאָעמע „ברויט" שוין פֿון לאַנג צעשטערט, פּונקט ווי די פֿרייד פֿון די קאָלאָניסטן, אויף וועלכע זי איז געווען, איז שוין פֿון לאַנג צעשטערט. ליידער, איז דאָס באַזונגענע לעבן פֿון די קאָלאָניסטן שוין נישטאָ און אויך נישט זייער לירישער האַרציקער באַזינגער איזי כאַריק. בלויז זיין ניגון איז געבליבן. איך הער אים וויברירן אויף קאָנצערטן אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַר־איינען און וואַרשע אין די דרייסיקער יאָרן בעת אַ כאָר האָט אויסגעפֿירט טיילן פֿון זיינע פּאָעמעס „ברויט" און „מינסקער בלאָטעס", האַרציקע יידישלעכע ניגונים, וואָס עס איז זיי גוט צו זינגען צווישן טאָג און נאַכט ווען אַ בענקשאַפֿט נאָגט ביי דער נשמה און אויפֿן האַרצן איז פֿאַראַן אַן אומעט.

איך דערמאָן זיך אין זיי אין דרייסיקסטן יאָרטאָג פֿון איזי כאַריקס אומקום, ווען אין איינעם אַ טאָג פֿון סוף זומער 1937 האָבן זיינע אומ־ברענגער אויף אַ געהיימנישפֿולן אופֿן אים אויסגעמעקט פֿון לעבן און אַפּגעווישט יעדע שפּור נאָך אים.

בלויז די שפּור און דעם שטילן נאָכקלאַנג פֿון זיין ליד האָבן זיי נישט געקאָנט אָפּווישן.

1967

דאָס איבערגעריסענע געזאַנג
פון פּרץ מאַרקיש

1

אין יאָר 1965 האָט מען אין דער גאַנצער וועלט אָפּגעמערקט אַ וויכטיקע קולטור-דאַטע: ס'איז געוואָרן זיבן הונדערט יאָר זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער באַרימטער איטאַליענישער דיכטער דאַנטע; און אין זעלבן יאָר איז אויך אויסגעפאַלן דער זיבעציקסטער געבוירן־טאָג פון באַרימטן יידישן דיכטער פּרץ מאַרקיש.

צווישן זיבן־הונדערט און זיבעציק איז, נאַטירלעך, אַ גרויסער מהלך און מיט אַנדערע געפילן נעמט מען אויף דעם זיבן־הונדערטסטן געבוירן־יאָר און מיט אַנדערע געפילן דעם זיבעציקסטן געבוירן־יאָר פון אַ פּאָעט, וועלכער האָט נאָך געקאָנט לעבן ביי זיין עלטער, בפרט אַז ער איז נישט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט, נאָר זיין לעבן איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אין סאַמע גאָלדענעם זומער פון זיין שאַפן.

ביי זיבן און פופציק יאָר האָט שוין פּרץ מאַרקיש נישט געלעבט. מען קאָן זאָגן, אַז ער איז שוין געוועזן טויט זינט זיין אַרעסט אין אָנהייב 1949, ווען זיין שפּרודלדיקע שאַפונגס־קראַפט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, ווייל וואָס פאַר אַ באַדייטונג און ווערדע האָט שוין געקאָנט האָבן דאָס לעבן ביי אַזאַ אימפּולסיוון און שטורמיש־ברויזנדיקן דיכטער, ווי מאַרקיש, אָן זיינע שעפערישע אויפגאַנגען און אויסלאָדונגען?

אַזוי אַרום איז שוין מאַרקיש ביי פיר־און־פופציק יאָר געוועזן טויט, אַ קרבן פון אַ בלוטיקן גולם, וועלכער האָט געדאַרפט זיין דער סימבאָל פון די דערהויבנסטע מענטשלעכע אידעאַלן און איז גאָר אַרומגעגאַנגען מיט אַ האַק אין האַנט און בלינדערהייט געהאַקט מיט איר אויף רעכטס און אויף לינקס און פאַרהאַקט אונדזערע שענסטע קעפּ.

אייגנטלעך, וואָלט איך געדאַרפט שרייבן וועגן מאַרקישן צו דער געלעגנהייט פון זיין יאָרצייט און נישט געבוירן־טאָג. אויב אָבער איך טו דאָס נישט, איז עס דערפאַר ווייל מאַרקיש איז נישט אומגעקומען אַליין, נאָר מיט אַ גאַנצער פּלעיאַדע פון זייַנע חברים, פּען־ברידער און שותפים פון זעלבן גורל, און שרייבנדיק וועגן מאַרקישן אין שייכות מיט זיין יאָר־צייט, וואָלט מען אויך גלייכצייטיק געדאַרפט שרייבן וועגן אַלע אַנדערע חברים זייַנע, באַהאַנדלען אויך זייער שאַפן צוגלייך מיט זייַנעם, ווייל אויך זייער יאָרצייט פאַלט דאָך אויס אין דער זעלבער דאַטע. אָבער שרייבן וועגן אַלע צוזאַמען, בפרט באריכות, וואָלט נישט מעגלעך געווען, ווייל דאָס וואָלט מען געדאַרפט טאָן אין אַ גרויס־ און ברייט־פאַרמאַסטן ווערק. מען קאָן אפילו מאַרקישן אַליין אויך נישט אַריינפּאַסן אין דער ראַם פון אַן עסיי, אפילו נישט בלויז זיין דיכטערישן שאַפן. אויסשעפּן אים דאָ איז פּונקט ווי אויסשעפּן אַ טייך מיט אַ לעפל.

עס איז נישט לייכט אַרומצונעמען זיין ברייטע גאַמע פון מאָטיוון, פון סוזשעטן און פּראָבלעמען, זיין גאַנצן ליכטיקן אויפשיין און אויפשטייג, זייַנע אַלע עטאַפּן און מדרגות, זייַנע סתירות און ווידעראַנאַנדן.

וועגן זיין סתירותדיקייט האָט מאַרקיש, זעט אויס, אַליין זיך אָפּגע־געבן אַ חשבון נאָך אין זייַנע יונגע יאָרן. פאַר זיין אָפּפאָרן פון פּוילן קיין ראַטנפאַרבאַנד אין יאָר 1926 האָט ער אין אַ שמועס, פאַרעפנטלעכט אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער", דערקלערט צום סוף:

„ווי יעדע בין טראָג איך מסתמא צו אי מיין ביסל האָניק און אי מיין ביסל גיפט".

פון אָט דעם אויפריכטיקן מתוודה זיין זיך, פון אָט דעם כאַראַקטע־ריזירן זיך זעלבסט, פון אָט די צוויי קעגנזעצלעכע עלעמענטן, וואָס דער דעמאָלטיקער יונגער מאַרקיש דערקלערט, אַז ער פאַרמאָגט זיי ביידע, דאַרף מען אפשר זען די גאַנצע שפּעטערדיקע מאַרקיש־געשטאַלט.

איך פאַרבעט איצט מיין לייענער צו מאַכן מיט מיר אַ רייזע אין פּרץ מאַרקישעס שפּעדיקע פּאָעטישע גיטער, אָבער דאָס וועט זיין אַ רייזע מיט אַ שנעלצוג, אָן עקספּרעס, וועלכער שטעלט זיך אָפּ בלויז אויף די הויפּט־סטאַציעס, אויף די וויכטיקסטע צענטערס. אמת, דורך דער שויב פון דעם וואַגאָן קאָן מען אויך זען פאַרביישוועבן פּיטאַרעסקע און געמיט־לעכע וואָקזאַלעכלעך, אָבער דער שנעלצוג האָט נישט קיין צייט, לײדער, זיך אָפּצושטעלן אויף זיי און צו געבן אונדז די מעגלעכקייט זיי צו באַוווּנדערן.

2

ווי אַ דיכטער איז פּרץ מאַרקיש אויפגעקומען אינעם יאָר פון אויסברוך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין זיינע לידער־זאַמלונגען זענען די ערשטע שאַפונגען דאַטירט מיטן יאָר 1917. אָבער מער באַקאַנט און פּאָפּולער געוואָרן איז ער מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, נאָך זיין קומען קיין פּוילן אין יאָר 1920, ווען ער האָט פאַרלאָזט זיין היים אין אוקראַינע, וווּ עס איז ערשט אויפגעגאַנגען די יונגע ראַטנמאַכט. זיין נאָמען איז אַדורך איבער שטעט און שטעטלעך פון פּוילן ווי אַ מעטעאָר; ער האָט געררייצט, געכּישופט און געוועקט די יידישע יוגנט, וואָס האָט אַרויסגעוויזן צו אים אַזויפיל נייגער און פאַראינטערעסירונג, אפשר טאַקע מער צו זיין אויפגייענדיקן נאָמען און פערזענלעכקייט, ווי צו זיין דיכטונג, וואָס איז נישט געווען אַזוי צוגעגנגלעך, אָבער וואָס מען האָט זי דאָך אויפגענומען ווי עפּעס נייס, עפּעס אַנדערשדיקס. הגם מען האָט זי נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען האָט מען איר געשענקט צוטרוי און גלויבן, ווייל מען האָט געשענקט צוטרוי און גלויבן מאַרקישן.

מאַרקיש איז גיך געוואָרן דער סימבאָל, דער אויסדרוק פון דער נייער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. צי מען האָט יאָ אָדער נישט געקאַנט אָננעמען אָט די נייקייט און מאָדערנקייט. עס איז געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. עטלעכע יאָר נאָך דעם ווי די קאַנאָנען אויף די שלאַכטפעלדער פון אייראָפּע האָבן זיך שוין ממש געהאַט פאַרכלישטשעט און פאַרקרעקט פונעם איינגעזשלאָקעטן בלוט, זייערע גאָרגלען זענען פאַרפּאַקט און פאַרשטאָפּט געוואָרן און שוין געווען הייזעריק־פאַרזשאַווערט און לסוף זיך איינגעשטילט. דער מענטש האָט דערפילט אַ קאָפּויערגייענדיקן איבל פאַר דעם נאָר־וואָס־פאַרגאָסענעם בלוט־מבול, אַן אַווערסיע, אַ קערן צו דער גאַל פון דעם קעגנזייטיקן אויסשעכטן זיך. אַ ווילן האָט באַהערשט אַלע געמיטער איבערצורייסן אויף שטענדיק די אומזיניקע הריגה, פאַרהאַמעווען און אָפּשטעלן דעם בלוט־שטראָם צווישן מענטש און מענטש.

עס איז געווען די צייט פון שטורעם און דראַנג, פון מאַכן חשבון־הנפש, פון איבערשאַצן ווערטן, פון זוכעניש און באַנייאונגען. פּונקט ווי דער מענטש וואָלט געוואָלט נאָכן גרויסן בלוט־אָפּפלוס אַליין זיך באַנייען און זיך רעפּראָדוצירן, האָט ער געזוכט אויך נייע פאָרמען און אויסדרוק־מיטלען פאַר אַלע געביטן פונעם קולטור־שאַפן. אין אייראָפּע זענען דעמאָלט אויפגעגאַנגען אין דער ליטעראַטור און קונסט פאַרשידענע נייע ריכטונגען, שיטות, שטרעמונגען און אַלערליי איזמען, וועמענס נייע ווינטן

האָבן אויך געגומען אַריינבלאָזן אין די געצעלטן פון דער יידישער ליטע־ראַטור פון פּוילן. וואָרשע האָט נישט געקאָנט בלייבן הינטערשטעליק און נישט מיטגיין מיטן שטראָם. ס׳איז געווען אַ לייכט קאָקעטירן מיט די נייע מאָדעס, אַן אימיטירן פרעמדע שטימען און גלייכצייטיק איז עס אויך געווען ביי אַנדערע אַן אויפריכטיקער דראַנג צו אַנדערשקייט און נאָוואַטאָרישקייט.

מאַרקיש איז אין יענע יאָרן געווען דער סאַמע אויסגעשפּראָכענער אויסדריקער און שליח פון דעם דאָזיקן נייעם שטראָם. ער איז אַריין דע־מאָלט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ צעכראַסטעטער און אַ צעשויבער־טער, מיט אימפּעט און שווונג ווי אַ וויכער, אויפפּראַלנדיק אַלע טירן און פענצטער, ווו די אַריינגעבראַכטע אומגעריכטע צוגווינטן האָבן מיט העזה אויסגעשלאָגן שויבן און געקערט וועלטן.

דער דראַנג צו אָריגינעלקייט און מאָדערניזם האָט מאַרקישן אויך געפירט צו חידושדיקע עקספּערימענטן און אויסטערלישקייטן אין זיין דיכטונג פון יענער צייט. ווי אַ שם־דבר פון אומפאַרשטענדלעכקייט און אפילו אומזיניקייט האָבן דעמאָלט אָפּגעקלונגען מאַרקישעס שורות:

אַ פּאָר צילינדערס שוואַרצע אויף די פּיס!
און אויפן קאָפּ אַ שטיוול מיט אַ רויטן שטערן!

צווישן די צייכענונגען און פריינטלעכע שאַרזשן פון יידישע שרייבער, וואָס זענען געהאָנגען אויף די ווענט פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, האָט זיך אויך געפונען אַ צייכענונג פון דעמאָלט־באַקאַנטן קינסטלער האַרצקע גאָלדשלאַג, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מאַרקישן טאַקע מיט אַ פּאָר שוואַרצע צילינדערס אויף די פּיס און מיט אַ שטיוול אויף זיין שיינער ווילדער טשופּרינע. מאַרקיש איז דעמאָלט געווען דער צעבאַלעווע־טער און צעלאָזענער פּרינץ פון דער נייער דיכטונג, און טראָגנדיק די קרוין אויפן קאָפּ, האָט ער אפשר געמיינט, אַז עס איז אים אויך דערלויבט צו טראָגן דעם שטיוול אויפן קאָפּ אַנשטאָט אויפן פוס. איז מיר שווער צו וויסן צי די נייגונגען מאַרקישעס צו אומפאַרשטענדלעכקייט און נישט־קלאָרקייט זענען געווען דער אויסדרוק פון זיינע זוכענישן צו באַנייאונג, צי אַ קאַפּריז און אַ שקאַצעוואַטע שטיפעריי אָדער עקסטראַוואַגאַנץ. אַז ער האָט געקאָנט פון זיי אויך אָפּווייכן באַווייזט זיין נישט גרויסע ליריש־עפּישע פּאָעמע „וואָלין״, וואָס איז דערשינען אין דער זעלבער צייט און אין וועל־כער דער דיכטער מיטן „שטיוול אויפן קאָפּ״ באַזינגט מיט האַרציקע טענער, מיט קלאָרקייט און פּשטות דאָס אַלטע טראַדיציאָנעלע שטייגער־לעבן פון יידישן שטעטל אין וואָלין מיט זיינע כאַראַקטעריסטישע טיפּן און גע־

שטאָלטן, יום־טובים און מנהגים. עס דערשיינען אויך דעמאָלט צוויי ביכ־לעך קינדער־לידער זיינע „שטיפעריש" און „דער גאַלאַגאַנער האָן", פול מיט חן און שפּילעוודיקייט און נאָענט צום קינדערשן געמיט און באַנעמען. אין די דאָזיקע שאַפונגען אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז גאָר אַן אַנדערער מאַרקיש.

פאַרשטייט זיך, אַז דער מאַרקיש מיט די „שוואַרצע צילינדערס אויף די פּיס", דער מאַרקיש פונעם טומלדיקן און הילכיקן ווערטער־יאַריד דאָמי־נירט און טאַקע אַט דער מאַרקיש אימפּאָנירט און נעמט זיך אָן, קריגט אַנהענגער, חסידים און פאַרערער און נישט בלויז צווישן די לייענער, נאָר אויך צווישן שרייבער, וואָס דאָס איז שוין גאָרנישט קיין קלייניקייט. געוויסע פון זיי שטעלן זיך אַפילו איין פאַר אים, ווערן זיינע אַפּאָלאָגעטי־קער און פאַרטיידיקער און זענען גרייט אָפּצושלאָגן אַלע אַטאַקעס קעגן אים. ווייל מען דאַרף וויסן, אַז מאַרקיש ווי אַ דערשיינונג אין דעמאָלטיקן יידישן ליטעראַרישן לעבן האָט אַרויסגערופן ליידנשאַפטלעכע שטרייטן, עס האָבן זיך געשאַפן צוויי צדדים, צוויי לאַגערן: פּראָ און קאָנטראַ פּרץ מאַר־קיש. און מלך ראַוויטש, וועלכער איז געווען איינער פון זיינע נאָענטע חברים און באַשיצער, האָט טאַקע דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור מיטן נאָמען „פּראָ פּרץ מאַרקיש".

מיט וואָס פאַר אַן אידעאישן און דיכטערישן טשעמאָדאַן איז פּרץ מאַרקיש געקומען פון זיין היים אין אוקראַינע קיין פּוילן אין יאָר 1920? און פאַרוואָס האָט ער דעמאָלט בכלל פאַרלאָזט דאָס יונגע אויפגייענדיקע ראַטנלאַנד? פאַר דער צווייטער פראַגע קאָן איך בלויז האָבן השערות. מעג־לעך אַז די שווידער־וויזיע פון די פּאָגראָמען אין די יידישע שטעטלעך פון אוקראַינע, וואָס האָבן געבושעוועט אין דער צייט פון בירגער־קריג, האָבן אים געיאָגט פון דאָרטן. די פּאָגראָמען, אגב, וועלן אים שוין שפּעטער כסדר פאַרפאָלגן, נישט געבן אים קיין רו און נישט איין מאָל וועט ער זיך אומקערן צו זיי אין זיינע ווערק. מעגלעך, אַז עס האָט אים דעמאָלט אויך געיאָגט דער אומרו און דער נייגער צו באַקענען די אויסערלעכע וועלט. וואָס שייך דער ערשטער פראַגע, וועגן דעם אידעאיש־דיכטערישן באַגאַזש, וואָס מאַרקיש האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, קאָן מען דעם ענטפער געפינען אין זיינע דעמאָלטיקע שאַפונגען.

ווי דערמאָנט, האָט מאַרקיש דעביוטירט אין 1917, אין דעם יאָר ווען עס איז אויסגעבראָכן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אָבער ס׳איז כאַראַקטעריס־טיש, אַז אין קיין איין ליד זיינס פון יענעם יאָר געפינט מען נישט דעם מינדסטן אָפּקלאַנג וועגן אַט דער היסטאָרישער געשעעניש סיי פאַר רוס־

לאַנד און סיי פאַר דער מענטשהייט; אַ געשעעניש, וואָס זי וועט שפּעטער ווערן זיין אני־מאמין און וואָס זי וועט אים אָנטאָן אי פליגל און אי קייטן.

אין יאָר 1917 באַצייכנט זיך נאָך מאַרקיש אין זיינע לידער אַלס אַ "בלאָנדזשענדיקן דיכטער", וועלכער טראָגט זיך דעמאָלט אַרום אין הפקר, אין וואָגל און נע־ונד, וועלכער האָט נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף, נישט קיין היינט און נישט קיין מאָרגן. כאַראַקטעריסטיש זענען זיינע שטימונגען פון יענער צייט:

שוואַרצזערישע געזאַנגען, בלאָנדזשענדיקע, וועמען זוכט איר?
נעענטער צו מיר, צו אייער בלאָנדזשענדיקן דיכטער!

די שוואַרצזערישע געזאַנגען, האַלט דער יונגער מאַרקיש, קאָנען גאָר קיין בעסערן תיקון נישט באַקומען ווי נאָר ביי אים, דעם בלאָנדזשענדיקן דיכטער. ער פאַרבעט זיי נעענטער צו זיך און זיי וועלן זיין זיינע אַנגעלייגטע אורחים. ווי קאָן עס דען אַנדערש זיין, אויב ער זאָגט וועגן זיך:

כ׳ווייס נישט ווו איך הייב זיך אָן —
כ׳ווייס נישט ווו ז׳מיין סוף.

די זעלבע שטימונג זיינע וואַריאירט אויף אַ צווייט אַרט:

מיט אויגן אָפענע, מיט אַ צעשפּיליעט העמד,
מיט הענט צעשפּרייטע
ווייס איך נישט צי כ׳האָב אַ היים,
צי כ׳האָב אַ פרעמד,
צי כ׳האָב אַן אָנהייב,
צי אַ סוף.

אַזוי פילט מען כסדר אַרויס דעם געמיט־צושטאַנד פון דעם דעמאָלטיקן יונגן פּרץ מאַרקיש, גייענדיק אין די שפּורן פון זיינע אייגענע ערשטלינג־שאַפונגען:

דריי איך זיך אַרום עפּעס אַ פרעמדער,
פון ערגעץ ווייט אַן אָנגעקומענער...
דערבאַרעמט זיך אויף מיר אַ קראַנקער ווינט
און שטומערהייט מיך איבער וועגן פירן נעמט ער.

אין יאָר 1920, ווי דערמאָנט, קומט פּרץ מאַרקיש קיין פּוילן. מען וואָלט זיך געקאָנט שאַפן לויט זיינע דעמאָלטיקע לידער די השערה, אַז ער האָט אפשר פאַרלאָזט זיין געבוירן־לאַנד צוליב אומצופרידנקייט, צוליבן

נישט קאָנען אַריינפּאַסן זיך אין די נייע געענדערטע באַדינגונגען, אָבער מען קאָן דאָס פונדעסטוועגן נישט זאָגן מיט קלאָרקייט און זיכערקייט.

קלאָרער איז דער פאַקט, לויט זיינס אַ ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן גלייך נאָך זיין קומען קיין פוילן, אַז ער איז אַוועק פון זיין היימלאַנד אויף אַן אומלעגאַלן אופן. היינט וואָלט מען אפשר פון אַזאַ פאַל געמאַכט אַ גאַנצן ווענז, מען וואָלט אים מסתמא באַצייכנט ווי אַן אַקט פון דעזערציע, פון פאַרלאָזן פּחדנותדיק דעם רעוואָלוציאָנערן פראָנט. מיר איז אָבער נישט באַקאַנט, אַז מען זאָל דאָס האָבן ווען פאַרגעוואָרפן מאַרקישן סיי נאָך זיין אַוועקפאָר און סיי שפּעטער, נאָך זיין אומקערן זיך קיין ראַטנפאַר־באַנד. פאַר מיר איז דאָס בלויז אַ כאַראַקטעריסטישער, אָבער נישט־באַדייטנדיקער פּרט, אַ נישט־וויכטיקער פּונקט, וואָס דורכן פּענצטער פונעם פאַרבייציענדיקן שנעלצוג איז אים אַפילו שווער צו באַמערקן. אָבער לאָמיר פונדעסטוועגן ציטירן פון מאַרקישעס ליד וועגן זיין פאַרלאָזן רוס־לאַנד:

פון שוואַרצן ים ביז ווייסלאַ־טייך די גרענעץ כ׳האָב געשוואָרצט!

דערביי רופט ער אויס מיט אַ זעלבסטזיכערן טראָציקן טאָן צו זיינע גאַסטגעבער, די נייע פּוילישע הערשער:

קיין פּאַספּאָרט האָב איך נישט, איך האָב אין האַרץ אַ רויטן ברענענדיקן שטערן!...

איינס פון די וויכטיקסטע ווערק מאַרקישעס פון יענעם פּעריאָד איז געווען „די קופּע”, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער דעמאָלטיקער יידישער ליטעראַטור־וועלט. „די קופּע”, דאָס איז די קופּע הרוגים פון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע בעת דעם בירגער־קריג. מאַרקיש וויל מיט זיין פּאָעמע אויסשרייען איר אַ קדיש. נישט זאָגן און נישט קלאָגן, נאָר טאַקע שרייען און אויסשרייען מיט מאַרקישעס הויכן קול און פאַר־הויבענעם שטאָלצן קאָפּ, וועלכער פּאַסט זיך נישט אַזוי פאַר אַן אָבל; אַ קדיש, וואָס פאַרוואַנדלט זיך ביי אים אין אַן אָנקלאָג און אַ לעסטערנדיקער קללה. שווין אין דעם מאָטאָ, וואָס קלינגט ווי אַ ווידמונג, ווי אַן אויפֿשריפט אויף אַ מצבה, געפינט מען דעם גרונט־טאָן, וואָס מאַרקיש וועט געבן דעם גאַנצן ווערק:

נאָך אייך, הרוגים פון אוקראַינע,
ווו פול מיט אייך די ערד איז,
און אויך נאָך אייך, געשאָכטענע אין „קופּע”,
אין האַראַדיטש דער שטאָט ביים דניעפּער,
— קדיש!

„די קופּע" איז שפּעטער אַריין אין מאַרקישעס אַ זאַמלונג לידער מיטן נאָמען „פֿאַרקלעפּטע ציפּערבלאַטן", דערשינען אין מאָסקווע אין יאָר 1929, אַ שטאַרק געענדערטע, אונטער אַן אַנדערן נאָמען, „רעקוויעם", און באַלד אין אָנהייב פֿעלט די דערמאָנטע ווידמונג, דער קדיש. עס איז כאַראַקטע־ריסטיש וואָס מען האָט שוין דעמאָלט אין מאָסקווע נישט פֿאַרטראָגן קיין קדיש פֿאַר די קרבנות פֿון די פּאָגראָמען, אַ סך, אַ סך פֿריער נאָך פֿאַר יענער צייט, ווען מען האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן אַ קדיש און אָן אַ מצבה פֿאַר די קרבנות פֿון באַבי־יאַר.

ס'איז אָנגענומען אַז „די קופּע" רופֿט זיך איבער מיט דער „שחיטה־שטאָט" פֿון חיים נחמן ביאַליק, וועמענס צאָרנדיקע שטים איבערן קישי־ניעווער פּאָגראָם האָט אַמאָל אַזוי מעכטיק אָפּגעקלונגען אין דער יידישער וועלט. דאָס פֿייער פֿון זיין האַס, וואָס האָט זיך אין יאָר 1903 אַרויס־געריסן פֿונעם האַרצן פֿון באַרימטן העברעאישן משורר, האָט מיט אַכצן יאָר שפּעטער אויפֿסניי אויפֿגעלויכטן אין מאַרקישעס שוידער־וויזיע פֿון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע.

אויב טרעפֿט מען אָן ביי ביאַליקן שטראָף־רייד און מוסר קעגן די קרבנות פֿונעם פּאָגראָם פֿאַר זייער פּאַסיווקייט און שפֿלדיקייט, געפֿינט מען ביי מאַרקישן לעסטערנדיקע טענות צו דער גאָטהייט, וואָס עס רופֿן אַרויס ביי אים די דערשיטערונג און דער אויפֿברויז. דערביי שטעלט זיך מאַרקיש נישט אָפּ פֿאַר אַזעלכע אויסדרוקן, וועלכע זענען נישט עלול צו וועקן קיין עסטעטישע עמאָציעס.

אין דער „קופּע" זענען נישט פֿאַראַן בלויז שילדערונגען פֿון די פּאָגראָמען, נאָר אויך דאָס שליידערן מיט שאַרפֿע פֿאַרוואָרפֿן און טאַד־לונגען, ווי מיט דער צעפֿליקטער הלבשה און צעפֿלויגענע פֿעדערן פֿון די פּאָגראָמירטע. דערביי זעט זיך אויך מאַרקיש ווי איינעם פֿון די קרבנות. ער איז איינער פֿון זיי און אַלע זענען זיינע נאָענטע און אייגענע:

ניט! לעק ניט, חלב הימלישער, מיינע פֿאַרפּאַפּטע בערד,
פֿון מיינע מיילער כליופֿען ברוינע ריטשקעס דזיעגעכץ.

אַלע בערד זענען זיינע און אַלע מיילער זענען זיינע און אַלעמען גע־פֿינט ער אין דעם מישמאַש פֿון זיין בלוט־און־פֿלייש, אין דער קופּע:

דו זוכסט דיין טאַטע־מאַמע דאָ? דו זוכסט דיין חבר?
זיי זענען אַלע דאָ! זיי זענען אַלע דאָ! נאָר ס'שטינקט פֿון זיי אַן אויר!
אַוועק! זיי לויזן זיך צערעפּעטע מיט הענט צעבויגענע ווי מעש...

אין אַזאַ פּינצטערן און שפּלדיקן מעמד זעט מאַרקיש די קרבנות פון די פּאָגראָמען.

אַ קופּע קויטיק גרעט — פון אונטן ביז אַרויף איז!

דערביי גיט ער אַ בליץ אויף מיט אַזאַ סימבאָליש און דערשיטערנדיק בילד פון דעם, וועלכער איז אין משך פון יאָרהונדערטער געווען דער אײנס־פּיריער פון אַלע יידן־פּאָגראָמען — דעם הערשנדיקן קריסטנטום:

אַנטקעגן זיצט דער קלויסטער ווי אַ טכויר ביי קופּע אויסגעשטיקטע עופות.

און אויך אַזוי שאַרף־טאַדלענדיק און מיט לעסטערנדיקע רייד ווענ־דעט זיך מאַרקיש צום גאָט פון די פּאָגראָמירטע קרבנות. דער פּאָעט זאָגט אַליין, אַז נאָר מיט אָט דעם לשון איז ער ביכולת צו רעדן:

כ׳באַגער מיט דיר אין תפילה איצט באַהעפט זיין,
און נאָר אויף לעסטערן און נאָר אויף שעלטן
באַוועגן זיך מיין האַרץ און מיינע לעפצן.

און די תפילה ביי מאַרקישן דערגייט ביז צום וואַרפן גאָט דעם גט פאַר די פיס:

איך גיי אייך אָנזאָגן אַ גזרה פון דער מלכה קופּע:
— זי שליידערט דעם באַרג סיני אָפּ צוריק די צען געבאָטן.

3

אין יאָר 1926 פאַרלאָזט פּרץ מאַרקיש פּוילן און קערט זיך אום קיין ראַטנפאַרבאַנד. פּונקט ווי ס׳איז מיר נישט לייכט געווען צו וויסן די סיבות פון זיין פאַרלאָזן רוסלאַנד אין יאָר 1920, אַזוי איז מיר אויך נישט לייכט צו וויסן די סיבות פון זיין צוריקקערן זיך אַהין מיט זעקס יאָר שפּעטער. אפשר איז ער שוין מיד געווען פון דעם צעליאַרעמטן יאַריד, פון דעם גאַנצן שווינדלענדיקן געדריי פון אַ לונאַ־פּאַרק אַרום אים; ער האָט שוין געהאַט געזען די וועלט, ער איז שוין געהאַט געווען אין בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן, רוים, ירושלים, קאַירא און ס׳האָט זיך אים אפשר פון אָט דער גרויסער פרעמד געבענקט אַהיים, צום אָרט פון זיין געבוירן, קינדהייט און

יוגנט, צו זיין לאַנד, ווו די נייע אָרדענונג האָט זיך שוין געהאַט איינגע־שטעלט און איינגעשטילט און די נייעסן און די צוזאָגן פון דאָרטן האָבן פאַר אים געשיינט ווי צויבער־פייערלעך אין דער נאַכט און ער האָט געזען דאָרטן ברייטע מעגלעכקייטן פאַר זיין שעפעריש־דיכטערישן אויסלעבן זיך, וואָס זענען געווען פאַר אים צוציענדיק און פאַרלאָקנדיק.

אין איינעם פון די נומערן פון די „ליטעראַרישע בלעטער" פון יוני 1926 האָב איך געזען אויפן שער־בלאַט אַן אַרטיקל מיטן נאָמען: „צום אָפּפאָר פון פרץ מאַרקיש קיין ראַטן־רוסלאַנד", מיט אַ פּאָרטרעט פונעם דיכטער, אָנגעטאָן רייזע־מעסיק און מיט אַ פּראַלעטאַרישן קאַשקעט. עס האָט אויסגעזען ווי מאַרקיש וואָלט זיך שוין באַצייטנס געפעדערט אויך אוי־סערלעך, מיט דער הלבשה, צוצופּאַסן זיך צום נייעם לעבנס־שטייגער און סביבה, וואָס האָבן אים דערוואַרט.

נאָך זיין אָפּפאָרן האָבן זיך נאָך אין פּוילן אַרומגעטראָגן אין דער לופט נאָכקלאַנגען פון אַ שטורעם, פון אַ וויכער — דעם מאַרקיש־וויכער. מיט דער צייט זענען זיי שטילער און שטילער געוואָרן, ביז מען האָט זיי מער נישט געהערט.

אויך איבער יענער זייט גרענעץ איז שטיל געווען וועגן מאַרקישן, אפשר נישט אַזוי שטיל, נאָר צו אונדז זענען קנאַפּע ידיעות דערגאַנגען וועגן אים און פון אים. דאָס לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געווען פאַרהעמערט און אָפּגעשלאָסן ווי אַ פעסטונג, געווען אַריינגעטאָן אין פּלענער, בויאונגען און אין היטן זיך פאַר דער אויסערלעכער וועלט.

אָבער אין דער צייט וואָס מען האָט פון מאַרקישן קיין סך נישט געהערט, איז ער געווען פאַרנומען מיט שאַפן גרעסערע ווערק, ברייטע פּאָעטישע לייוונטן מיט אַן עפּישן פאַרנעם, אין וועלכע עס האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַן אַנדערער מאַרקיש, אין פאַרגלייך מיט זיין פּוילישן פּעריאָד, אַ מאַרקיש אַ געזעצטער, אַ מער באַזאָכטער, מיט אַ קלאָרן אַי־מאַזש און עכטן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, כאָטש שפּורן פונעם פריערדיקן מאַרקיש האָט מען אויך געקאָנט אָנטרעפן אין זיינע נייע סאָוויעטישע שאַפונגען.

די צייט נאָך מאַרקישעס אומקערן זיך קיין ראַטנפאַרבאַנד איז געווען אַ געבענטשטע און פרוכטבאַרע פאַר זיין דיכטערישן טאַלאַנט. איך ווייס נישט צי זיין שעפערישקייט וואָלט נישט געווען אויך אָנגענומען דעם זעלבן גערעטענעם פאַרנעם ווען ער וואָלט נישט געווען פאַרלאָזט פּוילן. איינס איז אָבער זיכער, אַז די נייע ברייטע טעמאַטיק פון זיינע גרויסע עפּישע ווערק האָט אים נאָר געקאָנט אינספּירירן דאָס נייע געענדערטע לעבן, אין וועלכן

ער איז איצטער אַליין געווען אַריינגעטאָן בלב ובנפש און וואָס האָט אים מיטגעריסן און באַגייסטערט.

אַחוץ פּאָעטישע ווערק שרייבט אויך מאַרקיש אין ראַטנפאַרבאַנד דראַמעס און פּראָזע, אַ ראָמאַן וועגן דער צייט פון בירגער־קריג „דור אויס, דור איין", אין וועלכן ער קערט זיך ווידער אום צו די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, אָבער ער איז און פאַרבלייבט פאַר אונדז בעיקר דער דיכטער. זיינע פּראָזע־שאַפונגען זענען נישט פון מינדערווערטיקן באַדייט, זיי ליגן אָבער אויף אַ זייטיקער ליניע פון אונדזער רייזע און אונדזער עקספּרעס מוז זיי, ליידער, אויסמיידן.

אַחוץ זיינע גרעסערע פּאָעמעס שרייבט אויך פּרץ מאַרקיש אין ראַטנ־פאַרבאַנד לידער, אָנגערעגט פונעם טאָג־טעגלעכן פּאָליטישן לעבן, אויף אַקטועלער טעמאַטיק, וואָס עס רוקט אַרויס די צייט, לידער צו פאַרשידענע געלעגנהייטן, יום־טובים, וואָס עס פאַרלאַנגען פון אים די אומשטענדן און וואָס ער אַליין פאַרלאַנגט פון זיך. עס פעלן אויך נישט קיין מינאָרע טענער אין געוויסע לידער זיינע פון צייט צו צייט, ווי עס וואָלט אים עפּעס שטי־לערהייט געקוועלט און געקלעמט. דאָס דאַרף מען אפשר לייענען צווישן די שורות און מען קאָן עס קוים־קוים אָנען און באַנעמען. מען ווייסט קיינ־מאָל נישט וואָס עס טוט זיך אויפן דנאָ פונעם האַרצן פון פּאָעט. קיין שום טויכער וועט נישט באַווייזן זיך אַראָפּצולאָזן אין זיינע טיפענישן און זיך דערגרונטעווען צו זיינע פאַרבאָרגענישן. און ווער וועט קאָנען אַרויס־באַקומען דעם באַשייד און סוד פון אַזעלכע שורות, באַהויכט מיט רמז און מעלאַנכאָלישן אונטערטאָן:

איז לאָז מיין גורל זיין אַזוי ווי זיין ער מוז;\
דער גורל פון אַראָפּגעפאַלענעם פאַרשעמטן רייטער,\
— כ'וועל גיין באַזייט, כ'וועל גיין צופוס,\
כ'וועל אָנקומען באַצייטנס!

אָדער שורות, וועלכע קלינגען ווי אַ טרויעריקע נבואה וועגן דעם אייגענעם שפּעטערדיקן גורל:

איך האָב דעם פאַרזיי און דעם שניט ניט פאַרשוועכט אייך\
אויף בערדיקע מערק און פאַרטויבטע יאַרידן,\
באַהיטע\
מיט הויקערס\
פון שלאָפנדע וועכטער —\
און דאָס איז מיין שאָנד און מיין טויט מיין באַשערטער!

4

אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן און אין די שפעטערדיקע דרייסיקער יאָרן דערשיינען אין ראַטנפאַרבאַנד מאַרקישעס וויכטיקסטע שאַפונגען, נישט אַריינרעכענענדיק דאָ דאָס שפעטערדיקע מאָנומענטאַלע ווערק „מלחמה“, דערשינען נאָכן קריג, אין 1948 אין מאָסקווע, נישט לאַנג פאַרן אַרעסט פונעם דיכטער. עס דערשיינען אויך אין די דרייסיקער יאָרן זאַמלונגען פון זיינע ווערק, וואָס טראָגן אַ רעטראָספּעקטיוון כאַראַקטער, ווי אויך דראַמעס און פראָזע־שאַפונגען. מיר גייט דאָ אָבער דער עיקר אין זיינע דיכטערישע ווערק, ווי די עפּישע פּאָעמעס „ברידער“, „ניט געדאַגהט“, „דעם בעל־גופס טויט“, „אויפגאַנג אויפן דניעפּער“ און שפעטער „מלחמה“.

אין די אַלע ווערק, אַחוץ „מלחמה“, וואָס איז זיין גרויסע עפּאָפּייע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרטיזאַנער־קאַמף, יידישן חורבן און גבורה, האָט מאַרקיש זיך פאַרמאָסטן צו געבן אויף זיין שטייגער און מיט זיין טעמפּעראַמענט, לויט זיין קאָנצעפּציע און באַנעם די היסטאָרישע איבער־ברוכן, אויפטרייסלונגען און טראַנספאָרמאַציעס וואָס די רעוואָלוציע האָט גורם געווען אין יידישן לעבן. אַן אויסנאַם אפשר איז אין אַ געוויסער מאָס דאָס ערשטע בוך „ברידער“, וואָס איז די עפּאָפּייע פון דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג גופא. „ברידער“ איז אַ ראָמאַן אין פערזן, מיט פאַרשי־דענע ריטמען און מעטריק. „ברידער“ זענען טאַקע צוויי לייבלעכע ברידער, די יונגע יידישע רעוואָלוציאָנערן עזריאל און שלמה־בער פונעם שטעטל פּאָלאָנע, אין אוקראַינע, וואָס איז, אגב, מאַרקישעס געבוירן־שטעטל. זיי זענען די צוויי הויפּט־פּערסאָנאַזשן, אַרום וועלכע עס וויקלט זיך אויף, ווי אַ רויטע פאָן, די גאַנצע אַקציע פונעם בוך. זיי זענען אָבער ווי גאולה־ברענ־גער און וועלט־דערלייזער, נישט בלויז לייבלעכע ברידער, נאָר אויך אידעען־ברידער און קאַמפס־ברידער.

אָבער נישט בלויז דאָס אידעאַלע, דאָס שיינע, דאָס ברידערלעכע און אויסלייזערישע, גיט אונדז מאַרקיש, נאָר אויך דאָס שווערע, דאָס גרויזאַמע, דאָס ברוטאַלע, נישט דעם מידת־הרחמים, נאָר דעם מידת־הדין, וואָס איז נויטיק, הייסט עס, פאַרן העכערן ציל.

די סביבה, פון וואַנען עס קומען אַרויס די צוויי ברידער, איז אַ שטעטלדיק־היימישע. די שטוב — אַן עמכדיק־שניידערישע, ווי מאַרקישעס שטוב גופא. די צייט איז : אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עזריאל איז אַ געזעלן אין דעם שניידער־וואַרשטאַט ביי זיין טאַטן מנחם־

הערש, און שלמה־בער איז אַ הוטע־אַרבעטער אין דער הוטע פון רחמיאל שפּילבאַרג, וועלכער איז דער גביר פון שטעטל און, נאַטירלעך, דער שונא פון דער רעוואָלוציע. אָבער זיין טאַכטער סערקע, ווי צו להכעיס דעם טאַטן דעם גביר, איז פאַרבונדן מיט די רעוואָלוציאָנערן, מיט די באָלשעוויקעס. דאָס געהערט צו דער סכעמע פון בוך, וואָס דאַרף געבן די געלעגנהייט פאַר די קאָנפליקטן און געראַנגלען צווישן דער רעוואָלוציע און קאָנטררעוואָלוציע אין יידישן לעבן.

עזריאל האָט אַ פּאַסיע צו שפּילן פידל און שלמה־בער — צו כאַוועןטויבן אויפן דאַך פון זייער שטוב. די דאָזיקע אידיליע האַלט אָן ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה, ווען מנחם־הערש ווערט גערופן צום זאַפּאַס און שפּעטער, ווען אויךביידע ברידער פאַרלאָזן די שטוב און גייען אַוועק קעמפן ביי די באָלשעוויקעס אין דער צייט פון בירגער־קריג. דער שטורעם איז אַריבער איבער אַלץ און אויך איבערן אידילישן טויבנשלאַק און דעם פידל. איינע אַליין זיצט שבת פאַרנאַכט די יידישע מאַמע, די שניידערקע אסתר, און קוקט זיך אויס אירע אויגן אַ בענקענדיקע נאָך אירע זין, קלערט איבער, ווענדנדיק זיך צו די בילדער אויף דער וואַנט פון אירע פאַרשוווּנדענע קינדער, די פאַרפאַלענע ערגעץ־ווו אינעם געווירבל פון דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג. אומרואיק איז דאָס האַרץ פון דער יידישער מאַמען, וועלכע ווייסט בלויז וועגן אירע זין אַז

ביידע האָבן פלוצלונג זיך פאַרשריבן אין אַ חברה.
פאַרלאָזט די טויבן. איינזאָם הענגט דער פידל.
און ביידע גייען ערגעץ אויף מאַניעוורעס
און לערנען זיך צוזאַמען זינגען לידער.

ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל שפּילן אויפן פידל און ווער עס זאָל צודערלאַנגען די טייבעלעך אין טויבנשלאַק אַרבעס און פּאַפּשויען.

אויף שטריקלעך אָנגעטאָן זיי האָבן ביידע ביקסן,
און אויס! קיין פידל מער נישטאָ און מער נישטאָ קיין טויבן!

רירנדיק, עמאָציאָנעל און שטימונגספול איז דער אַרויסגעבראַכטער שבת־פאַרנאַכט אין דער שטוב דער פאַרלאָזטער פונעם מאַן און די זין, וואָס מאַרשירן ערגעץ מיט די ביקסן אויף די אומבאַקאַנטע שליאַכן פון דער רעוואָלוציע. גרויס איז די בענקשאַפט און דער צער פון דער יידישער מאַמען, וואָס זיצנדיק ביים טייטש־חומש און מורמלענדיק אַ תחינה, קוקט זי זיי אויס, נישט וויסנדיק צי זיי לעבן נאָך. פאָלקסטימלעך, יידישלעךמוטערלעך און יידישלעך־טראַדיציאָנעל איז איר גרייטקייט מקריב צו זיין

זיך פאַר אירע זין, וואָס זי וועגדעט זיך איצטער אַ פּאַרקלעמטע צו זייערע בילדער:

פּאַרטרעטן טייערע, געריימט אין שוואַרצן קרעפּ,
עזריאל און שלמה־בער — געראָטענע ווי איינער,
אוי, מיר פאַר אייערע פאַרשייטע קעפּ,
דער מאַמען פאַר די טייערע פאַרשפּילטע ביינער.

מאַרקיש פאַרגעסט זיך און פאַרגעסט דאָ אין די שטרענגע געזעצן פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף און פאַרגייט זיך אין אַ ווייכן ליריזם און אפילו סענטימענטאַליזם. דער מאַמעס באַאומרואיקן זיך וועגן אירע זין, וועל־כע האָבן זיך ערגעץ פאַרשריבן אין אַ „חברה״ און אַנגעטאָן „ביקסן אויף שטריקלעך״, ווערט ממש פאַרוואַנדלט אין אַ באַדויערן זיי, וואָס האָט נישט געקאָנט זיין אויף דער האַנט פון דער רעוואָלוציע, ווייל דער דאָזיקער באַדויער, וואָס גרענעצט זיך מיט אידעאַליזירן די יידישע מאַמע מיט איר טייטש־חומש און איר שבת־בין־השמשות, איז עלול געווען אַרויסצורופן אַ שטימונג פון אַפּהעגטיקייט און איז ביכולת געווען אַפּצוציען פון קאַמף. מען פילט אָבער, אַז מאַרקיש איז אין אָט דעם קאַפּיטל עכט און וואָר־האַפטיק, ווי בכלל ביים אַרויסברענגען יידישע פאָלקס־געשטאַלטן און יידישן פאָלקס־שטייגער.

ערגעץ־ווו בושעווען באַנדעס פּאָגראָמשטשיקעס. די מאַכטן בייטן זיך. די שטעטלעך גייען־איבער פון האַנט צו האַנט. דער לעגיאָן, מאַכנאָ, דע־ניקין, דער פּאָליאַק, דער קאָזאַק, דער באָלשעוויק. די פאַרצאָגטע מאַמע ביים טייטש־חומש, וואָס קוקט זיך אָלץ אויס די אויגן נאָך אירע זין, ווייסט נישט אַז זיי זענען ערגעץ פאַרטיזאַנער, קעמפער אין שונאס היג־טערלאַנד:

און צעפייפט האָט שלמה־בער זיך מיט די הענט,
האָבן יונגען ווי די טויבן זיך פאַרזאַמלט,
האָבן יונגען זיך צעוואָרפן אונטער ווענט:
דיר אַ ביקס און דיר אַ מעסער און — געברענט, —
האָט צו יונגען שלמה־בער זיך דאָרט געווענדט.

און עזריאל איז ערגעץ דאָרטן ביי דעם שונא,
עזריאל שפּירט אויס דאָרט אַלע וועגן פונעם שלאַכט:
עזריאל, עזריאל! עזריאלן טראָגט ערגעץ אַ שליאַך,
ער טראָגט פון דערפער אים צו שטעטעלעך צו שטרויענע,
אויף זען געהיים דאָרט שלמה־בערן יעדע נאַכט.

פון אַ קרעטשמע ביז אַ קרעטשמעלע — אַ וואָך,
פון אַ דערפל ביז אַ דערפעלע — אַ ראָטע,
פון קאָזאַקן איז דאָרט אויפגעוועקט דער שליאַך,
פון פּאָליאַקן איז דאָרט אויפגעוועקט די בלאָטע,
נאָר עס טראָגט דאָרט שלמה־בער זיך אין דער נאַכט.

פּונקט ווי די בענקענדיקע מאַמע ביים טייטש־חומש האָט נישט פאַר־געסן אין אירע זין, אַזוי האָבן אויך שלמה־בער און עזריאל אין סאַמע ברען פון קאַמף נישט פאַרגעסן אין זייער מאַמען. זיי גיבן פון זיך צו וויסן דורך דער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע אַליין גיט אָפּ פון זיי אַ גרוס:

ציען זיך דורך פעלדער רויטע עשאַלאָנען,
אומעטיקע פייפן, ווייטן און געזאַנגען;
— אפשר וועט איר דורכפאָרן אַ שטעטעלע פּאָלאָנע?
— אפשר וועט איר זען דאָרט אַ שטיבל מיט אַ גאַנעק?

ציען זיך אויף שליאַכן, ציען זיך צו גרענעצן —
בייגעלעך אויף בריוו און פּנימער אויף שראַמען;
— אפשר וועט איר זען דאָרט צאַנקענדיקע פענצטער?
און אין פענצטער צאַנקען אומעטיק אַ מאַמען?

קלאַפּט־זשע אָן אין פענצטער, קלאַפּט־זשע אָן אין שטיבל —
שייבעלעך פאַרשטעקטע, דעכעלעך, ווי שאָלן —
— זאָגט־זשע דאָרט דער מאַמען, גיט איר דאָרטן איבער,
עזריאל און שלמה־בער לעבן נאָך בשלום.

שטעטלעך איבער מערק און דערפער איבער סטעפּן,
שטיבעלעך דערשראָקענע, אומעטיקע יידן;
— אפשר וועט איר הערן גייען דאָרט און שטעפּן?
— אפשר וועט איר זען דאָרט אָרעמע יאַרידן?

ציגן אויף די גאַנעקעס. אימה אויף אָרומען.
שינדלדיקע דעכעלעך — מאַכיקע און טויבע;
— אפשר וועט איר זען אַ טויבנשלאַק אַ קרומען?
— אפשר וועט איר זען דאָרט פליעסקענדיקע טויבן?

קלאַפּט־זשע דאָרטן אָן אין שטעטעלע פּאָלאָנע,
קלאַפּט־זשע דאָרטן אָן מיט לידער מיט געטרייע —
לאָזט זיי דאָרטן גריסן, רויטע עשאַלאָנען.
גאַנעקלעך פאַרבראָכענע, טויבנשלאַקן טייערע!

און איר זאָלט זיי דאָרטן זאָגן און דערפרייען,
און איר זאָלט זיי תענוג, תענוג דאָרטן אָנטאָן:
— עזריאל און שלמה־בער זענען רויטינקע אַרמייער,
— עזריאל און שלמה־בער פאָרן אויף די פראָנטן!

נאָכן אַרויסברענגען די געשטאַלט פון אסתרקע די שניידערקע מיט אַזעלכע האַרציקע טענער, גיט מאַרקיש אַ צווייטע פאָלקס־געשטאַלט אין גאַר אַ היפּוכדיקער אינטערפּרעטאַציע, מיט אַ בכיוונדיקער נעגאַטיווער טענדענציעזקייט. דאָס איז דער אָרעמער מעקלער יעיזעף. יעיזעף איז אײַ־בעריק ביי דער נייער אָרדענונג, וועלכע קעמפט ערשט און ראַנגלט זיך נאָך פאַר איר עקזיסטענץ. זי האַלט, אַז יעיזעף פּלאָנטערט זיך צווישן דער רעוואָלוציע און קאָנטררעוואָלוציע; ער שמייעט אַרום און האָוועט און ער זוכט אַ פאַרדינסטל ביי גבריאלן דעם שטאָט־גביר און בכלל ווו נאָר עס לאָזט זיך. יעיזעף איז געגעבן גראָטעסק מיט זיין הלבשה און מיט זיין בער־דעלע, מיט זיין הוט און שטעקעלע, און ביטולדיק מיט זיין לעבנס־פילאָזאָ־פיע, לויט וועלכער די וועלט איז אַ קאָרט וואָס דרייט זיך, „אַ לאָטעריע איז דאָס וועלטל און סע פלעט זיך". בכלל דערמאָנט יעיזעף אין מנחם־מענדלען, אָבער אָן יענעמס טראַגי־קאָמישקייט, נאָר מיט זיין אייגענער דערשיטערנדיקער טראַגיק, וואָס עס טיילט אים צו די רעוואָלוציע, דער־שיסנדיק אים אויף אָן אומברחמנותדיקן אופן צווישן אַ יאָ און אַ ניין.

אין די שכנותדיקע דערפער קומט אַראָפּ אַ פּראָוויאַנטצוג צו באַ־קעמפן די שפּעקולאַציע און אויפצווזוכן שפּייז, וואָס די פּויערים באַהאַלטן אויס. מיטן צוג פירט אָן דער אוקראַאינישער רעוואָלוציאָנערער מאַטראָס טרובאַ, וואָס איז, ווי מאַרקיש זאָגט „גרויזאַם אויף די וועגן"; ער „שפּייט מיט אַ שפּריץ", מיט וועלכן ער קוויקט זיך אַליין און „גיט אַ זויג די וויטעניש מיט די גרויע אייגעלעך". אַחוץ די דאָזיקע באַחנטע שטריכן האָט אויך טרובאַ „דאָס רעכט צעשיסן אויפן אָרט און אַרויסגעבן טויט־אורטיילן אויף די הענט לויט זיין אייגענעם איינזען"... און יעיזעף, הגם ער ווערט נישט געכאַפּט ביי קיין שום זינד, ווערט טאַקע דערשאָסן דורך טרובאַן, ווייל יעיזעף איז עפּעס ביי אים נישט נושא־חן, ווייל „אויף די וועגן דרייט זיך יעיזעף מיטן שטעקל", ער שטייט אין וועג דער רעוואָ־לוציע בלויז מיט זיין עקזיסטירן. און מאַרקיש רופט אויס:

— אָרעמער יעיזעף! אָרעמער מעקלער!
אַז זי דאַרף קיין מעקלער ניט, זי — די רעוואָלוציע!...

דאָס האָט מען מסתמא געדאַרפט פאַרשטיין אין טאָפּלטן זין: אַז זי, די רעוואָלוציע, דאַרף נישט קיין מעקלער, קיין פאַרמיטלער ביים איינ־שטעלן אירע געזעצן און אָרדענונג און אויך, אַז זי דאַרף נישט, קאָנקרעט, דעם סאָציאַלן שיכט מעקלער און זי האַלט אַפילו גאַרנישט פון איבער־דערציִען אים און אים סאָציאַל איבערשיכטן, ווי זי, די רעוואָלוציע, האָט דאָס פייערלעך פּראָקלאַמירט, נאָר גיכער איבערשיכטן אים מיט אַ שיכט ערד פון אַ קבר.

און נאָך ווינציק וואָס טרובאַ פאַרניכטעט יעיזעפן, שפּילט ער זיך נאָך און איזדיעקעוועט זיך איבער זיין טויט:

— „קום אַהער!“ — האָט טרובאַ אַ קריץ געטאָן דעם מעקלער,
עפן אויף דאָס מויל, און צוויי טריט אויף צוריק!“
גיט אַ צאַפּל יעיזעף, ווי אַ שוואַלב אין שאַרפע נעגל,
און שלינגט אַראָפּ אַ קויל, אַפילו נישט פאַרהיקעט...

נאָר אַ ביסל בלוט אַ שוימיקס אויף דער באָרד,
אַ כאַפּ זיך פאַרן בויך... אַ וואַקל און אַ קנאַק.
טרובאַ האָט נאָך דאָס שטעקעלע דעם מעקלער אויפן אָרט
אַריינגעלייגט אין פּאַכווע און אַ שפּיי געגעבן: — נאַ!

אין „ברידער“ פירט מאַרקיש אַריין אַן אַנדערע יידישע געשטאַלט, אַן עפּיזאָדישע, וואָס אין היפּוך צו יעיזעפן ווערט זי ממש דערהויבן און אי־דעאַליזירט און דערצו איז דאָס נישט קיין פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָ־נערע געשטאַלט, נאָר גאָר אַ רב. דאָס איז דער אַלטער פלאָצקער רב, וועל־כער איז בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה אומגעבראַכט גע־וואָרן דורך די פּאַליאַקן אונטער דער באַשולדיקונג אַז ער איז געווען אַ שפּיאָן לטובת די באָלשעוויקעס.

אָבער ווי קומט דאָ מאַרקיש אַהער קיין פּלאָצק, ווערט מען קאָנען פרעגן.

די אַקציע פון דער פּאָעמע „ברידער“ טראָגט זיך איבער קיין פּוילן, דאָס לאַנד פון דער ווייסל, וואָס איז מאַרקישן פאַרבליבן אין זכרון און אין זיין געמיט נאָך דעם ווי ער האָט פאַרבראַנגט דאָרטן עטלעכע פון זיינע יונגע רוישיקע יאָרן און ער האָט זיי געוואָלט געבן אַ תיקון, זיי אויפלעבן אין זיין עפּאָפּייע. ער ווידמעט טאַקע פּוילן און דעם שיינעם פּויליש־יידישן לעבן פון יענער אויפגעברויזטער תקופה עטלעכע קאַפּיטלען.

איינער פון די צוויי ברידער, עזריאל דער שניידער און פידל־שפּילער, ווערט געשיקט קיין פּוילן אויף אונטערערדישער אַרבעט, און מאַרקיש באַ־

גלייט אים מיט זיינע ליריש-עפּישע געזאַנגען אויף די באַקאַנטע היימישע וועגן, וואָס זענען אים געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן. דאָס האָט געגעבן מאַרקישן אַ געלעגנהייט אַריינצופירן אין דער פּאָעמע נייע סיטואַציעס, פּאַסירונגען, געשטאַלטן, וואָס די וויכטיקסטע פון זיי איז נחמה, דאָס יידישע מיידל, די אונטערערדישע פּאַרבינדלערין, וואָס נעמט אויף עזריאלן אויפן נייעם באַדן. דאָס איז די רעוואָלוציאָנערין נחמה, וואָס איז אַמאָל „געווען אַ בונדאָווקע אַ ווילע" און זי האָט „אָפּגעדינט דעם בונד געטריי"...

אין איינעם פון אָט די קאַפּיטלען, געווידמעט פּוילן, האָט מאַרקיש אַריינגעפלאָכטן דעם אויסטערלישן און ביז גאָר טראַגישן עפּיזאָד וועגן דעם טויט פון אַלטן פלאָצקער רב, וועגן וועלכן מען האָט דערציילט אין די צוואַנציקער יאָרן, אַז ווען די באָלשעוויקעס זענען אַריין קיין פלאָצק אין צוואַנציקסטן יאָר איז ער געשטאַנען אויפן גאַניק פון זיין שטוב און ער האָט צופעליק אַרויסגענומען פון דער קאַפּאָטע זיין רויטע פאַטשיילע אויף אָפּצווישן זיך דאָס פּנים. שפּעטער, ווען די פּאָליאַקן זענען אַריין קיין פלאָצק איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן, אַז דער רב האָט געגעבן צייכנס צו די באָלשעוויקעס מיט אַ רויטער פאָן און ווי אַ שפּיאָן איז ער דורך זיי פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און דערשאָסן געוואָרן. זיין גאַנג צו קידוש־השם האָט מאַרקיש אַרויסגעבראַכט אין שטאַרק־עמאָציאָנעלע פערזן:

ייִדן אין די פענצטער, יידן אין די קעלערס,
טוקן זיך דערטרונקענע, זינקען, גייען אויף —
און מיט דער פאַטשיילע, מיט דער רויטער, העלער
אויף זיין ווייסן גאַניק שטייט דער אַלטער רב.

אַכציק ווייסע יאָרן פון זיין פּנים ברענען,
אַכציק ווייסע יאָרן פון שנייען קלאָרע — קלערער,
הענגען שטיל אַראָפּ פון באָרד און פון די ברעמען,
און מיט דער פאַטשיילע ווישט ער זיך דעם שטערן.

לויפן אָפיצירן, פּוסגייער און רייטער,
שטעלן צום ראַפּאָרט זיך, שוועבן שנעלע אָן,
נ'אויף אַ יידיש הייזל אָן אַרעמינקס זיי טייטן:
— אַ יידישער אָן אַלטער קאָמוניסטישער שפּיאָן!

האָט דער גרייזער זקן די שויב געטאָן אַ וויש
און אַ וווּנק צום שמש מיט דער שאַרף פון אויג:
— „מאַך מיך גרייט אין וועג אַריין. מאַך מיך גרייט, אלישע,
מאַך מיך גרייט אין וועג — מען רופט מיך שוין אַהיים!"

זענען איבער שטעטל דורכגעגאַן אין זאַקן
דורכן אַלטן מאַרק צו פעלדער צו פאַרלאָזטע —
דער שמש, ר׳ אלישע, און דער עלטסטער זקן
אין אַ רינג פון זעלנער פוילישע געשלאָסן.

פון די נאַנטע וועלדער אָטעמט אַ געוויטער,
ווינטן אָפּגעריסענע, בלאָנדזשענדיקע, לויפן.
— „טו מיר אָן דעם טלית. טו מיר אָן דעם קיטל.
נעם אין מיין פּאַטשיילע וויקל איין דעם שופר!“

זענען זיי געקומען צו אַ גריבער לאַנקע.
ס׳האָט אַ גרוב געוואַרט שוין, זעלנער און באַגרעבער.
— „בלאָז, אלישע, שופר! ביז די נאַכט וועט אָנקומען!
זאָלסט נישט זיצן שבעה נאָך דיין אַלטן רבין!“

האָט אלישע שמש זיך געריסן קריעה,
זיך געריסן קריעה מיט די אַלטע ציין —
איבערדעקט דאָס פּנים, איבערדעקט די ראיה:
— „רבי! — האָט ער אויסגעשריגן — רבי,“ — און געוויינט...

און ס׳האָט אונטער דער ביקס דערהערט זיך אַ געשריי:
— „בלאָז, אלישע, שופר — שטאַרק זיך און נישט וויין!
בלאָז, אלישע, שופר — ביי דער העלער ליכט,
ס׳זאָל דיין שופר זיין דער שופר של משיח.“

מעגלעך, אַז מאַרקיש האָט דאָ מיט אַ לייכט האַרץ געקאָנט זיך דער־לויבן אויף אָט דער אידעאַליזאַציע פון דעם פּלאָצקער רב, ווייל ער, דער רב, איז דאָך אומגעבראַכט געוואָרן דורך די שונאים פון דער רעוואָלוציע און די שונאים פון די באָלשעוויקעס... אַזוי צי אַזוי, באַקומט ער זיך, דער אַלטער פּלאָצקער רב, אין זיין לעצטן קדושה־גאַנג, מיטן טלית און גאולה־שופר שטאַרק פאַרהערלעכט און גלאָריפיצירט. און די אָפיציעלע סאָוועטישע קריטיק האָט טאַקע מאַרקישן פאַרגעוואָרפן דאָס אַרויסרופן מיט אָט דעם קאַפּיטל ביים לייענער נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. אין דער זעלבער צייט איז צוליבן שילדערן דאָס אומברענגען דעם אַלטן פּלאָצקער רב דורך די פּאָליאַקן אויך אין פּוילן דאָס בוך געזען געוואָרן מיט אַ שלעכט אויג מצד דער האַלב־פאַשיסטישער צענזור און ס׳איז דאָרט געווען כמעט אומ־לעגאַל. דאָס בוך איז, אַלזאָ, שלעכט געזען געוואָרן גלייכצייטיק, צוליב דעם זעלבן קאַפּיטל, אויף ביידע זייטן: אין ראַטנפאַרבאַנד — פאַר זיין

נאַציאָנאַליסטישער אויסווירקונג און אין פּוילן — פאַר אַנגרייפן און לעס־טערן די פּוילישע מלוכה.

אַזוי אַרום האָט דער זכר פונעם קדוש, דעם פּלאָצקער רב, ביידע צדדים נישט צורו געלאָזט און יעדן פון זיי צוליב אַנדערשדיקע, היפּוך־דיקע מאָטיוון, און יעדער האָט פון זיין שטאַנדפּונקט און צוליב זיינע אינטערעסן נישט פאַרטראָגן מאַרקישעס בוך.

עזריאל און נחמה וואַנדערן איבער שטעט און שטעטלעך אין זייערע אומלעגאַלע אונטערערדישע שליחותן. דאָס גיט עזריאלן אַ געלעגנהייט אַנצובינדן קאָנטאַקטן און באַקענען נייע מענטשן, רעוואָלוציאָנערן, יידן און פּאָליאַקן, און אויך מאַרקישן גיט עס, נאַטירלעך, די געלעגנהייט צו שילדערן די יידישע שטעטלעך אין פּוילן, וווּ ער פּלעגט אַמאָל אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן פאַר דער יידישער יוגנט, צו באַזינגען וואַרשע, פּראַגע, די ווייסל, די נאַלעווקעס און מוראַנאָוו מיט די היימישע יידן און זייער היימישן וואַרשעווער דיאַלעקט.

עזריאל ביי זיין אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין פּוילן חלומט וועגן דעם, אַז קיין וואַרשע וועט קומען מיט דער רויטער קאַוואַלעריע זיין ברודער שלמה־בער, דער יידישער הוטע־אַרבעטער, דער טויבן־יונג און רויטאַרמייער, און אַז דאָ וועלן זיי זיך ביידע באַגעגענען ווי צוויי ברידער גאולה־ברענגער, ווי צוויי לייבלעכע ברידער און ווי ברידער — טרוימער און שעפער פון דער אַלוועלטלעכער מענטשלעכער ברודערשאַפט. מאַרקיש ברענגט אַרויס דעם דאָזיקן חלום מיט אַ זעלטענעם פּאַטאָס:

אונטער פרעמדע הימלען, אונטער פרעמדע שטערן,
צווישן פרעמדע גאַסן, אויף אַ פרעמדער ערד,
האָט עזריאל געחלומט: — קיין וואַרשע וועט דער ערשטער
קומען שלמה־בער צו רייטן אויף אַ פערד.

ער וועט אויפן פּלאַץ זיך שטעלן פאַרן ראַטוש,
זיצן אויפן פערד און קוקן אויף דער שטאָט, —
וועלן זיך אַליין פאַנאַנדערגיין די גראַטעס,
וועלן זיי אַליין זיך לייגן צו זיין טראָט.

פאָנען ווי די טויבן פאָכערן און פליעסקען,
פאָכען פרייד אויף ווינטן, פאָכען פרייד אויף וועגן —
און עזריאל — אַ ליכטיקער, אַ שטראַלנדער, אַ גרעסערער
גייט צו זיינע ברידער, גייט צו זיי אַנטקעגן.

— אורא, דיר, שלמה־בער! אורא, דיר, קאוואַלעריע!
קעלערס זענען פינצטערע, דעכער זענען כמורנע;
— אורא, דיר, קאוואַלעריע! אורא, דיר, שלמה־בער!
אָט אָ דאָ איז פּזשעיאַזד. אָט אָ דאָ איז מוראַנאָוו.

אָט אָ דאָ איז — הונגער, אָט אָ דאָ איז טורמעס,
אָט אָ דאָ איז — קייטן, אָט אָ דאָ איז — נויט.
צערטלט אים דאָס מויל אַ ליכטיקער געמורמל,
ס'האָט זיך אים אַ זעאונג אַ ליכטיקע פּאַרטרויט...

אָבער דער חלום פון עזריאלן איז נישט מקוים געוואָרן. ביידע ברידער — די וועלט־שטורעמער און וועלט־דערלייזער, וועלן זיך שוין מער אין ערגעץ נישט באַגעגענען. שלמה־בער פאַלט ערגעץ אויפן פראָנט, אויף דער היימישער אוקראַיִנישער ערד, אין שלאַכט מיט די ווייסע, און עזריאל, ערגעץ אויף דער „פרעמדער ערד, אונטער פרעמדע שטערן" קומט אום אויף דער תליה אין וואַרשע.

צעשטערט איז איצטער די יידישע משפּחה־אידיליע פונעם שטעטעלע פּאַלאָנע. די אידיליע און די וואַרעמע נעסט פון די מענטשן און די טויבן. אַחוץ די צוויי ברידער זענען שוין אויך טאַטע־מאַמע נישטאָ. מנחם־הערש איז אומגעקומען דורך אַנטיסעמיטן־באַנדיטן אויפן דאַרף, וווּ ער איז געקומען זוכן אַרבעט. אסתר די שניידערקע איז אויסגעגאַנגען ביי אירע שבת־ליכט, מיט די שבת־ליכט צוזאַמען, נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן אויף אירע זין. און מאַרקיש באַגלייט זיין באַליבטע יידישע מאַמע־געשטאַלט אין דער אייביקייט אַריין מיט טיף־עמאָציאָנעלע פערזן. מען פילט דאָ, אַז עס איז נישט בלויז קיין פּערזענלעכע יחידישע טראַגעדיע פון דער יידישער מאַמען, וועלכע גייט אויס אין עלנט, אין בענקשאַפט, זייענדיק צעשיידט פון איר מאַן און אירע זין, נאָר די טראַגעדיע פון דער באַשערטער יידישער צעשטערטקייט און אויסגעריסנקייט, אויפן טרויעריקן פאָן פון מלחמה, רעוואָלוציע, בירגער־קריג, מהומות און פּאָגראָמען. און סימבאָליש און גורלדיק־יידיש איז דער סך־הכל פון דער יידישער משפּחה, פון וועלכער קיינער איז נישט לעבן געבליבן און בלויז אסתרס צוויי איבערגעבליבענע שבת־לייכטער זענען די שטומע עדות פון אָט דער טראַגעדיע:

ערגעץ ליגט אַ טייטש־חומש אָן אָפּענער מיט טרערן.
טריקענען די טרערן, גילדן זיך מיט שטויבן.
ערגעץ האָט אַ מאַמע נישט דערוואַרט זיך אויף אַ שטערן
אין אַ שטילן שבת ערגעץ ביי די שויבן.

לייכטער צוויי צוקאָפּנס אומעטיקע, גלייכע,
ס'ווייגט אַראָפּ צום פּאַל דער שבתדיקער טישטעך.
— קיינער וועט דעם טייטש־חומש מער שוין נישט פאַרמאַכן,
מער שוין נישט פאַרמאַכן, מער שוין נישט אַ קוש טאָן.

איצטער גייט אַלצדינג צום סוף. מען קערט זיך אום פון די פראָנטן, פון זיגן און מפּלות, מען דאַרף איינהאַלטן און פאַרפעסטיקן דאָס, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן דורך שווערע קאַמפן און קרבנות. עס ווערן אָפּגע־וואָרט אין גאַנצן לאַנד מיט פריידיקע קבלת־פּנימס „געסט אויף אַלע וועגן, געסט אויף יעדן צריקוועגס". און מאַרקיש פאַרענדיקט מיט אָט די שורות זיין פּאָעמע:

— איצטער איז די היים אַ הילצערנע טיעפּלושקע,
— איצטער איז די היים די קיילעכדיקע ערד.

עס איז דאָ פאַראַן אַנדייט און רמז וועגן באַגנוגענען זיך מיטן באַשיי־דענעם און אייגענעם און אויך אויף נישט־אויפגעגעבענע חלומות און האָ־פענונגען וועגן וועלט־דערלייזונג און וועלט־באַפרייאונג.

„ברידער" איז די עפּאָפּייע פון דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג, פון אימפּעט און שטורעם. אירע בלעטער זענען די היסטאָרישע אַרענע, ווו עס פּעכטן אומאויפהערלעך און פאַרביסן צוויי צדדים אויף לעבן און טויט. „ברידער" איז דאָס בוך פון דער ראָמאַנטיק און פון דער האַרבער ביטערער וואָר וועגן דעם גרויסן געשיכטלעכן געראַנגל.

איצטער וועלן די קריגער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די פראָנטן, מידע און פאַרהאַרטעוועטע, אָפּווישן דעם שטויב פון זייערע שטיוול און דאָס בלוט פון זייערע שווערדן, וואָס וועלן דאַרפן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַקעראייזנס, האַמערס, טראַקטאָרן און קאָמביינען. זייער מעכטיקער גע־קלאַנג וועט אויך אָפּהילכן אין מאַרקישעס ווייטערדיקע ווערק.

5

מיטן ווערק „ברידער" האָט פּרץ מאַרקיש אָפּגעצאָלט אַ חוב דער רעוואָלוציע. דאָס בוך האָט ער וואַרשיינלעך געשריבן אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין אומקערן זיך קיין ראַטנפאַרבאַנד. עס איז דערשינען אין יאָר 1929.

ס'איז געווען דעמאָלט די צייט פון בוי און איבערבוי, סאָציאַליסטישע געוועטן, פאַרמעסטן, פינפיאָר־פּלענער. אויך אין יידישן לעבן קומען פאָר

גרינטלעכע טראַנספאָרמאַציעס: סאָציאַלע איבערשיכטונג, איבערוואַנדערונג אויף ערד, קאָלאָניזאַציע, פּראָדוקטיוויזאַציע. דאָס אַלץ זענען פּראָבלעמען וועלכע עס ווידמעט זיך איצטער פּרץ מאַרקיש.

דאָס גרינדן די יידישע קאָלאָניעס, דאָס איינאָרדענען יידן אויף ערד

און גאָר באַזונדערס דער אויפקום פון ביראָבידזשאַן האָבן אַרויסגערופן ביי יידן אין דער וועלט אַ נייגעריקייט, פאַראינטערעסירונג און ביי אַ טייל אויך אַ געוויסע האָפענונג. געזעלשאַפטן פאַר פּאָפּולאַריזירן און העלפן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד און דער עיקר אין ביראָבידזשאַן ווערן געשאַפן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. עס האָבן זיך געפונען אפילו יידן וואָס זענען מקנא געווען די סאָוויעטישע יידן פאַר דעם גליק וואָס עס האָט זיי געטראָפן. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן באַשיימפּער־לעך געזען אין דעם אַ באַווייז, אַז אַ דורותדיקער חלום ווערט פאַר־ווירקלעכט אַ דאַנק דעם ראַטנפאַרבאַנד. מען איז געווען שטאָלץ און גליקלעך, זייענדיק זיכער, אַז דאָ ווערט פאַרריכט אַ גרויסע געשיכט־לעכע עוולה דעם יידישן פאָלק.

אויס מנחם־מענדל, אויס, אויס מיטן גאָפּ,
און ברויט ברויט־ברויט־ברויט גיט אונדז הייגט דער סטעפּ.

אַזוי האָט מען אין פוילן אין די דרייסיקער יאָרן געזונגען מיט פרייד און שטאָלץ דאָס יידישע פאָלקסליד וועגן ביראָבידזשאַן, וואָס האָט אַרי־בערגעוואַנדערט צו אונדז פון די איבערוואַנדערער אין דער יידישער אוי־טאָנאָמער געגנט.

אָבער נישט אַזוי לייכט איז אין לעבן ווי אין לידער. אַזעלכע געשיכט־לעכע ענדערונגען, זעט אויס, קומען נישט פאַר איבער נאַכט און ווערן נישט פאַרווירקלעכט דורך אַ דעקרעט. געשיכטע ווייסט נישט פון קיין כאַפּ־לאַפּ, זי איז געדולדיק, זי האָט צייט. די אַלע שוועריקייטן און ביטערע גע־ראַנגלען ביים פּרווון איבעראַנדערשן עקאָנאָמיש דאָס יידישע לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד געפינען אַן אָפּקלאַנג אין מאַרקישעס פּאָעטישע ווערק „ביט געדאַגהט", „דעם בעל־גופס טויט" און „אויפגאַנג אויפן דניעפּער", וועלכע זענען דערשינען אין די דרייסיקער יאָרן.

„ביט געדאַגהט" האָט געהייסן אַ יידישע קאָלאָניע אין אוקראַינע און איר טאַקע איז געווידמעט מאַרקישעס ראָמאַן אין פערזן, אירע שווערע חבלי לידה, איר גרינדונג און געראַנגל פאַר עקזיסטענץ. ס'איז טאַקע געווען זייער ביטער און שווער, אָבער די קאָלאָניע האָט זיך דווקא אויס־געקליבן אַ זייער אָפּטימיסטישן נאָמען: „ביט געדאַגהט". איז וואָס עס זאָל נישט זיין און ווי שווער עס זאָל נישט זיין — איז נישט געדאַגהט!

איזי כאַריק, וועלכער האָט געווידמעט דער יידישער איבערוואַנדערונג אויף ערד זיין פּאָעמע „ברויט“, האָט געזען דעם ענין יידישע קאָלאָניזאַציע מער פון דער ראָמאַנטישער זייט: יידישע ישובניקעס, פּרוכט פון אייגענער אַרבעט, ראָזער באַגין, מען קאָסעט די תבואה, מען פּאַרציט אַ ליד אויפן פעלד. ביי כאַריקן איז דאָס גרינדן אַ קאָלאָניע געווען גאַנץ פשוט:

אַזוי צי אַזוי, נאָר עס שמעקט שוין מיט מאַרט,
האָבן יידן געגרייט זיך, האָבן יידן געוואַרט.

איז געקומען פון ווייטן אַ יונגער יעווסעק,
די ערדן צעטיילט זיי — און ווידער אין וועג...

ביי מאַרקישן איז נישט פאַראַן אַזאַ אידיליע און אַזאַ לייכט לעבן. מאַרקיש, ווי אַ דיכטער פון אַ דינאַמישן כאַראַקטער, האָט קודם־כל געזען קאָנפליקט און צוזאַמענשטויס. דער פאַרשאַרפטער געראַנגל, וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן בעת דער רעוואָלוציע, ווערט פאַרגעזעצט אויף די יידישע פעלדער, אין אַנדערע פאַרמען און מיט אַנדערע מיטלען. פון איין זייט געפינען זיך אין „ניט געדאגהט“ די פּאַרטיי־פּאַרשטייער, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן גרינדן און אָנפירן מיט דער קאָלאָניע, און דער געוועזענער וואַסערטרעגער מענדל פון טאָלנע, דער געזונטער פאָלקס־מענטש, דער אומפּאַרטייאישער אומבאַוווסטזיניקער באָלשעוויק, וועלכער באַנעמט אַלץ בלויז מיטן אינסטינקט, און פון דער צווייטער זייט — די אַלטע עלעמענטן, וואָס דער נייער רעזשים האָט זיי אַרויסגעשטויסן פון די אַלטע פּרנסות און באין־ברירה האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן די שטעטלעך און אַוועק אויף ערד־אַרבעט. אָבער אין דער אמתן זענען זיי זייער אומגליק־לעך, אומצופרידן און זיי קאָנען זיך נישט אַריינפּאַסן אין דעם נייעם לעבן. אָבער די רעוואָלוציע האָט זיך נישט געקאָנט רעכענען מיט זיי. זי האָט געמוזט מאַכן שטרענג און אומברחמנותדיק דעם בלוטיקן קייזערשניט בכדי צו ברענגען פאַר די יידישע מאַסן אַ ניי געזונט לעבן.

שוין באַלד אינעם ערשטן קאַפּיטל, וואָס מען קאָן אָננעמען פאַר אַן אַריינפיר, געפינט מען דעם תמצית פון מאַרקישעס קאָנצעפּציע, אַז די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פאַר דער ראַדיקאַלער איבעראַנדערשונג אין יידישן לעבן איז אויפגעקומען צוזאַמען מיטן אויפקום גופא פון דער רעוואָלוציע:

אויפגעריסן בלוט האָט זיך,
טאַנצנדיקע ווידוי —
ס'איז די רעוואָלוציע
געגאַן איבער יאַרידן.

ווײ צו אײך און בלוט צו אײך,
גורל בליציק־כמאַריקער; —
ס׳איז די רעוואָלוציע
געגאַנגען איבער מאַרקן...

ווײ צו אײך און בלוט צו אײך,
הימל ט׳מער ניט בלוי זײן! —
ס׳איז די רעוואָלוציע
געגאַנגען איבער קלויזן...

אַ ריס צו טאָן, אַ בראָך צו טאָן
די פינצטערע באַדעקנס,
און אָנצינדן דאָרט יאָרצײטן
נאָך טאַרבעס און נאָך שטעקנס.

די פּאָזיטיווסטע געשטאַלט און, אגב, די הויפּט־געשטאַלט פון בוך, איז מענדל דער וואַסערטרעגער פון טאַלנע, אַ וואַסערטרעגער פון דור־דורות, וואַסערטרעגער בן וואַסערטרעגער, וואָס בלויז די רעוואָלוציע, זעט אויס, האָט זיך געקאָנט פּאַרמעסטן איבערצורײסן דעם המשך פון אָט דער וואַסערטרעגערישער דינאַסטיע, וועלכע האָט געטראָגן בירושה די קאָראָ־מיסלע, ווי דעם סצעפּטער.

מאַרקיש באַמיט זיך פּסיכאָלאָגיש צוצוגרײטן די שטימונג פאַר דער באַרעכטיקונג צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל דורכן אַרויסברענגען דעם עלנט און די אײנזאַמקײט, די נויט און דעם יאוש דאָרטן אין דעם נאָך־רעוואָלוציע־פּעריאָד, אַזוי אַז מענדל און אויך אַלע אַנדערע שטעטלדיקע יידן האָבן נישט קײן אַנדערן אויסוועג, ווי צו לאָזן זיך אין וואַנדער־וועג אויף ערד־אַרבעט. עס טרײבט זײ דערצו די פּוסטקײט און פּוסט־און־פּאַסקײט, די פּרנסה־לאָזיקײט און דערשלאָגנקײט. און מער נאָך פון אַלע טרײבט דאָס אַלץ מענדלען, ווען צווײ אָרעמע חיונה־קוואַלן — זײנע צווײ עמערס — האָבן שוין אײנגאַנצן אויסגעטריקנט:

יעדער טאָג ווערט דאָס שטעטעלע קלענער,
יעדער טאָג פאַלט דאָס שטעטעלע אײן;
שוין צעביטן דעם לעצטינקן צענער
אויף סאַם־סאַמאַראָדנינקע דרײערס.

יעדער טאָג — ווי אַ צאָן פון די יאַסלעס —
פאַלט אַ שטעלכל אַרויס פונעם מאַרק;
גײען יידן אַרום איבער גאַסן,
גײען יידן אַרום און מען טראַכט. —

און אַליין איז שוין מענדל צעהויקערט,
ווי אַן אַלטע קאַראַמיסלע — גלאַט;
ס'זענען עמערדיק־פול זיינע אויגן
און געוועגדעט צו דעם שטעטלשן ראַט:

ניט קיין ברויט, ניט קיין רו ז'ניט געווען נאָך,
און ס'פאַרגייט שוין דער „איין און דער אויס" —
יעדער טאָג ווערט דאָס שטעטעלע קלענער,
דער בית־עלמין ווערט ברייט און ווערט גרויס.

שוין דער טויט ז'אויף דער אָרעמער שוועל דאָ!
רייסט זיך מענדל נאָך אויס און ער קלערט:
— אַז מען שיקט איצטער יידן אויף פעלדער,
— אַז מען שיקט איצטער יידן אויף ערד.

מען האָט געדאַרפט געבן דאָס שטעטל אין די טונקלסטע פאַרבן, אין דעם סאַמע קלאָגעדיקסטן מצב, אַזוי אַז דאָס איבערוואַנדערן אויף ערד זאָל זיך באַקומען ווי אַ ישועה, ווי אַ רעטונג. מאַרקיש איז נישט געווען דער איינציקער אין יענער צייט, וואָס האָט אַזוי געזען דאָס שטעטל. מען דערמאָנט זיך אין כאַריקס פאַרשעלטן דאָס שטעטל צוזאַמען מיט די אומע־טיקע זיידעס. אויך איציק פעפער, נאָכן קומען צוגאַסט אין זיין שטעטל שפּאָלע, שרייבט אָן אין די צוואַנציקער יאָרן אַ ציקל לירישע לידער גע־ווידמעט דעם שטעטל מיטן נאָמען „בליענדיקע מיסטן". אמת, ער פאַר־ניינט נישט אַזוי דאָס שטעטל, פאַראַן אפילו אין זיינע לידער אַ זוניקע מילדקייט, אָבער אויך דאָס צווייאיקע געפיל וואָס דריקט זיך שוין אויס אין דעם נעגאַטיוו־פּאָזיטיוון נאָמען: בליענדיקע מיסטן. ס'בליט טאָקע, אָבער ס'איז אויף מיסט. ס'איז טאָקע מיסט, אָבער עס בליט עפּעס דערויף. ס'מיסט, דאָס איז דאָס שטעטל, און דאָס, וואָס בליט דערויף, דאָס איז דער קאָמיוג, דער קלוב. פעפער זעט דאָס רייסן זיך פון שטעטל צו ווערן שטאָט:

היי, ס'איז דאָ אַזויפיל מענטשן־טרויער
אין פוילע ברעטער אויף אַ שליאַך,
אין זייער בענקען נאָך אַ שטאָלצן מויער,
אין זייער בענקען נאָך אַ פעסטן דאַך.

אָבער אַמשאַרפסטן איז מאַרקיש אינעם פאַראורטיילן דאָס שטעטל. אויב פעפער טרעפט נאָך אין שטעטל געזונטע האַרעפּאַשנע יידן, בלעכערס, שמידן, אַ קלוב, אַ נאָדל־פאַראיין, איז ביי מאַרקישן אין שטעטל פוסט־קייט, אונטערגאַנג. ער זעט בלויז דעם בית־עלמין, וואָס ווערט גרעסער,

דעם שטעקן, די טאַרבע, די ליידיקע עמערס. מאַרקיש דאַרף דאָ, זעט אויס, אונטערשטרייכן אַט דעם גאַנצן רעקוויזיט, ווייל מען מוז אָקעגנשטעלן דעם אונטערגייענדיקן שטעטל די אויפגייענדיקע קאָלאָניע.

מענדלען, דעם קלאַסישן קליינשטעטלדיקן וואַסערטרעגער, דעם פאָלקסמענטש און אָרעמאַן אין זיבן פאַלעס און מיט צווײ פּוסטע עמערס, שטעלט מאַרקיש אַקעגן קיווען, דעם געוועזענעם ליפעראַנט פון אָקסן און קצבֿ, ווי זיין, מענדלס, סאָציאַלן אַנטיפּאָד און קאָנטראַסט. ביידע וועלן זיי דורכמאַכן פאַרשידענע גלגולים און אַנטוויקלונגען. דער גוטמוטיקער מענדל, דער אוממיטלבאַרער און פּשוטער, דער שטענדיקער נישט־געדאַגהטער אָפּ־טימיסט, וואָס ער באַנעמט דאָס נייע מער מיטן אינסטינקט ווי מיטן באַ־וווסטזיין, ער וועט מיט דער צייט ווערן נאָך בעסער און קיווע, דער אינטריגאַנט און שלעכטער, וועט ווערן נאָך ערגער און ער וועט אויך האָבן אַ שלעכטע השפּעה אויף די קאָלאָניסטן.

פונקט ווי קיווע איז פון אַלצדינג אומצופרידן, אַזוי איז מענדל פון אַלצדינג צופרידן, אפילו פונעם שלעכטן. ער באַגנוגנט זיך מיט גאָרנישט. דאָס איז אָזאַ מין באַנמשע שווייג אין אַ סאָציאַליסטישער אויפלאַגע. ער דאַרף נישט מער ווי די בולקע מיט פּוטער. און טאָמער איז די בולקע אָן פּוטער, איז אויך גוט. און טאָמער איז נישטאָ נישט די פּוטער און נישט די בולקע — איז אויך גוט. מענדל גייט אַרום אין אַ בגד פון נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, און פון אַט דעם צעריסענעם, נאָך צאַרישן כאַלאַטל מאַכט ער אויך נישט קיין וועזן:

מענדל גייט נאָך אָנגעטאָן דאָס אַלטינקע כאַלאַטל,
וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון טאַלנע נאָך פון ווען;
עס וואַקסט אויף דעם און בליט אויף דעם אַ לאַטע אויף אַ לאַטע
און ט׳בייסן אַזוי ביטערלעך די לאַטעס פון דער העמד.

אויב צוליבן אַלטן אָנטאָן און שלעכטע היגיענישע באַדינגונגען בייסט אים, איז עס אויך נישט קיין בייז: מענדל האָט צו דעם זייער אַ ראַדיקאַל מיטל — צו קראַצן זיך:

ער קען נאָך גיט אַריינגעמען אין שטוב אַ ביסל וויים,
אין קאָפּעראַטיוו איז גיט מען נאָך ניט שטענדיק
און עפּעס אונטער קעלנערל גיט אים אָזאַ בייס,
איז גיט ער זיך אַ קראַצעלע און : — ניט געדאַגהט, מענדל!

קיווע מאַכט דעם סך־הכל פון זיין פאַרגאַנגענהייט פול מיט באַדויער פאַר דעם וואָס איז געווען. ער איז פאַר דער רעוואָלוציע געווען אַ בעל־הבית, אַ יחסן, אַ בעל־גוף, אַ תקיף און ער מיינט, אַז ער איז עס נאָך

איצטער אויך. ער רעכנט אויס זיין יחוס, ער דערמאָנט זיך אין זיין אַמאָליקן פּסח, ווו ער האָט געקעניגט ביי זיין שפּעדיקן און יום־טובדיקן טיש:

געשווומען איז ער אין זיין ווייסער העסעבעט
ווי אין אַ גרויסן שליטוועגס
מיט טעכטער און מיט זין געשפּאַנטע ביי דער זייט,

ביז —

איבערגעקערט האָט דער רייטוואָגן זיך פּלוצעם,
— אַנטקעגן אַנגעפּאַרן איז די רעוואָלוציע.

פונדעסטוועגן מיינט קיווע, אַז נאָך דעם אַלעם וואָס ער איז געווען און וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַז —

— נישקשה!
ס'קומט נאָך קיווען ביי דער וואָלאַסט אַ שטיקל ערד,
ס'קומט נאָך קיווען ביי דער וואָלאַסט אַ שטיקל נחלה,
פאַרדינט האָט זיך עס קיווע כשר,
דעם שיינעם תכלית
וואָס מ'האָט אים געמאַכט צורעכט,
נישקשה!

מאַרקיש באַמיט זיך בולטער צו מאַכן דעם קאָנפליקט און דעם געראַנגל צווישן די צדדים אין דער קאָלאָניע, וועלכע וואַקסן אָן כסדר. ביי דעם נעגאַטיוון פּערסאָנאַזש שטרייכט ער נאָך מער אונטער דאָס נעגאַטיווע און ביי דעם פּאָזיטיוון הייבט ער אַרויס די גוטע האַנדלונגען און מעשים־טובים, און דער פּאָזיטיווער פּערסאָנאַזש איז שטענדיק דער פּאַרטיי־פּאַר־שטייער, אָדער דער, וואָס דריקט אויס, אָפיציעל, צי נישט־אָפיציעל, די סאָוויעטישע אידעאָלאָגיע. די געשטאַלטן שיילן זיך אויס נישט בלויז פונעם דיכטערס צייכענען זייערע סילועטן, נאָר דורך זייער געדאַנקען־גאַנג און מעדיטירן. קיווע קאָן זיך נישט צוגעווינען צום געדאַנק און צום פאַקט, אַז ער איז נישט מער הייבט קיין תקיף און קיין יחסן און מענדל, פאַרקערט, איז פול מיט שטאָלץ און האָפערדיקייט ווען ער רעדט צו זיין ווייב מיט צופרידנקייט וועגן דער חשיבות צו זיין איצטער אַ קבצן ביי דער נייער אָרדענונג:

און דער טאָג אים אין האַרצן זיך לייטערט,
נאָר ס'איז עפּעס אַ שרעק אין זיין קול:
— מענדעלעכע, מען זוכט אַרעמעלייט דאָרט,
אַרעמאַנדעלעך וועגט מען אויף גאָלד!

יאָ, פֿאַראַן דאָ ביי מענדלען אַ פֿאָלקסטימלעכע האָפֿערדיקייט, אַ בטחונדיקע הוליע־קבצנדיקייט און ענטוזיאַסטישע ניט־געדאגהטקייט, גע־געבן אַפֿילו דורך מאַרקישן מיט אַ דינעם לויטערן הומאָר. אָבער עפּעס גלייבט מען נישט אַזוי שטאַרק, אַז דער ענטוזיאַזם פֿון מענדלען זאָל זיין באמת באַרעכטיקט, ווייל עפּעס איז מען נישט אַזוי אינגאַנצן איבערצייגט, אַז מענדל, דער געוועזענער וואַסערטרעגער און קבצן, זאָל זיין צופֿרידן פֿון ווייטער זיין אַ קבצן, און נאָר דערפֿאַר ווייל די דאָזיקע קבצנות איז אַ סאָוויעטישע און נישט קיין צאַרישע.

און פֿונדעסטוועגן באַקומען זיך ביי מאַרקישן אַזעלכע געשטאַלטן ווי מענדל און קיווע עכטער ווי די פֿאַרטיי־אָנפֿירער פֿון דער קאָלאָניע ראָנדעל און טומין, די אינסטרוקטאָרן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אַהער צו דערפֿילן דאָ זייער אָפֿיציעלע שליחות, ווייל די ערשטע זענען אים נענטער געווען מיט זייער כאַראַקטער, מיט זייער פֿאָלקסטימלעכער אוי־טענטישקייט און פֿאַרוואָרצלטקייט.

צווישן דער גרעסטער טייל איבערוואַנדערער פֿון די שטעטלעך טאָלנע און כאַסלאַוויטש טראָגן זיך אַרום ביטערע שטימונגען. די שוועריקייטן איינ־צוואָרדענען זיך אין דער קאָלאָניע זענען גרויסע. די אומצופֿרידנקייט האַלט אין איין וואַקסן צווישן די קאָלאָניסטן. פֿאַראַן אַפֿילו ביי אַ סך אַ ווילן זיך אומצוקערן אַהיים, אין די שטעטלעך. צווישן די צוממערסטן אומצופֿרידענע געפֿינט זיך קיווע, דער קצב פֿון „ניט־געדאגהט", וואָס גיט אַרעמעלייט בלויז כשרע ביינער, מאַכט זיך פֿאַר אַן אַרעמאַן, טוט זיך אָן מיט לאַטעס, און וואָלט געוועהן מעגלעך, וואָלט ער זיך אויך אויפֿן פּנים געלייגט אַ לאַטע. דאַרף מען גראָבן ברינעמער אין דער קאָלאָניע, ווייל עס הערשט אַ גרויסע טריקעניש, וועט קיווע נישט אַרבעטן, ער וועט דינגען אַ באַטראַק, וועלכער וועט אַרבעטן פֿאַר אים. דאַקעגן מענדל, דער גוטער ערלעכער מענדל, דער עלטערער ייד, נאָענט צו די זיבעציק, ער וועט ליגן טיף אין דער ערד און שוויצן און אַרבעטן מיט אַלע כוחות פֿאַר זיך און אויך פֿאַר אַנדערע. ער, מענדל, וואָס אַלס וואַסערטרעגער האָט אים קיינמאָל קיין ביסל וואַסער נישט אויסגעפֿעלט, וועט איצטער אויסגיין נאָך אַ טראָפּן וואַסער.

די פֿאַרטיי־אָנפֿירער פֿון דער קאָלאָניע באַמיען זיך אַפֿילו נישט צו לינדערן די שווערע שטימונגען פֿון די איבערוואַנדערער, זיי לייכטער צו מאַכן, צו פּרובירן זיי אויפֿקלערן, טרייסטן און דערמוטיקן זיי. פֿאַרקערט, זיי זענען ביי זיך גדלותדיק און פֿאַרריסן, זיי וואַרפֿן די יידן דעם גט פֿאַר די פּיס, סטראַשענדיק זיי, אַז זיי קאָנען לויפֿן פֿון דאַנען, און וואַרפֿן זיי פֿאַר, די יידן, אַז עס ציט זיי צוריק צום מאַרק און רעדן וועגן זיי מיט באַליידיקנ־דיקע ווערטער, אָנרופֿנדיק די קאָלאָניסטן ציגיינער, הענדלער, יאַרידניקעס,

שמאַטיאַרעס; אַז דאָס בלוט פון בעטלער האָט זיך אין זיי אָפּגערופן, צע־וואַיעט.

אָבער די סיבות פון דער אומצופרידנקייט ביי די קאַלאַניסטן (וואָס מען ווענדעט אָן אפילו קעגן זיי ראַסיזם, אָנרופנדיק זיי ציגיינער) זענען נישט צוליב אַטאַוויזם, נישט ווייל דאָס הענדלערישע בלוט האָט זיך אין זיי צעוויעט און עס ציט זיי דעריבער צוריק צו די יאַרידן. אויף דעם באַ־וויזן די רייד פון דער יידישער קאָמסאָמאָלקע סאָרצי. סאָרצי איז בכלל אַן אינטערעסאַנטע ראָמאַנטישע געשטאַלט פון אַ יידיש מיידל, וועלכע איז אַלס קינד ניצול געוואָרן פון פאָגראָממשטשיקעס, בעת איר גאַנצע משפחה איז אויסגעקוילעט געוואָרן און זי, דאָס מיידעלע, האָט זיך דערצויגן אַלס יתומה. זי איז דאָ אַריינגעטרעטן אין דער קאָלאָניע, ווו זי איז געטריי און איבערגעגעבן, פירט אויס דרייסט פאַרשידענע אויפגאַבן און רייט אויף אַ פערד ווי אַ מאַנספּאַרשוין. אויף די ביטערע און נישט־פאַרדינטע פאַרוואורפן מצד די פאַרטיי־אָנפירער לגבי די יידישע קאָלאָניסטן ענטפערט זיי אָפּ סאָרצי:

— וואָס־זשע ווילסטו פון זיי, ראַנדעל ?
— ס'איז זיי ביטער, נו, איז טענות !
שטיבער — ניט ! און האָרוועז — האָרוועז !
און די טריקעניש דאָ פרעסט זיי,
און דאָס ליידן — פון דער נויט !
שרייט מען ! נו, איז שרייט מען : טאָלנע !
נו, איז וואָס ? מען שרייט מיט רוגזה,
שרייט מען ווייל עס טוט זיי ווי דאָרט.

און סאָרצי, די סובטעלע תמימותדיקע סאָרצי, וועלכע וויל יאָ זען די סיבות פון דער אומצופרידנקייט, בעט אַז מען זאָל פאַרבעסערן דעם מצב פון די קאָלאָניסטן, דאָס קעמערל זאָל זען עפּעס אויפטאָן, פאָרן איב־טערוועגירן אין קרייז, איינרייסן וועלטן. אָבער ראַנדעל האָט ווי שטענדיק דאָס לעצטע וואָרט און האַלט זיך ביי ס'זייניקע, רעדנדיק מיט ביטול און שטעכיקער איראָניע וועגן דעם חשק פון די קאָלאָניסטן אומצוקערן זיך צוריק אַהיים אין שטעטל:

טאָלנער שייערס זענען פול דאָרט !...
ס'וואַרט, עס וואַרט דאָרט אַ בית־עלמין,
ס'וואַרטן טאָרבעס מ'זאָל זיי נעמען.

אַלץ דער זעלבער טאָן פון פאָרריסנקייט ווי פריער און דאָס וואָרפן דעם גט פאַר די פיס:

איז לאָזן אונדזערע יאַרידניקעס אַוועק!
עס וועלן קומען יאַטן, יונגע יאַטן
מיט שנאה צו די מערק און צו די טאַטעס...

דאָ קומט אויפסניי קאַפּויער דאָס אָפּיציעלע אָקעגנשטעלן דעם יונגן דור דעם עלטערן, גלייך ווי אין דעם אונטערשייד פון עלטער וואָלטן געלעגן די סיבות פון אַלדאָס בייז.

די קאָלאָניע „ביט־געדאַגהט" איז סוף־כל־סוף בייגעקומען אַלע אירע שוועריקייטן. די טריקעניש איז באַזיגט געוואָרן מיט גאָטס הילף: ווען מען האָט געהאַלטן אין גראָבן די ברינעמער האָט זיך באַוויזן אַ שווערע כמאַרע און דער געגאָרטעטער רעגן איז געקומען. טראַקטאָרן זענען אויך געקומען צוהילף, און מענטש, מאַשין און נאַטור האָבן באַוויזן וווּנדער. קיווע ווערט נישט האָבן קיין אַנדערע ברירה ווי אָנצושליסן זיך אינעם קאָלעקטיוו. די ווירקלעכקייט, הייסט עס, האָט אים גובר געווען.

„ביט־געדאַגהט" האָט דערלעבט נחת, מזל־ברכה און שפע. די פעלדער זענען אויפגעגאַנגען מיט גאָלדענע תבואות און מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַראָפּנעמען דעם געראָטענעם שניט. ווי דורך אַ כישוף איז דאָס געשען, כמעט איבער נאַכט איז „ביט־געדאַגהט" אַזוי רייך געוואָרן, אַז נישט בלויז וואָס זי האָט שוין געקאָנט געבן צו עסן ברויט אירע אייגענע קאָלאָניסטן, נאָר אויך אַנדערע האָט זי שוין איצטער געקאָנט באַטיילן מיט ברויט, וואָס זי האָט צוגעשטעלט אין אירע אָנגעלאָדענע יום־טובדיקע ביט־געדאַגהטע פורן:

האָט מען די פערד און די וואָגנס געשפּאַנט:
— ברויט פאַר די אַרבעטער, ברויט פאָרן לאַנד!

וואָגנס פאַרפּוצטע אין דראַפּ און אין רויט,
זענען געגאַנגען די וואָגנס מיט ברויט.

דורכן בייקומען אַלע שטרויכלונגען און שוועריקייטן, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט די קאָלאָניע, און דורך איר אָפּגעהאַלטענעם זיג, דערגרייכט דאָ די פּאָעמע איר הויך־פּונקט. לאַגישערווייז און בהדרגהדיק פון קאַפּיטל צו קאַפּיטל פירט אונדז מאַרקיש צו צום גליקלעכן און אָפּטימיסטישן סוף פונעם ווערק. עס פעלן אויך נישט אין דער פּאָעמע קיין מעלאַנכאָלישע טענער: דער טויט פון מענדלס ווייב. דער ערשטער איינזאַמער קבר פון „ביט־געדאַגהט" אין סטעפּ. דערנאָך דער טויט פון אַגראָנאָם טומין. טיפע באַגנדיקע שטימונגען רופט אַרויס מאַרקיש אין די פערזן וועגן דעם אומ־ענדלעכן אומעטיקן סטעפּ. סימבאָליש־פאַרטיפט איז דער שלוס פון בוך

ווי נאָכן טויט פון טומינען און פון מענדלס ווייב ריכט זיך סאַרצי צו ווערן אַ מאַמע און ראַנדעל אַ טאַטע. זי דריקט אויס דעם באַגער, אַז עס זאָלן וואַקסן ביימער אין „ניט־געדאַגהט", אין דער זעלבער צייט ווען אין איר צעבליט זיך אַ ניי לעבן. לעבן אין „ניט־געדאַגהט" איז פאַרגאַנגען און לעבן אין „ניט־געדאַגהט" גייט־אויף. ס'איז דער אייביקער דור הולך ודור בא.

6

אויך אין זיין צווייט בוך, אינספּירירט פון דער זעלבער טעמאַטיק, די יידישע איבערוואַנדערונג אויף ערד, די פּאָעמע „דעם בעל־גופס טויט", איז דאָ און דאָרט אַנוועזנדיק דאָס שווערע, דאָס דערדריקנדיקע, דאָס נעגאַטיווע. שוין אין דעם טיטל גופא „דעם בעל־גופס טויט" קומט עס צום אויסדרוק. דער טויט און דער בעל־גוף — צוויי נעגאַטיווע עלעמענטן האָבן זיך דאָ צונויפגעטראָפן. אמת, „דעם בעל־גופס טויט" גיט באַלד אָנצוהערן, אַז דאָס איז אַ טויט, וואָס מען דאַרף אים נישט קיין סך באַוויינען און נישט צופיל באַדויערן, ווייל דאָס איז נישט סתם קיין טויט, נישט בלויז קיין פיזישער טויט, נאָר אויך אַ סימבאָלישער, דער טויט פון דער אַלטער וועלט, וואָס מוז שטאַרבן. אמת, אין אַלגעמיינעם חשבון וועט אָט דער טויט פון אַנשלען דעם בעל־גוף סיי ווי גאַרנישט אויסמאַכן, ווייל ער איז נישט מער ווי אַ פּיטשינק טיילעכל, אַ שטויבעלע פון אָט דער וועלט און אַלע־גאַריש געזעגן באַקומט עס זיך אַזוי:

> וואָס זעט זיך אָן ב׳אַ וואַלד פאַרפלאַנצן נאָך אַ בוים
> צי אויסהאַקן אַ בוים און אויסוואָרצלען אינגאַנצן?

ליריש־נאָגנדיק הייבט זיך אָן מאַרקישעס פּאָעמע מיט די שורות וואָס וועלן געבן דעם גרונט־טאָן פאַרן גאַנצן ווערק:

> אָן אוראַלטער איז ער — דער אומעט אויפן סטעפּ,
> ווי מוטנער ווייַן איז אויפן סטעפּ דער אומעט.

דער דאָזיקער אומעט, וואָס איז דער לייט־מאָטיוו און באַגלייט־מאָטיוו אינעם בוך, ווייל די שורות חזרן זיך איבער אין ווייטערדיקע קאַפּיטלען און צום סוף, דאַרף אויך זיין דער אומעט פון אַנשלען, דעם פאַרמשפטן צו

אונטערגאַנג. אַנשל פילט זיך פאַרלוירן נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלוירן זיין אייזן־קראָם און זיין וועלט און ער פילט ווי דער גאַנצער סטעפּ, וואָס איז פאַר אים אַ פרעמדער, האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים ווי אויף צו צעקוועטשן אים און צעדריקן, און אַ פאַרצווייפלטער פרעגט ער זיך:

— וואָס וויל פון אים דער אומעט און דער ווינט?
— צו ווען זאָל ער זיך אין סטעפּ דאָ ווענדן?
אַרויפגעוואָלגערט האָט מען זיך אויף אים
דאָ מיט דער גאַנצער ערד — אויף צו פאַרלענדן.

די פּאָעמע האָט פאַרן דערשיינען אין בוך־פאָרעם געהייסן „אַנשל דער זאַליאַזניק", לויטן נאָמען פונעם הויפּט־פּערסאָנאַזש. מיטן ענדערן דעם טיטל אויף „דעם בעל־גופס טויט" האָט מאַרקיש מסתמא לכתחילה גע־וואָלט אָנווייזן אויף דער גרונט־אידעע פונעם ווערק, מיט עפּעס פאַרלויפן דעם וועג; דער לייענער זאָל נישט זיין אינדיפערענט צו דער געשטאַלט פון אַנשלען; שוין דער נעגאַטיווער טיטל זאָל באַצייטנס אָפּשוואַכן ביי אים יעדן עווענטועלן סענטימענט צו אים, אַנשלען, וועלכער האָט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער זיך און איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון לעבן.

איידער דאָס בוך איז דערשינען אין מאָסקווע איז עס דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1935 אין פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער". נחמן מייזיל האָט דעם טעקסט גענומען פון אַ יידיש־סאָוועטישן זשורנאַל, ווו די פּאָעמע האָט זיך געדרוקט קאַפּיטלעכווייז. דערפאַר איז דער טעקסט אין דער וואַרשעווער אויסגאַבע געווען אַ קירצערער און איז אויך דערשינען אונטערן פריערדיקן נאָמען. ווען מאַרקיש האָט געהאַלטן ביים אַרויסגעבן די פּאָעמע אין בוך־פאָרעם האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק צוצוגעבן אַן אַנ־דערן סוף, וואָס זאָל מער פאַרשטאַרקן אידעאָלאָגיש דעם טויט פונעם בעל־גוף און ער האָט שפּעטער צוגעשריבן עטלעכע קאַפּיטלען נאָך דעם ווי די אויסגאַבע אין וואַרשע איז שוין געהאַט דערשינען.

„דעם בעל־גופס טויט" איז קוואַנטיטאַטיוו אַ קלענערע פּאָעמע ווי „ברידער" און „ביט־געדאַגהט". אין איר הייבט מאַרקיש הויפּטזעכלעך אַרויס אַנשלען דעם זאַליאַזניק, דעם אייזן־קרעמער. אַלע איבעריקע שפּילן דאָ די ראָלע פון נעבן־געשטאַלטן, זיי געפינען זיך אין שאָטן. אפילו אַנשלס ווייב זלאַטע שפּילט דאָ אַ קנאַפּע ראָלע. זי איז דאָ נישט מער ווי דאָס ווייבערישע פוסבענקעלע אין גן־עדן. עס זעט אויס, אַז מאַרקישעס כוונה איז דאָ געווען קודם־כל אַרויסצורוקן אין פאָדערגרונט אַנשלען ווי אַ גע־שטאַלט, ווי אַ טיפּ. מאַרקיש גיט אָפּט אַנשלען דורך זיין מאָנאָלאָגירן, זיין

מעדיטירן, דורך זיינע חכמות און ווערטל־זאָגעריי. אָפּט גיט אים דער דיכטער אין רעטראָספּעקט, גייט מיט אים צוריק, מאַכט מיט אים דעם חשבון־הנפש פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע ער, אַנשל, באַדויערט. („אַ וועלט געווען, אַ וועלט אַוועק...").

פאַראַן ביי מאַרקישן אַ מאַניער פון אַריינפלעכטן אין זיינע פּאָעמעס שורות פון יידישע פאָלקס־לידער, אַמאָל פאַראַפראַזירונגען פון מאָטיוון פון פאָלקלאָר. אויך ביי אַנשלען, ווען ער געפינט זיך אין וועג צו דער קאָלאָניע, אַסאָציאירט מאַרקיש, נישט־דירעקט, אַנשלס נסיעה מיט אַ יידיש פאָלקס־ליד, מיטן מאָטיוו וועגן דעם ייד וואָס „פאָרט קיין ארץ ישראל מיט פאַרוויינטע אויגן". מען האָט אָבער דעם איינדרוק ווי מאַרקיש וואָלט זיך פלוצעם פאַרהאַלטן און זיך פאַרטראַכט, צי ער גייט נישט צו ווייט אין זיין געוואַגטקייט און ער באַוואָרנט זיך מיטן אונטערשטרייכן דעם בעל־גוף:

אָט איז דער וועג, צום הימל שטייגט ער אויף,
און אויפן וועג — אַ בוים — מיט צווייגן אָנגעבויגן;
און ס'פאָרט אַ ייד אויף ערד — אַ ייד אַ בעל־גוף,
מיט פערד און פי און מיט פאַרמאַכטע אויגן.

מאַרקיש האָט דאָ בלויז פאַרביטן דעם יידס „פאַרוויינטע אויגן" מיט „פאַרמאַכטע אויגן", ווייל עס האָט אים מסתמא אויסגעזען נישט ווי ס'געהער צו זיין, אַז אַ ייד, זאָל זיין אפילו אַ בעל־גוף, אָבער וועלכער ווערט סוף־כל־סוף אויפגעריכט דורך דער סאָוויעטן־מאַכט דורך שיקן אים אויף ערד, זאָל גאָר פאָרן אַהין מיט פאַרוויינטע אויגן...

פערציק יאָר האָט אַנשל געהאַט אַן אייזן־קראָם אין שטעטל און פויערים פון דער געגנט אַרום פלעגן קומען צו אים קויפן ווער אַ קאָסע, ווער אַ שניידמעסער און ווער אַ זאָסטעפּ (לאָפּעטע). „פערציק יאָר איז ס'פעלד געגאַנגען צו אַנשלען אין זאַליאַזנער קלייט" און אויפן איין־און־פערציקסטן האָט סטעפּ דערקלערט אַז ער, אַנשל, זאָל זיך מטריח זיין און אַזוי גוט זיין און ע ר זאָל איצטער גיין צום פעלד. די רעוואָלוציע האָט געשטעלט אַנשלען פאַר דער דילעמע: זיין אָדער נישט זיין. אָדער־אָדער:

אָט האָסטו, אַנשל, ערד,
און אָט האָסטו אַ זאָסטעפּ,
וואָס זאָגסטו, עפּעס, ברידערל,
— אָט האָסטו, אַנשל, סטעפּ,
איז ווילסטו, ברודער, בידעווע,
איז ווילסטו, ברודער, לעב!

און דער סטעפּ האָט מיט אַנשלען אַ מין דין־תּורה, אַ לאַדעניש, אַן ענין, אַ טענה צו אים, און יעדעס וואָרט פֿונעם סטעפּ פֿאַלט אויף אַנשלען גרויזאַם, ווי אַ וואָרענונג, ווי אַ קללה און אויך עפּעס ווי אַ דערלעבטע נקמה אין אים:

פֿערציק יאָר האָסטו מיט שניידמעסערס געהאַנדלט, אַנשל דער זאַליאַזניק,
און איצטער אַרבעטן מיט שניידערמעסערס וועסט, אַנשל
דער זאַליאַזניק,
פֿערציק יאָר האָסטו ביים שופֿלאַד זיך געבויגן, אַנשל דער זאַליאַזניק,
און איצטער ווע‌סטו איבער ערד זיך בייגן, אַנשל דער זאַליאַזניק,
פֿערציק יאָר האָבן געדינט די פֿערד דיר, אַנשל דער זאַליאַזניק,
און איצטער ווע‌סטו זיין אַ קאַניוך, אַנשל דער זאַליאַזניק.

אַלץ רעכנט זיך אָפּ מיט אַנשלען, אַפֿילו די פֿערד. פֿערציק יאָר האָבן די פֿערד געדינט אַנשלען, וועט אַנשל דערפֿאַר איצטער דאַרפֿן דינען די פֿערד. אַזוי האָט פֿאַרלאַנגט דער נייער יושר, וועלכער נעמט זיך אַן די קריוודע נישט בלויז פֿון די מענטשן נאָר אויך פֿון די פֿערד. אָבער ווי אַן עכטער דיכטער האָט מאַרקיש אָפּגעפֿילט איינטואיציע, אַז ער וועט דאָ צו וויט פֿאַרגיין מיטן באַשיצן די פֿערד אויפֿן חשבון פֿון אַנשלען דעם מענטש, זאָל זיין אַפֿילו אַ בעל־גוף, און דער אורטייל פֿאַלט דעריבער אויס אַ געמילדערטער: „און איצטער ווע‌סטו זיין אַ קאַניוך, אַנשל דער זאַליאַז־ניק". אָבער אַנשלען שטייט אויך דאָס אַפֿילו נישט אָן, ס'הייסט צו זיין אַ קאַניוך, צו דינען די פֿערד. ער זאָגט עס אַרויס אין זיינע טענות, וואָס מאַרקיש ברענגט אַרויס מיט הומאָר:

— אַז וואָס, זאָגט ער, איצט טאָן שוין קאָן איך,
אַז ס'האָבן די סאָוויעטן מיך געמאַכט דאָ פֿאַר אַ קאַניוך!...
אַז מ'האָט מיר אין די הענט אַריינגערוקט אַ גראַבליע,
און איך זאָל רוימען דעם נאָוואָז פֿאַר עולם הבא!
איך האָב דען עפּעס קעגן פֿערד, חלילה?
ס'אַ גוטע זאַך! סע גוט צו האָבן אויף אַ מייל עס, —
נאָר אַז עס ווערט געלעגן אַ קאַבילע,
דאַרף אַנשל שטיין אין שטאַל און זאָגן שיר־המעלות!

אַנשל איז דער קאָנטראַסט פֿון מענדלען אין „ביט געדאַגהט". אַנשל וויל נישט רוימען דעם נאָוואָז, ס'הייסט, דאָס מיסט, פֿאַר עולם הבא, בשעת מענדל, דער תּמימותדיקער און פּשוטער מענדל, ער באַגנוגנט זיך מיט וואָס

עס זאָל נישט זײַן און איז יאָ גרייט מקריב צו זײַן זיך פֿאַר עולם הבא, וואָס דאָס מיינט פֿאַר אַ בעסערן מאָרגן, וואָס דאַרף ערשט קומען.

נישט מיט קיין לײַכט האַרץ האָט אַנשל פֿאַרלאָזט זײַן „זאַליאַזנע קלײַט" און ער בענקט צו איר, ווי צו זײַן פֿאַרגאַנגענער וועלט בכלל, און ווען ער זיצט שוין אויפֿן וואָגן, וואָס פֿירט אים אַוועק פֿון שטעטל צו דער קאָלאָניע, קערט ער זיך אום אַהין מיט זײַנע מחשבות און מיט זײַנע אויגן:

און אַלע מאָל האָט אַנשל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צוריק,
ווי אַ בוהיי, ווען מען פֿאַרפֿירט אים צו דעם שעכטהויז.

געוויס איז דאָס געזען מיט די אויגן פֿון אַנשלען, אָבער פֿונדעסטוועגן ווערט דאָ, אפֿשר נישט־ווילנדיק, די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אַסאָציִירט מיט אַ שעכטהויז. דאָך ווערט אַנשל נישט דערפֿירט צו קאָנסעקווענטקייט, נאָר גיכער צו סתירותדיקייט. ווײַל בײַ זײַן גאַנצער אומצופֿרידנקייט און פֿאַרביטערטקייט צוליבן אַרויסרײַסן אים פֿון זײַן אײַזן־קראָם און שיקן אים אויף ערד־אַרבעט, וואָס ער זעט דאָס ווי אַ שעכטהויז, איז אַנשל גאָר אויף אַ צווייט אָרט אומצופֿרידן וואָס מען מאַכט אים אין אָנהייב שוועריקייטן ביים אָננעמען אים אין דער קאָלאָניע און ער האָט גאָר טענות:

אַז אַנשלען וויל מען נישט פֿאַרשרײַבן אויף דער ערד,
איז וועמען יאָ אויב אַנשלען ניט?

און ער רעכנט אויס דערבײַ זײַנע פֿאַרדינסטן, צווישן וועלכע אַן איידעם אין דער קראַסנע אַרמיע, און ער מאָנט זיך יושר און ער וויל וויסן דעם זאַקאָן און ער איז גרייט וועלטן אײַנלייגן פֿאַר דעם אַז מען זאָל אים פֿאַרשרײַבן צו פֿאָרן אויף ערד, וואָס דאָס איז אינגאַנצן אין סתירה צו זײַן ווידערווילן און נעגאַטיווער באַציאונג צום ענין פֿאָרן אויף דער קאָלאָניע. אין תוך האָט מאַרקיש ליב געהאַט אַנשלען, ווײַל ער האָט ליב געהאַט בלב ובנפש דעם ייִדישן פֿאָלקס־מענטש. ער האָט אים אָבער ליב געהאַט און פֿײַנט געהאַט צוזאַמען. ליב געהאַט האָט ער אים טאַקע דערפֿאַר, ווײַל ער האָט געפֿילט אין אים דעם עכטן ייִדישן פֿאָלקס־מענטש, און פֿײַנט געהאַט האָט ער אים לויט אַ באַשטימטער אײַנשטעלונג צו אַנשלען, ווי צום פֿאַרשטייער פֿון אַ קלאַס.

נישט בלויז צו זײַן אַמאָליקער אײַזן־קראָם און צו זײַן שטעטל דרייט אַלע מאָל אויס אַנשל דעם קאָפּ, פֿאַרנדיק אויפֿן וואָגן צו דער קאָלאָניע, נאָר צו זײַן גאַנץ פֿאַרגאַנגענעם לעבן דאָרטן, וואָס ער באַדויערט אַזוי. דער עיקר באַדויערט ער די אכילה פֿון אַמאָל, דעם פּרעס, און גאָרנישט וועט אַנשל אַזוי נישט מוחל זײַן דער סאָוועטסקער וולאַסט ווי דעם פּרײַטיק

פון אַמאָל, פרייטיק, ווען „ס'האָט געשמעקט אין שטוב מיט צוגעברענטער פיש און מיט געשמאַקער עולם־הזה". פרייטיק האָט אַנשל וויניציק געגעסן בכדי ער זאָל קאָנען ווי ס'באַדאַרף צו זיין אָפּעסן די שבתדיקע סעודה. כאָטש זלאַטע וואָרנט אים, אַז ער האָט צו טאָן מיטן מאָגן, לאַכט ער זיך אויס אין זיין זולל־וסובאדיקייט, אַז ער האָט דעם מאָגן אין דרערד. אין דער אמתן אָבער האָט דער מאָגן אים אין דרערד — ער וועט שיער נישט גיין פון דער וועלט צוליב זיין פרעסן און איבערפרעסן זיך.

אין אַנשלס אָפּטן צוריקבליקן און דורך זיינע דערמאָנונגען מישט אויף מאַרקיש אַ שטיק שפּרודלדיק יידיש פאָלקס־לעבן, אַלטן יידישן שטייגער, מנהגים, די היימישע מאכלים, דאָס שבתדיקע עסן, דעם מרחץ פרייטיק אינדערפרי, וואָס מאַרקיש שילדערט אַזוי פּלאַסטיש, גייענדיק אין די שפּורן פון מענדעלען. אין אַנשלס בענקען צום פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן איז אפשר אויך פאַראַן מאַרקישעס אייגענע בענקשאַפט צו אַט דעם אַמאָליקן יידישן פאָלקס־לעבן. דאָס איז אָבער גלייכצייטיק געוועזן פאַרבונדן מיטן עבר פונעם בעל־גוף, וואָס מאַרקיש האָט געהאַט פאַר אים בלויז נעגאַציע. דערפאַר האָט ער געדאַרפט געבן אַנשלען ווי אַ זולל־וסובאניק, אַן עולם־הזהניק, וועלכער האָט נישט אונטער זיך קיין שום גייסטיקן יסוד און אפילו דער שבת, וואָס איז ביי יידן נישט בלויז דער טאָג פון פיזישער מנוחה, נאָר אויך פון גייסטיקער, פון רוחניות, פון נשמה־יתירהדיקייט, באַשטייט ביי אַנשלען בלויז פון גשמיות, פון פרעס, אין פאַרוועטן זיך אין עסן וואָס מער פעטשאַ און רעטעך, אַז עס זאָל קאַפּויערגיין אַרויף אַזש ביז צום כסא־הכבוד...

צוליב דעם זעלבן צוועק האָט מען אויך געמוזט ביי אַנשלען אַרויס־ברענגען שטריכן פון געלט־גייציקייט, פון גיריקייט, פון אויסנוצערישקייט, פון באַרייסן יענעם. ער קאָן נישט באַנעמען, אַנשל, אַז מען קאָן האַלטן אין האַנט אַ מכשיר און נישט פאַרקויפן אים, ער קאָן נישט פאַרשטיין ווי אַזוי מען קאָן

אַ זאַסטעפּ האַלטן גלאַט זיך,
נישט אויסקלינגען דעם מקח מיט די הענט
און ס'זאָל די גאַל ביי אים נישט פּלאַצן...
ווען ס'פּלעגט אין קלייט זיך אַנשל צורירן צום זאַסטעפּ,
אַזוי ווי אַ גזרה זאָל ער אויסקלינגען דעם פּרייז,
האָט יעדעס ברעקל ראָסט געטראָסקעט:
— רייס!

אַנשל דער זאַליאַזניק איז געווען אַ צו קאָמפּליצירטע געשטאַלט, בפרט אינעם קאָנטעקסט פון דער דעמאָלטיקער סאָוויעטישער רעאַלי־טעט, און מאַרקישן איז נישט בלויז שווער געווען צו טראַקטירן אַנשלס לעבן, נאָר אויך מיט זיין טויט איז אים שווער געווען זיך צו ספּראַווען. שטאַרבן האָט אַנשל געמוזט. זיין טויט האָט דאָך געדאַרפט זיין דער עיקר און ענדציל פון דער פּאָעמע. די שוועריקייט איז אָבער באַשטאַנען אין דעם צוקלויבן אַנשלען דעם ריכטיקן טויט, וואָס זאָל זיך אויסטיילן מיט באַזונ־דערקייט, אַ טויט, וואָס זאָל פּאַסן פאַרן בעל־גוף. דריי מאָל האָט אַנשל דער זאַליאַזניק געדאַרפט שטאַרבן. צום ערשטן מאָל איז אַנשל געלעגן אין בעט חולה־מסוכן, נאָך דעם ווי ער האָט זיך געהאַט איבערגעגעסן. ס׳האָט שוין געהאַלטן מיט אים זייער שלעכט. אָבער ווי אַן עכטער ערדישער פאָלקס־מענטש האָט אַנשל באַדאַרפט נעגירן דעם טויט, אים צונישט מאַכן און אָפּשטויסן און אפילו אויסלאַכן אים. לויט די כללים פון סאָוויע־טישן שולחן־ערוך איז דאָך דאָס אַרויסהייבן טויט געווען צוריקגאַנג און רעאַקציע, דער עיקר איז געווען גיין פאָרויס מיטן לעבן. און כאָטש אַנשל האָט נישט געהערט צו אָט דער געזעלשאַפט, האָט דאָס, זעט אויס, געדאַרפט אויך זיין חל פאַר אים און ווען אין זיינע לעצטע מינוטן לייגן צו יידן פעדערן צו אַנשלס נאָז, צו זען צי ער לעבט נאָך, באַווייזט ער אַ נס, ער קומט צו זיך און צעבונטעוועט זיך מיט רוגזה קעגן אַלעמען:

און אַנשל האָט מיטביידע נאָזלעכער געטאָן אַ בלאָז,
ב׳אויף ביידע פיס מיט אַ געשריי ז׳ער אויפגעשטאַנען.
— וואָס שטופּט מען פעדערן מיר אין דער נאָז ?
פאַרנעמט זיך ! אַלע ! וואַנט פון דאַנען !
אַ ייד אַ באַלעבאָס
וואָס שיידט זיך מיט דער וועלט, ווען ס׳קומט די עכטע צייט,
באַדאַרף מען צולייגן אַן אשה צו דער זייט,
אַ שקאָליק זעקס און ניינציק צו דער צווייטער
און אויב ער גיט זיך נישט אַ דריי דאָרט,
און אויב סע גיט דאָרט נישט קיין בראָט אים,
איז — אויס ! איז — פּטור !

דאָס איז געווען אַן אָפּטימיסטיש עמכדיק אויסלאַכן דעם טויט, נאָך וועלכן אַנשל איז געוואָרן לעבעדיק און ער איז אויפגעשטאַנען פון געלעגער בכדי צו שטאַרבן אויף אַן אַנדערן אופן. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנדערן כאַראַקטער און האָט באַקומען גאָר אַן אַנדערן צוגאַנג צום

טויט, אַ פילאָזאָפירנדיק־רעזיגנירטן. אויב איז ער נאַר־וואָס געווען אַנט־שלאָסן אויף זיין המוניש־פּראָסטאַצקן אופן אָפּצוּוואַרפן דעם טויט, איז ער איצטער אַנטשלאָסן פרייוויליק זיך איבערצוגעבן צו אים. אין דער דאָזיקער וועלט, וווּ ער האָט נישט געקאָנט לעבן — וויל ער שטאַרבן. און ער גייט אַרויס אין סטעפּ, אויסגעשליירט צו דעם צוועק אין פייערדי־שער פרעמדער הלבשה, אין אַ שטרויענעם קאַפּעליוש און מיט אַ רויטן קוטעס — אַלץ אין גויישע סימבאָלן, ווי אָפּצוטאָן אויף צו להכעיס:

און אַנשל האָט זיך אָנגעטאָן אַ ברייטן קאַפּעליוש פון שטרוי,
זיך אָנגעגאַרטלט מיט אַ רויטן קוטעס,
אַרויסגעמאַרדעוועט פון זיך דאָס ביסל דרויב
און צוגעבורטשעט: — טאַק, אַזוי־אַ גוט איז!
...און זיך צום סטעפּ געווענדט
מיט אויסגעשטרעקטער האַנט:
ס'געפעלט דיר, ווייזט אויס, סטעפּ. אַ רויטער קוטעס מערער פון אַ גאַרטל,
אַ קאַפּעליוש פון שטרוי געפעלט דיר בעסער פון אַ סויבעלענעם הוט?
איז גוט:
איז קוק אויף אַנשל דעם זאַליאַזניק — דעם געגאַרטן —
און גיב אַ קוק אויף אים צום לעצטן מאָל:
— געווען אַמאָל אַ וועלט... געווען אַמאָל...
אָט ליגט זי, אָט — צעבראָכן און צעמאָלט,
איז קוויק זיך מיט זיין נייער שייגער היים,
און מיטן בראָך מיט זייגעם האָלט זיך.

דאָס איז מצד אַנשלען אַ מין וואַרפן דעם גט פאַר די פיס דעם סטעפּ און דער גאַנצער אויפגעריכטער מערכה און זיך אַליין וואַרפן צו אים אויס פאַרביטערונג און פאַרצווייפלונג. און דער סטעפּ וועט זיך נישט צופיל נעמען צום האַרצן צוליב זיין, אַנשלס, אָוועקשענקען זיך אים. ער, אַנשל, וועט זיך אָנזען ביי אים נישט מער ווי אַ שטויבעלע, וואָס, דער ווינט טראָגט אַוועק, און מאַרקיש חזרט איבער זיינע אַלעגאָרישע שורות, וואָס קלינגען דאָס מאָל ווי אַפּשלוס און סך־הכל:

וואָס זעט זיך אָן ב'אַ וואַלד פאַרפלאָנצן נאָך אַ בוים,
צי אויסהאַקן אַ בוים און אויסוואָרצלען אינגאַנצן?...

פּונקט ווי דער סטעפּ, אַזוי לאָזן דאָ איבער די לעצטע שורות פון דער פּאָעמע אַן אומענדלעכן אומעט, אַ מין קהלת־שטימונג און קהלת־באַקלאַנג.

★

אַזאַ איז געווען דער סוף פון דער פּאָעמע און דער טויט פון אַנשלען אין איר ערשטער ווערסיע, ווי זי איז געווען פאַרעפנטלעכט אינעם יידיש־סאָוויעטישן זשורנאַל און אויך אין דער וואַרשעווער אויסגאַבע „אַנשל דער זאַליאַזניק". די פּאָעמע אין בוך־פאָרעם, דערשינען אין מאָסקווע, האָט אַן אַנדערן סוף און אַנשל האָט דאָ אַן אַנדערן טויט, אַ מער צוגעפּאַסטן און מער ציל־געווענדטן. מעגלעך, אַז מאַרקיש האָט דאָ איינגעזען, און אפשר נישט בלויז ער אַליין, אַז מען דאַרף ענדערן דעם סוף און געבן אַנשלען אַן אַנדערן טויט. ווייל דער אופן פון אַנשלס אַוועקגיין פון דער וועלט, וואָס דאָס איז גלייכצייטיק סימבאָליש אַן אַנטשלאָסן און פריי־וויליק אַוועקגיין פון דער נייער וועלט בכלל, מיט וועלכער ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אויסקומען, האָט נאָך געקאָנט אַרויס־רופן ביים לייענער אַ שטימונג פון באַדויערן אים און אויך זיין, אַנשלס, וועלט, וואָס ליגט „צעבראָכן און צעמאָלט"...

און דאָ קום איך צו צו אַנשלס ענדגילטיקן טויט, ווי ער איז געגעבן אין מאַרקישעס שפּעטער־צוגעשריבענע קאַפּיטלען, בעת וועלכן אַנשל פאַלט אַ קרבן פון זיין אייגענער גייציקייט, פון זיין קרעמערישער נטיה צו יחי־דישער אייגנטימערישקייט, צו אויסניצערישקייט און גזלה.

אין דער קאָלאָניע איז אַ פערד קראַנק געוואָרן אויף אַן אַנשטעקנ־דיקער קראַנקייט און מען איז אַנשלען מכבד מיט דער מיסיע אַרויסצופירן דאָס פערד אין סטעפּ און עס ליקווידירן, קוילען און פאַרברענען. אָבער אַנשלען פאַלט איין עפּעס אָפּצוראַטעווען פאַר זיך פון דער פּאַדלע. ער וויל האָבן איר פעל. אָבער דאָ דערמאָנט ער זיך, אַז מען האָט געהייסן דאָס פערד פאַרברענען אינגאַנצן. באַשליסט ער בלויז אָפּצושניידן פאַר זיך דעם פערדישן עק, כאָטש דער עק איז אויך אַ טייל, וואָס געהערט זיך אַן מיטן פערד. אָבער מיטן עק וואָגט ער נאָך אַנצוהייבן זיך. ער ווייסט נישט דעם מקח פונעם ווידל, וויפל ער קאָן ווערט זיין, אָבער ער שניידט אים אָפּ און ביים פידלען אַזוי מיטן מעסער שטעקט ער זיך אַן מיט דער חו־לאַת פון דער פּגירה. ער גייט אַהיים און ביים דאַווענען וועגט ער אָפּ דעם פערדישן ווידל, דווקא ביים דאַווענען. דאָס, ווייזט אויס, האָט אויך גע־דאַרפט עפּעס צוגעבן צום ציל, ווייל קיינמאָל האָט מען אַנשלען נישט גע־זען דאַווענען, אפילו נישט אַמאָל שבת אין שטעטל, אָבער צום אָפּוועגן דעם פערדישן עק האָט ער גראָד געדאַרפט דאַווענען. קורץ נאָך דעם שטאַרבט אַנשל.

אין דער ענדגילטיקער סיבה פון אַנשלס טויט פעלט די עכטקייט

און וואָרהאַפטיקייט. זי איז צוגעקליבן געוואָרן בלויז צוליבן אידעאָלאָגישן ציל. ווייל צו וואָס האָט דער אַלטער ייד געדאַרפט האָבן דעם פּערדישן עק? וואָס האָט ער געקאָנט טאָן מיט אים? וואָס פאַר אַ פאַרמעגן וואָלט דאָס געקאָנט זיין פאַר אים, אַז ער זאָל זיך ווילן מקריב זיין, איינשטעלן דאָס לעבן, בפרט אַז ער האָט געוווּסט וועגן דער סכנה פון אָנשטעקן זיך? דער ענטפער איז, אַז דער לייענער האָט געדאַרפט זען אין אָנשלען דעם שונא פון דעם נייעם סאָציאַלן סדר, וואָס גייענדיק צורויבן פאַר זיך פאָלקס־פאַרמעגן און מלוכיש אייגנטום, האָט ער זיך אַליין אָפּגעקוילעט און ער איז אַ קרבן פון זיין אייגענער גייציקייט און פון זיין געיעג נאָך גזלה — שטראָף און באַצאָלונג פונעם גורל פאַר זיינע שעדלעכע מעשים.

7

אַ וויטערדיקער עטאַפּ אין מאַרקישעס דיכטעריש־עפּישן שאַפן, וואָס האָט געדאַרפט אָפּשפּיגלען דעם סאָציאַלן איבערבוי פון די יידן אין ראַטנ־פאַרבאַנד, דאָס מאָל אויפן פאָן פון דעם אַמאָל באַרימטן דניעפּראָסטראָי, איז זיין בוך „אויפגאַנג אויפן דניעפּער", דערשינגען אין יאָר 1937. „אויפ־גאַנג אויפן דניעפּער" איז אַ ראָמאַן אין פערזן, פּונקט ווי „ברידער" און „ביט־געדאַגהט", און גרויס אין קוואַנטיטעט, איבער דריי הונדערט זייטן.

דניעפּראָסטראָי האָט אַמאָל אָפּגעקלונגען צווישן די לינקע אַרבעטער־קרייזן ווי אַ כישוף־קלאַנג. ער איז געווען דאָס שיינדל פון די סאָוויעטישע אויפטוען און דערגרייכונגען, ער האָט אויך געוועקט האָפענונגען און חלו־מות. געוויי וואָס דאָס איז אַזוינס האָט מען זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אָבער מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זיין עפּעס מעכטיקס און גראַנדיעזס און מען איז געווען שטאָלץ און באַגייסטערט פון דעם.

דניעפּראָסטראָי האָט צו יענער צייט פאַרנומען אַ גרויס און אָנגעזען אָרט אין טאָג־טעגלעכן סאָוויעטישן לעבן, אין דער פּראָפּאַגאַנדע, אין דער פּרעסע, ליטעראַטור און קונסט. אַ סך האָט מען געשטעלט אויף דעם אויס־בויען די מעכטיקע דאַמבע אויפן דניעפּער, ביי וועלכער עס זענען געווען באַשעפטיקט דרייסיק טויזנט פאַר העגט.

איציק פעפער פאַרענדיקט סוף צוואַנציקער יאָרן זיינעם אַ ציקל לי־דער אונטערן נאָמען „דניעפּערבוי" מיטן קורצן פיר־שורהדיקן ליד:

איך זיץ און איך קלער איבער בויגנס באַשריבענע,
איך ווייס נישט: אַזוי צי אַזוי?
איך ווייס אָבער קלאָר, אַז די בויגנס פאַרבליבענע
דערשרייבן וועט דניעפּערבוי.

דער געביט און די טעמע דניעפּערבוי (אויף רוסיש דניעפּראָסטראָי) האָבן געקאָנט פאַרלאָקן און אָנרעגן אַזאַ דיכטער ווי פּרץ מאַרקיש, אַז דעם גרויסן בוי־ווערק זאָל ער ווידמענען אַ גרויס פּאָעטיש ווערק. דניעפּראָ־סטראָי איז געווען אַן אַלגעמיין־סאָוויעטישע טעמע און ס'האָבן דאַ, דאַכט זיך, נישט געקאָנט זיין קיין יידישע פּראָבלעמען. אָבער מאַרקיש האָט אין זיין פּאָעמע אַריינגעפירט יידישע געשטאַלטן, וואָס זיי, בעיקר, פיגורירן אין זיין בוך און היות ווי זיי זענען ווידער יידן דעקלאַסירטע און אויס־געוואָרצלטע פון די שטעטלעך, האָט ער במילא אויפסניי אַריינגעפירט מיט זיי די פּראָבלעמען פון די רוסיש־אוקראַיניש־סאָוויעטישע יידן. דער פּראָ־צענט יידן אין די בוי־אַרבעטן איז זיכער געווען אַ קלענער לגבי די נישט־יידן, אָבער ווי אַ יידישן דיכטער איז מאַרקישן קודם־כל געגאַנגען אין אַרויספירן אויפן פאָדערגרונט די יידישע אָנטיילנעמער אין דער ריזיקער קאָנסטרוקציע צווישן דער גרויסער מאַסע שוואַרצאַרבעטער, באַטראַקעס, סעזאָניקעס, בויער, אינזשינירן, באַשעפטיקטע ביי דער אַרבעט פון אויס־בויען די גיגאַנטישע דאַמבע אויפן דניעפּער.

איידער מען הייבט אָן לייענען דאָס בוך האָט מען דעם איינדרוק, אַז סיי לויט דעם פּאַטעטישן טיטל און סיי לויט די אַרויפגעקלעפּטע פאָטאָ־גראַפישע בילדער־מאָנטאַזשן אינעווייניק אויף די טאָוולען, וואָס שטעלן פאָר פראַגמענטן פון דער בויאונג, וועט מען דאָ האָבן פאַר זיך אַ פריידפולן הימן און אַ מעכטיקן לויבגעזאַנג, אַ הללויה צו דער מענטשלע־כער מי און אַרבעט. אָבער נישט אויף דעם וועט מען זיך אָנטרעפן אין מאַרקישעס ווערק. נאָכן איבערלייענען די פּאָעמע איז מען נישט באַ־הערשט פונעם געפיל פון פרייד, פון האָפערדיקייט און דערהויבנקייט, נאָר פאַרקערט, פון שווערקייט, ביטערקייט און דערדריקטקייט. ס'איז דערפאַר ווייל מאַרקיש פירט אויך דאָ אַריין די גרעאַנגלען און די קאָנפליקטן צווישן די יידן, וואָס זענען פאַרוואָגלט געוואָרן באין־ברירה אַהער אינעם מענטשלעכן מישמאַש, וואָס ווימלטביים דניעפּער.

די יידישע געשטאַלטן, ווי שוין דערמאָנט, זענען דאָ ווידער יידן פון די אונטערגייענדיקע שטעטלעך, סאָציאַל־צעריבענע, אַרויסגעשליידערטע פון זייערע פּרנסות און עקזיסטענצן און די גרעסטע טייל פון זיי איז נישט געוווינט צו דער שווערער אַרבעט, וואָס זיי האָבן געמוזט אָננעמען. ווי

אין דער פּאָעמע „ביט־געדאַגהט" זעט מען אויך דאָ די יידן אין זייער געבעכדיקייט, אומבאַהאָלפנקייט און אומצופרידנקייט, אָבער פּונקט ווי דאָרטן, מענדל דער וואַסערטרעגער, רוקט אויך מאַרקיש דאָ אַרויס איין געשטאַלט אַ פּאָזיטיווע, וואָס איז צופרידן מיט דער גייער ענדערונג. דאָס איז אברהם־הערש דער געוועזענער בעל־עגלה, וועלכער נעמט אַלץ אויף מיט האָפּערדיקייט און ענטוזיאַזם מיט זיין אינסטינקט, אַזוי ווי מענדל, אָבער אָן יענעמס איידעלער גוטמוטיקייט און תמימות.

אברהם־הערש איז געקומען אַהער פון זיין שטעטל מיט אַ גרופּע געוועזע־נע בעלי־עגלות. ער איז פלייסיק און איבערגעגעבן און ווערט באַשטימט אַלס בריגאַדיר. אין איינקלאַנג מיט דער דעמאָלטיקער אָפיציעלער נעגאַ־טיווער באַציאונג צום שטעטל, האָט אויך אברהם־הערש, לויט אַלע כללים, געדאַרפט אַרויסווייזן פאַראַכטונג צום שטעטל, און פאָרן אָוועקפאָרן צום דניעפּראָסטראָי האָט ער „אַ שילט געטאָן די שטאָט". און ווען ער מאַכט, אין צוג פאָרנדיק, דעם סך־הכל פון זיינע אָפּגעלעבטע פערציק יאָר, פון וועלכע דרייסיק יאָר אַלס בעל־עגלה, זעט ער זיך אינגאַנצן אומגויטיק און איבעריק אין שטעטל:

און איצטער לויפן בערג, זיי רייסן אויף זיך מיט געפּראַל,
ס'צעטראָגט דער קלונג דער טויבער זיך אויף גאַנצע מיילן;
מען דאַרף שוין מער קיין באַן און קיין וואָקזאַל,
מען דאַרף אין ערגעץ שוין אויף שבת זיך ניט איילן...

מ'האָט אים מער נישט געדאַרפט, אברהם־הערשן, אין שטעטל, ווייל ס'איז שוין דאָרטן נישט געווען קיין באַן, קיין וואָקזאַל און נישט קיין שבת און במילא האָט מען זיך מער נישט גענויטיקט אין קיין בעל־עגלה. האָט עס אברהם־הערשן געטריבן צום דניעפּער, ווו ער האָט געקאָנט זיין ניצלעך און פּראָדוקטיוו.

אברהם־הערש, ווי ס'רוב מאַרקישעס העלדן, טראַכט וועגן זיין פאַר־גאַנגענהייט, קוקט זיך אום אויף צוריק. מאַרקיש האָט אויך אין זיינע ווערק אָפט געברענגט די פאַרגאַנגענהייט אויף צו מאַכן אַ פּאַראַלעל, צו קאָנפראָנטירן דעם פינצטערן נעכטן מיטן ליכטיקן היינט.

אברהם־הערש ווערט דורך מאַרקישן בכיוון געגעבן ווי אַ מענטש וואָס דער סאָציליזם גייט אים נישט אָן און ער ווייסט אפילו נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. אברהם־הערש זאָגט אַליין, אַז דעם סאָציאַליזם איז ער יעדן מוחל:

— איך ווייס ניט וואָס ס'באַטייט — און וויל דעם קאָפּ ניט ברעכן!
ער גיט מיר ברויט — איז פיר איך אים ווי מ'שענסטן פּאַסאַזשיר.

און ווען ער באַקומט זיין ערשטן געהאַלט פאַר זיין שווערער האָרע־וואַניע איז ער אַזוי באַגייסטערט, גלייך ווי ער וואָלט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן קיין קערבל נישט אַנגעקוקט און ער גייט אַריין אין בית־הכסא אי־בערציילן דאָס געלט „ווייל מאַלע וואָס — אַזויפיל אויגן", טראַכט ער, און גייט עס אָוועק באַגיסן פייערלעך מיט אַ כוסה. אברהם־הערש איז נישט דער אידעאַליסט וואָס האָט דעם באַוווסטזיין, אַז אַרבעטנדיק שווער איז דאָס לטובת הכלל, אַז ער איז זיך מקריב פאַר אַ העכערן ציל, פאַרן מאָרגן און איבערמאָרגן. דער סאָציאַליזם איז ביי אים אַ פּאַסאַזשיר ווי אַלע פּאַסאַזשירן, וואָס אויב ער באַצאָלט אים פירט ער אים אָפּ, מעדיטירט ער אויף זיין בעל־עגלהשן שטייגער.

עס איז נויטיק געווען, זעט אויס, מיט אַ כוונה צו געבן אַזאַ מין טיפּ אַנהעגגער פון סאָוויעטישן רעזשים ווי אַ מוסטער, וועלכער איז ערלעך־תמעוואָטע, וועלכער ווייסט נישט וואָס עס איז אַזוינס סאָציאַליזם, אָבער מיטן געזונטן פאָלקס־אינסטינקט, הייסט עס, פילט ער אַז דאָס איז גוט פאַר אים...

דער קעגנזאַץ פון אברהם־הערשן איז אַ צווייטער געוועזענער בעל־עגלה פון זעלבן שטעטל און פון דער זעלבער גרופּע אַרבעטער ביים דניע־פּערבוי מיטן נאָמען זאַזל, אויף וועלכן ס'איז געפאַלן דער גורל צו זיין דער אומצופרידענער עלעמענט. שוין דער נאָמען זיינער אַליין, וואָס מאַר־קיש האָט אים צוגעקליבן, קלינגט עפּעס מאָדנע און דאַרף אַרויסרופן אַ באַשטימטע באַציאונג צו אים.

זאַזל באַדויערט דאָס שטעטל, דעם וואָגן, די אייגענע פּאַר פערד — אַלץ, וואָס איז געווען ז יי נ ס:

ער זעט די היים... דעם הילצערנעם פידאַשעק...
און ס'איז אים טרויעריק אַזוי...

אברהם־הערש, דאַקעגן, רעדט אים אויס מיט זידל־ווערטער, מיט עזותקייט, רופט אים אַן נבלה, פּונקט ווי ער רופט אַן מעשה בריגאַדיר, אַלע זיינע אַרבעטער נבלות ווען ער טרייבט זיי אונטער ביי דער אַרבעט:

— געבוג!
— פּאַרשיווע קליאַטשע!

און ער איז שטאָלץ מיט זיך וואָס ער איז

ניט קיין בעל־עגלה, נאָר — אַ בריגאַדיר!

צווישן די נישט־יידישע געשטאַלטן אין בוך פיגורירט דער מאַטראָס טרובאַ, אַן אַלטער באַקאַנטער פון דער פּאָעמע „ברידער", וועלכער האָט בשעת דעם בירגער־קריג דערשאָסן דעם אָרעמען יידישן מעקלער יעיזעפ. טרובאַ איז געקומען אַהער צו פאָרן אין זעלבן צוג וואָס אברהם־הערש און אויפן דניעפּראָסטראָי איז ער דער פּאַרטאָרג און דער מאַטאָר פון אַלע מאָטאָרן אויף דער בויאונג. צו אים קומט מען זיך באַקלאָגן אויף אַלץ און אַלץ קאָן ער לינדערן און אַלע שוועריקייטן לייזן אויף אַ גוטן אופן. אפילו וועגן ענינים פון פּערזענלעך־אינטימען כאַראַקטער קומט מען צו אים ער זאָל פּסקענען שאלות. דערזעט עלקאָנע, דער געוועזענער יידישער הפקר־יונג און שפּעטערדיקער קעמפער קעגן דעניקינען, אַז דער אינסטרוקטאָר סומבאַטאַ וואַרפט אַן אויג אויף זיין קאָמסאָמאָלקע גלאַשאַ, קומט ער זיך באַקלאָגן פאַר טרובאַן. און די געפאַר איז דאָ טאַקע געוועזן אַ גרויסע, ווייל דער אינזשיניער און אינסטרוקטאָר סומבאַטאַ האָט אַ פּאָזיציע און אַ ווי־בונג און נישט קיין נאָרע אין אַ באַראַק, ווי אַלע אַרבעטער, און ער איז בכוח צו פאַנגען אין זיין נעץ אַריין גלאַשען, דאָס מיידל פון עלקאָנען, וועלכער קוקט זיך צו צום אינסטרוקטאָרס מעשים מיט אַנגסט:

אָט דרייט זיך שוין לעם איר אַרום סומבאַטאַ,
ער, אַז ער וואַרפט אַן אויג איז שלעכט.
עלקאָנע ווייסט, אַזביים אינסטרוקטאָר גייט עס גלאַטיק,
אַז נאָכדעם וועט מען מעגן שטעלן לעכט...

שרייבט דאָס ווייב פון אברהם־הערשן צו אים, איר מאַן, אַ בריוו, אַז זי בענקט נאָך אים און זי וויל אַז ער זאָל אַהיימקומען, גייט ער זיך האַלטן וועגן דעם אַן עצה מיט טרובאַן, און טרובאַ, באַטירלעך, זידלט אים אויס דערפאַר. וואָס מיר ווייב, ווער מיר ווייב, דער עיקר איז דאָס, וואָס זיינע פערד האָט מען אים פאַרביטן אויף אַ מאָטאָר:

— פון פערד — אַרויף אויף אַ מאָטאָר ביסט,
און איצט צוריק — מיט האַק און פּאַק?
סע בענקט זיך דיר שוין נאָך אַ טאָרבע,
סע בענקט זיך דיר שוין, האַ, פערדאַק?

און אברהם־הערש איז באַגייסטערט פון טרובאָס קלוגע עצות און איז אים דאַנקבאַר פאַרן אויסזידלען אים. אברהם־הערש

איז טרובאָן צען מאָל דאַנקבאַר
פאַר אַלץ, — דאַכט זיך אים אויס — פאַר אַלץ,
פאַר זיינע שטאַרקע ווערטער ווי געטראַנקען,
און פאַר זיין פעסטן הייזעריקן האַלדז
און אויך פאַר זיינע גרויע אַנגעשלייפטע אויגן,
וואָס שפּירן קלוג און שטענדיק נאָך, פּונקט ווי מיט ליכט,
ער זאָל אין ערגעץ גאָרנישט ניט פאַרבויגן
און זאָל אין ערגעץ ניט דערלאַנגען אַ פאַרקריך.

און ער איז אים אויך דאַנקבאַר פאַר דעם בריוו וואָס טרובאַ האָט גע־שיקט צו זיין ווייב אין שטעטל און אויך דערפאַר וואָס טרובאַ האָט אים אויסגעהיילט פון דער בענקשאַפט צו איר.

טרובאַ איז אויף זיין געביט אַן אַלץ־וויסער און אַלץ־באַהערשער. ער האָט שטענדיק אין אַלץ דאָס לעצטע וואָרט. אַלע שיינע מעשים ווערן צוגעשריבן אויפן חשבון פון טרובאַן, וועלכער געניסט דאָ, אין די ראַמען פון זיין געביט, פון אַ געוויסן פערזאָנען־קולט אין מיניאַטור און אַזאַ שורה וועגן אַ מאַניפעסטאַציע פון די אַרבעטער זאָגט עפּעס און דערמאָנט אין עפּעס: „געקוקט טרובאַ האָט אויפן צוג אויף דעם באַפליגלטן מיט פאַ־נען"...

פאַראַן אויך אין דער פאַעמע אַ צווייטע נישט־יידישע געשטאַלט, דער קעגנזאַץ פון טרובאַן, אַ שעדיקער און אַמאָליקער קאָנטררעוואָלוציאָנער, וואַסקע זשוק. אַ געוועזענער אַטאַמאַן ביי מאַכנאָ. בעת דעם בירגער־קריג האָט ער איין מאָל באַשטעלט אין שטעטל אַ פּאָפּאַכע ביי דעם יידישן קירזשנער און האָט אים דערביי געדראָט, אַז אויב זי וועט נישט זיין פאַר־טיק ביז אין אָוונט וועט ער נעמען ביים קירזשנער זיין קאָפּ אַנשטאָט דער פּאַפּאַכע. איצטער געפינען זיי זיך ביידע אויפן זעלבן אַרבעטס־פּלאַץ אויפן דניפּראָסטראָי: וואַסקע זשוק דער קוילער און דער יידישער קירזשנער, וואָס האָט געזאָלט געקוילעט ווערן. אַזוי רופט אים מאַרקיש אָן, דעם ייד: דער קירזשנער, אָן אַ נאָמען. זשוק אַרבעט ביים האַקן און דרויבן שטיינער, אָבער די אַרבעט קלעפּט זיך נישט צו אים. ער איז פאַרחושכט און נידער־געשלאָגן און אין סטאָלאָווע ביים טיש ציט ער אַרויס פון די וואַטענע הויזן דעם פּאָרטרעט פון מאַכנאָ, נאָך וועלכן ער בענקט, און זיצנדיק אַזוי ביים טיש מיט נאָך אַרבעטער ביי גלעזער טיי, נעמט זשוק און צעהאַקט זיין גלאָז מיט דער האַנט, צעמאָלט עס און שיט עס אַריין אברהם־הערשן אין זיין גלאָז אַריין, גראָד דעמאָלט ווען יענער האָט זיך פאַרקוקט אויפן פּאָר־טרעט פון סטאַלינען. און טאַקע נישט קיין אַנדערער ווי דער ייד דער קירזשנער וועט דאָס דערזען און אָפּראַטעווען אברהם־הערשן. וואַסקע זשוק

וועט פון דעמאָלט אָן פאַרשווינדן פון דניעפּראָסטראַי און פון די זייטן פון מאַרקישעס בוך.

צווישן די יידישע געשטאַלטן געפינט מען אַ שוין פון פריער באַקאַנטן נאָמען: נחמה די יידישע קאָמסאָמאָלקע. זי שפּילט נישט קיין גרויסע ראָלע אין דער אַקציע פון דער פּאָעמע. עס איז נישט קלאָר צי דאָס איז די זעלבע נחמה פון דעם בוך „ברידער".

אַ ביז גאָר טראַגישע יידישע געשטאַלט איז דער „ייד פון מעליטאָפּאָל", וואָס מען פילט אַז ער ליגט מאַרקישן שטאַרק אין געמיט און אַז ער האָט אים טיף דורכגעלעבט. דער „ייד פון מעליטאָפּאָל", אַזוי רופט אים מאַרקיש אָן, אַנאָנים, אָן אַ נאָמען. דער ייד איז געגעבן ווי אַ גזיר, געהיימנישפול און פאַרבאָרגן:

אוּן אַ ייד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל
אוּן אַ ייד וואָס מען קאָן ניט דערגייז,
פון וואַנען, פון וואָס ז'ער געלאָפן,
און אַ ייד, וואָס ער ווייסט ניט אַליין.

נישט ווילנדיק, אפשר, האָט זיך ביי מאַרקישן באַקומען אַט דער ייד, אין זיין עלנטקייט און דערשלאָגנקייט, ווי דער סימבאָל פון דעם דעמאָלטיקן דעקלאַסירטן סאָוועטישן ייד בכלל. מען האָט דעם איינדרוק, אַז מען האָט פאַר זיך אַ נסתר, אַ מדינה־גייער, אַ געוועזענעם לערנער, אַ למדן, אַ שוחט, צי דיין. דער ייד איז קראַנק, שוואַך און הוסט ביינאַכט אויף זיין נאַרע אין באַראַק און ער איז לחלוטין נישט צוגעפּאַסט צו דער שווערער אַרבעט. ער איז איינגאַנצן אַ דיסאָנאַנץ אויפן פּאָן פון די בולדאָזערס, עקסקאַוואַטאָרן, קאַריערן, שווערע שטיינער און רושטאָוואַניעס־געצן פונעם הילכנדיקן דניעפּראָסטראַי. ער איז אומבאַהאָלפן און ער האָט מורא פאַרן אויפרייס פון דינאַמיט און אַלע לאַכן פון אים און מאַכן פון אים חוזק. און אַז מען פרעגט אים פאַרוואָס ער איז נישט געבליבן אין דער היים, ענטפערט דער ייד מיט סכנה אין בליק: „מ'איז דאָרט אַלע אַוועק שוין אויף אַרבעט". און אַ צווייט מאָל קוקט ער מיט טרויער: „וווהין זאָל ער גיין, דער ייד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל?" און די גאַנצע וועלט פאַרצווייפלונג און נידערגעשלאָגנקייט איז פאַראַן אין אַט דעם פרעגן.

מער פון אַלע מאַכט חוזק פון דער נעבעכדיקייט און אומבאַהאָלפנקייט פונעם ייד פון מעליטאָפּאָל אברהם־הערש. דער סאָציאַליזם גייט אים טאַקע נישט אָן און ער ווייסט אפילו נישט וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער ער איז פונדעסטוועגן מקיים אַלע געבאָטן און ער פילט מיטן אינסטינקט, אַז ער דאַרף זיך איזדיעקעווען איבערן „ייד פון מעליטאָפּאָל" און דער־

נידעריקן אים. ער מיינט אפשר דערמיט זיך אַליין צו דערהייבן און זיך איינקויפן אין יחוס ביי נאַטשאַלסטווע. און נישט בלויז דעם ייד פון מע־ליטאָפּאָל דערנידעריקט ער; אויך זאָזלען, זיין געוועזענעם פאַך־קאַלעגע דעם בעל־עגלה און לאַנדסמאַן, זידלט ער גראָב און דערגייט אים די יאָרן. ווען זאָזל פאַרטרויט זיך פאַר אים, אַז ער האָט יאָרצייט, פאַלט אויף אים אָן אברהם־הערש מיט חוזק:

ער גיט זיך צו זאָזלען אַ קרים, אברהם־הערש,
און גיט אויפן פעלדז זיך אַ לאָז מיטן האַמער.
— האָסט יאָרצייט... אַזוי, נעבעך... ווי איז דער מאַמען...
נאָך וועמען? נאָך אים? נאָכן גנב — דעם שווער?...
באַדאַרפסט עס דערציילן דעם חבר טרובאַ,
איז מאַכט ער אַ מנין דיר — ראַז און דוואַ.

ביי זיין גאַנצער צופרידנקייט און שטאָלץ מיט זיין מערכה פון זיין איצטער אַ בריגאַדיר און נישט קיין בעל־עגלה, באַדויערט, פונדעסטוועגן, אברהם־הערש, וואָס זיין ווייב האָט אים אַמאָל נישט געלאָזט פאָרן קיין אַמעריקע, ווו ער האָט געקאָנט „שאַרן גאָלד און איך, דער נאַר האָב זי געפאָלגט", קאָן ער עס איר נישט שענקען, הגם אַ צווייט מאָל, שפּעטער, האָבנדיק מסתמא אין דעם פאַרגעסן, אָדער עס לוינט אים אַזוי, וואַרפט אברהם־הערש גאָר פאָר זיין ווייב, אַז דאָס האָט זי גאָר געוואָלט, אַז ער זאָל פאָרן קיין אַמעריקע און נישט ער.

מסתמא האָט אברהם־הערש געדאַרפט ענדערן זיין „בליק" אויפן ענין פאָרן אַמאָל קיין אַמעריקע צוליב דעם וואָס ער האָט איצטער געהאַט בדעה צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן (מען דערוויסט זיך דאָס פון רמזים) און דער אָפיציעלער אָנשטעל איז געווען אָקעגנצושטעלן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט קעגן אַמעריקע, ווייל „איצט פאָרט מען, דאַנקען גאָט, אַהערצו פון קאָלומבן", ס'הייסט, איצטער איז דאָ נאָך בעסער ווי אין אַמעריקע און פון דאָרטן וואַנדערט מען גאָר איבער אַהער.

מיט דער טראַגישער געשטאַלט פון דעם ייד פון מעליטאָפּאָל קומט אויס אָפּט צו באַגעגענען זיך אין בוך. באַזונדערס אין די נעכט אין באַראַק, בעת דעם אָפּרו פון די אַרבעטער אויף די נאַרעס נאָך אַ שווערן טאָג אַר־בעט. דאָ ברענגט מאַרקיש אַרויס די לעבנס־באַדינגונגען און דעם שטיי־גער פון די דניעפּראָסטראָי־בויער און די טראַגיק פון דעם ייד פון מע־ליטאָפּאָל:

און מען קראַצט זיך הויך די פּלייצעס
און מען רויכערט הויך טוטין,
ניט דערזידלט מען צעגייט זיך
ווער אַהער און ווער אַהין.

נ׳ווער ס׳לייגט אונטער זיך צוקאַפּנס
בענקשאַפט ווייטע פון דער פרעמד,
נאָר דער ייד פון מעליטאָפּאָל
זיצט און לאַטעט זיך אַ העמד.

אָן אַ שבת דאָס דערמאָנט אים,
דאָס דערמאָנט אים אָן אַ היים,
טוקן זיך די האָריזאָנטן
מיט אָן אויסגעדאַרטן בוים...

אָן אַ שבת דאָס דערמאָנט אים,
און ער ווייסט שוין ניט אַליין,
צי ער וועט דאָס העמד נאָך אָנטאָן,
צי ער וועט דאָס העמד נאָך גיין?...

די אַרבעטער קוקן אויף דעם „ייד פון מעליטאָפּאָל“, דעם אָפּגעזונדערטן און שווייגער, דעם שוואַכן און חלוש, ווי אויף עפּעס אַ טשודאַק און אויסטערלישן מענטש. ווי אַזוי רעאַגירן זיי?

די שכנים זיך צלמען
שטיל ביי דער נאַכט
און זידלען די הייליקע מוטער
און נאָכדעם דערציילט מען
און נאָכדעם מען לאַכט
און מען קלאַפּט אין די פּלייצעס זיך מוטיק.

מאַרקיש גיט אונדז דעם ייד פון מעליטאָפּאָל אין זיין גאַנצער טראַגישער פאַרלוירנקייט און איינזאַמקייט. אָפט פילט מען דאָס אויך אַרויס פון די רמזים און נישט־דערזאָגענישן. אין זיי דאַרף מען נישטערן אויפמערקזאַם און מיט געדולד. דעם יידס צונויפגעקנאָדערטער שאָטן אויף זיין עלנטן געלעגער בייַנאַכט קלאַמערט זיך אין אונדז, לאָזט אונדז נאָכטראַכטן און נאָכפילן. דער ייד וועט אויסגיין איין מאָל אין אַ נאַכט אויף דער נאַרע פון זיין באַראַק אַליין און אָפּגעזונדערט און מען וועט קאָנען זאָגן וועגן

אים ווי פּרץ האָט געזאָגט וועגן באָנטשען: „אַזוי ווי ער האָט שטיל געלעבט, אַזוי איז ער שטיל געשטאָרבן".

ביינאַכט ליגט ער אויף דער נאַרע אין זיין אָפּגעזונדערטער וועלט. ער קלויבט אין אַ קלומיקל אַ ביסעלע גרויפּן אַהיימצושיקן פאַר זיין ווייב, וועלכע איז געבליבן אין שטעטל און ער היט עס לעבן זיין געלעגער צוזאַמען מיט אַ קאָוון אויף אונטערצולענען זיך דאָס האַרץ. דער ייד פיבערט אין זיינע לעצטע וויזיעס און האַלוציגאַציעס, ווי ער וואָלט געמאַכט דעם לעצטן חשבון־הנפש:

איז ווו־זשע, ווו־זשע זענען זיי?... וואָס איז געוועז דאָ?...
עס רייסט זיך דער דניעפּער! סע דונערט, סע קראַכט...
אָט ליגן דאָרט זיינע פאַרלאַטעטע העמדער,
אָט איז דאָך דער טאָג... אָט איז דאָך די נאַכט...

אָט איז דאָך אַלץ! אָט — פון אונטן ביז אויבן!
ס'איז וועמעס? ס'איז זיינס? פון זוים ביז זוים!
ער קוקט אויפן קאָוון. ער זוכט זיינע גרויפּן,
זיי זאָלן זיך אַלע צעשרייען אַזוי!

אַזוי, ס'זאָל די נאַכט אים אָוועק פון צוקאָפּנס,
איז טאַפּט ער די נאַרע און זוכט זיך אַליין.
ווהין איז אַוועקגאַן זיין שטאָט מעליטאָפּאָל?
ווהין איז פאַרשוווּנדן זיין חרובע היים?

אין באַראַק שטערט דער ייד די מידע אַרבעטער זייער רו מיט זיין הוסטן און קרעכצן. טייל שלאָפן נאָך נישט און שמועסן צווישן זיך אויף די נאַרעס:

און איינער דערקלערט דאָרט, אַז גאָט איז פאַראַנען,
דער אַנדערער גענעצט, אַז אים איז אַלצאיינס.
אויף פענצטער דערטריקנטע בלומען דערוויאַנען,
אויף נאַרע ביים יידן זיך פלאָנטען די ציין.

און ווער ס'האָט פאַריבל אויף נאַכטיקן קלאַפּן,
און ווער אויף דער מאַכט, און ווער ס'גיט דאָרט אַ רוף:
— ווּעסט אַמאָל אויפהערן, דו! מעליטאָפּאָל? —
— געננג דיר צו כאָרכלען! האַדי! הער אויף!

עס שלאָפֿט דער באַראַק איין. די שאָטנס זיך שטאָפּן,
מיט רוזיקע וועגט אין דער שטיל זיך מען שפּאַרט...
געטראַכט האָט דער ייִד פֿון דער שטאָט מעליטאָפּאָל, —
און דאָך האָט ער עפּעס אַזוי ניט דערטראַכט.

אַ קער אויף דער זייט — און אַנטשוויגן געוואָרן,
אַ קער אויף דער צווייטער — און שאַ. און — אויס...
צוויי זעקעלעך גרויפּן, וואָס אונטער דער באָרע,
און נאָך אפֿשר צוויי ניט-דערקליבענע בלויז...

שפּעטער וועט איינער, אַן אַרבעטער, אַדורכגיין און וועקן און שטור־
כען דעם ייִד צי ער דאַרף ניט אַמאָל אויך אַרויסגיין אין דרויסן, אָבער
דער ייִד וועט זיך ניט אָפּרופֿן צו אים. דער ייִד וועט שוין בכלל מער
ניט ענטפֿערן. און דער אַרבעטער

ער שטייט נעבן אים און ער שרעקט זיך און רעדט;
און ס'איז — שאַ. און ס'איז אויס. און די שטיוול שוין קלאַפּן:
— בריגאַדיר, שטייט אויף! אײַנדערגיין! איר זעט?
ער שלאָפֿט. מעליטאָפּאָל! זאָטיך מעליטאָפּאָל!

ס'איז דאָרטן דער ייִד פֿון דער שטאָט מעליטאָפּאָל
געלעגן אַזוי ווי אינמיטן דעם וועג,
ווי פֿון אַ וואָגן אַרונטערגעפֿאַלן,
און ס'איז דער וואָגן זיך ווייטער אַוועק...

האָט מען די פֿיס ביי אים אויסגעלייגט ריכטיק,
האָט מען די הענט אים אין אָרדנונג געבראַכט, —
און שווייגנדיק האָט מען פֿאַרלאָשן דאָס ליכט דאָרט,
און צריק זיך געלייגט דאָרט דערשלאָפֿן די נאַכט.

אַ כראָפּע געטאָן האָט מען בייזער און האַרבער
און איבערגעכראָפּעט מיט וואָרט זיך געהיים:
— אַ שטילער געווען... און ערלעך געאַרבעט...
געקליבן גרויפּן — אַלץ פֿאַר דער היים.

געקליבן אַ גאַנצן סעזאָן — געקליבן...
אַ ייִד מיט גרויפּן... מיט טאָרבעלעך צוויי —
באַדאַרפֿט וואָלט מען אָפּשיקן וואָס ס'איז געבליבן...
אַ ייִד — און ווער ווייסט ווו ס'איז ערגעץ זיין היים?

אַזוי איז דער ייד, וואָס קיינער האָט אים נישט געקענט און נישט געוווסט ווי ס׳איז זיין היים, אַוועק פון אָט דער פרעמדער וועלט, אין וועלכער אויך ער איז געווען אַ פרעמדער. און ווייטער האָבן געררישט די ברעגן פונעם דניעפּער, געהילכט מיט אויפרייסן פון דינאַמיט און צעשמעטערטע פעלדזן־בערג און פאַרהילכט דעם זכר פונעם ייד אָן אַ נאָמען — אַ ייד — מעליטאָפּאָל, וועלכער איז „געלעגן אַזוי ווי אינמיטן דעם וועג, פון אַ וואָגן אַרונטערגעפאַלן" — און דער וואָגן איז זיך ווייטער אַוועק זיין וועג ווי קיינמאָל גאָרנישט...

דער רושם, וואָס עס האָט איבערגעלאָזט די טראַגישע געשטאַלט פונעם „ייד פון מעליטאָפּאָל", וועלכער האָט איינזאַם געלעבט און איז איינזאַם געשטאָרבן אויפן דניעפּראָסטראָי, הערט אונדז נישט אויף צו פאַרפאָלגן. זיין טויט פּילט אונדז אָן מיט אַן אָבלדיקער שטימונג. די אויסווירקונג איז א טיפע און אַ שטאַרקע. צי האָט מען דעם דאָזיקן איינדרוק און די דאָזיקע שטימונג געדאַרפט באַלאַנסירן? און מיט וואָס האָט מען דאָס געקאָנט טאָן?

אומדירעקט האָט דאָס אפשר געדאַרפט זיין דאָס אַרויסרוקן גלייך אברהם־הערשן, וועלכער איז בפירוש דער סאַמע היפּוך פונעם „ייד פון מעליטאָפּאָל".

אברהם־הערש איז אויך שיער נישט געגאַנגען פון דער וועלט. נאָך דעם טויט פונעם ייד פון מעליטאָפּאָל האָט די לעבער ביי אים געפּלאַצט. ער ליגט אין שפּיטאָל און ס׳האַלט מיט אים שלעכט. בכדי צו ראַטעווען אברהם־הערשן וועט מען אים דרינגענדיק דאַרפן געבן בלוט און נישט קיין אַנדערער ווי טרובאַ וועט זיך פאַרלייגן צו געבן זיין בלוט פאַר אברהם־הערשן. ס׳איז געווען נייטיק אַזוי, בכדי אַרויסצוברענגען דעם אידעאָלאָגישן עפעקט פון פעלקער־פריינטשאַפט און פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם און עס זאָל הייסן אַז דאָס בלוט פון טרובאַן איז נישט גלאַט אַזוי קיין בלוט פון עפּעס דאָרט אַ געוויינלעכן בשר־ודם, פון סתם אַ מענטש, וואָס קאָן זיך מקריב זיין פאַר אַ צווייטן מענטש, נאָר דאָס איז בלוט פון דער פּאַרטיי און נישט קיין אַנדערער ווי דער בלוט־נעמער אברהם־הערש, וועלכער ווייסט נישט וואָס עס איז אַזוינס סאָציאַליזם און מיט וואָס מען עסט דאָס, ער וועט זיך דערקענען אויף אָט דעם פּאַרטיי־בלוט און ער וועט זיך באַרימען: „בלוט האָט מיר די פּאַרטיע געגעבן"...

אָבער אָט דער גאַנצער אידעאָלאָגישער עפעקט איז שוין נישט בכוח געווען צו פאַרווישן דעם רושם פון דער טראַגישער געשטאַלט פונעם ייד פון מעליטאָפּאָל.

נאָך דעם ווי אברהם־הערש איז געזונט געוואָרן האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פאָרן קיין ביראָבידזשאַן. דאָס ווערט אָרויסגעבראַכט מיט פּאַרזיכטיקייט און דיסקרעטקייט. דער נאָמען ביראָבידזשאַן ווערט בכלל נישט דערמאָנט און מען דאַרף זיך אָנשטויסן וועגן אים. די דאָזיקע דיסקרעטקייט האָט זיך זיכער ביי מאַרקישן גענומען צוליב די שווערי־קייטן, מיט וועלכע ער האָט זיך געראַנגלט ביים וועלן זיך צורירן צום ענין ביראָבידזשאַן, וואָס איז געוועזן געגנוג קאָמפּליצירט. פון איין זייט, האָט מען אין תוך געקאָנט זיין אין אָרדענונג, שרייבנדיק וועגן ביראָבידזשאַן, ווייל די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז דאָך אָפיציעל פּראָקלאַמירט גע־וואָרן דורך דער סאָוויעטישער רעגירונג, פון דער צווייטער זייט אָבער, האָבן באַוווסטזיניקע און אויסגעהאַלטענע יידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעלעבט אין מאָסקווע צי אין קיעוו, געהאַלטן אַז דאָס איז נישט קיין ענין פאַר זיי, נאָר פאַר די אָפּגעשטאַנענע און דעקלאַסירטע יידישע מאַסן פון די שטעטלעך. אַחוץ דעם האָבן זיי ווי פאַרגעאַנט און געפילט בחוש אַז זייער אָנכאַפּן זיך אין ביראָבידזשאַן וועט זיי ערגעץ־ווו פאַר־רעכנט ווערן פאַר יידישן נאַציאָנאַליסטישן סעפּאַראַטיזם. קאַלינין האָט טאַ־קע דערקלערט, אַז ווען ער וואָלט געווען אַ רב וואָלט ער אַלע יידן גע־הייסן פאָרן קיין ביראָבידזשאַן, אָבער פון ווען אָן הערן זיך דאָס קאָמו־ניסטן צו צו די עצות פון אַ רב?

פון איין זייט איז דער ענין ביראָבידזשאַן געווען אַ געשעעניש, וואָס איז געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג פון יידישן לעבן אין ראַטנ־פאַרבאַנד און אַ יידישער דיכטער ווי מאַרקיש האָט געפילט, אַז ער דאַרף אים אָרויסברענגען אין זיין שאַפן. פון דער צווייטער זייט, האָט ער אויך געזען פאַר זיך די סתירה ביים וועלן טראַקטירן די טעמע. דערפאַר האָט אברהם הערש, וועלכער פירט אויס די גאַנצע צייט אויף אַן אומבאַוווסט־זיניקן אופן די „ליניע", געדאַרפט הערן אויפן דניעפּראָסטראָי וועגן „עפּעס אַ ווייטן קאַנט", ווו „ס'איז דאָ אַ פליג, אַ בער און ווו פיש איז בזיל־הזול" און די סיבה פון וועלן פאָרן אַהין איז נישט, אַז דאָרט דאַרף זיין אַ יידישע היים, נאָר פאַרקערט, ווייל אים איז אַלצאיינס וווהין צו פאָרן, ווייל „ס'איז אומעטום זיין היים", ער איז גאָר געשטויסן צו דעם דורכן באַוווסטזיין, אָדער זיין אינסטינקט, פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, אָדער פון אַ מין קאָסמאָפּאָליטיזם.

פונקט ווי „ביט־געדאַגהט", פאַרענדיקט זיך „אויפגאַנג אויפן דניע־פּער" מיט אַן אָפּטימיסטישן סוף. פּאַראַלעלע זענען די דערשיינונגען און פענאָמענען אין מענטש און אין דער נאַטור, וועלכע גייען אויף באַגליקטע און בחתדיקע און זענען ווי דער שכר פאַר ליידן און מסירת־נפש: אַרום

דניעפּראָסטראָי בויט מען שטיבער, גאַסן, עס ווערט אויפגעשטעלט אַ ישוב, מענטשלעכע עקזיסטענץ, לעבן. עס ווערן פאַרזעצטביימער, פלאַנצן און קווייטן, און טרובאַ גייט אַהיים פון דער אַרבעט אַן אויפגעלייגטער, און גייענדיק אַזוי ווערט ער סענטימענטאַל געשטימט און עס וואַכט אויף אין אים פלוצלונג אַ געפיל פון ליבע. ער זעט זיך אַרום, אַז עס איז געקו־מען די צייט נישט בלויז פאַר אויפבויען אַ שטאָט, נאָר אויך פאַר אויפ־בויען אַן אייגענע היים, אַ משפחה־לעבן, וואָס איצטער קאָן ער זיך שוין פאַרגינען דערויף:

אַ היים איז פאַראַן און דאָס ברויט איז אַלצאיינס,
דער קאָפּ איז פאַרהויבן, און טריט — ניט געציילט.

און אָט אַ דאָס ברויט, אַז מען גיט אַ צעשנייד,
איז קאָן עס שוין קלעקן אויף צוויי און אויף דריי.

און פונקט ווי פון דער ערד גייט אויף אַ בענקשאַפט צו דער פלאַנץ און צום געוויקס, אַזוי גייט אויף אינעם גוף אַ סעקסועלער דראַנג און בענק־שאַפט אין דער זעלבער צייט:

אַז דער סטעפּ ז'אַזוי ברייט, און די ערד — אַזוי גאַנץ,
איז נעם — און פאַרזעץ! איז נעם — און פאַרפלאַנץ!

און נאָך אַמאָל נאָך. און צוויי און דריי.
ס'פאַרשמעקט די ווייטן מיט מיידל און לייב.

און טרובאַ, נאָך דעם ווי ער האָט געשאָנקען זיין בלוט דעם ייד אברהם־הערש, גייט ער איצט באַשענקען מיט זיין ליבע די יידישע קאָמסאָמאָלקע נחמה, ווייל אַזוי גייענדיק אַ גוט־געשטימטער און אויפגעלייגטער, פאַרגייט ער ביז צו איר אַהיים און ער זעט דאָ איין פאַטערלעך־באַזאָרגט, אַז איר שטוב איז נאָך אַן אַ דאַך און ער ווערט פול מיט פילבאַרקייט און ברייט־האַרציקייט צו איר:

איז נאַדיר דאָס האַרץ און — גיב אַ צעשנייד,
ס'וועט קלעקן פאַר צוויי און ס'וועט קלעקן פאַר דריי!

און אפשר איז אויך דאָ פאַראַן אַ רמז, אַז די ליבע פון טרובאַן איז נישט גלאָט אַזוי אַ ליבע פון אַ מענטש, פון אַ מאַן צו אַ פרוי, נאָר די ליבע פון דער פאַרטיי, פונקט ווי זיין בלוט פאַר אברהם־הערשן איז נישט געווען גלאָט אַזוי קיין בלוט, נאָר בלוט פון דער פאַרטיי.

טראָץ דעם שיינעם אָפּטימיסטישן סוף פון „אויפגאַנג אויפן דניעפּער"

און טראַץ דעם געהילך און געטראַסק פונעם דניעפּראָסטראָי, פאַרלאָזט אונדז נישט דאָס געפיל פון שווערקייט און דערדריקטקייט. עס בלייבט אונדז איבער דער רושם פון מענטשלעכער צעריסנקייט און פון צעמישטע לשונות אויפן העכסטן שפּיץ פונעם סאָציאַליסטישן בבֿל־טורעם, ווו דאָס קלאַפּערײַ איבערן דניעפּער איז נישט בכּוח צו פאַרהילכן די טראַגיק פון מענטשלעכע גורלות.

8

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אָפּגעשניטן איין לאַנד און איין פאָלק פון אַנדערן, איין מענטשלעכן קאָלעקטיוו און איין יחיד פון צווייטן. מען איז געווען אָפּגעריסן פון אַלץ און אַלעמען פון דער אויסערלעכער וועלט. מען איז געווען אַרײַנגעשליידערט אין איגנאָראַנץ, דעזאָריענטאַציע, אין פולשטענדיקן מאַנגל אין ידיעות. בײַנאַכט זענען די שטעט און גאַסן געווען פאַרזונקען אין פינצטערניש און אַזוי אויך די מענטשלעכע געמיטער. קיין שײַן האָט זיך פון ערגעץ נישט אַדורכגעריסן. אַלע פאַרבינדונגען מיט שרײַבער־קאָלעגן אין דער וועלט זענען געווען צעשטערט.

ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט אויסזען, האָב איך גראָד אין יענע באַדינגונגען פון געיאָגטקייט און געפּלאָגטקייט, פון פאַרבאָרגנקייט און פולשטענדיקער אָפּגעריסנקייט, געהאַט די זעלטענע געלעגנהייט צו נעמען קאָנטאַקט און זיך באַקענען מיט פּרץ מאַרקישן, נישט געקוקט אויף די פאַרביסענע שלאַכטן, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אויף דער ערד, אין דער לופט און אויף די ימען, נישט געקוקט אויף די דראָט־פאַרצוימונגען, וואַכ־פּאָסטנס און לויערונג פון טויט אויף שריט און טריט. דאָס איז געווען איין מאָל, הערנדיק אים אומגעריכט פון מאָסקווע אין ראַדיאָ, ערגעץ־ווו אין פאַריז אונטערן האַקנקרײַץ, זײַענדיק אויסבאַהאַלטן מיט אַן אויסבאַהאַלטענעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

איך האָב מאַרקישן פּערזענלעך נישט געקענט, קיינמאָל נישט געהאַט די געלעגנהייט אים צו זען און הערן און דאָ האָב איך צופעליק, זוכנדיק מיט נײַגעריקייט און אײַפער ידיעות פון דער וועלט, מאַניפּולירנדיק מיטן ראַדיאָ־ווײַזער אויף די כוואַליעס אַהין און צוריק, פּלוצלינג דערהערט ווי דער ספּיקער פון מאָסקווער ראַדיאָ מעלדעט דעם אַרויסטריט פון פּרץ מאַר־

קיש. און איך האָב געהערט זיין שטים, וואָס איך האָב פריער קיינמאָל נישט געהערט און דאָך איז זי מיר דעמאָלט געווען אַזוי נאָענט און דאָס שייבל פונעם ראַדיאָ־קעסטל, האָט זיך מיר געדאַכט, האָט גע־שיינט מיט אַ פייערלעך ליכט, ווי זיין, מאַרקישעס, באַגייסטערטער בליק וואָלט פון דעם אַרויסגעלויכטן.

גלייך נאָך דער מלחמה, ווען אַלץ האָט זיך אַנטפּלעקט וועגן אַלץ און מען האָט אָנגעהויבן אָפּנעמען גרוסן פון חברים, פריינט און קאָלעגן פון פאַרשידענע לענדער, ווען דאָס געמיט איז שוין געווען ביכולת אויפצונעמען לייכטער ליטעראַטור־שאַפן, האָט מען זיך אָנגעהויבן צו באַקענען מיט דעם וואָס עס איז געשריבן געוואָרן אין די יאָרן פון אונדזער איזאָלירטקייט און אָפּגעריסנקייט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס זענען דערגאַנגען צו אונדז, לידער און דערציילונגען פון יידישע שרייבער. צווישן די, וואָס האָבן געמאַכט אַ טיפן רושם זענען געווען פאַרעפנטלעכטע קאַפּיטלען פון מאַר־קישעס ברייט־פאַרמאָסטענער פּאָעמע „מלחמה״, וואָס ער האָט געהאַלטן דעמאָלט אין פאַרענדיקן. דאָס בוך איז דערשינען אין מאָסקווע אין יידישן מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״ אין יאָר 1948, נישט לאַנג פאַר מאַרקישעס אַרעסט און דאָס איז געווען דאָס לעצטע אַרויסגעגעבענע בוך פונעם פאַרלאַג פאַרן ליקווידירן אים, צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד. אויף אַט דעם בוך איז אויסגעפאַלן דער גורל אָפּצו־שליסן דאָס קאַפּיטל: „די בליענדיקע יידישע קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד״.

צווישן איין עפּישער פּאָעמע און דער צווייטער האָט מאַרקיש אויך געשריבן לידער און קלענערע פּאָעמעס, וועלכע זענען געווען ביי אים אַ מין אָטעם־פויזע צווישן איין גרויסן פאַרמעסט און דעם אַנדערן. אפשר איז דאָס געווען ביי אים אַ געוויסער אָפּרו און פּסיכישע אָנטשפּאַנונג, כאָטש איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז ביי מאַרקישן זאָלן האָבן עקזיסטירט אָפּרו און הפסקות אין זיין שאַפן, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט גערוט, האָב איך דעם איינדרוק, און אפילו שבת האָט דער מאַרקיש־סמבטיון נישט גערוט און נישט אויפגעהערט צו שליידערן מיט שטיינער, מיט אַלערליי שטיינער און צווישן זיי אויך דימענטן־שטיינער.

אין די מלחמה־יאָרן דערשיינען קלענערע לידער־זאַמלונגען זיינע, וואָס לויט די טיטלען זייערע קאָן מען שוין זען אַז דאָס זענען לידער אויף מלחמה־טעמאַטיק, ווי „אַ טויט די קאַניבאַלן״ (1941), „פאַר פאָלק און היימלאַנד״ (1943). און ווי האָט עס דען געקאָנט זיין אַנדערש ? מאַר־קישעס אַלע שאַפונגען פון יענע יאָרן נעמען אַרום מאָטיוון פון מלחמה, קאַמף מיטן דייטשן שונא, יידישן אומקום, חורבן און ווידערשטאַנד. עס

טיילן זיך אויס בעמען פון פאָעמעס און לידער־ציקלען ווי „צו אַ יידישער טענצערין”, „דער וועג אין געטאָ”.

אָבער איבער אַלע מאַרקישעס מלחמהדיקע און נאָך־מלחמהדיקע שאַפונגען הייבט זיך אַרויס זיין מעכטיקער עפּאָס „מלחמה”, וואָס איז דאָס גרעסטע בוך זיינס קוואַנטיטאַטיוו, און אפשר אויך קוואַליטאַטיוו, (די פּאָעמע האַלט איבער זעקס הונדערט בוך־זייטן און ציילט איבער צוואַנציק טויזנט שורות). אין היבזיכט פון כמות קאָן מען עס נישט פאַרגלייכן מיט אַ צווייט פּאָעטיש ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור.

ביים געבן אַ נאָמען זיין בוך איז מאַרקיש זיכער אָנגערעגט געוואָרן פון דער אידעע אַז דאָס קורצע, אָבער שרעקלעכע וואָרט „מלחמה”, אפשר דאָס שרעקלעכסטע וואָרט פון אַלע ווערטער אין אַלע לשונות, איז כולל אין זיך אַלדאָס בייז און אַלדאָס שלעכטס, וואָס מענטש פאַר מענטש האָט געקאָנט ברענגען פון די אוראַלטע צייטן אָן, זינט מענטש איז מענטש. דאָס אַזויפיל זאָגנדיקע, אָדער גאָר אַזויפיל שרייענדיקע וואָרט „מלחמה” באַגרענעצט זיך נישט בלויז צו די צוויי צדדים, וואָס ווילן אומברענגען איינער דעם אַנדערן; דאָס מענטשלעכע אומגליק מלחמה גייט אַרויס און שפּרייט זיך אויס ווייט ווייט אַוועק פון די שלאַכטפעלדער און טראָגט זיך איבער אין גאַסן און שטובן, ווו עס איז גורם טרויער, צער, הונגער, צעשטערטע ליבע, צעשיידונג, אלמנהשאַפט, דערנידעריקונג, פאַרוויסטונג, פאַרקנעכטונג. די רשימה קאָן נאָך זיין, ליידער, אַ סך, אַ סך לענגער... זעט אויס, אַז מאַרקישעס אידעע איז טאַקע געווען, ביים אָנרופן זיין בוך מיטן נאָמען „מלחמה”, אַרומצונעמען אַלץ, וואָס מלחמה איז גורם, קאָנקרעטער: וואָס די צווייטע וועלט־מלחמה איז גורם געווען, און אין דעם אַלץ גייט אויך אַריין אונדזער יידישע פאָלקס־טראַגעדיע, וואָס איז דירעקט געבונדן מיט איר. ווייל דעם היטלעריזם איז געווען צו דער האַנט צו פּלאַנירן און דורכצופירן דעם אומברענג פון יידישן פאָלק אין דער צייט פון מלחמה, פון פינצטערן כאַאָס און בלוט־מבול, ווען בכלל באַוועלטיקט דער טויט דאָס לעבן און ווען דאָס איינציקע געזעץ, וואָס הערשט איבער אַלץ, איז: מאָרד.

צי דערפאַר ווייל זעענדיק אונדזער יידישע טראַגעדיע ווי אַ טייל פון דער מלחמה, האָט זי מאַרקיש איינטעגרירט אין זיין בוך מיטן כוללדיקן נאָמען און נישט געגעבן זי אין אַ באַזונדער ווערק? אָדער אפשר האָט ער אויך געהאַלטן דאָס פאַר ריכטיק צוליב דעם וואָס עס האָט זיך שוין, ביים סוף פון דער מלחמה, גענומען אָנצייכענען די סאָוויעטישע טענדענץ פון וויינציקער דערמאָנען די יידישע מאַרטיראָלאָגיע, נישט אויסטיילן זי מיט קיין באַזונדערקייט? דערפאַר אפשר האָט מאַרקיש אַזוי פּלאַנירט

זיין ווערק אַז אין אים זאָל אַריינגיין די הריגה פון באַבי־יאַר און דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, איינגעפּאַסט אין די אַלגעמיינע ראַמען און אַרומגענומען מיט לאַנגע קאַפּיטלען וועגן רוסישן פּאַטריאָטיזם.

פונדעסטוועגן ברעכן זיך אַרויס פון דער אַלגעמיינער ראַם און טיילן זיך אויס פּאָר אונדז מיט באַזונדערקייט די קאַפּיטלען וועגן דעם קדושים־גאַנג פון די יידן צום באַבי־יאַר און „כל־נדרי", וועגן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ און גאַר באַזונדערס דאָס קאַפּיטל „דער טויט פון לעצטן אויפשטענדלער", וועלכער ראַנגלט זיך מיט די לעצטע איבערמענטשלעכע כּוחות. ער קלעטערט פון שטאָק צו שטאָק, פון טרעפּ צו טרעפּ, ער פאַר־הויבט זיך איבער פּאַלנדיקע ווענט און צוזאַמען מיט אים דערהויבט זיך מאַרקיש ווי דער יידישער דיכטער־וויזיאָנער. אַרום און אַרום איז וויסטעניש, פאַרסכּהכלונג און גורלדיקער אָפּשלוס. דער אויפשטאַנד אין געטאָ צאַנקט אויס, עס האַלט ביי זיינע לעצטע שעהען. דער לעצטער אויפשטענדלער וויל זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעבן און ער שלאָגט זיך „איינער קעגן דייטשלאַנד". וואָס זענען זיינע לעצטע מחשבות און וועלכע זענען זיינע לעצטע וויזיעס?

אַצינד גייט ער צוריק צום אָנהייב דורך דעם סוף,
זיין אומפאַרגענגלעכקייט — אין שלאַכט ווערט ער געוווּיר איצט,
נאָר יעדער בראָכשטיק גיט דעם וועג אים אַ פאַרלויף
און רופט אים ערגעץ אויף מיט אַ געהילך פון דורות...
אַ יעדער אויסגעהוילטער פענצטער איז אַ רוף,
אַ יעדע פאַלנדיקע חורבה איז אַ שטאַפּל...
עס רופט אַ שילד אָן אויסגעוויכנעטע אים אויף
מיט בוכשטאַבן מיט לעבעדיקע אויפגעצאַפּלט...
צי פיבערדיק אַזוי די געטאָ זיך שוין עקט?
צי ווי אַ זעאונג אין זיין מוח קומט עס פאַר אים?
אָט דאָ פאַרלויפט אַ קינדער־וויגל אים דעם וועג,
דאָ שפּאַרט אַ שייטער זיך מיט ברענענדיקע ספרים.
דער פלאַם זיך שליידערט אַ באַפליגלטער אויף ווייט,
און פאַרן ווינט — אַליין די ביכער בלעטערן זיך איבער.
זיי זענען הוילע, פון די איינבונדן באַפרייט,
ווי די דערשאָסענע, אָן קליידער, ביי די גריבער...

און דער לעצטער געטאָ־אויפשטענדלער קעמפט נאָך אַלץ, פאַרשטעלנ־דיק זיך און באַשיצנדיק זיך מיט די פלאַמען...

וואָס אַזוינס האָט אין אים אַריינגעגעבן אַזאַ גייסטיקע גבורה און אים אָנגעפילט מיט אַזויפיל מוט און מסירת נפש ? זיכער דער באַוווסטזיין, אַז ער איז דער שליח און טרעגער פון אַ מיליאָנען־צוואה, אַ צוואה פון דורות, וואָס זענען הינטער אים, און אַ רוף צו ווידערלעבן מצד דורות פאַר אים, וואָס ביידע באַהעפטן זיי זיך און פאַרקייטלען זיך איבער דעם אָפּגרונט פון די שרפות און רואינען. און דאָ,ביים פייער־ראַנד פון אונטערגאַנג ברענגט אַרויס מאַרקיש דעם לעצטן אויפשטעגדלערס מחשבות און זעאונגען פונעם ברענענדיקן געטאָ. ווי אַ מענטש זעט אויפגיין אין פיבער־האַלוציניאַציעס פון זיינע לעצטע שעהען די גליקלעכסטע צייטן פון זיין פאַרגאַנגען לעבן, אַזוי לאָזט מאַרקיש אויפגיין אין די וויזיעס פונעם לעצטן אויפשטעגדלער אַלע שענסטע גייסטער און אַלע שענסטע ווערטן, וואָס דאָס פאָלק האָט פון זיך אַרויסגעגעבן :

געקלעטערט האָט דאָס פייער דראָענדיק און העל
און צוגעלויכטן שאַרף און שניידנדיק און בייניק,
עס זאָל נישט קאָנען זיך פאַרענטפערן די וועלט
אַז נישט געזען זי האָט איר אייגענע פאַרניינונג.
...ביז צו די שטערן הייבט זיך אויף דער פלאַם,
מיט תפילות גאָלדענע זיך פאַטשט אַליין די שרפה :
דער הימל זאָל אַרויסגיין פון די ברעגן, ווי אַ ים,
דער גרונטפעסט פון באַשאַף זאָל אומפאַלן פאַרצווייפלט,
אויב אויף דער מינדסטער ווידמונג פון דער ערד
אַ בעל־הבית — די הענקערישע האַק איז.
און אין דעם ווינטיק־בושעוודיקן פלאַם זיך הערט
ס׳געוויין פון איובס לעסטערנדיקע פראַגעס...
און אַלע ווייל גיט זיך דער רויך אַ דריי,
און אַלע מאָל גיט זיך דאָס פייער אַ פאַרקאַטשע,
נאָר אין דעם טליענדיקן אַש, גלייך ווי אַ בינטל היי,
דאָס פייער מעלה־גירהט מענדעלעס פאַריאַגטע קליאַטשע...
און מיט אַ קריעה־אויפגעריסענעם געהיל
געקרייציקט אויף די סווישטשענדיקע קוילן
שלום־עליכם קוקט אין פלאַם איבער דער בריל
און וואַרגט זיך מיט אַ טרער : „אַך, טי רבונו של עולם ? !"
...נישטאָ קיין הימל מער ! אַ פינצטער העמד,
אין דעם אַ האַלבע וועלט, אַ הוילע אַנגעטאָן איז,
און צווישן פייערדיקע לייטערס, אָפּגעשטויסן, פרעמד,

איבער דעם כאַאָס בלאָנדזשען פּרצעס מתנות.
דאָ זענען אַלע, ביז די אבות פֿון דער וועלט,
דאָס פייער וויקלט זיך — אַ וואַליק אויף אַ וואַליק,
און ס׳קלאַפּט נאָך אַלץ צום כסא־הכבודס שוועל
די „שחיטה־שטאָט" פון חיים־נחמן ביאַליק.

אָט אַזוי גייען אויף אין די אויגן פונעם לעצטן ייִד פון געטאָ דער גייסטיקער האַב־און־גוטס פון דורות, ווי אַ באַשטעטיקונג פונעם אייביקן זיין פונעם פאָלק, פונעם נצח ישראל, און זיי, די דורות, באַווייַנען אים און בענטשן אים אין זיין פאַרגיין, מיט וועלכן עס ווערט אָפּגעשלאָסן טויזנט יאָר ייִדיש לעבן אין מדינת פוילן.

אינעם בוך „מלחמה" קומען זיך צונויף אַלע מאַרקישעס מעלות, אַלע זיינע קינסטלערישע אייגנשאַפטן און כאַראַקטער־שטריכן. זיין אויטענטישער טאַלאַנט באַקומט דאָ דעם אמתן תיקון. זיין דיכטערישער שווונג, טעמפעראַמענט און ליידנשאַפט געפינען זיך דאָ אָפּ און האַרמאָניזירן צוזאַמען אויף אַ נאַטירלעכן אופן, זיין גליענדיקער פּאַטאָס פאַרמאָגט דאָ דעם עכטן און לויטערן קלאַנג און עס פאַרבלענדט זיין אוצר פון איבערראַשנדיקע, טרעפלעכע און גוט־אָנגעווענדטע פאַרגלייכן און מעטאַפאָרן, מיט וועלכע מאַרקיש איז געווען שטיין־רייך.

גראָד אין די מלחמה־יאָרן, ווען די שוועריקייטן זענען געווען גרעסער און די וואַכזאַמקייט שטאַרקער, האָט מאַרקיש זיך געקאָנט אויסלעבן פרייער אין זיין דיכטערישן שאַפן. אַזאַ איינדרוק האָט מען ביים לייענען זיין בוך „מלחמה". זיין וועג האָט זיך איצטער געשפרייט פאַר אים אַ גראַדליניקער. מאַרקיש האָט געהאַט פאַר זיך איצטער אַן אָפנעם און ממשותדיקן שונא — דעם חורבן־ און טויט־ברענגענדיקן היטלעריזם. דאָס איז נישט געווען דער אַמאָליקער קינסטלעך־באַשאַפענער שונא זיינער יעיזעפ דער מעקלער, וואָס בלויז מיט זיין בערדעלע און שטעקעלע שטערט ער דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע, צי זאַזל, דער געוועזענער בעל־עגלה, וועלכער איז שעדלעך מיט זיין בענקען נאָך זיין „אייגנטום", נאָך זיינע אַמאָליקע פאַר פערד, צי אַנשל דער זאַליאַזניק, וועלכער סאַבאָטירט די סאָוויעטישע מלוכה, צוזיבנדיק ביי איר דעם עק פון אַ פערדישער פגירה: מאַרקישעס איצטיקער שונא איז געווען אַ רעאַלער — נאָך ווי אַ רעאַלער! — וועלכער איז געווען אויך אונדזער אַלעמענס שונא און פאַר זיין פאַטאָס־פולן פלאַמיקן צאָרן־אויסברוך קעגן אים האָט מאַרקיש געהאַט אונדזער אַלעמענס הסכמה און ברכה. ער האָט דאָס געפילט און אויך געוווסט און דערפאַר איז ער איצטער אַ סך ווינציקער, ווי פריער, געווען געהעמט

אין זיין ווארט און אין זיין אויסדרוק. וואס אן אמת, האט זיך דער הוש פאר באדאכטקייט אויך דא נישט אפגעטאן אינגאנצן פון אים און אויך איצטער האט ער פארשטאנען ווי אזוי צו באלאנסירן אין זיין שאפן דעם יידישן טייל מיט דעם אלגעמיין־רוסיש־סאוויעטישן, וואס האט זיך ביי אים אויסגעדריקט אין געבן גאנצע קאפיטלען מיט באגייסטערונג און לויב פאר דעם, וואס „האט אליין געריכטעט יעדן טראט און יעדן קער פון דער געשיכטע...״

אזוי ווי עס האט זיך צו יענער צייט געדרוסישט, אזוי האט זיך אויך געיידישט. היות צוליב טאקטישע טעמים האט מען נישט אנגעגעבן דער מלחמה קיין סאציאלן כאראקטער, נאר אן אלגעמיין־נאציאנאלן, נישט קיין מלחמה פאר די סאציאליסטישע דערגרייכונגען איז זי געווען, נאר א פאטערלענדישע מלחמה, האט מען דעריבער ארויסגענומען פון די געשיכטע־ארכיוון די פארשטויבטע געשטאלטן פון סוווראוון און קוטוזאוון ווי מוסטערן פון פארטיידיקער פון פאטערלאנד. מען האט זיך נישט פאררופן אויף קיין העלדן פון דער רעוואלוציע, נאר אויף נאציאנאלע רוסישע קריגס־פירער, גלייך ווי פאררופן זיך אויפן סאציאליזם וואלט נישט געווען גענוג אויף צו דערוועקן ביים רוסישן מענטש דעם נייטיקן קאמפסגייסט. בכדי צו אפעלירן צו זייער געמיט און דערמאנען זייער הייליקע פליכט, האט מען אויך צו די סאוויעטישע יידן געדארפט צוקומען מיט זייערע אייגענע יידישע היסטארישע געשטאלטן, וואס זאלן וועקן ביי זיי דעם נאציאנאלן סענטימענט. פאר ארויסרופן ביי זיי דעם האס און צארן קעגן דעם דייטשן פארניכטער, האט מען געברענגט אנאלאגיעס פון דער יידישער געשיכטע, מען האט אויפגעמאכט פאר זיי דעם תנ״ך און מ׳האט זיי דערמאנט אין יידישע קריגס־טראדיציעס, ווען מען האט זיך גרויזאם נוקם געווען אין פארגאסן יידיש בלוט. איינער פון די יידישע פערסאנאזשן פון מארקישעס „מלחמה״, דער מארטירער, פארטיזאנער און רויטארמייער גור־אריה שעפט בארעכטיקונג און באגייסטערונג פאר זיין צארנדיקן קאמף נישט אין דער אקטאבער־רעוואלוציע, נאר אין די נאציאנאלע טראדיציעס פון אונדזער ווייטן יידישן עבר. עס איז איצטער געווען א שעת־הכושר, א נויטווענדיקייט און נאך מער: א ווילן פון אויבן, אז גור־אריה זאל זיך דערמאנען אין זיין יידישן אפשטאם און זיין אפילו שטאלץ מיט אים („פונעם תנ״ך האט ביי גור־אריהן זיך פארקריצט: אמאל ווען גדעון האט געקליבן חייל קעגן מדין״) און וועלנדיק ארויסרופן ביים סאוויעטישן ייד די נקמה־געפילן קעגן דעם היטלערישן אנפאלער און פארכאפער דערמאנט אים מארקיש „ווי שמעון און ווי לוי האבן אויסגעקוילעט שכם פאר לעסטערן און שענדן זייער שוועסטער״ („צום יידישן

שלאַכטמאַן"). די יידישע נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט ביים רויטאַרמייער דעם ייד ווערט איצטער בכיוון דורך מאַרקישן אַרויסגעהויבן. ער איז איצטער נישט בלויז אַ סאָוויעטישער בירגער, אַ רויטאַרמייער, נאָר אַ י י ד י ש ע ר שלאַכטמאַן, וואָס מאַרקיש פאָדערט אים אויף אַז ער זאָל טראָגן די ביקס, ווי זיינע זיידעס האָבן געטראָגן דעם ספר. מאַרקיש פירט דעם יידישן שלאַכטמאַן צוריק אַזש ביז צום סיני, ביז צו משהן, ביז צו מתן־תורה; ער דערמאָנט אים, אַז ער „האָט אַמאָל פון בערג געבאָטן צען דערקלערט", וואָס „פאַרפאָלגטע טראָגן מיר זיי שטאָלץ דער וועלט". אויב אין יאָר 1921 האָט די „קופּע" צוריק אָפּגעשליידערט דעם באַרג סיני די צען געבאָטן, האָט זיי איצטער מאַרקיש דערהויבן צו די העכסטע הייכן. ס'איז קלאָר, אַז דער יידישער שלאַכטמאַן דאַרף זיין שטאָלץ און זיך יחוסן מיט זיי, ווייל שוין ביים באַגין פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע האָט דער ייד געהאַט אַ מיסיע צו לערנען מיט זיי דעם מענטש — מענטשלעכקייט.

הגם די דאָזיקע נייע ווענדונג אין ראַטנפאַרבאַנד, אַ פועל־יוצא פון דער סיטואַציע און צוגעפּאַסט צו די אומשטענדן, איז געווען צוליב טאַקטישע טעמים דער ווילן פון אויבן, איז דאָס ביים יידישן דיכטער זיכער געווען אויך ז ע ל ב ס ט ו ו י ל ן. ביי אים איז עס נישט געווען בלויז קיין ענין פון טאַקטיק, נאָר אין אַ געוויסער מאָס אויך אַן אויס־לאָדענען פון זיך לאַנג־יאָריקע דערשטיקטע נאַציאָנאַלע געפילן, וואָס אין זייער אויפריכטיקייט האָט מען איצטער נישט געקאָנט צווייפלען. ער האָט זיך איצטער געפילט פרייער ביים אַרויסברענגען זיי ווייל ער האָט דאָך געהאַט די אָפיציעלע דערלויבעניש און דעם הכשר פאַר דעם. אָפּגעזען פון דעם ווי אַזוי די נייע ווענדונג איז געקומען, צוליב וואָס און פון וואַ־נען, טראָגן אין יענער תקופה מאַרקישעס לידער און פּאָעמעס בולטע, נאַציאָנאַלע אַקצענטן.

פון 22־טן יוני 1941 אָן, זינט היטלערס „פאַררעטערישן" אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד האָבן יידן פלוצלינג אָנגעהויבן צו עקזיסטירן ווי אַ פאָלק און אפילו ווי אַ וועלט־פאָלק. מיט עטלעכע יאָר פריער, אין 1937, איז נישט דערלויבט געווען, אַז אַ דעלעגאַציע פון יידיש־סאָוויעטישע שריי־בער זאָל קומען צום אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז און אויף דער פייערלעכער דערעפענונג האָט ה. לייוויק געדאַרפט אָנ־ווייזן אין זיין רעדע אויף איר שטול, וואָס איז געבליבן שטיין ליידיק און פאַרשעמט. אָבער אין יאָר 1943 זענען מיכאָעלס און פעפער געשיקט געוואָרן ווי יידן צו די „ברידער יידן" פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד. אויב מיט עטלעכע יאָר פריער האָבן יידישע שרייבער פון מאָס־

קווע צי קיעוו נישט געטארט האבן קיין שום מגע־ומשא מיט יידישע שרייבער פון ניו־יארק צי פאריז, איז איצטער די יידישע אחדות געווען געווונטשן. ווען מען האט געדארפט דעם בלוט־צושטייער פון די סאוויעטישע יידן און דעם צושטייער פון מאטעריעלער הילף פון די אמעריקאניש־ענגלישע יידן זענען יידן בכלל איבער נאכט געווארן א פאלק.

אבער א יידיש פאלק זענען יידן געווען פארן ראטנפארבאנד צייטווייליק, בלויז עטלעכע געציילטע יארן, ווען מען האט דאס געדארפט פאר דער סאוויעטישער פאליטיק און ווי־נאר דאס איז מער נישט געווען נייטיק זענען זיי תיכף געווארן אויס יידיש פאלק. די סימנים פון אט דער ברוטאלער ענדערונג האבן זיך גענומען באווייזן גלייך נאך דעם ווי ס'האט זיך פארענדיקט די מלחמה. דאס איז אויך געווען חל, פארשטייט זיך, אויף דער ליטעראטור. געוויסע טעגער אין יידישן ליטערארישן שאפן און אפילו גאנצע שאפונגען זענען פארשוווּנדן. עס איז כאראקטעריסטיש, אז פעפערס ליד „איך בין א ייד", וואס דער דיכטער האט אנגעשריבן אין יאר 1943, איז שוין נישט אריין אין זיין ליד'ער־זאמלונג „אויפסניי" פון יאר 1946, בסך־הכל מיט דריי יאר שפעטער. אויך אין מארקישעס גרויסער פאעמע „מלחמה", ווען זי איז דערשינען אין בוך־פארעם אין יאר 1948 האט מען געקאנט באמערקן געוויסע ענדערונגען. מארקיש האט אנגעהויבן שרייבן זיין ווערק אין סאמע ברען פון דער מלחמה, ווען פאר דער סאוויעטישער פאליטיק איז נייטיק געווען, אז מען זאל ארויסברענגען יידישנאציאנאלע סענטימענטן, אבער ער האט עס נאך אויך געשריבן נאך דער מלחמה, ווען אט די סענטימענטן זענען שוין מער נישט נייטיק געווען. דעריבער איז פארשטענדלעך פארוואס אזעלכע שורות וואס האבן זיך געפונען אין דעם קאפיטל „דער כירורג", פארעפנטלעכט אין יאר 1944 אין יידיש־סאוויעטישן אלמאנאך „צום זיג", זענען שוין נישט אריין אין דעם בוך, ווען עס איז דערשינען אין יאר 1948:

אויב עס וועט אפילו בלייבן איין ייד אויף דער ערד
וועט זיין א יידיש פאלק און עס וועט לעבן אייביק!

איצטער האט מען שוין קיין יידיש פאלק מער נישט געדארפט און אוודאי נישט מארקישעס גלויבן אין דעם, אז עס וועט לעבן אייביק.

איבערן ריזיקן שטח פונעם בוך „מלחמה", ווי עס איז אייגנטלעך נישט פאראן קיין קאנקרעטער סיפור־המעשה, שיילן זיך ארויס צענדליקער פערסאנאזשן און געשטאלטן, וועלכע פיגורירן אין די הונדערטער קאפיטלען, ווי רויטארמייער, פארטיזאנער, שלאכטלייט, פליער, טאנקיסטן,

אויסשפּירער, נקמה־נעמער, יידישע מאַרטירער, געטאָ־קעמפער, אונטער־ערדלער, אויפשטענדלער און גיבורים. זיי ראַנגלען זיך, קעמפן, ווערן פאַר־ווונדעט, פאַלן דורך און זיגן און מאַכן דורך דעם ריזיקן מהלך פון סטאַ־לינגראַד און מאָסקווע ביז בערלין, מיט וועמענס דעראָבערונג עס פאַר־ענדיקט זיך דאָס בוך.

גור־אריה, מאַרקישעס אויסגעבלוטיקטער יידישער העלד, מאַכט דורך אַלע שבע מדורי גיהנום. ער שטייט אויף תחית־המתים פון אונטער דער קופּע הרוגים פון באַבי־יאַר, אַ קופּע איצטער אַ פּיל־פּאַכיק געכפּלטע אין פאַרגלייך מיט זיין „קופּע" פון די פּאַגראָמען בעתן בירגער־קריג אין אוקראַינע. גור־אריה טראָגט אויף זיך זייער בלוט און זייער צוואה. ער גייט אַדורך נסיונות און סכנות, ער וואַנדערט דורך וועלדער און פעלדער, דורך צעשטערטע יידישע קהילות און ישובים, ער מעדיטירט וועגן יידישן גורל, וואָס ער טראָגט אים מיט זיך צוזאַמען מיט זיין שליחות פון מאַנען ביים געוויסן פון דער וועלט פאַר דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע. ער גייט מיטן יידישן גורל דורך אַש און פייער, דורך מאַסן־קברים און חורבות און ער דערטראָגט אים ביז צום בראַנדענבורגער טויער.

ווען מען בלעטערט מאַרקישעס ירושה פילט מען ווי עס וויברירט זיין פלאַמיק און אומרואיק האַרץ. מען פילט ווי עס האָט פון אים ממש געבושעוועט מיט שאַפן. עס פאַרבלייבן אין זכרון די עיקר־סימנים פון זיין פּאָעטישער יצירה: זיין ברייטקייט און נישט־ שפּאַרזאַמקייט פון בילד, פון מעטאַפאָר, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַ שפע. ער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען צו וואַרפן זיך און שליידערן מיט פאַרבן און בילדער און כאַטש עס האָט זיך טיילמאָל געקאָנט אויסדאַכטן, אַז זיי זענען איבערגעלאָדן, **אַ פאַרב אויף אַ פאַרב, איז ליב געווען פאַרן אויג צו זען זיי און מען האָט** געקאָנט אויסטיילן יעדע פאַרב באַזונדער, נישט פילנדיק קיין באַלאַסט. אים איז נישט אייגנטימלעך געווען דער צימצום. יעדעס וואָרט, יעדעס בילד, יעדער קלאַנג האָבן זיך ביי אים געכפּלט אויף אַנדערע ווערטער, בילדער, קלאַנגען. איינס האָט געשאַפן דאָס אַנדערע, זיך אויסשפּרייטנ־דיק און אויסברייטערנדיק ווי רינגען אויף אַ וואַסער, וואָס אַ געשליידער־טער שטיין **האָט אים צערודערט און צעשטערט זיין שלווה.**

מער ווי וועלכער ס'איז אַנדערער יידיש־סאָוויעטישער דיכטער איז מאַרקיש געווען אויסגעשטעלט אויף צו קאָנען געשטרויכלט ווערן אין זיין שאַפן און טאַקע צוליב זיין ברייטקייט, זיין אומגעצוימטקייט, צוליב זיין רחבות און פאַרנעמיקייט, אין וועלכע עס איז געלעגן זיין ברכה און, איז

די סאָוויעטישע באַדינגונגען, אָפּטמאָל אויך זיין קללה. אין דעם קורצן לירישן ליד האָט מען געקאָנט האָבן ווינציקער דאגות. עס האָט דאָ געקאָנט געגונגען אַ קליינער פֿאַרבן־פֿלעק, אַ שטימונג. מאַרקיש אָבער האָט גע־געבן ברייטע לייוונטן, אין וועלכע ער האָט פּאַנאָנדערגעוויקלט האָריזאָנטן, תקופות, לעבנס. ער האָט אַרויסגעפֿירט געשטאַלטן, כאַראַקטערן, פֿאַר־שטייער פֿון שיכטן, וואָס ער האָט, אין זיין סביבה, געדאַרפֿט זיין מיט זיי עלאַסטיש, אומגיין מיט זיי געלאַסן און אָפּגעהיטן ווי מיט אָפּגעציטערטע צעברעכלעכע חפצים. דערביי האָט ער געשטעלט פּראָבלעמען אין זיינע ווערק, וואָס נישט לייכט איז אים אָנגעקומען צו געבן אַ לייזונג. יעדע קינסטלעכע און נישט־עכטע לייזונג איז עלול געווען זיך נוקם צו זיין אין זיין גרויסן טאַלאַנט און ער האָט זיך צוליב דעם געפֿונען אין אַ קלעם. דערפֿאַר האָב איך אים אַמאָל געזען ווי אַן אָדלער אין זיין העכסטן שווונג און אַ מאָל ווי אַן אָדלער מיט געבונדענע פֿליגל. און אַזוי האָב איך אים געזען ביז דער אָדלער, אַ געבונדענער, איז אינגאַנצן אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פֿון זיין העכסטן פֿעלדזנשפּיץ אין תהום אַריין.

נאָכן מאָרד איבער שלמה מיכאָעלס, דורך אַ כלומרשטן אינסצעני־זירטן אויטאָ־פֿאַרפֿאַל, האָט מאַרקיש ווי פֿאַרגעפֿילט און פֿאַרגעזאָגט זיין אייגענעם סוף און ווען ער איז געשטאַנען ביי מיכאָעלסעס אָרון און אים באַוויינט אין זיין ליד „אַ נר־תמיד צוקאָפּנס", איז דאָס שוין געווען אויך אַן אָנגעצונדענער נר־תמיד פֿאַר אים, מאַרקישן, גופֿא. מאַרקישעס פֿאָראָנונג פֿילט מען אויך אַרויס אין זיין לעצט ליד „גיס־זשע אָן", פֿון וועלכן מען הערט אַרויס טענער פֿון חשבון־הנפֿש, פֿון רעזיגנאַציע און פֿון אָנגעמען באהבה דעם באַשערטן גורל און ס'איז גלייכצייטיק אַ מין אָפּגעזעגענען זיך מיט דער וועלט. דאָס ליד „גיס־זשע אָן", פֿון וועלכן איך ברענג די לעצטע דריי סטראָפֿן, איז אַ „לחיים" אויג אויף אויג מיטן טויט און עס קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַ צוואה.

אָפּגעבליט האָט גיך דער זומער
און דער האַרבסט איז פֿרי געקומען,
ערגעץ שוין דער ווינטער שפּאַנט, —
גיס־זשע אָן מיט ברייטער האַנט
פֿאַר די נאָענטע, פֿאַר די ווייטע, —
די, וואָס וועלן אונדז פֿאַרבייטן !

ס׳טוט ניט באַנג אונדז גרייז און גרוי זיין,
ווייל געלעבט מיר האָבן ברויזנד
מיטן פאָלק און מיטן לאַנד, —
גיס־זשע אָן מיט פולער האַנט,
אַז צו גוטנס ביז מקנא,
זאָל די צוקונפט אונדז דערמאַנען!

וויפל נאָך איז אונדז געגעבן
זיך צו פרייען מיטן לעבן —
ביז צום טרויעריקן ראַנד, —
גיס־זשע אָן מיט ברייטער האַנט,
הויב דעם כוס אויף ביז די שטערן
פאַר די לעצטינקע באַגערן!

✶

אונדזער נסיעה אין פרץ מאַרקישעס רחבותן און ברייטקייטן האָט זיך פאַרענדיקט. אונדזער צוג האָט זיך ראַפּטעם אָפּגעשטעלט ערגעץ אין אַ פינצטערער נאַכט אין אַ וויסט און אָפּגעשטאָרבן פעלד. ווו געפינען מיר זיך דאָ? ווו זענען מיר שטיין געבליבן? אומזיסט דאָס קוקן דורך דער שויב און דאָס זוכן. מיר וועלן דאָס קיינמאָל נישט וויסן, מיר וועלן קיינמאָל דאָס אָרט נישט קענען. פון דער פינצטערניש שיילן זיך אויס און צייכענען זיך אָן קוים־קוים סילועטן, שינעלן, ביקסן. דאָ גייט ער צווישן זיי, דער איינגעשטילטער זינגער, אַ באַרואיקטער שטורעם, אַ צעקלאַפּטער האָגל, וואָס איז שוין צעגאַנגען. ער גייט אָן אַרומגערינגלטער פון די שינעלן, ביקסן, שאָטנס. עס גייט אים נאָך אַ גאַנצע ליטעראַטור, זיין אייגענע ליטעראַטור פון אָנגעהויפּטע ביכער, און ביכער נאָך־נישט פאַרענדיקטע און ביכער נאָך נישט אָנגעהויבענע.

נישטאָ לעבן אים קיין פריינט, קיין קרוב און קיין גואל. נישטאָ קיינער וואָס זאָל אים באַגלייטן צום גרוב, ווי דער שמש אלישע דעם אַלטן פלאָצקער רב, און רייסן קריעה און בלאָזן שופר, דעם שופר של משיח. זיינע הענט וועלן זיך שוין מער נישט פאַרהייבן אין פּאַטאָס, ווייל זיי זענען געבונדן מיט קייטן. זיינע הענט זענען שוין נישט פריי, בלויז דאָס ליד אין זיין מויל איז נאָך פריי. דאָס ליד איז נאָך זיינס, דאָס געזאַנג וואָס האָט זיך ערגעץ איבערגעריסן צווישן טויבע מויערן. מורמלען אפשר

איצטער זיינע ליפּן שורות פון אַ ליד, אַ ליד וואָס קלינגט דאָ אָפּ ווי אַ ווידוי, זיין ווידוי:

אַצינד, ווען ס׳קערט די ראיה מיר זיך אום אַליין,
איז מיר אַ ריס די אויגן עפּענען און זען מיט יעדן גליד דאָ,
אַז ס׳איז מיין האַרץ אַראָפּגעפאַלן ווי אַ שפּיגל אויף אַ שטיין,
און מיט אַ קלונג פון בראָך אויף שטיקער זיך צעשפּליטערט.

געוויס איז אויך אַיעדער בראָכשטיק ניט באַפרייט
צו זיין אַן עדות ווען מיר ביז מיינע לעצטע פיר באַשערטע איילן.
צעטרעט מיך נאָר ניט, דו, — אָ, ריכטער מיינער, צייט,
ביז איך וועל אָפּזוכן אין אויסשאָט, די צעשפּריצטע טיילן.

איך וועל זיי אויפקלויבן פאַרפרווון — איינס צו איינס —
באַהעפטן זיי באַנאַנד, ביז בלוט אין פינגער זיך פאַרשטאָכן, —
— כאָטש ווי איך זאָל זיי קונציק ניט צונויפקלעפּן, אַלץ איינס
וועל איך אין דעם זיך שטענדיק זען פאַרקריפּלט און צעבראָכן.

ערשט איצטער קומט צו מיר אין טרויער דער באַשייד,
אין ווייַ פון איבערשמעלץ — באַגרייף איך פלאַמיק
דעם פּיין פון וועלן זען זיך אין שפּיגל — גאַנצערהייט,
וואָס איז אין בראָכשטיקער צעזייט אויף אַלע שבעה ימים...

באַגלייטנדיק פּרץ מאַרקישן אין זיין לעצטן גאַנג און אַריינקוקנדיק אין דעם צעבראָכענעם שפּיגל — זיין האַרץ — וואָס איז אַראָפּגעשליידערט געוואָרן אויף אַ שטיין, הער איך דורך אַלע מיינע טעג און נעכט זיין קלאַנג און אָפּקלאַנג פון בראָך, וואָס שטילט זיך נישט איין. און כאָטש מיר ווייסן נישט, און מיר וועלן שוין אפשר קיינמאָל נישט וויסן, ווו עס געפינען זיך זיינע לעצטע פיר באַשערטע איילן — זאָלן די טענער פון זיין איבערגעריסן געזאַנג זיך לאָזן דאָרט הערן איבער זיי, ווי דער שאָל פונעם שופר של משיח.

.1965

אינהאלט

י. מ. ווייסענבערג — מיין ערשטער ליטעראַרישער רבי 11

ווען מענדעלעס „קליינע מענטשעלע" איז אַלט געוואָרן הונדערט יאָר 19

שלום־עליכם ביי די אומות העולם 31

פון קוילער־געסל אין דער גרויסער וועלט אַריין
(צו דער צענטער יאָרצייט פון שלום אש) 45

פון מלאַווע ביז ניו־יאָרק
(וועגן יוסף אָפּאַטאָשו) 59

אַ שטערן אויף אונדזער דאַך האָט זיך פאַרלאָשן
(וועגן איציק מאַנגער) 81

יצחק קאַצענעלסאָן — קלאָגער און אָנקלאָגער פון וואַרשעווער געטאָ 99

אַנאַ פראַנק און איר טאָג־בוך 123

פון דער ווילִיע ביז צו דער סען
(וועגן אלחנן וואָגלער) 141

מיין יוגנט־חבר דער שרייבער הערץ בערגנער 157

פון גאַליצישן שטעטל גליניאַני ביזן מאָן־וואַלעריען
(דער גורלדיקער וועג פון מוניע נאַדלער) 173

אַלטער קאַציזנע — ווי איך געדענק אים 199

דוד האָפשטיין
(צו זיינע נישט־דערלעבטע פינף און זיבעציק יאָר) 225

איזי כאַריק — דער דיכטער פון די מינסקער בלאָטעס
(דרייסיק יאָר נאָכן אָפּמעקן יעדע שפור פון זיין לעבן) 245

דאָס איבערגעריסענע געזאַנג פון פרץ מאַרקיש 271

פאַרענדיקט דעם דרוק אין חודש מאַי 1971
אין דער דרוקעריי אַבעקספרעס,
ר׳ שאַטאָ ד׳אָ 72, פאַריז 10.